STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05466

# SHRIFTN

## Morris Adershleger

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Leon & Betty Wahrhaftig*
*in memory of*
*Isidore & Yetta Wahrhaftig*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אַדערשלעגער

# שריפטן

ניו־יאָרק, 1941

באַנד 1

מ. אַדערשלעגער

# שריפטן

אַרויסגעגעבן פון
מרים אַדערשלעגער
מיט דער מיטהילף פון די שרייבער:
מ. אָשעראָוויטש ב. צביון
ב. באָטווינִיק הלל ראָגאָף
ל. פאָגעלמאַן אברהם רייזען

ניו־יאָרק, 1941

Copyright, 1941,
M. ADER
New York, N.Y.

369

PRINTED IN U.S.A.

# מ. אַדערשלעגער׳ס פּלאַץ אין דער אידישער ליטעראַטור

פון אב. קאַהאַן

מ. אַדערשלעגער׳ס פּלאַץ אין דער אידישער ליטעראַטור איז אַ הויכער פּלאַץ אין דעם בעסטן זין פון די ווערטער. ער איז געווען אַ געבאָרענער רעאַליסט און זיין רעאַליזם איז געווען קונסט ווי דער וואָרט ווערט פאַרשטאַנען צווישען די אַנער-קענטסטע פאַרשטייער פון בעלעטריסטיק.

זיין טאַלאַנט איז געווען אַ געבוירענער אוצר. אַדער-שלעגער האָט געהערט צו יענע שטאַפּלען פון ליטעראַטור, וועלכע אַ סך הויך-אינטעליגענטע שריפטשטעלער האָבן מקנא געווען.

צו שרייבן אַזוי, אַז עס זאָל זיך פילן דער דופק פון לעבן און צו דער זעלבער צייט זאָל דאָס ווערק אויך זיין פול מיט קונסט, דאָס איז אַ קראַפט, וועלכע רופט אַרויס באַוואונדערונג.

דער ענין וועגן וועלכן מיר רעדן דאָ קען ניט אָפּגעזונדערט ווערן פון אַן אַנדער ענין — פון אויפריכטיקייט. וואָס הייסט אויפריכטיגקייט אין קונסט? עס הייסט אייגענטליך דאָס זעלבע וואָס אין געוויינלעכן לעבן. מען זעט, אַז דאָס וואָס דער מענטש זאָגט, פילט ער; אַז ער מאַכט ניט קיין פאַלשע חנ׳דלעך אָדער אַז ער זוכט ניט מיט פאַלשע מיטלען אַרויסצורופן געווי-

סע עפעקטן. אין בעלעטריסטיק איז דאָס קאָלאָסאַל וויכטיג. און פון אַלע אָפּטיילונגען אין דער קונסט איז דאָס ספּעציעל אַזוי אין דער רעאַליסטישער בעלעטריסטיק. אָהן אויפריכטיג־קייט האָט דער רעאַליזם קיין ברעקעל באַדייטונג ניט. עס קומט אַרויס ביליג און די פאַלשע טענער גרילצען.
אַדערשלעגער איז געווען איינער פון די אויפריכטיגסטע שריפטשטעלער ניט בלויז אין דער אידישער ליטעראַטור. אפילו אין דרייבערע ליטעראַטורן, עלטערע און גרעסערע ווי אונזערע, וואָלט דיזע מעלה זיינע אָפּגעשאַצט געוואָרן אומגעהייער.

מ. אַדערשלעגער איז געווען אַ באַרבער אין זיינע יונגע יאָרען; און זיינע ערשטע ערציילונגען זיינען געווען דער רעזולטאַט פון זיינע באַאָבאַכטונגען אין זיין באַרבער שאַפּ. זיי האָבן גלייך געצויגן אויפמערקזאַמקייט און וואָס ווייטער ער האָט געלעבט, און וואָס מער ערפאַרונג ער האָט געהאַט אין לעבען, אַלץ אַ רייכערען זאַפט האָט זיין ליטעראַטור פאַרמאָגט.

צווישן די שריפטשטעלער, וועלכע האָבן אַרויסגעשפּראָצט אַרום דעם „פאָרווערטס", איז ער געווען איינער פון די אַנגעזעענסטע און טייערסטע. מיר האָבן גערעדט וועגן זיין קונסט־חן. איינער פון די וויכטיגסטע קוואַלן פון זיין ערפאָלג איז אויך געווען זיין אייגנאַרטיגער הומאָר — אַ שטילער, אַנגענעמער און אינהאַלטסרייכער הומאָר.

פון די ערשטע ערציילונגען אַדערשלעגער'ס, וואָס האָבן געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק, איז געווען די ערציילונג „אַ קעראָסינקע".

שפּעטער אַ ביסעל איז געקומען די גרעסערע ערציילונג „אַ מיאוס'ער מענטש". דאָ ווייזט שוין אַדערשלעגער אַרויס זיין ליטעראַרישן טאַלאַנט אין דער טיפערער באַדייטונג פון וואָרט.

זיין קאַריערע אַלס שריפטשטעלער האָט אָנגעהאַלטן אַ

דרייסיג יאָר. און מען קען זאָגן, אַז ער האָט אימער געשטיגן.

אַן ערציילונג זיינע, וואָס איז ערשינען מיט צוויי יאָר פאַר זיין טויט, אין 1938, און וועלכע האָט געהייסן „אסתר און איר שוואָגער“, איז געווען איינע פון די בעסטע סורפּריזן, וואָס איך האָב ווען עס איז געהאַט אַלס דעדאַקטאָר און אַלס ליטע־ראַטור־קריטיקער אין „פאָרווערטס“. וועגן אזעלכע בעלעט־ריסטישע ווערק וואָלט מען געדאַרפט האַלטן לעקציעס אין די קאָלעדזשעס.

פריינט אַדערשלעגער׳ס טויט איז געווען אַ טיפע שמערצ־לעכע איבעראַשונג פאַר אונז. פאַר דער אידישער ליטעראַטור איז זיין אוועקגיין איינער פון די גרעסטע פארלוסטן. עס זיינען ניטאָ קיין ווערטער אָפּצושאַצן די באַדייטונג, וואָס זיין טאַ־לאַנט האָט פאַר אונז געהאַט. ער פעלט אונז אָן אַ שיעור.

# פאַרשטעלנדיג מ. אַדערשלעגער

## פון מאָרריס ראָזענפעלד

איך באַצוועק ניט מיט מיין קורצן פאָרוואָרט אָפּצו־שאַצן דעם ליטעראַרישן און קינסטלערישן ווערט פון מ. אַדער־שלעגער; איך לאָז אָט־די פּאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט איבער פאַר ערלעכע, פייאיגע קריטיקער. איך באַצוועק אויך ניט צו העלפן דעם פאַרפאַסער צו קריגן אַ נאָמען. ערשטנס, ווייל ער האָט דאָס קיינמאָל דורך פרעמדע מענטשן ניט געזוכט, און צווייטנס, ווייל די אידישע לעזער פון דער זייט ים, קענען מ. אַדערשלעגער זייער גוט, זיי טרעפן זיין נאָמען זייער אָפּט אין די גרעסטע אידישע צייטונגען אין אַמעריקע, וואו עס דערשיינען זיינע קורצע דערציילונגען, בילדער און סקיצן.

דער צוועק פון אָט־די ציילן איז אַ גאַנץ אַנדערער, נעמ־לעך: אַזוי ווי איך געדענק דעם „אלף־בית" פון אַדערשלעגער'ס ליטעראַרישער קאַריערע; אַזוי ווי איך בין געווען איינער פון זיינע ערשטע דערמוטיגער און דערוואַרטנדיג פון אים שיינע און גוטע שאַפונגען, האָב איך שטענדיג נאָכגעפאָלגט דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון זיין טאַלאַנט, — האָב איך דאָס גע־פונען אַלס אַ גייסטיגע גענוס־טואונג, פאַר מיר אַליין, מיטצו־

* (געשריבן אין 1910, דעם 11־טן פעברואַר, אַלס אַן הקדמה צו מ. אַדערשלעגער'ס ערשטן בוך „וועלטעלעך", וואָס איז אין יענער צייט אַרויס אין ניו־יאָרק)

געבן דעם יונגן פּראָפעסער מיין האַרצלעכע ברכה ביי זיין ערשטן אַרויסטרעטן פאַר דער גרויסער, אידישער לעזער־וועלט אַלס זעלבסט שטענדיגער מענטש מיט זיין נשמה־פאַמיליע צווישן אייגענע טאַוולען.

עס איז, ווי געזאָגט, ניט מיין אויפגאַבע צו באַשטימען וועלכע שטאַט מיין יונגער פריינט וועט פאַרנעמען אין דעם מקום קדוש פון דער אידישער ליטעראַטור, איך לאָז דאָס פאַר באַגאַבטע קריטיקער, (ליידער האָבן מיר נאָך זייער, זייער ווייניג אַזעלכע) זיי זאָלן זאָגן וועלכע שטופע דער מחבר פון דעם ווערק האָט דערגרייכט אין דער קונסט פון דערציילן, סקיצירן און פאָרטרעטירן. אַלץ וואָס איך קען טאָן אין דעם דאָזיגן פאַל, איז מיט זיכערהייט און ריינעם געוויסן צו רע־קאָמענדירן מ. אַדערשלעגער צו זיינע לעזער, אַלס אַן ערלעכן, אויפריכטיגן ליטעראַט, וואָס האָט געהיט די הייליקייט פון זיין פעדער און האָט זיך שטענדיג געזעצט ביי זיין שרייב־טיש מיט דער כונה צו שאַפן שיינע און גוטע זאַכן. ער האָט ניט געדינט די אידישע ליטעראַטור איבער געוואַלד, ווי אָפּצו־פּטר'ן אַ חוב, נאָר מיט ליבע, מיט פרייד, מיט אַנטציקונג!

עס איז מיר אוממעגלעך צו זאָגן וויפיל גייסטיגן פאַר־גענינגען די לעזער וועלן פון אַדערשלעגער'ס בוך געניסן, איך האָף, אַז זיי וועלן האָבן אַ סך פאַרגעניגן; יאָ, זיי וועלן אין אַ סך ערטער פון זיין ווערק געפינען אַ נשמה־נחת, זיי וועלן דערפילן און דערזען אַן אמת'ן טאַלאַנט. זיי וועלן גאַנץ גיך קומען צום באַשלוס, דאָס זיי האָבן ניט פאַר זיך קיין הומבאַג־אַרטיסט, קיין מוטווילינגן פּראָפעסער פון „מאַכערייקעס“. אַדערשלעגער האָט ניט געשריבן זיינע זאַכן אַלס צייט־פאַר־טרייב, אַדער פון מאָדע וועגן, אַדער ווייל אים האָט זיך גע־דאַכט אַז ער מוז שרייבן, ווי דאָס טוען, ליידער, פיל שרייבער, וואָס וואַרפן זיך אויף דעם ביכער־מאַרק מיט פאַלשע פּרעטענ־זיעס.

משה יעקב אַדערשלעגער איז געבאָרן דעם 11־טן נאָ־וועמבער, 1881, אין אַלעסק, אַ קליין חסידיש שטעטל אין גאַליציען. ער איז צען יאָר אין אַמעריקע, די גאַנצע צייט אין ניו־יאָרקער אידישן קוואַרטאַל, דער איינציגער אָרט אויפן ערד־קוגל צו שטודירן דאָס לעבן פון די אידן פון דער גאַנצער וועלט. ער שרייבט בסך־הכל פינף יאָר און האָט זיך דערוואָרבן פּאָפּולאַריטעט צווישן זיינע לעזער.

דעם פּאַרפּאַסער׳ס פּאָטער איז יונג געשטאָרבן און דער יתום האָט שוין אין דער צאַרטער קינדהייט פון 13 יאָר, גע־מוזט ווערן, ניט נאָר זיין אייגענער שפּייזער, נאָר דער ברויט־געבער פון דער פאַמיליע. מיט די קאַרגע ידיעות פון א חדר־דערציאונג, יתומ׳קייט, אָרעמקייט און גלות, האָט ער זיך אריינגעוואָרפן אין דעם ווילדן שטראָם פון ברויט־זוכעניש. ער איז געוואָרן אַ ראַזירער, געאַרבעט שווער, גערוט ווייניג און געליטן פיל. אַלס אַ קינד פון אַן אומגליקלעך וואַנדער־פאָלק, האָט ער גענומען אין האַנט דעם וואַנדער־שטאָק. ווי אַ סך פון זיינע אידישע ברידער, האָט ער געוואָגלט איבערן ים, און איז געוואָרן אַן אַרבעטער אין אַמעריקע.

מ. אַדערשלעגער איז אַ גייסטיגער פּראָדוקט פון דעם ניו־יאָרקער אידישן קוואַרטאַל, ער איז איינער פון די זיידענע קינדער פון די גאַליציאַנער אידן אין אַמעריקע. אויסער ליטעראַטור, איז אונזער יונגער אויטאָר אויך אַ הויפּט אָרנט־לעכער מענטש, וועלכן מען מעג באַגעגענען, געבן די האַנט און באַגריסן.

מ. אַדערשלעגער דער ליטעראַט, דער קינסטלער, איז קיין בן־יחיד אין דער ניו־יאָרקער אידישער גאַס, ער האָט דאָ קיין עין הרע א רעכט ביסל, מער אָדער ווייניגער, באַגאַבטע און באַגייסטערטע ברידער, אָבער אַדערשלעגער דער מענטש, האָט ניט פיל וואָס זאָלן זיך גלייכן צו אים. אין זיין בוך „וועלטעלעך׳ וועלן די לעזער קומען פּנים־אל־פּנים מיט אַ מייסטער און אַ מענטש צוגלייך.

# 1. צווישן פארמער

# אַ פאַרם אויף אויסצאָלן

ווען ליפּמאַן האָט איבערגענומען זיין פאַרם, האָט ער באַלד דערזען, אז ער איז אריינגעפאלן.

אמת, דער פאַרם האָט געהאַט פינף און זיבעציג אַקער לאַנד, א גרויסן שיינעם גאָרטן, אָנגעפיקעוועט מיט פרוכט־בוימער; עטלעכע פערד, בהמות. אָבער פון דעם איז ער אויך ניט מער ווי פאַרבלענדט געוואָרן. די גרעסטע טייל פון דעם לאַנד איז געווען פאַרווילדעט, פאַרשטיינערט, און דאָס ביסל לעבעדיגע „סטאָק" איז אויך ניט געווען קיין גרויסע מציאה: עס האָט אויסגעקוקט פאַר־מאָרעט און פארמאטערט...

קיין צען טויזנט דאָלער איז דער פאַרם זיכער ניט ווערט געוועז. מען האָט ערשט איצט באַדאַרפט האָבן געגוג געלט צו קענען פון דעם פארם עפעס מאכן. מיט די געביידעס איז גאָר געווען אַ צרה. ליפּמאַן האָט ערשט שפּעטער דערזען וואָס פאר א חורבות דאָס זיינען. דאָס הויז איז געשטאנען ווי אויף הינערשע פיס, דער „באַרן" האָט שוין כמעט געהאַלטן ביים איינ־פאַלן, און צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט איז געווען „קוק מיך אָן און ריר מיך ניט אָן". אלט, צעפּולוועדט...

ליפּמאַן האָט ניט געזען פון וואַנען ער וועט דאָ קענען ציען די חיונה, מאכן א לעבן און אויף וואָס קוקנדיג ער וועט קענען אויס־צאָלן מיסטער גרינשפּאַנען, דעם מאָרטגעדזשיר, אַן אַכט טויזנט דאָלערדיגן מאָרטגיידזש. ער האָט דאָך געזען—יעדעס מאָל ווען עס האָט זיך אונטערגערוקט דער „פּעימענט", איז ער געוואָרן אַן אויסגעריסענער. ער האָט זיך שוין באַצייטנס ניט געקענט קיין עצה געבן.

עס האָט טאַקע קיין סך ניט געפעלט, אַז ליפּמאַן זאָל דעם פאַרם לאָזן פאלן נאָך באַלד דאָס צווייטע יאָר.

מ. אַדערשלעגער

אזוי ווייט האָט דאָן געהאַלטן, אז ער האָט שוין צו מיסטער גרינשפּאַן געמוזט אַזאַ מין זאָג טאָן:

— מילא, איר זעט דאָך אַליין, אז איך קען דעם פּאָרם ניט אָנהאַלטן. אז איך בין שוין איצט א דערשטיקטער, וואָס וועט נאָך זיין שפּעטער?...

עס האָט זיך, אָבער, דוקא אויסגעלאָזט מיט אַ גליק. עס איז עפּעס געווען ווי אַנצוטאַפּן מיט די הענט, אז דעם דאָזיגן מיסטער גרינשפּאַן גייט פּשוט אין לעבן, אַז ליפּמאַן זאָל דעם פאַרם דוקא יאָ האַלטן.

— פאַלט ביי זיך ניט אראָפּ, ליפּמאַן, און רעדט ניט ווי א קינד,—האָט ער אים באַלד גרינג געמאַכט דאָס האַרץ.—שטייט אויפן פּאַרם, און עס וועט זיין אַלרייט.

דערנאָך האָט ער שוין געזאָגט מיט א פולן מויל:

— מיר וועט איר צאָלן ווען איר וועט קענען. איך בין, חלילה, ניט פאַרענגט, און קען וואַרטן. איר וועט מיר צאָלן צו־ביסלעך וועט אייך זיין גוט. נעמט דאָס געלט וואָס איר דאַרפט מיר געבן און פאַרריכט דעם פּאַרם. איך וויל איר זאָלט בלייבן ביים פּאַרם, וויל איך...

פאַר דעם דורכגעמאַכטן גרינשפּאַנען האָט זיך איצט א סך בעסער געלוינט, אז ליפּמאַן זאָל אים דעם פאַרם ניט צוּוואַרפן. עס האָט זיך אים געלוינט שוין דערפאַר אַליין, וואָס ליפּמאַן איז אַליין א קאַרפּענטער, און וואָס א חוץ דעם טויג ער זיך אזוי גוט אויס צו האַלטן א פּאַרם אין „שעיפּ".

גרינשפּאַן קען זיך נאָך ביז היינטיגן טאָג זאַט ניט אָנקוקן מיט די עטלעכע אַקער לאַנד וואָס דער מענטש האָט אזוי פיין באַאַר־בעט. אַזאַ פאַרווילדעוועט שטיק ערד ווי דאָס איז געווען. פאַר־וואַקסן, פאַרשטיינערט.

יעדעס מאָל ווען גרינשפּאַן באַווייזט זיך אויפן פּאַרם, שטייט ער לאַנג מיט די קורצזיכטיגע אויגן צו דעם פּריש־פּאַראַקערטן שטיק פעלד און עס קוועלט אין אים דאָס האַרץ. צוזאַמען מיט דעם תענוג האָט ער, אָבער, א שטיקל פאַרדרוס אויך. א טיף באַהאַלטן פאַרדרוסל, וואָס גיט אים א פּיק פּונקט דאַן ווען ער איז

אויפן פארם. עס דאכט זיך אים אלץ אויס, אז ער האָט דעם „פּראָ־
פאָזישאָן" פארקויפט פאר א צו־קליינעם פרייז. דער פרייז גופא
איז נאָך אפילו נישקשה, נאָר די „קעש". צוויי טויזנט דאָלער קעש
פאר אזא פאָרם איז גאָר ווייניג...

ניט אומזיסט האָט ער ליפמאַנ'ען איינמאָל אזא ברייטן זאָג
געטאָן:

— איך פאַרזיכער אייך, אז אן אנדערן וואָלט איך אזא
„טשענס" ניט געגעבן. דאָס איז נאָר דערפאר ווייל איך זע, אז
איר זייט א מענטש וואָס ווייס ווי צו האלטן א פארם אין „שעיפּ"...

זינט ליפמאן האָט באקומען דעם „טשענס", האָט מען גע־
קענט זען, אז דער פארם ווערט שענער פון טאָג־צו־טאָג. ליפמאן
האָט זיך ערשט איצט אָ נעם געטאָן צו דער ארבעט ווי עס באַ־
דאַרף צו זיין. דעם באַרן האָט ער כמעט אינגאנצן איבערגעבויט,
דאָס הויז אויפגעהויבן אויף אַ נייעם פונדאמענט, געלאטעט, גע־
שטוקעוועט. און אלץ אליין מיט זיינע אייגענע צען פינגער.
אפילו די שטיינער צום פונדאמענט האָט ער אליין געבראכט צו־
שלעפּן. אזעלכע שווערע ריזיגע שטיינער, אז ער איז באַגאָסן
געוואָרן מיט שוויס. די ארבעט איז אים, אָבער ליב, אנגענעם.
ער זעט, אז ער האלט דאָך אין קומען צו עפּעס. ער האָט שוין
דעם זומער ארונטערגענומען גאָר א היפּש ביסל קארטאָפל, היי, און
די מילך ברענגט שוין איצט אויך אריין אַ סך מער ווי אין אָנ־
פאנג. די בהמות האָבן איצט בעסערע פּאַשע.

געוויינלעך פאָדערט נאָך דער פארם א סך. מען וואָלט נאָך
באַדאַרפט און באדארפט. מיט אמאָל קען ער, אָבער, ניט. ער
איז שוין אזוי אויך גענוג פארענגט. און מיסטער גרינשפאנען מוז
ער אויך צאָלן. ער קען אים ניט געבן קיין גאנצע „פּעימענטס"
מיט אמאָל, אָבער ביסלעכווייז גיט ער אים דאָך. אמאָל בלויז
די „אינטערעסט" און אמאָל נאָך א פּאָר הונדערט דאָלער אויפן
מאָרטגיידזש.

יעדעס מאָל ווען ליפמאן דערלאנגט דעם מאָרטגיידזשיר אביסל
געלט, לייגט ער צו די זעלבע ווערטער:

— עס טוט מיר לייד, מיסטער גרינשפּאַן, איך בין נאָן אַלץ אביסל פארענגט...

מיסטער גרינשפּאן זיצט דאָן ביי דעם פּארמער אין הויז און ציילט פּאַריזכטיג איבער דאָס באקומענע געלט. ער לייגט זאָרג־ ציילט פאַרזיכטיג איבער דאָס באקומענע געלט. ער לייגט זאָרג־ דערביי ווי א מענש אָן אַ גאַל:

— מילא, אז איר האָט ניט וועל איך דאָך ביי אייך ניט נעמען מיט געוואלט...

יעדעס מאָל ווען ליפּמאן ווערט פארטיג מיט עפּעס א נייעם „רעמאָנט", באווייזט זיך גרינשפּאן אויפן פּארם און כאפּט אויך א קוק. ליפּמאן איז פון דעם באזוך העכסט צופרידן. ער פירט דעם גאסט ארום ווי גאָר א נאָענטן פריינט, און וויל אז מיסטער גרינשפּאן זאָל זיך טאָקע גוט צוקוקן און זען וואָס ער, ליפּמאן, טוט אַלץ אויף. ער ווייזט אים אַלע ווײַלע עפּעס אן אנ־ דער איבערגעבויטן ווינקל און זאָגט מיט נצחון:

— איר דערקענט אָט דעם „קאָרנער"?

— און דאָ זעט איר עפּעס וואָס עס איז געוואָרן?

און מיסטער גרינשפּאן זעט. אוודאי זעט ער.

ער באקוקט אַלץ. דעם באַרן, דאָס הויז. ער באטראכט שוין אפילו צום צענטן מאָל דאָס פרישע שטיק לאנד, וואָס ליפּמאן האָט אזוי פיין באארבעט. ער קוקט זשמורענדיג מיט די קורצ־ זיכטיגע אויגן, גלעט דערביי פארטראכט דאָס גרוילעכע שפּיציגע בערדל זיינס און גיט ליפּמאנ'ען אַלץ מער צו פארשטיין, ווי וויכ־ טיג אָט די אַלע „אימפּרואוומענטס" זיינען פאר א פּארם.

ער רעדט שטיל, געלאסן, און ענדיגט אַלעמאָל מיט די זעלבע ווערטער:

— ס'איז אָלרייט, ליפּמאן. איר וועט מיט דער צייט האָבן א פּארם, אז מען וועט אייך מקנא זיין.

עס וואָלט געווען גאָר גוט, ווען ליפּמאן וואָלט שוין אמאָל פארטיג געוואָרן מיט די „אַלטערײשאָנס". עס האָט עפּעס צו דעם פאררירכטן קיין סוף ניט גענומען. איידער ער איז פארטיג געוואָרן מיט איין זאַך, האָט זיך באוויזן א נייע צרה.

## ש ר י פ ט ן

דאָס ערגסטע איז געווען ווען ער האָט מיט אמאָל דערזען, אז ער מוז האָבן א נייעם דאַך אויפן הויז.

ליפּמאן האָט געטאָן געניג ער זאָל ניט דארפן אריין אין פריי־שע הוצאות. ער האָט דעם אלטן צרה׳דיגן דאַך געהיט ווי עפּעס א שווערן חולה. כמעט נאָך יעדן רעגן האָט ער אים געמוזט באַ־וואָרענען מיט א נייער לאַטע. דאָ מיט א שטיק בלעך, דאָרט א שטיק טאָר־פּאפּיר. צום סוף האָט שוין, אָבער, דאָס לאַטען אויך ניט געהאָלפן. אז עס האָט גענומען רעגענען, איז געווען א פינסטער לעבן. עס האָט געגאָסן אויפן קאָפּ ארויף. דאָס וואסער פארכאפּט אַפּטמאָל גאַנצע שטיקער פון דער סטעליע, פון די ווענט. די גאָסקייט צעווייקט דאָס ליים און עס באווייזט זיך אלע ווײַלע א פרישע וואונד. א פּולע, אַן אַנגעשוואָלענע...

ניט אומזיסט פלעגט זיך דאַן ביי אים ארויסרייסן אזא שווערער זיפץ:

— אַי דער דאַך, דער דאַך!...

ווען עס האָט געהאָלטן ביי אַ נייעם דאַך, האָט זיך שוין ליפּ־מאן גאָר קיין עצה ניט געקענט געבן. כאָטש ער האָט אָלצדינג אליין געטאָן, האָבן אים די „אַלטערייזאַנס" דאַך אריינגעטריבן אין אַ שטיק מיט געלט. ער האָט געהאָלטן אין איין באָרגן, אין איין פארשולדיגן זיך, און אז עס איז געקומען צום דאַך, האָט ער שוין ווידער געמוזט אַנקומען צו גרינשפּאַנען, ער זאָל אים אונטער־וואָרטן.

ער האָט עפּעס ניט געוואוסט מיט וואָס ער זאָל איצט פאר דעם מענטש זיך אַנטשולדיגן, האָט ער מיסטער גרינשפאנען צו־געפירט צו די דורכגענעצטע ווענט און געזאָגט מיט הארץ:

— איר זעט? קען איך שטיין מיט אזאַ דאַך?...

דערפאַר אז ער האָט ארויפגעצויגן דעם נייעם דאַך, איז גע־ווען וואָס צו זען. דאָס הויז האָט באקומען גאָר אַן אנדער פּנים. דער דאַך לעבט, דאָס גאַנצע הויז איז לעבעדיג געוואָרן. א נייע געביידע. א שיינע, אַ שטאַרקע.

* * *

גרינשפּאַן שטייט מיט א פאַרריסענעם קאָפּ צום נייעם דאַך און עס קווועלט אין אים דאָס האַרץ. פאַר ליפּמאַנ׳ען אין די אויגן איז ער איצט דווקא קאַלט, גלייכגילטיג. פון צופרידנהייט ושמורעט ער בלויז מיט די קורצזיכטיגע אויגן, גלעט ערנסט דאָס שפּיציגע בערדל, און זאָגט ניט מער ווי פון יוצא וועגן:

— פיין. גאָר אַ פיינער דאַך.

אין גרינשפּאַנ׳ס קאָפּ האָט זיך שוין דאַן שטאַרק געבאָמבלט די צוריקגעשטאָנענע „פעימענטס״, וואָס דער פאַרמער איז אים שולדיג. אין בוזים־קעשענע איז שוין ביי אים געלעגן א פאַרטיגער צעטל מיט א גענויער אויסרעכענונג און ער האָט שוין שטאַרק געוואָלט וויסן וואו עס האַלט; וואָס דער סוף וועט זיין און ווי לאַנג ער וועט נאָך דאַרפן וואַרטן...

עפּעס גאָר אינגיכן האָט מען שוין פון אים געקענט הערן אַזעלכע ווערטער:

— וואָס וועט זיין, ליפּמאַן?

— איר ווייסט, ליפּמאַן, אַז איך מוז האָבן געלט?...

ליפּמאַן האָט אים איצט סיי ווי סיי גערעכנט צו געבן די פּאָר הונדערט דאָלער, וואָס ער האָט באַדאַרפט איינמאָנען אין דער „קרימערי״ פאַר מילך. ווען עס האָט, אָבער, געהאַלטן ביים געבן, האָט זיך גרינשפּאַן אפילו ניט געוואָלט צורירן צו דעם. ער קוקט אויף דעם געלט מיט די קורצזיכטיגע אויגן און זאָגט דווקא פול מיט גוטסקייט:

— פריינט מיינער, מיט אָט די פּאָר הונדערט דאָלערדיגע וועט דאַך קיינמאָל קיין סוף ניט נעמען... וויפיל איז דער שיעור? איר ווייסט, אַז אין די פינף יאָר האָט איר מיך נאָך כמעט קיין איין גאַנצן „פעימענט״ ניט געגעבן? איך פרעג אייך, אַן אנדערער וואָלט אייך אויך געגעבן אזא „טשענס״?... איבערהויפּט, אז איך מוז איצט אליין האָבן דאָס געלט.

עס איז עפּעס גאָר ניט געוועזן דער זעלבער גרינשפּאַן. פּונקט איצט, ווען ליפּמאַן איז געווען אזוי פאַרענגט און באַדאַרפט מען זאָל אים ערשט לאָזן אָפּכאַפּן דעם אָטעם, האָט אים גרינשפּאַן געגעבן אזא דריק צו. און ניט אנדערש, נאָר די גאַנצע סומע וואָס ער איז

אים ביז איצט שולדיג געבליבן, זאָל ער אים אוועקלייגן. עפּעס קנאַפּע דריי טויזנט דאָלער.

— וואָס רעדט איר, מיסטער גרינשפּאַן, — האָט ער צו אים גערעדט ווי צו א פּאַטער, — איר ווייסט דאָך דעם אמת, קאָן איך איצט ארויסנעמען דריי טויזנטער? פון וואָס?

געזעסן איז דאָן גרינשפּאַן ביי דעם פּאַרמער אין הויז, א רואיגער, א געלאַסענער. ער פאַרנעמט ברייטלעך דעם גאַנצן שטול, אויף וועלכן ער זיצט און אויפן טיש, לעבן אים, שטייט א פול קריגעלע מיט פרישן סיידער, וואָס מען איז אים מכבד. היימיש סיידער, וואָס ליפּמאַן האָט אליין געמאכט פון אייגענע עפּל. גרינשפּאַן נעמט אלע ווײַלע א פּאָר זופּן פון דעם קאַלטן ווייניגן געטראַנק, דערגיסט נאָכאמאָל פון קריגל אין גלאָז אריין, און זשמורעט מיט די קורצזיכטיגע אויגן, הערט אויס מיט געדולד וואָס די מענטשן האָבן צו זאָגן.

עס רעדט ליפּמאַן, די מיסעס ליפּמאַן; זיי פאַלן זיך איינער דעם אנדערן אריין אין די רייד, און יעדער באַזונדער סטאַרעט זיך וואָס קלאָרער ארייַנצולייגן די ווערטער מיסטער גרינשפּאַנען אין מוח. מען רעדט מיט א ציטערן, מיט א פלאַטערן. מען וואָלט עפּעס וועלן, אַז יעדעס וואָרט זאָל דעם מענטש טרעפן גלייך אין הארץ אריין. עס זאָל אים רירן, ער זאָל פאַרשטיין און מיטפילן ווי שלעכט עס איז זיי איצט, ווי פאַרענגט זיי זיינען.

די מיסעס ליפּמאַן זיצט שוין איצט לעבן גרינשפּאַנען און רעדט מיט הארץ:

— ווער ווייס נאָך אזוי גוט ווי איר, מיסטער גרינשפּאַן. איר ווייסט גאַנץ גוט, אז וויפיל מיר זיינען געוועזן אין שטאַנד האָבן מיר אייך אלעמאָל געגעבן. איז צוויי הונדערט, איז דריי הונדערט.... הלוואי וואָלטן מיר נאָר געקענט, ווי מיר וואָלטן אייך יעדן דאָלער אנטקעגן געטראָגן מ יט פאַרגעניגן. אָבער פון וואַנעט? איר ווייסט דאָך דעם אמת...

און ליפּמאַן לייגט ווידער צו:

— איך פרעג אייך, מיסטער גרינשפּאַן, קאָן איך איצט ארויסנעמען דריי טויזנטער? פון וואָס?...

מיסטער גרינשפּאַן זאָגט, חלילה, ניט, אז די מענטשן זיינען

ניט געהערט, אָבער ער איז אויך געהערט. ער וואָלט נאָר געוואָלט וויסן ווער נאָך עס וואָלט זיי געגעבן אזא „טשענס”, ווי ער. מען זעט דאָך; ער האָט געוואַרט, געלאָזט זיי פריער „פיקסן”, בויען — וואָס קאָן ער טאָן מער?

און אויף אַלע טענות האָט ער בלויז איין ענטפער:

— איך פרעג אייך, קאָן איך טאָן מער? איבערהויפּט, אז איך מוז איצט אַליין האָבן דאָס געלט...

ביז עס איז געוואָרן קלאָר, אז דאָס וואָס דער מענטש איז מיט אַמאָל געוואָרן אזוי האַרט און פאַר׳עקשנ׳ט, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל עס האָט זיך אין אים צעברענט א חשק אוועקצונעמען ביי ליפּמאַנ׳ען דעם פאַרם.

אין דעם דערבייאיגן שטעטל האָט זיך שוין וועגן דעם לאַנג אַרומגעטראָגן אַ קלאַנג. פון גרינשפּאַנ׳ס רייד אַליין האָט מען עס געקענט זען. יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך וועגן דעם צערעדט, האָט ער געענדיגט מיט אזא מין זאָג:

— וואָס בין איך שולדיג, אז זיי האָבן ניט? זיי וועלן דאָך ניט פאַרלאַנגען איך זאָל זיי אוועקגעבן אַ פאַרם... איבערהויפּט, אז איך מוז איצט אַליין האָבן דאָס געלט...

דערנאָך האָט מען שוין געזען אז אַלצדינג איז טאַקע אַרויס־געקומען ווי בוימל אויפן וואַסער.

צווישן די עלטערע אידישע קרעמער פון דעם דערבייאיגן שטעטל האָט מען דאַן געקענט הערן אַזעלכע באַמערקונגען:

— א רחמנות, נעבעך, אויף דעם ליפּמאַנען. געדרייט זיך און געדרייט זיך ביז מען האָט גענומען און אים „פאַרקלאָוזט” דעם פאַרם.

און א צווייטער האָט צוגעגעבן:

— שפּילט זיך מיט גרינשפּאַנען...

* * *

ליפּמאַן אַליין איז איצט שוואַרץ ווי די ערד. דאָס אומגליק

האָט עפּעס געגעבן אַ פּאַל צו אַזוי אומדערוואַרטעט, אַז עס האָט זיך גאָרניט געגלויבט. עפּעס איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט רעכט זיך ארומצוקוקן וואו ער איז אין דער וועלט, האָט אים שוין גרינשפּאַנ׳ס לאָיער צוגעשיקט א פּאַפּיר, ער זאָל דעם און דעם „דעיט״ קומען אין געריכט.

עס האָט זיך ערשט ארויסגעוויזן, אַז נאָך מיט א פּאָר חדשים צוריק, ווען גרינשפּאַן איז נאָך געווען אַזוי זיס ווי צוקער, האָט אים שוין דער לאָיער זיינער שטילערהייט צוגעפּיקסט דעם „פּאַרקלאָוז״.

ליפּמאַנ׳ס ווייב איז גאָרניט געווען אומגערעכט, וואָס זי האָט אַזא אָפּטן זאָג געטאָן:

— די זיסינקע ריידעלעך זיינע האָבן מיך אַלע מאָל געשטאָכן...

כמעט יעדן טאָג כאַפּט ליפּמאַן אויף זיך ארויף זיינע שבת׳דיגע בגדים, טשעפּעט אויף גיך צו אונטערן העמד־קאָלנער עפּעס א פּאַר־טיגען קראַוואַט אָן א בענדל און לאָזט זיך אין איילעניש אוועק צום דערבייאיגן שטעטל.

עס איז שוין שפּעט אין האַרבסט און די טעג זיינען אזעלכע שיינע, אז מען זעט נאָך אפילו ניט קיין סימן פון ווינטער. דער הימל איז לויטער, די זון שיינט נאָך מיט זומערדיגער וואַרימקייט און פון די ארומיגע פעלדער און וועלדער שטעקן נאָך ארויס גאַנצע שטיקער מיט גרינס. וואו ניט וואו באַווייזט זיך נאָך א שמעטער־לינג אין זיין זומערדיגן פלאַטערן, עס זשומעט נאָך אַ בין ערגעץ ארום אַ בלוט־רויטן קוסט, און ווען עס איז גוט אויפן הארצן, איז נאָך גאָט׳ס וועלטל איצט אויך פול מיט שיינקייט און פרייד.

ליפּמאַנען איז, אָבער, אויפן הארצן ניט גוט. פאַר אים איז איצט דער הימל א פאַרוואָלקנטער, א פינסטערער.

אמת, פון פאַרם האָט מען אים נאָך דערווייל ניט ארויסגע־שטעלט. עס האָט זיך אזוי געמאַכט, אז אפילו ווען עס האָט שוין געהאַלטן ביים סוף, האָט ער אַלץ געקראָגן א „טשענס״. ניט, חלילה, פון גרינשפּאַנען, נאָר פון ריכטער. ער האָט זיך פשוט אָפּגעבעטן, און דער ריכטער אליין האָט אים נאָך געגעבן גאַנצע זעקס חדשים צייט.

עס איז, אָבער, די זעלבע צרה. ליפּמאַן האָט זיך פריער קיין עצה ניט געקענט געבן און איצט אויך ניט. עס איז נאָך איצט ער־

גער געוואָרן. עס איז שוין צוגעוואַקסן נאָך א „פּעימענט“, און פּראָצענט, און פּראָצענט אויף פּראָצענט... ליפּמאַן איז אַזוי צע־טומעלט, אַז ער ווייס אַליין ניט וויפיל מען מאָנט ביי אים. עפּעס אויף פיר טויזנט דאָלער א רעכענונג האָט אים גרינשפּאַנ׳ס לאָיער צוגעשיקט.

וואו זאָל ער איצט נעמען פיר טויזנטער?...

ליפּמאַנ׳ס פרוי איז איצט גאָר א צעבראָכענער שאָרבן. יעדעס מאָל ווען דער מאַן גייט אין שטעטל אריין, שטעלט זי אים אָפּ מיט די זעלבע ווערטער:

— פארגעס ניט, איך בעט דיך. טאָמער ווייסטו האָבן גוטע נייעס, קום באַלד אהיים. הערסט, זאָלסט באַלד אהיים קומען.

די איינציגע נייעס, נאָך וועלכע עס גייען איצט אויס די כוחות ווארטנדיג, וואָלט געווען, ווען מען וואָלט געפונען אימיצן וואָס זאָל געבן א צווייטן מאָרטגיידזש.

אָבער וואו נעמט מען דעם „אימיצן“?

מענטשן וואָס גיבן געלט אויף מאָרטגיידזשעס זיינען גראָדע פאראן גענוג. אָבער אויף ליפּמאַנ׳ס פארם טרעפן זיך ניט קיין בעלנים. ליפּמאַן האָט זיך שוין געזען אפשר מיט צען אַזעלכע, און עס לאָזט זיך אַלץ אויס מיט גאָרנישט. ווען עס קומט צו „ביז־נעס“ ווערט פון דעם פארם זיינעם א „פארמ׳ל“, און מען ווייזט אים, אַז אויף אַזא סאָרט פארמ׳ל וואָס האָט שוין אויף זיך אַן ערשטן מאָרטגיידזש פון אַזוי פיל און אַזוי פיל, קען מען קיין צווייטן מאָרטגיידזש ניט געבן. מען קרימט מיט די נעזער, מען האַלט דאָס ניט פאר א „פּעיעבל פּראָפּאָזישאָן“...

איינמאָל האָט ליפּמאַן געמיינט, אַז ער איז שוין זיכער א גע־ראַטעוועטער. ער האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעהויבן און איז אוועק־געפאָרן קיין ניו־יאָרק צו הירשל קאַפּלאַן.

מיט דעם דאָזיגן הירשל איז ליפּמאַן באַקאַנט נאָך פון די גאָר יונגע יאָרן. הירשל איז אַמאָל אויך געווען א קאַרפּענטער און ליפּ־מאַן האָט נאָך מיט אים צוזאַמען געאַרבעט, ווען זיי זיינען געווען אין „יוראָפּ“. איצט איז הירשל א איד א גביר. א „בילדער“, א ריעל־עסטייטניק.

ליפּמאַן האָט פאר אים געעפנט דאָס גאנצע הארץ זיינס. ער זיצט מיט הירשלען ביים טיש, מען נעמט צו ביסלעך שנאַפּס און ער דערציילט אים די גאַנצע לאַגע זיינע. ער רעדט מיט הארץ, מיט אויפריכטיקייט, און וויל דוקא אז הירשל זאָל פאר אים ניט טאָן מער ווי ער וואָלט געטאָן פאר אן אנדערן.

— פאַרגעס אינגאנצן, אז איך בין דיינער אן אלטער פריינט,— רעדט ער מיט א קלאַפּן אין הארצן, — איך וויל אליין זאָלסט זיך פארזיכערן. איך וועל דיר געבן א מאָרטגיידזש. נעם ביי מיר א מאָרטגיידזש, הירשל...

— און ער ענדיגט נאָך טיפער:

— איך קען דיר בלויז זאָגן איין זאך: דער חלק ליגט מיר אויפן האלז און איך קען זיך פשוט קיין עצה ניט געבן...

פון הירשל׳ס רייד זעט ליפּמאַן אַלע סמנים, אז ער איז אים באַרייט צו העלפן. הירשל זאָגט אים כמעט צו, אז ער וועט אים געבן געלט אויף א מאָרטגיידזש. ניט מער, באַלד אויף דער מינוט קען ער דאָס אים ניט צוזאָגן. ער קען ניט פשוט דערפאר, ווייל דאָס גאַנצע געלט זיינס איז „אינוועסטעט"... ער דערוואַרט, אָבער, עס זאָל אים אין קורצן יאָ אריינקומען געלט. און ער וועט זיכער „טרייען". ער וועט זען...

ביי ליפּמאַנען איז דאָס שוין כמעט ווי א זיכערער צוזאָג, און ער זאָגט כמעט מיט א פארכאַפּטן אָטעם:

— איך וועל דיר דאָס קיינמאָל ניט פארגעסן, הירשל. עס איז מיר עפּעס אזא וויי־טיק, אז איך קען גאָר אזוי פיל ניט ארויסזאָגן. ס׳איז קיין קלייניקייט ניט. פינף יאָר אזא שווערע ביטערע האָרע־וואַניע אריינגעלייגט. האָסט באַדאַרפט זען ארבעט... איך וועל דאָס דיר קיינמאָל ניט פארגעסן...

אויף מאָרגן האָט זיך ערשט ליפּמאַנען גענומען לייגן די הענט צו טאָן אביסל ארבעט אויפן פארם. ער האָט ערשט איצט דערזען, אז מען האָט שוין לאַנג באַדאַרפט אריינגעמען דאָס לעצטע ביסל קאַרטאָפל פון פעלד, אז עס ליגט א סך האָלץ צום שניידן, און אז די פערד מיט די בהמות קוקן עפּעס איצט גאָר ניט אויס ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער וואַרפט זיך פון איין ארבעט צו דער צווייטער

און לאָזט זיך אַלע ווײַלע הערן מיט אַ קול ווי גאָר אין די גוטע צײַטן:

— רבקה, די שוואַרצע קו איז שוין ווידער ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן!

— רבקה, דו הערסט וואָס איך רעד צו דיר?

אין אַזאַ פֿאַל איז ליפּמאַנ׳ס ווײַב אַלעמאָל מער בריה פֿון אים. אַז אַ קו פֿאַרקריכט ערגעץ, נעמט ניט בײַ רבקה׳ן קיין צוויי מינוט און זי ברענגט די בהמה באַלד צופֿירן.

איצט, אָבער, האָט רבקה אויך קיין צײַט ניט. זי איז הײַנט אויך מער „ביזי" ווי אַלע טאָג. פּונקט הײַנט האָט זי דערזען, אַז די פֿענסטער „בעטן" זיך שוין מען זאָל זיי אַ ביסל אויספּוצן, און אַז אויפֿן דיל איז שוין אַ חרפּה אַ קוק צו טאָן. און פּונקט איצט, ווען זי האָט אַפֿילו קיין מינוט צײַט ניט, באַדאַרף „ער" זי מיט דער קו.

זי עפֿנט אויף גיך די טיר און שרײַט אַרויס:

— גיב אַ קוק הינטערן באַרג, לעבן ספּרינג, גיב אַ קוק!

עס האָט נאָך דאָן גאָרניט געקענט אײַנפֿאַלן אַז די גאַנצע הילף, אויף וועלכער מען דערוואַרט פֿון הירשלען, איז אַפֿילו ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי.

דער אויסגערעכנטער הירשל האָט באַלד נאָך ליפּמאַנ׳ס אוועקגיין געזען, אַז דאָס מיינט פֿאַר אים צו קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט. ס׳איז טאַקע דער עלטער גוטער ברודער ליפּמאַן, אָבער ביזנעס איז ביזנעס. ער וועט בײַ שלמקה ליפּמאַן דאָך ניט קענען נעמען קיין פֿינף און צוואַנציק פּראָצענט, ווי ער נעמט בײַ אַן אַנדערן. און פֿון דעם מאָרטגײדזש זײַנעם איז ער אויך ניט שטאַרק נתפּעל. וואָס וועט ער טאָן, אַז שלמקה ליפּמאַן וועט ניט קענען נאָכקומען מיט די „פּעימענטס"? ער וועט צונעמען בײַ שלמה׳ן דעם פֿאַרם?...

און טאַקע גאָר אײַגיכן האָט זיך דער רײַכער באַקאַנטער געלאָזט הערן מיט אַ בריוול:

דער עיקר פֿון דעם בריוול איז, אַז „לײדער" האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דאָס געלט וואָס ער האָט דערוואַרט אַרײַנצוקריגן, קען ער איצט בשום אופֿן ניט קריגן.

און ער ענדיגט אזוי:

— עס טוט מיר זייער לייד, שלמקה ברודער. איך וועל נאָך, אָבער, טרייען. איך וועל נאָך זען...

מיט הירשלען האָט ליפּמאַן געשפּילט די לעצטע קאָרט. און פּונקט הירשל, אויף וועלכן ער האָט אזוי פיל געבויט און אזוי פיל געמאָסטן און געוואויגן צי זאָל ער אינגאנצן צו אים גיין — פּונקט ער האָט אים אָפּגעזאָגט...

דערווייל פליט די צייט ווי טויזנט רוחות וואָלטן זי געטריבן. אָט, אָט, און עס איז שוין באלד נאָך די זעקס חדשים. מען ציילט שוין די וואָכן, די טעג...

כמעט יעדן טאָג באווייזט זיך ליפּמאַן אין שטעטל און גייט ארום ווי א צעדולטער. ער קומט יעדעס מאָל אריין צו אן אנדערן פון די עטלעכע באקאנטע קרעמער און וואָלט וועלן אימיצער זאָל אים כאָטש ארויסהעלפן מיט א וואָרט, מיט אן עצה. זיין שכל קען ניט באנעמען ווי אזוי די מענטשן זאָלן צוקוקן ווי א מענטש טרינקט זיך און אים ניט העלפן.

אממייסטן שלעפּט עס אים דאָן צום בוטשער. דער דאָזיגער בוטשער האָט אים עפּעס איינמאָל גראדע יאָ געגעבן א שטיקל האָפענונג צו העלפן. ער האָט אים געזאָגט, אז ער קאָן זיך מיט איינעם, וועלכער לייט געלט אויף מאָרטגיידזשעס, און אים אפילו פארזיכערט, אז ער וועט זיך מיט יענעם זען וועגן דעם. ער וועט רעדן... עס איז שוין, אָבער, א היפּשע עטלעכע וואָכן אין דעם, און די גאנצע געשיכטע ליגט שוין דעם בוטשער אפילו אין דער לינקער פּאה ניט. ליפּמאַנען דאכט זיך אָבער אז ער האָט נאָך אלץ אויף וואָס צו האָפן. אפשר היינט, אפשר מאָרגן...

אין בוטשער סטאָר שטייט ליפּמאַן ווי אין קעלט. א צונויפּ־געדרייטער, אן איינגעהויקערטער. די הענט האָלט ער טיף פאַר־רוקט אין ביידע ארבל און וואַרט טאָמער האָט אים דער בוטשער עפּעס צו זאָגן. ער פּרואווט זיך אלע ווײַלע באגעגענען מיט זיינע בליקן, און אז דער בוטשער מאכט זיך ניט וויסנדיג, גיט ער אים מיט אמאָל א שפּל׳דיגן פרעג:

— אפשר עפּעס נייעס פאר מיר?...

— ניין, מיין פריינט. גאָר קיין נייעס נישטאָ.
דערנאָך לייגט ער צו נאָך ברייטער:
— זיי ווילן ניט געבן קיין געלט, די באַנדיטן. גיב זיי גרויסע „פּראָפּאָזישאַנס" מיט גרויסע באָנוסעס, גיב זיי...

* * *

אין יענע טעג האָט שוין ליפּמאַן סיי ווי סיי געזען, אַז עס איז נישטאָ מער אויף וואָס צו האָפן. ער האָט שוין אַליין געוואָלט עס זאָל וואָס גיכער נעמען אַ סוף, און אין קאָפּ האָט זיך אים שוין שטאַרק געדרייט די פּאָר ליידיגע רומקעס, וואָס ער וואָלט איצט גראָדע געקענט דינגען טאַקע ביי דעם זעלבן בוטשער אין הויז.

יעדעס מאָל ווען דער בוטשער האָט זיך פון דעם צערעדט, האָט ער אויך אַ זייטיגן פרעג געטאָן:
— עפּעס נישקשה׳דיגע רומס?
— וויפיל פרייזן זיך די דריי רומס?...
דערנאָך איז שוין פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אַז ליפּמאַן דער פאַרמער קלייבט זיך גאָר אינגיכן אַריינצומופן צו קאָהן דעם בוטשער.

צוליב דעם באַלדיגן מופן שטייט איצט ליפּמאַן אויף אין די פרימאָרגנס, אַז עס איז נאָך אַפילו קיין סימן ניט פון טאָג. דער דרויסן איז נאָך איינגעהילט מיט נאַכטלעכער פינסטערנישׁ, מיט אַן אויסגעשטערנטן הימל און מיט אַ שטיל קעלטל, וואָס עסט זיך שוין באַצייטנס איין אין די ביינער. עס שמעקט שוין מיט ווינטער, מיט פראָסט.

ווען ניט דאָס אומגליק, וואָלט זיך ליפּמאַן פאַרן ווינטער גראָדע ניט געהאַט וואָס צו זאָרגן. ער האָט אַלץ געמיינט, אַז עס וועט עפּעס קומען אַ נס, האָט ער זיך באַוואָרנט פּונקט ווי אויף יעדן ווינטער. ער האָט געננוג האָלץ, גענוג היי, און שפּייז ליגט ביי אים אויך אַ היפּש ביסל. עס ליגט אַ פולער קעלער מיט גאָרטנוואַרג: קאַרטאָפל, בוריקעס, מערן, ציבעלעס. איצט זעט ער ניט נאָך וואָס ער דאַרף דאָס—צו וואָס?... וואו וועט ער זיך אַהין טאָן דערמיט?

אין אזעלכע פאַרטאָגן זיצט ליפּמאַן אין קעלער אויף א גאַנצן באַרג אָנגעשאָטענע קאַרטאָפל און ביים שיין פון א ברענענדיגן לאַמטערן, פּאַקט ער די קאַרטאָפל אין זאַק אריין. ער פילט אָן איין זאַק נאָכן צווייטן, פאַרבינדט מיט שטריקלעך און מאכט דערביי א שטילן חשבון, וויפיל דאָס ביסל פּראָדוקטן קען אים אריינברענגען, און צי וועט ער פון דעם האָבן גענוג אויפן דירה־געלט פאַרן ווינטער. ער גייט דאָך ארויס ווי אן אָפּגעברענטער...

אין פאַרלויף פון טאָג באַווייזט זיך לעבן פאַרם אַלעמאָל עפּעס אן אנדער אויפקויפער מיט א טראָק, און ליפּמאַן פאַרקויפט אַלץ וואָס ער קען. מען שלעפּט די אָנגעפּאַקטע זעק קאַרטאָפל פון קעלער, שטיקלעך מעבל וואָס אין דער נייער דירה וועט מען זיך ניט האָבן מיט דעם וואו אַהינצוטאָן. מען טראָגט ארויס פון הויז אן אייז־באָקס, א גרויסן פיר קאַנטיגן טיש, א פאַרלאָר אויוון.

רבקה קוקט דאָס אַלץ צו און עס שניידט איר אין הארצן. עס פאַלט איר מיט אמאָל איין, אז מיט דעם אייז־באַקס האָט מען זיך נאָך אפשר ניט באַדאַרפט איילן צו פאַרקויפן.

און כאָטש דאָס שטיקל פאַרניטשור ליגט שוין אויפן טראָק, זאָגט זי אָן א זין:

— דעם אייז־באַקס וואָלט מען אפשר באַדאַרפט איבערלאָזן; מ׳וועט דאָך דאַרפן האָבן אן אייז־באַקס.

— אז מ׳וועט דאַרפן, וועט מען קויפן אן אנדערן, — טרייסט זי דער מאַן איילנדיג — דער איז סיי־ווי־סיי צו גרויס. האָסט דאָך געזען, אז ס׳איז דאָרט פאַר די אַלע זאכן קיין פּלאַץ ניטאָ...

רבקה האָט שוין די רומס צוויי מאָל געזען און ווייס שוין וואָס פאַר א „זיסע” וואוינונג זי וועט דאָרטן האָבן. עס וועט טאַקע זיין פּונקט אזא וואוינונג מיט אזא ברייטקייט ווי זי האָט דאָ... פאַר די קינדער — טראַכט זי — וועט דאָרט מסתמא גאַר זיין אן אָפּ־קומעניש...

פון יעדן שטיקל מעבל, וואָס מען טראָגט ארויס, בלייבט איבער א ליידיג שטיק פּלאַץ, פּוסט און נאַקעט...

רבקה קען מער ניט צוקוקן ווי מען שלעפּט די זאכן פון הויז; זי פאַרשטופּט זיך ערגעץ אין א צווייטן צימער און בלייבט זיצן ווי

א פאַרגליווערטע, און איינגעדרייטע, א פאַרשטשעמעטע.

אין דערזעלבער צייט נעמט איר שניידן אין די אויערן נאָך אַ זאַך; אין צווייטן צימער, וואו עס קומט פאָר דאָס פאַרעניש מיט דעם שלעפּעניש, רעדט זיך שוין ליפּמאַן דורך אין איין וועג טאַקע מיט דעם זעלבן טראַק־מאַן וועגן זיין מופן:

— וואָס זאָגט איר, איר וואָלט געקענט מאַכן פאַר מיר דעם „דזשאב״?

ער פירט דעם מענטשן אריין אין די פּאָר שטיבלעך, ווייזט אים אַקוראַט דאָס ביסל זאַכן, וואָס ער פאַרמאָגט און זאָגט טרוקן:

— איר זעט, דאָס איז אַלעס, וואָס איך האָב צו מופן.

מען רעדט הויך, הילכיג, מען דינגט זיך נאָך אביסל וועגן דעם פּרייז, און ליפּמאַן שלאָגט ענדלעך צו:

— נו, אָל־רייט. קומט נעקסטע וואָך, פרייטיק... איר הערט, פרייטיק אין דער פרי...

דעמאָלט האָט זיך רבקה שוין אויך געמוזט אריינמישן. זי באַ־ווייזט זיך מיט אמאָל מיטן פולן האַרץ, און קען ניט פאַרשטיין, וואָס דאָס איילעניש איז אזוי גרויס.

זי שלינגט די טרערן און זאָגט מיטן פאַרמאַכטן ווייטיק:

— וואָס עפּעס שוין נעקסטע וואָך? ס׳איז דאָך נאָך צייט, ס׳איז דאָך נאָך צייט...

רבקה׳ן דאַכט זיך, אז זי האָט נאָך אַלץ אויף וואָס צו וואַרטן; עס וועט נאָך אפשר פאַרט טרעפן עפּעס א נס. מען וואָלט זיך אפשר באַדאַרפט נאָך אמאָל זען מיט הירשלען, מיט גרינשפּאַנען. זי וועט צו גרינשפּאַנען גיין אליין; זי וועט אים בעטן, זי וועט פאַלן צו זיינע פיס. ס׳איז דאָך הימל־שרייענד! מ׳קוילעט זי דאָך אָן א מעסער!

דעם גאַנצן טאָג פּרובירט זי דעם מאַן אַלץ איינרעדן וועגן דעם און ענדיגט מיט די זעלבע ווערטער:

— פאָלג מיך און פאָר נאָכאַמאָל צו הירשלען. דו פאָר צו הירשלען און איך וועל גיין צו גרינשפּאַנען. פאָלג מיך, פאָלג מיך...

עס איז אָבער אומזיסט דאָס רעדן. ליפּמאַן וויל איצט מער פון קיינעם ניט וויסן; און פון גרינשפּאַנען אודאי ניט. אויף

רבקה׳ן טוט אים אָבער ווי דאָס הארץ. ער האָט אויף איר רחמנות; ער זיצט נאָענט לעבן איר און רעדט מיט הארץ:

— מען דארף מער צו קיינעם ניט גיין, רבקה׳לע; צו קיינעם ניט... איך וועל ארבעטן, פארדינען, און מיר וועלן לעבן א סך רו־איגער... האָבן מיר ניט געהאט קיין פארם; דער פארם איז אָפּגע־ברענט געוואָרן! ס׳איז געקומען א שרפה און אלץ איז אוועק מיטן רויך!...

דערנאָך האָט זיך שוין במילא אויסגעלאָזט ווי ליפּמאַן האָט געהאט אָפּגעמאכט.

אויף דער צווייטער וואָך, פונקט פרייטיק אין דער פרי, איז גע־קומען דער מאן מיטן טראָק.

# דער צעבראָכענער דאַך

אַרום פאַרם איז אויפגעגאַנגען א פרישער האַרבסט־פרימאָרגן מיט אַ קלאָרער זון און מיט א ווייס פרעסטל; פון די ערשטע יונגע פרעסטלעך וואָס גיבן זיך איבערנאַכט אַ כאַפּ אַרויף אויפן לעצטן ביסל גרינס, גיבן „אַ זאַלץ איין" דעם דרויסן און טראָגן זיך אָפּ, ווי נאָר זיי דערזעען די זון.

אין אַזעלכע פרימאָרגנס באַווייזט זיך שוין יאָסל דער פאַר־מער אין זיין פעלצל מיט די גראָבע הענטשקעס אויף די הענט און טראכט שטארק פון דעם ווינטער, וועלכער הויבט זיך שוין אָן אריינצונאָרן... פון די קעלטן מיט די גרויסע שנייען וואָס וועלן באַלד אָנקומען. יאָסל איז שוין דאָ אין די בערג ניט פון נעכטן. ער ווייס שוין וואָס עס באַדייט ווען דאָ גיט אַ פאַל אַרויס אַ שניי...

א שניי איז נאָך, אָבער, אַלץ ניט אזוי שלעכט ווי א רעגן. פאַר יאָסלען אין א רעגן גאָר פאַסקודנע. ער האָט ניט קיין ריכ־טיגען דאַך אויפן הויז... ווען עס נעמט רעגענען, גיסט אים אויפן קאָפּ ארויף... ער וואָלט באַדאַרפט האָבן א נייעם דאַך ווי דאָס לעבן. עס גייט אָבער ניט. די „מאָרטגעדזשעס" — דאָס פרעסט אים אויף...

יאָסל פאַלט, אָבער, ביי זיך ניט אראָפּ. פון די מאָרטגעדזשעס וועט ער פאָרט אינגיכן פטור ווערן. נאָך אַ יאָר, נאָך א יאָר... דער־נאָך וועט ער זיך ערשט געבן א נעם... עס וועט שוין דאן זיין מער ווי א דאך...

וועגן דעם „געבן זיך א נעם", פארטראכט זיך יאָסל אַלע מאָל אין אזעלכע ליכטיגע טעג ווי היינט, ווען ס'איז שיין, ווען עס רעגנט ניט. דעמאָלט דערזעט ער ערשט וואָס ער וואָלט אויף זיין שטיק ערד אַלץ געקענט אויפטאָן. אזא שטיק ערד, אזא געגנט! א גאנצע

שטאָט וואָלט ער דאָ געקענט אויסבויען.

אָבער קיין גאַנצע שטאָט וויל ער ניט . ער וויל בלויז דאָס נויטיגע, דאָס וואָס ער מוז האָבן. פון א דאך איז אָפּגערעדט — דאָס מוז זיין דאָס ערשטע. נאָכן דאָך, מוז ער באַלד האָבן א נייעם „באַרן״. דאָס, וואָס ער האָט איז ביי אים ניט קיין באַרן. ווען עס כאַפּט אמאָל א שטאַרקער ווינט, ציטערט אויף אים די הויט. אן אַלטע צעלעכערטע חורבה וואָס אַ ליאַדע טאָג קען זי נאָך געבן א פאַל איין און אים נאָך דער׳הרג׳ענען די פּאָר בהמות...

יאָסל ווייס שוין וואָס פאַר א באַרן ער באַדאַרף.. און אוועק־געשטעלט וואָלט ער דעם דאָזיקן בנין גאָר אויף אן אנדער אָרט. אָט דאָרט אויפן באַרג לעבן וועלדל, וואָלט זי ביי אים געשטאַנען.

דערווייל וואַקסט פאַר אים אויס די געביידע ווי זי וואָלט שוין פאַר אים געשטאַנען א פאַרטיגע. ער זעט די שטאַל אויפן באַרג אין איר גאַנצן פאַרנעם. א גרויסע, א נייע. זי שטייט מיט דעם גרויסן מאַסיוון דאַך, מיט דעם ברייטן הענגענדיגן טויער אויף די שווערע רוק־אייזנס און אינעווייניג, אין די אָפּגעצאַמטע קעמערלעך, שטייט דער סטאַק — א גאַנצע ריי מיט בהמות, שיינע, יונגע...

יאָסל האָט כאַטש הנאה פון דעם וואָס ער טראַכט, וואָס ער פּלאַנעוועט. מיטן ווייב האַלט ער פון דעם אָפּט אָפּ גאַנצע שמועסן. איבערהויפּט איז ער זייער צופרידן וואָס ער האָט פאַר דעם באַרן אזא פיינעם פּלאַץ, אויפן באַרג... און יעדעס מאָל, ווען ער צערעדט זיך וועגן דעם, ענדיגט ער אָ באַגייסטערטער:

— פאַרשטייסט, שרה, אז דער באַרן וועט שטיין אויפן באַרג, וועט אַלץ באַקומען גאָר אַן אנדער פנים. וואַרט נאָר, וועסטו שוין זען.

שרה וואָלט שוין טאַקע געוואָלט זען... עס וואָלט שוין צייט געוועזן... דערווייל איז דאָס רעדן אליין ביי איר אויך עפּעס ווערט. זי האָט ליב אויסצוהערן ווען יאָסל נעמט איר פאַרשטעלן די אַלע „זיבן זאַכן״ און ווי אזוי אַלץ וועט שפּעטער אויסקוקן...

מאַן און ווייב ווערן אָפּטמאָל אזוי „פאַרכאַפּט״ פון די אייגענע רייד, אז זיי מוזן צוגיין צו יענעם אָרט, וואו די נייע געביידע דאַרף שטיין, און מען הויבט שוין באַצייטנס אָן צו מעסטן. יאָסל מעסט מיט די שפּאַן פון די פיס; ער מאַכט קורצע טריט, א פוס לעבן א

פּוס, און ציילט: איינס, צוויי, דריי...

יאָסל זשאַלעוועט ניט קיין פלאַץ. ער וויל אַז די געביידע זאָל זיין כאָטש פאַר אַ דרייסיג שטיקלעך בהמות — אַ גרויסע. ביי שרה'ן קומט דאָס שוין, אָבער, אויס צו משונה'דיג און זי שלאָגט אים איבער אינמיטן מעסטן:

— פאַרקריך ניט אַזוי ווייט. אַזאַ גרויסן באַרן וועסטו דען גיין אוועקשטעלן!

יאָסל רעדט ניט, ביז ער ווערט אינגאַנצן פאַרטיג מיטן ציילן. ער בלייבט שטיין מיטן פוס אויפן לעצטן פונקט און דאַן הערט מען ערשט פון אים אַ וואָרט:

— אָט ביז אַהער וועט דאָס גיין. זעסט, אָט פונקט וואו איך שטיי...

— גיי שוין גיי! — לאַכט זיך דאָס ווייב אויס — צוויי באַרנס קען מען דאָ אויף דעם אָרט אוועקשטעלן.

— וואָס מיינסטו, ס'איז אַ שטיבעלע פאַר הינער? וואָס וועסטו טאָן אַז דו וועסט האָבן מער ווי פינף בהמות? וואו וועסטו זיי האַלטן, אין קיך?

דאָס ווייב האָט שוין איצט מער קיין געדולד ניט צו די אומזיסטע רייד. זי זעט ניט וואָס מ'האָט פון דעם רעדן און זאָגט פעסימיסטיש:

— וואָס דאַרפסטו זיך דינגען מיט מיר, האָסט דען געלט? גייסט שוין בויען? דערווייל איז דאָ בילכערס פון וואָס צו טראַכטן. מען דאַרף פריער האָבן אַ דאַך אויפן הויז...

צוליב דעם צרה'דיגן דאַך איז דעם פאַרמער'ס לעבן גאָר ניט קיין פריילעכער. דער דאַך ליגט אים שטענדיג פאַר די אויגן, ווי עפּעס אַ שווערער חולה, און האַלט אין איין מאָנען ווי נויטיג עס איז מען זאָל אים ראַטעווען.

די ערגסטע צייט איז אין די טעג ווען עס איז נאַס, ווען עס רעגנט... אין אַ שטאַרקן רעגן פילט זיך יאָסל גאָר דערשלאָגן. דעמאָלט מוז ער שוין שטיין אויפן בוידעם ווי אַן אָנגעבונדענער. ער מוז אַכטונג געבן אַז דאָס וואַסער זאָל זיך ניט אַריינרייסן אין די צימערן; עס זאָל אים ניט אַ תל מאַכן פון די סטעליעס... אַ גאַנצן באַרג מיט כלים האָט ער שוין דאָרט אויפן בוידעם פאַר דעם צוועק.

טעפּ, שיסלען, זעק. אָפּטמאָל קען ער זיך אַליין ניט ספּראַווען און מוז רופן צו הילף דאָס ווייב. ער פּליט גיך צו צום קליינעם בוידעם־טירל און שרייט אַרונטער מיט אַ קול:

— שרה, קום אַרויף אויף אַ מינוט, האַרי־אַפּ!

שרה ווייס שוין וואָס דאָס מיינט און קומט באַלד אַרויפצולויפן מיט אַ טאָפּ. עס איז ניטאָ קיין צייט און עס ווערט באַלד אַ לויפעניש, אַ האַוועניש. מען שטעלט אונטער דאָ אַ שיסל, דאָרט אַ טאָפּ... און אויפן דאַך פּויקט דער רעגן ווי מיט טויזנט באַראַבאַנען. עס קלאַפּט מיט אַ גיסן, מיט אַ כליאַפּען. פון דעם טומל מוז מען ריידן הויך און יאָסל שרייט:

— דערלאַנג מיר גיך די שיסל! די גרויסע שיסל מוז איך האָבן. האַרי־אַפּ!

אַליין ליגט ער איצט פּאַרדוקט טיף אין אַ ווינקל, וואו דער דאַך ענדיגט זיך, און קען זיך קיין עצה ניט געבן. אָט דאָ אין דעם ווינקל איז די ערגסטע צרה. עס רינט אפשר פון צען ערטער, און ער זעט אפילו ניט די לעכער. דאָס וואַסער קומט גאָר פון ערגעץ אַנדערש; פון דער הויך ערגעץ — דער טייוול ווייסט עס פון וואַנען...

דערווייל פּילט ער דעם טעם פון טויט. די אונטערגעשטעלטע כלי העלפן איצט אויך ווייניג. עס רינט אין דער סאַמע טיפקייט און ער קען אַהין אפילו מיט קיין זאַך ניט צוקומען. איצט פּרואווט ער מיט זעק. ער שטאָפּט אַהין די זעק מיט די פיס, מיט די הענט. אויף דער מינוט דאַכט זיך אים, אַז עס העלפט, אָבער באַלד זעט ער, אַז די אַרבעט איז אַרויסגעוואָרפן. עס רינט און עס גיסט... יאָסל זעט ווי דאָרט אין דעם ענגן ווינקל ציען זיך גאַנצע וואַסער־שנירלעך, לאָזן זיך אַרונטער גלייך אין די באַלקנס אַריין און מאַכן דאָרט אָן אַ חורבן. עס פּוילט... עס מאַכט אים אַ תּל פון די צימערן...

נאָך אַזאַ מין רעגן קוקט דאָס פּאַר פאָלק אויס ווי נאָך אַ שׂרפה. יאָסל איז איינגעטונקען פון קאָפּ ביז די פיס אין שטויב און נאַסקייט און שרה קען זיך בשום אופן ניט באַפרייען פון דעם פּאַק שפּינוועבס וואָס האָט זיך אין איר אָנגעקלעפּט. פון בוידעם גייט מען דאָך אָבער אַלץ ניט אַראָפּ. מען שטייט מיט פּאַרריסענע קעפּ

צו דעם צרה׳דיגן דאַך און עס גייט פּשוט אין לעבן צו דערגיין, וואו עס ליגט די הויפּט צרה.

שרה׳ן דאַכט זיך, אַז זי האָט ענדלעך אַנטדעקט דאָס ריכטיגע אָרט, און זאָגט:

— זעסט, יאָסל, מיר דאַכט זיך, ווען דו וואָלסט אָט דאָרט גאַנץ אויבן אַרויפגעקלאַפּט אַ פּאָר שינדלען, וואָלט שוין געווען גוט.

— עס וועט העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס — ענטפערט דער מאַן פאַרסאָפּעט.

יאָסל קען שוין דעם דאַך בעסער. ער האָט שוין גענוג געלאַטעט און גענוג געקלאַפּט, און ער לייגט צו איראָניש:

— ס׳איז דען אַ דאַך, ס׳איז דאַך אַ זיפּ...

פונדעסטוועגן, אַז עס לייטערט זיך אויס, כאַפּט זיך יאָסל דאַך אַרויף אויפן דאַך מיט עטלעכע שינדלען — ער וועט פּרובירן נאָך אַמאָל. ער וועט זען...

אויפן דאַך האַלט ער זיך ווי אויף ספּרונזשינעס. ער קריכט פאָרזיכטיג אויף אַלע פיר, רוקט זיך פּאַמעלעך צו ערגעץ צום סאַמע שפּיץ, וואו עס סטאַרטשעט אַרויס דער רויטער קוימען, און לאָזט זיך באַלד הערן מיט קלעפּ, ווי ער וואָלט איינגענומען די וועלט.

איבערן דאַך שפּרייט זיך איצט אַ קלאָרער לויטערער הימל. עס שיינט אַ וואַרימע פינקלענדיגע זון און יאָסלען איז עפּעס אַ שאָד וואָס אַזעלכע שיינע טעג גייען אַוועק מיט גאָרניט. ווען ער האָט געלט, וואָלט ער איצט אין איין וואָך געקענט זיין אַ גראַטעוועטער מענטש. אין איין וואָך צייט וואָלט מען אים געקענט געבן אַ צי אַרויף אַ נייעם דאַך...

ער איז אָבער אַ דערשטיקטער... די מאָרטגעדזשעס — דער טייוול זאָל עס כאַפּן — אָט דאָס פּרעסט אים אויף...

# דער בעל־שמחה

דוד זאַלצמאַן, אַ באַלעבאָס פון אַ קליין אָרים „פאַרמעלע״, ליגט אַן אויסגעשטרעקטער אונטער זיין אויטאָמאָביל מיט דעם פּנים ארויף, אַ פאַרשוויצטער, און אויסגעשמירטער מיט „גריז״, און מוטשעט זיך עפּעס צו פאַרריכטן אין סאַמע „ריער־ענד״.

— פאָלג מיך, דוד, און גיי צו מיט דער קאַר צו אַ גאַראַדזש.— קען שוין דאָס ווייב ניט צוזען ווי דער מאַן אירער מוטשעט זיך אומזיסט, — זאָל בעסער קאָסטן אַ פּאָר דאָלער, איידער אוועקצולייגן דאָס געזונט.

אויף בלויז אַ פּאָר דאָלער וואָלט שוין זאַלצמאַן אַ בעלן געווען. עס דאַרף, אָבער, קאָסטן מער ווי אַ פּאָר דאָלער. ער איז שוין מיט דער קאַר גראָד געווען אין גאַראַדזש און מען האָט אים אָנגעזאָגט גאָר ניט קיין פריילעכע בשורה: מען האָט אים געזאָגט, אַז ער מוז צו דער מאַשין האָבן אַ נייעם „ריער־ענד״ און דער „דזשאָב״ דאַרף קאָסטן ניט ווייניגער ווי פינף און דרייסיג דאָלער.

און ער ענטפערט בייזלעך פון אונטער דעם אויטאָמאָביל:

— איך בין שוין געווען אין אַ גאַראַדזש און עס דאַרף קאָסטן פינף און דרייסיג דאָלער. ווילסט ספּענדן פינף און דרייסיג דאָלער?

ער גלויבט, אָבער, ניט אינגאַנצן וואָס דער גאַראַדזש־מאַן האָט אים געזאָגט וועגן דעם „ריער־ענד״, און ער פּאַרעט זיך דערווייל אַליין.

שלעכט איז נאָר וואָס די צייט איז קורץ. די זאַלצמאַנס דאַרפן נאָך היינט מיט דעם אויטאָמאָביל מאַכן גאָר אַ ווייטע רייזע — אַזש קיין ניו־יאָרק. זיי האָבן דאָרט אַ חתונה. איז באַשלאָסן געוואָרן זיי זאָלן ניט אַנדערש פאָרן צו דער שמחה אין זייער אויטאָמאָביל. ערשטנס, וועט די רייזע קאָסטן אַ קלייניקייט, און, צווייטנס, וועט דאָס געבן אַ געלעגנהייט, אַז זאַלצמאַן זאָל ביי דער שמחה קענען זיין מיט זיין גאַנצן בני־בית.

ווען דאָס וואָלט געווען אַ חתונה ביי אַבי עפּעס אַ פריינט אָדער אפילו אַ קרוב, וואָלט אזא מענטש ווי זאַלצמאַן אפילו ניט געטראַכט פון מאַכן אזא נסיעה. עס גייט אים נאָך ניט אַזוי גוט, ער זאָל זיך קענען דערלויבן אַזעלכע פאַרגעניגנס.

אויף דער איצטיגער חתונה, אָבער, מוז ער זיין. אַ ברודער זיינער מאַכט חתונה אַ קינד, און דאָס איז דאָך זיין אייגענע שמחה. דערצו איז דאָס נאָך דער איינציגער ברודער, וואָס זאַלצמאַן פאַרמאָגט, און דאָס קינד וואָס דער ברודער מאַכט חתונה איז דאָס ערשטע.

אין דעם לעצטן בריוול, וואָס זאַלצמאַן האָט געשריבן צו דעם ברודער, האָט ער צום סוף צוגעשטעלט אַזעלכע ווערטער:

„און פון דיין טאָכטער׳ס חתונה, ליבער הירשל, בין איך אַזוי פול מיט פרייד, אַז איך האָב באַשלאָסן צו קומען מיט מיין גאַנצער פאַמיליע — איך מיט מיין ריווע׳ן און אַלע דריי קינדער, זאָלן געזונט זיין. און קומען וועלן מיר דווקא מיט אונזער אויטאָמאָביל. צו אזא געהויבענער שמחה וואָלט אפילו געפּאַסט, מיר זאָלן קומען מיט אַ שענערן אויטאָמאָביל, אָבער ס׳איז נישטאָ קיין שענערער, וועט דאָס אויך מוזן זיין שיין״...

ווען דער אויטאָמאָביל וואָלט געווען בלויז ניט שיין, וואָלט דאָס געווען דער קלענסטער חסרון. די קאַר איז, אָבער, פול מיט אַנדערע חסרונות. אפילו פריער, איידער מען האָט נאָך זאַלצמאַנ׳ען אָנגעזאָגט, אַז ער מוז האָבן אַ נייעם „ריער־ענד״, וואָלט שוין אויך געווען אַן איינשטעלעניש צו מאַכן מיט אזא מאַשין אַ רייזע אַזש פון די מאַונטעינס ביז ניו־יאָרק.

זאַלצמאַן אַליין רופט אפילו ניט דאָס שטיק פאַרמעגנס זיינס מיט דעם נאָמען אויטאָמאָביל. זי הייסט ביי אים „קאַטערינקע״.

— מיין קאַטערינקע, — זאָגט ער אָפט, — האָט שוין עפּעס ווידער געגומען מאַכן קונצן...

זאַלצמאַן האָט זיך מיט דער „קאַטערינקע״ זיינער גאָרניט וואָס איבערצונעמען, דאָס איז אַן אַלטער אויסגעדינטער פערד, וועלכן ער האָט נאָך מיט פינף יאָר צוריק איבערגענומען צוזאַמען מיט זיין פאַרם. און מען קען זאָגן, אַז בלויז אַ דאַנק זאַלצמאַנ׳ען אַליין

האַלט זיך נאָך ביי אים די מאַשינקע אויף די „פּיס״. דער צרה׳דיגער אויטאָמאָביל האָט אים שוין אויסגעלערנט צו זיין אליין דער „פּיקסער״. עס איז אים שוין אין דעם פּאַרדל באַקאַנט יעדעס שרייפל מיט יעדן רעדל, און יעדעס מאָל, ווען עס ווערט עפּעס דאָרט קאַליע, מייסטרעוועט ער אַזוי לאַנג ביז ער דערהאַלט דעם חולה ווידער ביים לעבן.

עס איז אָבער אָך און ווי צו אַזאַ לעבן. עס איז שוין, דאַכט זיך, אין דעם אויטאָמאָביל נישטאָ קיין איין גאַנץ אבר. די פענדערס זיינען אָפּגעריבן און צעקנייטשט ווי אַן אַלטע פּאָר שטיוול; דער דאַך א האַלב אויפגעטרענטער, און אַז דער באַלעבאָס לאָזט זיך אַרויס צום נאָענטן שטעטל מיט דער פיר־רעדלדיגער חורבה, איז מיט נסים, וואָס ער ווערט ניט טויב. דער אויטאָמאָביל קלאַפּט און גראַגערט מיט אַזאַ טומל און רויך, ווי עס וואָלט אין אים געאַרבעט א גאַנצער לאָקאָמאָטיוו.

זאַלצמאַן איז זיכער, אַז ניט מער ווי מיט א פופציג דאָלער וואָלט ער געקענט קויפן א „געניצטן״ אויטאָמאָביל, וועלכער וואָלט געוועןן טויזנט מאָל בעסער ווי זיינער. ער איז, אָבער, קיין פופציג דאָלער אויך ניט בכוח אַרויסצוגעמען. ער איז אַזוי אויך א בעל־חוב איבערן קאָפּ. אַלץ שלינגט איין די פאַרם...

— אָ שווער שטיקל ברויט דאָס פאַרמעריי!—באַקלאָגט ער זיך אָפּט, — שווערער קען שוין, דאַכט זיך, גאָר ניט זיין...

עס וואָלט אים, אָבער, געווען נאָך שווערער, ווען ער איז איצט אין ניו־יאָרק און דאַרף זיצן ביים מאַשין און נייען קינדערישע הויזקעס.

ער האָט שוין אַפילו ביים מאַשין אויך ניט געקענט זיצן. ער האָט אינגאַנצן מער ניט געטאָרט זיין אין שטאָט. עס האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אים א קורצער אָטעם, האָט דאָס אים אַזוי געמוטשעט, אַז ער האָט זיך געמוזט אָנכאַפּן אָן וואָס עס האָט זיך געלאָזט, אַבי אַנטלויפן פון שטאָט.

דער ברודער איז דאַן געווען דער איינציגער, וועלכער האָט אים מיטגעפילט און זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט אַרויסצוהעלפן אים ביים קויפן די פאַרם.

זאלצמאַן איז נאָך דעם ברודער איצט אויך שולדיג שיינע עט־לעכע דאָלער. ער צאָלט אים, אָבער, ביסלעכווייז אָפּ און ער האָפט, אז ער וועט אים אפילו א סענט אויך ניט שולדיג בלייבן. הירשל איז טאָקע „בעסער־אָפּ״ פון אים, אָבער קיין גביר איז ער ניט. ער איז אויך ניט מער ווי אן ארבעטער און עס איז אים שוין גוט מיט דעם אליין, וואָס ער איז כאָטש א געזונטער מענטש...

איצט מאכט הירשל חתונה א קינד און זאלצמאַנ׳ען גייט אין לעבן צו זיין ביי דער חתונה.

צוליב דער חתונה פילט זיך שוין ביי דעם פארמער אין הויז עטלעכע טעג יום־טוב־דיג.

אין א ווינקל פון שטוב, אונטער א פארמאכטן פאַרהאנגל, הענ־גען שוין אלע מלבושים, וואָס דאָס געזינדל דארף אָנטאָן צו דער חתונה — אפילו ניט קיין נייע, אָבער רבקה, זאלצמאַנ׳ס ווייב, האָט זיך שוין אָן עצה געבן, אז די זאכן זאָלן אויסקוקן אַזוי ווי ניי. יעדעס שטיקל מלבוש, איבערהויפּט די קינדערשע, האָט זי אפשר צען מאָל געהאלטן אין האַנט. יעדעס מאָל האָט זי די קליידלעך באַ־צירט און באפוצט מיט עפּעס אן אנדער באפוצונג, און דאָס ווינקל מיט דעם פארמאכטן פאַרהאנגל האָט באקומען א פּנים ווי א פּסח־דיגע אָפּגעזונדערטקייט, צו וועלכן מען טאָר זיך ניט צורירן מיט חמצ׳דיגע הענט...

עס איז געווען א גענוג, אז די קינדער זאָלן זיך אין פארלויף פון טאָג ניט ווילנדיג פארשפּילן פונקט לעבן דער גארדעראָב, און די מוטער האָט זיי באלד א טרייב געטאָן:

— קינדער, אוועק פון די קליידער!

אפילו זאלצמאַנ׳ס אנצוג, וועלכער איז שוין ווייט ניט געווען קיין נייער, כאָטש ער טראָגט אים נאָך אלץ בלויז פון שבת צו שבת, איז איצט אויך אויפגעריכט געוואָרן. ריווע האָט אים אַזוי לאַנג געריבן מיט בענזין און געפּרעסט, אז ווען זאלצמאַן האָט אים דער־נאָך דערזען הענגען אין זיין גאנצער ברייט און לענג אויף א באַ־זונדערן הענגער, האָט דער אנצוג אויסגעקוקט אין זיינע אויגן ווי מען וואָלט אים ערשט ארויסגענומען פון סטאָר.

— אַט דאָס איז מיין אנצוג? — האָט ער זיך גע׳חידוש׳ט, — שוין באלד ניט דערקענט...

— שמואל נאר האָט זיין ווייב ניט דערקענט, — מאכט ריווע מיט לצנות — האָסט דען אן אנדער אַנצוג?...

— ווער דארף אַן אנדערן? — איז דער מאן צופרידן, — דער אנצוג איז דען שלעכט? דער עיקר איז אז מיר פאָרן צו דער חתונה און דוקא מיטן אויטאָמאָביל!

זאלצמאן האָט זיך אין יענעם טאָג געפילט מיט זיין אויטאָ־מאָביל ווי אויף אן אייזערנעם בריק. צוליב דער יום־טוב׳דיגער ריי־זע האָט ער פון דער מאשין ניט אָפגעטראָטן כמעט צוויי טעג נאָ־כאנאנד. ער האָט צעשרויפט און געריייניגט יעדע טייל באזונדער, אריינגעלאָזט פרישן אויל מיט „גריז״. אז ער איז פארטיג געוואָרן מיט די רעדלעך און שרויפן, האָט אפילו דער אויסענווייניג אויך באקומען ביי אים אן אנדער פנים. אויף וויפיל עס האָט זיך גע־לאָזט, האָט ער אויסגעגלייכט אביסל די צעבויגענע זייטן, פאר־ריכט אין דאך דעם מיאוס׳ן ריס, און ערטערווייז אפילו צוגעשמירט מיט פרישן פארב.

— אלץ דארף זיך זיינס, — האָט ער צולעצט א זאָג געטאָן צו דער ווייב, א שיינענדיגער, — דאכט זיך אן אלטע טראנטע און קוקט ווידער אויס ווי עפּעס רעכטס!

— עס זאָל כאָטש נישט זיין קיין טראָבל מיטן פאָרן, — כאפּט זיך ביים ווייב ארויס אַ באַהאַלטענער שרעק, — אַזאַ וויטעניש!...

— איך האָף, אז ניט, — איז דער מאן זיכער. — פארוואָס עפּעס טראָבל?...

דער בעסטער סימן איז געווען, ווען ער האָט זיך טאקע באלד א לאָז געטאָן מיט דעם אויטאָמאָביל צום שטעטל.

זאלצמאן האָט דאן ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן. עס האָט זיך אים געדאכט, אז די מאשינקע איז נאָך ביי אים קיינמאָל אזוי גוט ניט געגאנגען.

פון גרויס פרייד האָט אפילו דער בעל־שמחה באשלאָסן מיטצו־נעמען פאר דעם ברודער א גאנצן זאק מיט עפּל פון זיין אייגענעם סאָד. צו א חתונה איז דאָס אפילו ניט אזא געהויבענע מתנה: ער

איז אָבער זיכער געווען, אז ביי הירשלען וועלן די עפּל זיין זייער חשוב.

— קלייב אָן א שיינעם זאק עפּל, דזשייקעלע, — האָט ער א זאָג געטאָן דעם עלטערן זונדל זיינעם, וועלכער איז דער גאנצער באַלעבאָס איבער די עפּל.

וועגן אָנקלייבן שיינע עפּל האָט מען שוין דעם דרייצן־יעריגן דזשייקעלע ניט באַדארפט אָנזאָגן. ער האָט א מינוט ניט פארגעסן, אז דאָס איז פאר דעם פעטער הירשל, און כאָטש אויפן גראָז צווישן די בוימער זיינען געלעגן גאנצע הויפנס ארונטערגעפאלענע עפּל, האָט ער פון אָט־די אפילו קיין איינעם ניט אריינגעלייגט אין זאַק. ער איז ארויף אויפן בוים און געריסן איינס נאָך איינס די שענסטע, די גרעסטע עפּל...

ווען זאלצמאנען איז אויף מאָרגן אין דער פרי אויסגעקומען צוצו־פאָרן מיט דער מאשין צום שטעטל, האָט ער דערזען, אז מיט זיין „קאטערינקע" איז שוין ווידער צרות. די מאשין איז ניט בלויז שלעכט געגאנגען, נאָר האָט זיך אינגאנצן גענומען פארהאקן.

אויפן וועג צוריק איז גאָר געוואָרן שלעכט. זאלצמאן האָט גע־מוזט האלטן אין איין ארבעטן מיטן „קרענקער" און ביי יעדן מאָל דרייען האָט ער געמיינט, אז ער בלייבט אָן אָטעם.

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס א חוץ דעם שטענדיגן קלאַפּן און בראַזגען איז צו דער חורבה צוגעקומען נאָך א צרה — עפּעס א מאָדנער קנאקן, וואָס זאלצמאן האָט נאָך ביז איצט ניט געהערט. ווי נאָר ער שטעלט ארויף דעם פוס אויף דער געז, ווערט א קנאקערײ ווי אימיצער וואָלט אונטן נאָכגעלאָפן מיט א ביקס און געשאָסן.

דעמאָלט איז דאָס זאלצמאן אריין אין א גאראדזש, וואו מען האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה, אז ער מוז האָבן א נייעם „ריער־ענד".

פון אזא אויסגאבע איז אָבער ניט געווען וואָס צו ריידן. זאלצ־מאן וואָלט אויף דער „קאטערינקע" ניט געלייגט קיין פינף און דרייסיג דאָלער, אפילו ווען ער קען, בפרט אז ער קען ניט. וואו זאָל ער נעמען פינף און דרייסיג דאָלער?...

ער האָט בכלל געוואָלט פריער אליין א קוק טאָן, וואו עס ליגט

די צרה. עס קען זיין, אז די צרה ליגט גאָר ניט אין „ריער־ענד״, און דער גאַראַדזש־מאַן האָט אים בלויז געמאַכט א סטראַשונאַק, כדי צו כאַפּן ביי אים א פאַרדינסטל.

* * *

אין דער צייט, ווען זאלצמאן ליגט אונטער דעם אויטאָמאָביל און פאַרריכט, שטייען לעבן אים דאָס ווייב מיט אַלע דריי קינדער און יעדער פון דער פאַמיליע איז גרייט מיט עפּעס צו העלפן ראַטעווען די צרה.

מער פון יעדן איז איצט פאַרשמאַיעט דזשייקעלע. ער איז אויך אַנגעטאָן אין א פּאָר אָוועראָלס ווי דער פאָטער, א פאַרפלאָמטער, א צעשויבערטער, און יעדעס מאָל, ווען דעם פאָטער פעלט אויס צו דער האַנט עפּעס א שטיקל געצייג, נעמט ער פליען פייל פון בויגן. זיין פליען ענדיגט זיך, אָבער, ניט אַלע מאָל מיט דער־פאָלג. פונקט איצט, ווען יעדע מינוט איז טייער, מאַכט ער א טעות און אַנשטאָט א „רענטש״, ברענגט ער א האַמער.

דער פאָטער ווערט פון דעם א צעקאָכטער און צעשרייט זיך אויף דעם זונדל פון אונטער דעם אויטאָמאָביל אַרויס:

— פערד! כ׳האָב דאָך געזאָגט א „רענטש״, וואָס האָסטו געבראַכט א האַמער?...

ביי זאלצמאַנ׳ען זיינען אָנגעשטרענגט אַלע נערוון. אַלס צוגאָב האָט זיך נאָך איצט צעשפּילט ביי אים דער קורצער אָטעם און עס קאָכט און זידט ביי אים אין האַרצן ווי אין א קעסל.

— אפשר וואָלסטו זיך אָפּגערוט א פּאָר מינוט, — רייסט אים די פרוי איבער מיט א בייזער, — ס׳וועט חלילה גאַרניט שאַטן, אז מ׳וועט אַרויספאָרן מיט א האַלבע שעה שפּעטער. מען וועט גאָרניט פאַרשפּעטיגן.

עס איז גרינג צו זאָגן מיט א האַלבער שעה שפּעטער. עס איז שוין מער ווי צוויי שעה שפּעטער. גערעכנט האָט מען אַרויסצופאָרן ניין אַזייגער אין דער פרי און עס איז שוין אָט באַלד צוועלף.. אין אויטאָמאָביל ליגן שוין כמעט אַלע נויטיגע זאַכן, וואָס מען

דאַרף מיטנעמען צו דער חתונה. אַלץ איז פּאַרפּאַקט און פאַרבונדן אין קלענערע און גרעסערע פּעקלעך און צוזאַמען מיט די פּעקלעך ליגן שוין אַפילו אין מאַשין עטלעכע טוץ פרישע אייער מיט אַ קעזל, וואָס די מיסעס זאַלצמאַן האָט שטילערהייט פאַרפּאַקט מיטצונעמען פאַר דער שוועגערין אַלס אַ מתנה פון איר זייט...

דאָס איז אַלץ דזשייקעלעס אַרבעט. יעדעס מאָל, ווען דאָס זונדעלע זעט אַז דער פאָטער גויטיגט זיך ניט אין אים ביים אויטאָ־מאָביל, טוט ער באַלד אַ פלי אַריין אין שטוב, ברענגט אַרויס עפּעס אַן אַנדער פּעקל און רוקט עס אַריין אין מאַשין.

איצט האָט ער זיך אַליין אַ לאָז געטאָן צום זאַק מיט די עפּל.

נאָר דאָ האָט אים שוין די מוטער אָפּגעשטעלט מיט אַ בייזער:

— שלעפּ נאָך ניט די עפּל! אַז מ׳וועט דאַרפן, וועט מען שוין אַריינשטעלן די עפּל אָן דיר.

דער מוטער האָט שוין באַצייטנס געזאָגט דאָס האַרץ, אַז מ׳וועט שוין מסתמא מיט דעם „זיסן" אויטאָמאָביל קיין ניו־יאָרק ניט פאָרן.

און עס האָט זיך טאַקע אויסגעלאָזט ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט. זאַלצמאַנ׳ען האָט זיך אַפילו אויסגעדוכט, אַז ער האָט דאָרט מיט זיין מייסטערווען יאָ עפּעס צורעכט געמאַכט. ווען ער האָט, אָבער, צום סוף געפּרופט מיט דער „קאַטערינקע" אַ פּאָר טאָן, איז עס ניט געגאַנגען.

עס איז נאָך ערגער געוואָרן.

ווייטער פון הויף ביז אַרונטער צום וועג איז דער אויטאָמאָביל ניט געגאַנגען. און דאָס איז אויך געווען צוליב דעם בערגל, וואָס לאָזט זיך דאָרט אַראָפּ ביים סאַמע אַרויספאָר.

צוריק האָט מען שוין דעם „חולה" געמוזט אַרויפשטופן. עס האָט שוין אַפילו ניט געהאָלפן דער „קרענקער", וואָס זאַלצמאַן האָט איצט אויף אַ מינוט ניט אַרויסגעלאָזט פון די הענט. ביי יעדן מאָל וואָס ער האָט אַ דריי געטאָן מיט דעם שטיק אייזן, האָט זיך נאָך אַפילו ביי דעם „זקן" יאָ געוויזן סמנים פון לעבן, אָבער רירן זיך פון אָרט האָט ער שוין מער קיין כוח ניט געהאַט. אויסגעגאַנגען אים די כוחות און פאַרטיג.

ביים צוריקשטופן דעם צרה׳דיגן אויטאָמאָביל האָבן אַלע גע־

האַלפּן. אפילו די אינגערע צוויי קינדער,ביידע מיידלעך פון זיבן און אכט יאָר, האָבן צוגעלייגט די הענטלעך.

די קינדער האָבן זיך, אָבער, מיט זייער העלפן איצט בלויז גע־פּלאָנטערט אונטער די פיס און דער ערשטער, וואָס האָט זיי גענומען טרייבן, איז געווען דזשייקעלע.

— געד עוועי פראָם היער, וויל יו! — האָט ער א געשריי גע־טאָן אויף די שוועסטערלעך מעשה וויכטיגער העלפער, — סקידו!

דזשייקעלע האָט טאקע איצט א סך ארויסגעהאָלפן.

ער שטייט אינגאנצן אָן אונטערגעשפּארטער אונטער דער שווערער משא, א פארשוויצטער, א צעשויבערטער, און יעדעס מאָל, וואָס ער טוט א שטופּ מיט זיין יונגן כוח, טוט זיך דער אויטאָמאָ־ביל א רוק מיט א שטיק ווייטער.

ווען די „חורבה״ איז קוים מיט צרות ווידער געשטאנען אויף איר אָרט, האָט שוין אפילו דזשייקעלע אויך פארלאָרן דעם געדולד.

— טו העל וויטה דהאָט פיעס אָוו דזשאָנק! — האָט ער פון כעס אזש א האסטיגן שפּיי געטאָן, — לעטס גאָו ביי טרעין!

דער פאָטער איז איצט גאָר אויס מענטש. פון פארדרוס און הארצווייטיק טוט ער א שליידער אָן דר׳ערד דעם „קרענקער״, וואָס ער האַלט נאָך אין האַנט, שלעפּט זיך אָן כוחות אריין אין הויז, ניט אָנהויבנדיג צו וויסן וואָס פאר אן עצה מען גיט זיך.

פון פאָרן מיטן באַן האָט איצט קיין רייד ניט געקענט זיין. אזא פאָר אַהין און צוריק מיט דער גאנצער פאמיליע דאַרף אָפּקאָסטן א פארמעגן. ווי קען ער נעמען אויף זיך אזא אויסגאבע?...

דעם אָרימען מחותן גייט שוין איצט ניט אָן די גאנצע שמחה.

ער זיצט א פארסאָפּעטער מיט דעם שווערן אָטעם, אָן אויסגע־שמירטער פון קאָפּ ביז די פיס מיט „גריז״ און עס איז ביי אים רעכט מען זאָל שוין אינגאנצן ניט פאָרן. קיין גרעסערער אומגליק זאָל ניט טערפן.

צווישן די קינדער איז באַלד געוואָרן א יללה. צוערשט האָט זיך צעוויינט דאָס אינגערע קינד, דערנאָך דאָס עלטערע, און מער פון די צוויי טעכטערלעך האָט רעוואָלטירט דאָס זונדעלע.

ביי דזשייקעלען איז שוין געווען א פולער קאָפּ מיט פאנטאזיעס וועגן דער רייזע. ערשטנס, ניו־יאָרק... ער איז נאָך ניט געווען

אין ניו־יאָרק זינט זיי האָבן געקויפט דעם פאַרם. ניו־יאָרק האָט אים געשלעפּט ווי א כשוף. ער וועט זיך דאָרט טרעפן מיט אמאָ־ליגע חברים; ער וועט גיין, ער וועט פאָרן...

ער זיצט פאַררוקט אין א ווינקל א פאַרצווייפלטער, אַן אומגליק־לעכער און ברעכט יעדעס מאָל אויס מיט דער זעלבער טענה:

— מיטן באַן...

— הער שוין אויף, כ׳קען עס שוין ניט הערן!—צעשרייט זיך כלור־מר׳שט די מוטער, — מיר וועלן מירצעשעם קויפן א גוטע מאַשין, וועסטו איבעראַל פאָרן.

דער מוטער איז איצט אויך געגנוג ביטער. איבערהויפּט טוט איר ווי דאָס האַרץ אויף די קינדער. געריכט זיך און געריכט, צום סוף לאָזט זיך אויס מיט גאָרנישט. א מזל זי האָט דאָס, אומשטיינס געזאָגט.

זי מאַכט זיך, אָבער, האַרץ און אַרבעט אויף אַלע פראָנטן. די אינגערע קינדער שטילט זי איין מיט עפּעס א גוטן צוזאָג, אויף דזשייקעלען טוט זי זיך א בייזער און צום מאַן רעדט זי אַזוי לאַנג, ביז זי פּועל׳ט דאָך ער זאָל פאָרן אַליין.

זאַלצמאַנ׳ס פאָרן איז שוין, אָבער, אָן טעם. אפילו אַז ער איז שוין געשטאַנעןביים שפּיגל אָן אַרומגעוואַשענער און אָנגעטאָן אין דעם אויפגעפרישטן אַנצוג, איז נאָך ביי אים אַלץ געווען רעכט צו בלייבן אין דער היים. אַמטיפסטן האָט אים איצט געאַרט דער בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צום ברודער. נעכאַי וואָלט ער כאָטש גאָרניט געשריבן... ער וועט הירשלען דאַרפן דערציילן די גאַנצע מעשה מיטן אויטאָמאָביל און ער וועט אים מיט דעם בלויז פאַר־שטערן די שמחה...

— נעם מיט א ריינע טיכעלע, — שלאָגט דאָס ווייב איבער זיין פאַרטראַכטקייט. און באַלד גיט זי צו: — און פאַרגעס ניט אָפּ־צופּוצן די שיך.

דער מאַן וואָלט זיך שוין אפשר ווי עס איז אַרויסגעשלעפּט פון הויז, איז אָבער ביים סאַמע סוף ווידער געקומען אַן איבעררייס. עס האָבן זיך ווידער אַריינגעמישט די קינדער מיט א געוויין.

אַמשטאַרקסטן האָט איצט געקערט וועלטן דאָס אינגערע קינד

— עטעלע. זי האָט דעם פאָטער פשוט ניט ארויסגעלאָזט פון שטוב. זי האָט זיך איינגעקלאמערט אָן אים מיט דעם גאנצן קינדערישן צער און עקשנות׳דיג געפאָדערט בלויז איין זאך: זי וויל, אז דער טאטע זאָל זי מיטנעמען צו דער חתונה.

זי וויינט און שרייט אין דער זעלבער צייט:

— אַי וואָנאַ גאָו! יו פּראָמיסד מי!...

— ברענג איר עפּעס א שיינע זאך פון ניו־יאָרק, — מישט זיך אריין די מוטער, — ברענג איר אַ ליאַלקע.

די אַלע צוזאָגן העלפן אָבער גאָרניט. עטעלע וויל אפילו ניט הערן וואָס מען רעדט. זי ווערט נאָך מער צערייצט און די קולות אירע טראָגן זיך ביזן זיבעטן הימל. זי איז שוין אזש רויט ווי אַ צונטער פון דעם וויינען.

אויפן פאָטער איז נאָך אָבער איצט מער רחמנות ווי אויפן קינד. ער שטייט ווי א צעדולטער אין דער טעכטערלס איינגעקלאָ־מערטקייט און עס איז אים ניט ניחא דאָס לעבן.

ער דערזעט מיט אמאָל זיין גאנצע געפאלנקייט, און זאָגט מיט געצוואונגענעם מוט:

— הער אויס, רבקה, איך וועל ניט פאָרן. א טעלעגראמע וועט אויך זיין גוט. ווען איך שרייב כאָטש ניט, אז מיר קומען אלע... מיט מיין קומען אליין וועל איך הירשלען בלויז פארשאפן עגמת נפש... איך קען ניט...

און איצט האָט שוין מער גאָרניט געקענט העלפן.

דער בעל־שמחה איז געבליבן אין דער היים.

# „סטים־היט“

ס'איז א ווינטערדיקער פרימאָרגן, מיט א פארשנייעטן דרויסן, און זעליגמאַן, דער פארמער, איילט זיך צום פּאָסט־אָפיס אָפּנעמען די בריוו. נאָכלעסיג און מיט איילעניש שלעפּט ער אויף זיך ארויף זיין אַלט אָפּגעטראָגענעם שעפּסן פעלצל, וואָס האָלט זיך שוין ביי אים פון יאָרן; די פיס לאָזט ער אריין אין א פּאָר אַלטע שווערע שניי־שיך; אויפן קאָפּ טוט ער אָן עפּעס א שווארצע שווערע קוטשמע מיט פוטערנע אויער־לעפּלעך. ער רוקט ארויף די קוטשמע אויפן קאָפּ אין איר גאנצער טיפקייט, באהאלט פאַרזיכטיג די אויערן אונ־טער די ווארימע לעפּלעך און לאָזט זיך אוועק צום פּאָסט־אָפיס פול מיט דערוואַרטונגען.

מיט דעם פּאָסט־אָפיס איז איצט פארבונדן א שטיק פון די זע־ליגמאנס עקזיסטענץ. זיי האָבן היינטיגן ווינטער „איינגעפּיקסט“ „סטים־היט“ אין זייער באָרדינג־הויז, — וואַרטן זיי אויף באָרדערס. און די גאנצע האָפענונג זייערע ליגט איצט אויף דעם פּאָסט־אָפיס: פון דאָרט דארף קומען די ישועה. זיי וואַרטן אויף אַפּליקאַציעס, אויף אַנזאָגונגען, אויב מען קומט...

זעליגמאַן איז א מאַן ביי די פופציגער. ער איז שוין, אָבער, ווייט ניט דער געזונטער, קרעפטיגער מאַקס זעליגמאַן, ווי מיט צוואַנציג יאָר צוריק, ווען ער האָט דעם פארם איבערגענומען. ער איז איצט א שוואַכער, פאַרהאַרעוועטער מענטש, מיט אויסגעהאָרע־וועטע ביינערדיגע הענט און פיס. מיט א שווערן גאַנג און מיט נאָך א שווערערן אָטעם.

אמת, ווען זעליגמאַן האָט איבערגענומען זיין פארם, איז ניט געווען אויף וואָס צו קוקן; דאָס איז ניט געווען קיין הויז, נאָר א חורבה. איצט האָט ער אי א פארם, אי א פופצן־רומיגע באָרדינג־הויז. אָבער א לעבן מאַכט ער אַלץ א געמוטשעטן. זומער רודערט

זיך אפילו ביי אים ווי ביי לייטן; מען קומט, מען פאָרט. דער סוף איז, אָבער, אַלעמאָל דער זעלבער — נאָכן סעזאָן בלייבט וואסער אויף קאשע. אַלץ ווערט אויפגעפרעסן און פארשלונגען פון די מאָרטגעדזשעס און אינשורענס־צאָלונגען.

די ערגסטע צייט איז ביי זעליגמאנען — ווינטער. ער דארף מפרנס זיין א ווייב מיט פיר קינדער, און אז ס'קומט ווינטער, איז פשוט ניטאָ פון וואָס צו לעבן. מען לייט און מען באָרגט אויפן חשבון פון דעם סעזאָן וואָס דארף ערשט קומען...

אויף דעם היינטיגן קאַלטן ווינטער מיט די „סטים־היט", האָט זעליגמאן געהאט גרויס האָפענונג. א היפש ביסל דערמוטיגט האָבן אים אפילו זיינע אייגענע באָרדערס וועלכע קומען צו אים זומער. „ווען איר וואָלט געהאט „סטים־היט", האָט מען אים געזאָגט, וואָלטן מיר צו אייך ווינטער אויך געקומען אויף א פּאָר וואָכן".

אייניגע פון זיינע קאָסטאָמערס האָבן אים אפילו פארזיכערט, אז ניט נאָר זיי אליין וועלן קומען, נאָר זיי וועלן מיטברענגען א גאנצן „קראוד" — זאָל נאָר זיין סטים...

— איך וועל האָבן סטים! — האָט זעליגמאן געענטפערט א צעוואָרימטער פון דעם צוזאָג — איר וועט זען, אז נאָך היינטיגן ווינטער וועט ביי מיר זיין סטים!...

א גוטן ביישפיל האָט אויך זעליגמאן געהאט פון זיינעם א שכן מיטן נאָמען מעלניק. דער דאָזיגער מעלניק האָט אויך אַזא הויז ווי זיינע, און דאָרט האָט מען אויך איינגעריכט סטים. זעליגמאן ווייס גאנץ גוט, אז קיין גליקן מאכן ניט זיינע שכנים פון זייערע ווינטערדיגע ביזנעס. ער ווייס, אָבער, אויך, אז אין פארלויף פון ווינטער געפינען זיך דאָרט אַלעמאָל עטלעכע באָרדערס, און די מעל־ניקס לעבן זיך פון דעם גאנץ פיין דורך.

ביי זעליגמאנען אין הויז זיינען נאָך דערווייל קיין באָרדערס ניטאָ. עס האַלט שוין ווייט אין האַלבן ווינטער און קיינער קומט ניט... בלויז איין מאָל האָט גראדע יאָ פארבלאָנדזשעט צו אים עפּעס א באָרדערקע. עס וואָלט, אָבער, געווען בעסער ווען די באָר־דערקע קומט איבגאנצן ניט. דאָס איז געווען א מיידל, וועלכע האָט א פּנים געמיינט, אז זי וועט ביי די זעליגמאנס געפינען אַלערליי

גליקן... עס איז, אָבער, קיינער ניט געקומען, און עס איז איר באַלד געוואָרן אומעטיג. עס האָט צוליב איר דעם גאַנצן טאָג און ביי־נאַכט געפּלאָקערט דער סטים, מען האָט אָנגעגרייט פון דאָס שענסטע און בעסטע, און אויף מאָרגן איז זי אַוועק צו די מעלניקס...

זעליגמאַן גייט צום פּאָסט־אָפּיס יעדן טאָג. ניט איין מאָל נאָר צוויי מאָל — אין דער פרי און פאַרנאַכט. ער גייט אַלע מאָל מיט א האָפענונג אין האַרצן, מיט דערוואַרטונגען: אפשר היינט... אפשר וועט זיך פּאָרט אימיצער לאָזן הערן אז מען קומט...

פון דעם פאַרם צום פּאָסט־אָפּיס איז א מייל די ווייט. דער וועג איז א שווערער, מיט א באַרג אַרויף און א באַרג אַראָפּ; א פאַרשנייעטער. דער שלעכטער וועג האָט אָבער זעליגמאַנען ניט אָפּ. ער שפּאַנט מיט זיין שווערן גאַנג אויף דעם גליטשיגן שניי און איז אפילו גלייכגילטיג צו זיין צרה׳דיגן אָטעם, וועלכער נעמט אים באַלד דערקוטשען... עס דאַרף זיין גאָר א שלעכטער וועטער, אז זעליגמאַן זאָל זיך דערלויבן צוצופאָרן צום פּאָסט־אָפּיס מיט זיין פּאָרדל. אממייסטן גייט ער צופוס. ער זשאַלעוועט פּשוט דאָס ביסל געזן. יעדעס מאָל ווען עס האַלט שוין דערביי, אז ער זאָל נעמען די מאַשין, באַרעכנט ער זיך באַלד אז ער וועט בעסער „צור־וואַקען״; עס וועט אים גאַרנישט שאַטן דאָס „שטיקל״ וועג.

עס פאַרשאַדט אים, אָבער, יאָ. אין דרויסן איז א פראָסטיגע קעלט. עס בלאָזט א שניידנדיגער ווינט גלייך אים אין פּנים אריין. ער ווערט א פאַרסאָפּעטער, א פאַרשוויצטער. ער באַהאַלט טיפער די הענט אין די צוויי אָפּגעשטאָנענע פראָנט־קעשענעס פון זיין שעפּסענעם פעלצל, וואָס הענגט אויף אים ווי אַ זאַק; ער ציט טיפער איין זיין קאָפּ מיט דעם לאַנגן קנאָכיגן פּנים אין אויפגעשטעלטן קאָל־נער אריין. אונטער זיינע שווערע טריט מיט די שניי־שיך סקריפּעט דער געפרוירענער שניי, און פון זיין שווערן אָטעמען יאָגט אים א פּאַרע פון מויל ווי פון א קאָכעדיגער כלי.

אין פּאָסט־אָפּיס קלעפּט ער באַלד צו זיינע אויגן צו דעם קליי־נעם אָפּגעזונדערטן בריוו־קעסטעלע וואָס טראָגט זיין נומער — און אַלע מאָל דאָס זעלבע — נישטאָ פאַר אים גאָרנישט... דאָס איינציגע וואָס וואַרט אויף אים יעדן טאָג אין דעם בריוו־קעסטל פּינקטלעך

ווי א זייגער, איז די צייטונג, אויף וועלכער ער איז שוין פון יאָרן אבאָנירט. אין דער זעלבער צייטונג דערשיינט אן אנאָנס וועגן די „סטים־היט"... און די טעג ווען עס דרוקט זיך דער אנאָנס, גייט ער ניט ארויס פון פּאָסט־אָפיס, ביז ער כאַפּט ניט א קוק, צי דער „עד" איז דאָ. ער עפנט אויף די צייטונג, זוכט באלד אויס מיט די אויגן דאָס באקאנטע קעסטעלע מיט דער אָפּגעדרוקטער רעקלאַמע, און כאָטש ער האָט שוין די ווערטער צענדליגער מאָל איבערגע־לייענט און קען זיי שוין אויף אויסנווייניג, לייענט ער זיי נאָכאמאָל איבער. הויפּטזאַכלעך לאָזט ער ניט אָפּ די ווערטער אויף וועלכע ער האָט געלייגט שווער געוויכט, אז זיי וועלן אים ברענגען ביזנעס.

ער קוקט אויף די ווערטער מיט א געפיל פון פאָרוואורף צו זיך אליין און לייענט זיי מיט די אויגן, מיטן הארץ:

„איך לאָז וויסן אַלע מיינע פריינט און באקאנטע, אז איך האָב איינגעפיקסט סטים־היט אין מיין באָרדינג־הויז מיט אלע ווינטערדי־גע באקוועמלעכקייטן. די פרייזן ביליגער ווי איבעראל. קומט און איבערצייגט זיך".

פון פּאָסט־אָפיס גייט ער ארויס אַן אַנטוישטער. ער איז זי־כער, אז ער האָט, דאכט זיך, געטאָן אַלץ וואָס מען האָט באדארפט. ער האָט אנאָנסירט אין צייטונג, ארויסגעשיקט בריוו צו אלע זיינע באקאנטע...

אַלס צוגאָב קומט אים נאָך איצט אויס פארבייצוגיין זיין שכנ'ס הויז, די מעלניקס... ער ווערט ביי זיך נאָך מער געפאלן. ביי די מעלניקס אין הויז איז איצט ברעקפעסט־צייט, און זעליגמאן כאפּט אויף מיט די אויגן און מיט די אויערן די פריילעכקייט מיט דעם גערודער וואָס רייסט זיך פון דאָרט. ער זעט ווי דער עס־צימער איז באלויכטן מיט די עלעקטרישע לאָמפּן, ער הערט דאָס קלינגען און קלאפּן פון געשיר...

ער שאַצט אָפּ אין גדאנק, אז ביי די מעלניקס זיינען איצט פאראן אפשר א צען באָרדערס — אויב ניט מער. ווינטער איז דאָס אָבער א סך... ווען ער האָט כאָטש א העלפט... ער האָט אָבער קיין איינעם אויך ניט...

עס ציט אים אין הארצן...

מ. אַדערשלעגער

ער ציט טיפער איין דעם קאָפּ אין אויפגעשטעלטן קאָנלער און נעמט גיין אין זיין שפּל׳דיקייט, ווי איינער וואָס איז באגאנגען עפּעס א מיאוס׳ע טאָט און שעמט זיך מען זאָל אים זען... עס קלאפּט און שטעכט אים איצט בלויז איין געדאנק: — ער איז אומ־גילקלעך! ער האַלט זיך אין טרינקען און האָט ניט ווער עס זאָל אים ראטעווען...

* * *

פונקט אזוי שווער און ביטער אויפן הארצן איז אויך זעליג־מאנ׳ס פרוי, אָדער „סערקעלע״, ווי ער רופט זי.

אויף דער דאָזיגער סערקעלע זאָגט מען, אז זי איז אמאָל גע־ווען א שיינהייט פון א פרוי. איצט איז שוין אפילו ניט צו דער־קענען אז זי איז אמאָל געווען שיין. א שוואכע, אויסגעהאָרעוועטע פרוי מיט אן איינגעשרומפּענעם גוף, וואָס האַלט זיך קוים אויף די פיס.

יעדעס מאָל ווען זי צערעדט זיך פון איר „זיסן״ לעבן, קען מען פון איר הערן די זעלבע ווערטער:

— דאָס איינציגע וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט פון די צוואנציג יאָר האָרעוואַניע אויף דעם גאָלדענעם פאָרם, איז רו־מאָטעס — אן אָנגעפּאַקטע מיט רומאָטעס בין איך!

פון די פרישע חובות מיט דעם סטים, איז זי איצט גאָר א צעשרויפטע.

די מיסעס זעליגמאַן האָט זיך געהאַלטן האַרט ווי אייזן ביז אין דער לעצטער מינוט: מען דאַרף ניט קיין סטים! אז מ׳האָט אייגן געלט, — האָט זי גע׳טענה׳ט צום מאַן, — שטעלט מען איין. אָבער אז ס׳איז ניטאָ אַ דאָלער ביי דער נשמה, דאַרף מען ניט נעמען און זיך אליין אָנטאָן אַ שטריק אויפן האַלז...

איצט ליגט דער שטריק אויפן האַלז און דער סטים נאָגט ביים האַרצן...

אז זעליגמאַן קומט פון פּאָסט־אָפיס, פרעגט אים שוין אפילו ניט די פרוי, צי ער האָט עפּעס געבראכט. זי דערקענט שוין

אַן זיין אַריינקומען, אַז זי האָט ניט וואָס צו פרעגן. זי שווייגט, און דאָס שווייגן מיינט מער ווי זי וואָלט גערעדט. די גאַנצע קאַכעניש ליגט איר אין האַרצן. ס׳איז אַ קרענקונג, פאַרמישט מיט קנאה — ביי די מעלניקס איז ביזי און ביי איר פוסטעוועט...

איר שווייגן האָט אויך צו טאָן מיט דעם וואָס זי וויל איר מאַן ניט אָפּעסן דאָס האַרץ. זי ווייס, אַז איר מאַקס איז אַ שוואַכער מענטש און אים איז איצט גענוג ביטער.

אין גאַנצן שווייגן קען זי אָבער אויך ניט.

זי זיצט טיף געבויגן מיט איר איינגעשרומפּענעם גוף, די דינע הענט פאַרלייגט אויפן האַרץ און זאָגט מיט אַ מינע ווי זי וואָלט, חלילה, גאָר ניט געמיינט:

— ביי די מעלניקס איז פונדעסטוועגן גאַנץ ביזי, האָב איך געהערט...

— ניט געפּערלעך, — פּילט זיך דער מאַן שולדיג און ענט־פערט, קוקנדיג אין דער צייטונג, — פאַראַן דאָרט, מסתמא, עט־לעכע מענטשן...

— עטלעכע איז אויך גוט, — האַלט זיך די פרוי מיט דערזעל־בער רואיקייט, — גאַרנישט איז דען בעסער?...

זי קען ניט איינהאַלטן די קאַכעניש אין האַרצן און לייגט צו שוין מיט אַ שווערן זיפץ:

— מ׳האָט באַדאַרפט האָבן די סטים ווי אַ לאָך אין קאָפּ...

— כ׳האָב דאָס שוין געהערט טויזנט מאָל, סערקעלע! — ענט־פערט שוין דער מאַן געטראָפן. — וואָס איז איצט צו טענה׳ן, וואָלט איך וועלן וויסן? אַבי גערעדט...

— עס טוט ווייַ, רעד איך אַזוי, — שטייגט ביי סערקעלען אַלץ שאַרפער איר צערודערטקייט. — כ׳האָב זיך ביי דיר געבעטן מיט טרערן: מען דאַרף ניט נאָכטאָנצן די מעלניקס... נאָר די מעלניקס האָט זיך אים געוואָלט נאָכטאַנצן!...

ביי אַזאַ איבעררייד קען שוין די פרוי ניט זיין איבערקלייבע־ריש מיט ווערטער. זי פאַרגעסט דאָן אינגאַנצן, אַז זי האָט ניט קיין געזונטן מאַן, וועלכן מען טאָר ניט דערצערענען, און עס פלאַ־קערט אין איר אויף דער גאַנצער סם און ביטערניש פון איר שווער

געמיט. זי האָלט דעם מאַן אין איין אויפוואַרפן, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, פאַרוואָס ער האָט זי ניט געפאָלגט; פאַרוואָס, אַז זי זאָגט עפּעס אַ גלייכע זאַך, איז ביי אים פּונקט ווי אַ קינד וואָלט גערעדט — און דער עיקר — אַז אַלע צרות קומען נאָר פון דעם וואָס ער טאַנצט נאָך מעלניק׳ן...

און זי ענדיגט נאָך שאַרפער:

— האָסט ניט נאָכגעטאַנצט מעלניק׳ן און געמאַכט פון פאַרם אַ באָרדינג הויז? און מיט דער קאַסינאָ, וואָס האָט ארויסגעצויגן דעם מאַרך פון די ביינער, האָסטו ניט נאָכגעטאַנצט מעלניק׳ן?...

קיין גוטס קומט שוין פון אַזאַ איבעררייד ניט ארויס. צווישן מאַן און ווייב ווערט באַלד אַ קריגעריי און עס נעמען פליען שאַרפע גיפטיגע ווערטער. מען שרייט, מען באַליידיגט זיך; און דער סוף איז, אַז סערקעלע נעמט זיך שטיקן אין טרערן.

— מיר וועלן דאָך ארויס אָן אַ העמד פון דאַנען? — ציטערט איר קול ביי דעם אויסברוך. — ווער האָט דאָס כוח אויסצוהאַלטן אַזאַ הויז מיט סטים!...

עס איז קיין קלייניקייט ניט. יעדעס מאָל ווען די מיסעס זעליגמאַן טוט אַ קוק אויף דעם ריזיגן אויוון, וועלכער שטייט אין קעלער און פלאַקערט בייטאָג און ביינאַכט מיט אַ העליש פייער, פאַלט אויף איר אָן אַ פּחד.

פון לאָזן־מאַכן דעם סטים יעדן טאָג אין וואָך, האָט שוין איצט קיין רייד ניט געקענט זיין. זעליגמאַן האָט גאָר אינגיכן אָפּגעשטעלט דעם גאַנצן הייץ־אַפּאַראַט און זיך צוריק אריינגערוקט מיט זיין געזינדל אין די ענגע פּאָר צימערן, וואו ער ווינטערט אַלע יאָר. קיין לעבן איז דאָס ניט. עס איז ענג, רויכיג, און אַז מען לייגט זיך ביינאַכט אריין אין בעט, איז קאַלט ווי אין אַן אייז־באַקס.

מער פון אַלץ איז אַ רחמנות אויף דעם פאַרמער׳ס קינדער. אַז דער סטים „גייט" איז דאָס הויז פול מיט קינדערישער פרייד. זיי האָבן שוין פאַרזוכט דעם טעם פון דער באַקוועמלעכקייט, ליידן זיי איצט. אין קאַלטע טעג טוליען זיך זעליגמאַנ׳ס אַלע פיר קינדער צו דער מוטער און האַלטן אין איין צושטיין צו איר מיט קינדערישן קאַפּריז; פאַרוואָס מאַכט מען ניט דעם סטים?...

— פרייטיק וועט זיין סטים, — פטר'ט זיי די מוטער אָפּ מיט אַ קורצן ענטפער. — פרייטיק, קינדערלעך.

פאר דעם אייגענעם פארגעניגן וואָלטן זיך די זעליגמאנס פריי־טיק אויך געקענט באגיין אָן סטים. זיי טוען דאָס, אָבער, צוליב דעם „וויק־ענד". זיי האָפן אלע, אז אין די טעג פון סוף־וואָך קען אפשר דאָך אימיצער ארייַנפאלן. מען האָט פאַרט אנאָנסירט אין צייטונג, מען האָט ארויסגעשיקט בריוו צו אלע זייערע קאָסטימער...

אין אזעלכע טעג לויפט זעליגמאן צום פּאָסט־אָפיס מיט פרישן מוט. ער דערלויבט זיך אפילו אין אזא טאָג צו פּאָרן אין זיין אויטאָמאָביל.

עס לאָזט זיך, אָבער, אלעמאָל אויס דאָס זעלבע: קיינער קומט ניט און קיינער לאָזט פון זיך ניט הערן.

דעמאָלט איז שוין אפילו אין די פּאָר טעג אויך אַ שאָד וואָס מען לאָזט דעם סטים. ביי דער מיסעס זעליגמאן הייסט דאָס, אז „מען לייגט דאָס לעבעדיגע אויפן טויטן"... זי זיצט אָן אנגעצויגע־נע ביים הייסן ראַדיאַטאָר און עס גייט איר אויף אַ מינוט ניט ארויס פון קאָפּ דאָס העלישע פייער וואָס פלאקערט אונטן אין אויוון... דאָס ביסל ווארימקייט באקומט איר ניט. עס דאכט זיך איר, אז די ראַ־דיאַטאָרס קאָכן צו שטארק; עס גייט אוועק צופיל סטים...

זי קען זיך ניט בארואיגן און מוז אַ זאָג טאָן צום מאַן:

— זאָג נאָר, מעקס, מען קען אפשר אָפּשטאָפּן אביסל דאָס פייער, עס זאָל ניט אזוי שיסן דער סטים...

מעקס, וועלכער איז דער גאנצער אויפפאסער אויף דעם אויוון מיט די סטים, זעט ניט עס זאָל „שיסן", און ער ענטפערט שארף:

— עס שיסט ניט. דער סטים ארבעט פונקט ווי עס באדארף צו זיין, ווי עס טיקט דער זייגער.

דער פּוירנעס וואָס שטייט אין קעלער ברענט אויף אויל און דער „זייגער" איז אַ קליין אויטאָמאַטיש אַפּאַראַטל מיט אַ רויטן ווייזערל, וואָס הענגט אין שטוב אויף דער וואנט און רעגולירט די היץ. ביי יעדן מאָל וואָס די טעמפּעראטור ווערט נידעריגער, לאָזט זיך דאָס אפּאראטל הערן מיט אַ „טיק" און דאָס רויטע ווייזערל טוט זיך צוריק אַ כאַפּ ארויף אויף דעם באשטימטן נומער.

## מ. אַדערשלעגער

די זעליגמאַנס ווייסן שוין אַקוראַט, אַז יעדעסמאָל ווען דער זייגער גיט אַ „טיק", מיינט דאָס אַז דער אויוון אונטן האָט איינ־געשלונגען אַ גאַנצן גאַלאָן אויל. און אַזעלכע „טיקעלעך" הערן די זעליגמאַנס דורכן טאָג אין די צענדליגער.

דער דאָזיגער זייגער איז פאַרן פאַר־פאָלק ווי אַ בלוטיגער שונא — אַ רויב־פויגל!

פאַר מרס. זעליגמאַן איז דאָס נאָך ערגער. איבערהויפּט ווען זי זעט ס׳איז שוין באַלד אַוועק נאָך אַ וויק־ענד, און קיינער קומט ניט. דערצו איז נאָך איצט אין הויז אַזאַ באַנגנדיגע שטילקייט, כאָטש נעם און אַנטלויף וואו די אויגן טראָגן. עס איז עפּעס אַזאַ ווייטאָג, אַז מען קען דאָס אַפילו פאַר קיינעם ניט דערציילן. אין הויז איז וואַ־רים, דער עס־צימער איז צוגעגרייט מיט אַלע קלייניקייטן; עס שטייען אויסגעשטעלט די טישן מיט קלאָר־באַדעקטע טישטוכער, מיט זאַלץ און פעפער אינמיטן; מיט די ריין־געוואַשענע וואַסער־קריגלעך; עס איז ריין און ציכטיג אין יעדן ווינקעלע — נאָר פּוסט... אַ פּוסטקייט וואָס שניידט ווי מיט מעסערס...

אין אַזאַ צייט, אַז דער זייגער לאָזט זיך הערן מיט זיין „טיק", בלייבט דאָס שטעקן אין די הערצער פון די צוויי מענטשן ווי אַ גיפ־טיג שפּיזל.

די מיסעס זעליגמאַן וואָלט וועלן עס זאָל שוין וואָס גיכער אריי־בער די פאָר טעג, מ׳זאָל פאַרמאַכן דעם סטים. עס קאָסט איר גע־זונט.

זי קען זיך קיין אָרט ניט געפינען און טוט פּלוצלינג אַ זאָג, גלאַט אין דער וועלט אריין:

— פונדעסטוועגן, מיין איך, אַז קוילן וואָלט געקאָסט אַ סך ביי־ליגער ווי אויל... די אויל איז עפּעס גאָר אַ שרעק...

אמשווערסטן דערקוטשעט דאָס „טיקען" פון דער מאַשינקע ביינאַכט. דורך די פענסטער קוקט אריין אַ ווייסער פּראַסטיגער דרויסן; דער אָנגעשאָטענער שניי איז פאַרגאָסן מיט קאַלטן לבנה־ליכט; און ביי די זעליגמאַנס אין הויז שלאָגט מיט וואַרימקייט.

מאַן און ווייב ליגן אויף זייער געלעגער אין דער מחיה׳דיגער וואַרימקייט, נאָר איינשלאָפן איז שווער. עס לאָזט ניט דער זיי־

גער... דאָס בייזע אַפּאַראַטל הענגט ניט ווייט פון זייער צימער און עס „טיקעט״ זיי אין קאָפּ, אין הארצן...

סערקעלע האָט שוין איצט דורכגעוואָרפן אין איר מוח אַלע באַרדערס, וועלכע זיינען ביי איר געווען זומער. זי האָט אויפן קאָפּ אַלעמענס נעמען; זי ווייס אַקוראַט צו וועמען מען האָט געשיקט די בריוו, און זי קען ניט פארשטיין פארוואָס מען הערט פון קיינעם אַ וואָרט ניט. איבערהויפּט לאָזט איר ניט אָפּ דער געדאנק פון די מענטשן, וועלכע האָבן איר צוגעזאָגט מיט אזא פארזיכערונג, אז אויב זיי וועלן נאָר האָבן סטים־היט, וועלן זיי קומען.

— ווייסט, מעקס, — פאַלט איר מיט אמאָל איין, — איך טראַכט, אז צו די גאָלדשטיינס און צו די ווייסעס וואָלט מען אפשר באדארפט שיקן נאָך אמאָל בריוו. עס לייגט זיך עפּעס ניט אויפן שכל, אז מען זאָל פון קיינעם אפילו א וואָרט ניט הערן...

— אויב דו ווילסט, קען מען שיקן, — גיט זיך מעקס באַלד אונטער. — זיי האָבן יענע בריוו זיכער דערהאַלטן און אויב זיי וועלן האַלטן ביים פאָרן אין קאַונטרי, וועלן זיי זיכער קומען צו אונז. די גאָלדשטיינס געווים.

סערקעלע געפינט אין דעם א שוואכן טרייסט און ענטפערט אָן טעם:

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת: טאָמער דאַרף קומען בלויז די גאָלדשטיינס אליין, וואָלט איך שוין בעסער געוואָלט, אז זיי זאָלן ניט קומען. עס קען זיך נאָך מיט זיי אויסלאָזן דאָס זעלבע וואָס מיט דער מיידל, וועלכע איז ביי אונז געווען. זיי וועלן קומען און זען, אז קיינער איז נישטאָ, וועלן זיי באַלד אנטלויפן... און אפשר נאָך צו די מעלניקס...

ביי סערקעלען אין הארצן ליגט נאָך איצט אויך דער פאַרדרוס מיט דער קרענקונג וואָס די באַרדערקע האָט דאן איבערגעלאָזט מיט איר קומען און אנטלויפן...

זי צערעדט זיך פון דעם מיט דערזעלבער ביטערקייט ווי דאָס וואָלט ערשט היינט געטראָפן, און ענדיגט מיט קנאה:

מ. אַדערשלעגער

— זעסט דאָך, די מעלניקס האָבן מזל. דאָרט איז ביזי און מיר זיצן מיט די ליידיגע ווענט...

זעליגמאַן הערט יעדעס וואָרט וואָס זיין ווייב רעדט און ער האָט ניט וואָס צו ענטפערן: ער ליגט מיט אָפענע אויגן צו די פענס־טער, צו דעם קאַלטן ליכטיגן דרויסן...

# צוריק אויפֿן פֿאַרם

אינמיטן ווינטער האָט די ניט־לאַנג פֿאַרהייראַטע עוועלין גע־מוזט אויפֿגעבן איר שטאָטישע היים און זיך אוועקלאָזן מיט איר פּיצל קינד צו אירע עלטערן אויפֿן פֿאַרם.

קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען. איר מאַן הערי, וועלכער איז אַלע מאָל געווען א גוטער פֿאַרדינער, איז שוין א צייט ארומגע־גאַנגען אָן ארבעט און אַלץ האָט זיך אויסגעשעפּט. ביי עוועלין אויפֿן פֿינגער פֿעלט שוין אפילו דאָס דימענטענע רינגל וואָס הערי האָט איר געגעבן ווען זי איז פֿאַר אים א כּלה געוואָרן. און פֿון זיצן ווייטער אין דער וואוינונג און צאָלן דירה־געלט, האָט מער קיין רייד ניט געקענט זיין. דאָס בעסטע וואָס זיי האָבן איצט געקענט טאָן, איז אויפֿגעבן די היים, אוועקשטעלן זייער ביסעלע זאכן אין „סטאָרעדזש״, און זי, עוועלין, זאָל מיטן קינד אוועקפֿאָרן צו אירע עלטערן.

עס איז איר פֿון דעם געווען ביטער ווי גאַל, עוועלינ׳ען. כאָטש דער פֿאַרם איז געווען איר היים פֿון איר פֿריסטער קינדהייט, האָט זי דעם פֿאַרם ניט גערן געהאָט. די דאָרפֿישע איינזאמקייט מיט די קאַל־טע אומעטיגע ווינטערן האָבן זיך איר איינגעגעסן אין די ביינער אויף איר גאנצן לעבן. אפילו איצט, אז זי קומט אמאָל באזוכן אירע עלטערן, קען זי דאָרט אויך ניט זיין מער ווי א טאָג אָדער צוויי. עס ציט זי צוריק צו דער שטאָט און נאָך מער צו איר היים, וואָס איז איר געווען אזוי ליב און טייער...

עס האָט איר געשניטן אין הארצן, עוועלינ׳ען, אין יענעם טאָג, ווען איר היים איז צעבראָכן געוואָרן. ביי יעדן שטיקל מעבל וואָס מען האָט ארויסגעטראָגן פֿון הויז אוועקצופֿירן אין „סטאָרעדזש״, האָט זי זיך באַגאָסן מיט טרערן.

— גיט אַכטונג, איך בעט אייך, — איז זי נאָכגעגאנגען די

טרעגער מיט א ציטעריג קול ביז צו דער טיר — זעט, איך בעט אייך, איך זאָל קיין שאָדן ניט האָבן.

אין איין האַלבער שעה איז עוועלין שטיין געבליבן אין אירע דריי אויסגעליידיגטע צימערן, ווי זי וואָלט דאָ געווען א פרעמדע. בלויז מיטן פיצל קינד און מיט די עטלעכע פעקלעך וואָס זי האָט באַדאַרפט מיטנעמען מיט זיך, איז זי געבליבן. יעדעס ווינקל פון וועלכן עס האָט ערשט ארויסגעזונגען און ארויסגעשיינט עוועלינס יונג־באַלעבאטישע ריינקייט און זויבערקייט, האָט איצט געשלאָגן מיט אומעט, מיט פוסטקייט. נאקעטע ווענט, נאקעטע דילן. און די טירן מיט א הפקר׳דיגער צעפראַלטקייט, ווי עס וואָלט אין דער וואוי־נונג נאָר־וואָס פאָרגעקומען עפּעס א ווילדער פרעמדער איבערפאַל.

— ווער ווייס ווען מיר וועלן אמאָל ווידער האָבן אהיים... — האָט עוועלין געזיפצט צו איר מאַן א צעקלעמטע. — מיט איינ־מאָל איז פון אַלץ א תל געוואָרן...

— נעם זיך ניט צום הארצן, — האָט הערי זי געטרייסט — איך וועל אייביג ניט ארומגיין אָן ארבעט. איך וועל ניט רוען, ווערסט זען, אז ווי נאָר איך וועל אָנהויבן ארבעטן, וועלן מיר ווידער האָבן א היים. איך האָף, אז דו ווערסט אויפן פאָרם לאנג ניט דאַרפן זיין...

עס איז געווען אַ טאָג פון אומעט און טרויער ווען עוועלין האָט זיך אוועקגעלאָזט מיטן קינד צו אירע עלטערן. כאָטש הערי איז איר געזעסן ביי דער זייט און זי געטרייסט די גאנצע צייט וואָס זי איז געפאָרן, איז איר הארץ געווען פול מיט ווייטאָג. ווי א שיינער חלום, האָט זיך איר געדאכט, זיינען אנטלאָפן די קנאַפּע צוויי יאָר זינט זי האָט מיט איר הערי׳ן חתונה געהאט. ווי פון זיך אליין איז פאַר איר ארויסגעשוואומען דער טאָג ווען זי איז פונקט ווי היינט, צום ערשטן מאָל, געפאָרן מיט הערי׳ן פון פאָרם צו איר נייער היים... ווי גליקלעך זי איז דאַן געווען... איצט איז מיטאמאָל געוואָרן אויס היים...

ווי נאָך א שרפה האָט זי זיך איצט געפילט. עס איז איר אויף א מינוט ניט אוועק פון די אויגן מיט וואָס פאַר א יאָגעניש און איילעניש מען האָט געשלעפּט און געריסן די זאכן פון איר היים.

נאָך מער איז זי געווען אומרואיג, וואָס אירע זאַכן וועלן שטיין אין א „סטאָרעדזש".

זי האָט זיך אָן דעם אַלע ווײַלע דערמאָנט און געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— עס וועט דאָרט, מסתמא, פון אַלץ אַ תל ווערן. איך האָב שוין געהערט וואָס עס ווערט פון מעבל, וואָס מען האַלט אין די „סטאָרעדזשעס"...

— עס וועט ניט ווערן קיין תל, — פּרואווט הערי איר מאַכן גרינגער — מיר זײַנען ניט די אײנציגע וועלכע האַלטן זאַכן אין אַ „סטאָרעדזש". אין ערגסטן פאַל וועלן מיר זיך לאָזן קאָסטן עטלעכע דאָלער און מען וועט דאָס מעבל לאָזן אויפּפרישן, וועט דאָס אויסקוקן ווי נײַ...

קיין אַנדער אויסוועג האָט דאָס פּאָר פאָלק ניט געהאַט אין זייער איצטיגער לאַגע. דער חשבון איז געווען אַ פּשוט'ער: עווע־לין מיטן קינד וועט זײַן בײַ אירע עלטערן אויפן פאַרם, און ער, הערי, וועט זײַן אין ניו־יאָרק, ביז ער וועט ווידער אַנהויבן פאַרדי־נען. דערווײַל וועט ער וואוינען בײַ זײַנער אַ טאַנטע און עס וועט אים אויך גאָרנישט קאָסטן. די טאַנטע האָט דאָס אים אַליין פאַר־געשלאָגן. אפילו פאַרן עסן וועט זי אים גאָרניט רעכענען.

הערי'ס וואוינען בײַ זײַן טאַנטע איז פאַרבונדן מיט נאָך אַ זאָרג וואָס לאָזט עוועלינען ניט רוען. ס'האָט זיך ארײַנגעכאַפּט אין איר אַ שרעק צוליב א יונג ווײַבל, וועלכע וואוינט מיט דער טאַנטע א טיר בײַ אַ טיר. אַ ווײַבל וואָס איז ניט מיטן מאַן, א שיינע, א פריילעכע..

פון דער ערשטער מינוט וואָס עוועלין האָט דאָס ווײַבל דערזען, האָט זיך איר געלייגט ווי אַ שווערער שטיין אויפן האַרצן. אמת, זי ווייס, אז אַזאַ געטרייען מאַן ווי איר הערי איז, איז ווייט צו זוכן. און ליב האָט ער זי, אַז ער וואָלט דאָס לעבן פאַר איר אַוועקגעגעבן. אָבער בײַ דער טאַנטע וואָלט זי ניט געוואָלט ער זאָל וואוינען. דאָס ווײַבל איז דאָרט אָן אָפּטע ארײַנגייערקע און זי וועט אים פאַרט אַלעמאָל זײַן פאַר די אויגן. זי וועט אים רייצן מיט איר שיין פּנים'ל, מיט איר דין פיגורקעלע...

און איצט, זיצנדיג אין לויפנדיגן צוג, ווערט איר פון דעם נאָך

שווערער. זי ווייס ניט וואו איר קאָפּ איז געווען וואָס זי האָט פריער ניט פאַרכאַפּט. עס לויפט איר ערשט איצט דורך אין געדאַנק וואָס פאַר א שרעקלעכער ריס דאָס קען מאכן אין איר לעבן. ערגער פון אַלץ איז דאָס וואָס זי קען אפילו מיט העריין וועגן דעם ניט רעדן.

אינגאַנצן שווייגן קען זי אָבער אויך ניט. עס שטעכט איר אין האַרצן, אַז זי טראַכט פון דעם. אַפילו ווען דאָס ווייבל וואָלט דאָרט ניט געווען, וואָלט זי אויך ניט געוואָלט, אז הערי זאָל דאָרט וואוינען. ער וועט זיך דאָרט פילן ווי אַן אָנגעוואָרפענער. אפילו קיין לייטיש געלעגער וועט ער דאָרט ניט האָבן. זי האָט געזען דאָס בעטל אין וועלכן ער וועט דארפן שלאָפן און עס האָט זיך איר געוואָלט וויינען...

זי כאַפּט זיך אָן דעם אָן ווי אין א געווינס.

— הערסט, הערי,—זאָגט זי אין איר צערודערטקייט—איך טראַכט, אז ווי פאַרענגט מיר זיינען איצט וואָלסטו באדארפט טאָן דאָס לעצטע ניט צו וואוינען ביי דער טאַנטע. ס׳איז טאקע זייער פיין פון דיין טאַנטע וואָס זי וויל דיר העלפן, אָבער דו וועסט זיך ניט פילן גוט. איך האָב ערשט איצט גענומען טראַכטן פון דעם. וועסט זיך דאָרט פילן ווי אַן אָנגעוואָרפענער און קיין לייטיש געלעגער וועסטו דאָרט אויך ניט האָבן. איך האָב געזען דאָס בעטל אין וועלכן דו וועסט דאַרפן שלאָפן און עס איז עפּעס גאָר קיין געלעגער ניט. וועסט ווערן אַ פאַרמאַטערטער... וועסט ארויס פון די כוחות...

— איך ווייס דאָס אַליין אויך, — גיט איר הערי געגרעכט — אָבער ווי אזוי קען איך זיך איצט דערלויבן צו צאָלן פאַר אַ צימער פון אַ טאָג אָדער צוויי טעג ארבעט וואָס איך קריג אמאָל? און עסן? און די עטלעכע דאָלער א מאָנאַט וואָס מען דארף צאָלן פארן „סטאָרעדזש״?... איך וועל זיך טאקע ביי דער טאַנטע אפשר ניט פילן באַקוועם, אָבער אין אזא צייט איז דאָס פאר מיר פאָרט א הילף...

עוועלין זעט, אז זי האָט מער ניט אויף וואָס צו בויען; אַז זי האָט זיך בלויז אָנגעכאפּט אָן א שטרוי... הערי וועט מוזן וואוינען ביי דער טאַנטע...

אַלס אַ צוגאָב צו איר שווערן געמיט, איז נאָך איצט דאָס קינד

אירס אויך ניט געווען רואיג. עס האָט זיך גענומען רייסן מיט אַ וויינען און שרייען, ווי עס וואָלט ניט געווען מיט אַלעמען. עס האָט ניט געהאָלפן וואָס דער פאָטער מיט דער מוטער האָבן זיך געהאַלטן אין בייטן, איבערנעמענדיג דאָס עופ'לע פון הענט צו הענט; עס האָט אויך ניט געהאָלפן דאָס פלעשל מילך וואָס מען האָט עס געהאַלטן אין איין שטופן אין מיילכל. עס האָט זיך ניט געלאָזן בארואיגן. עס איז אַזש געוואָרן רויט ווי אַ צונטער פון דעם וויינען.

— מיין גאָט!—האָט עוועלין גערופן אין איר פארצווייפלונג— וואָס פאר א צאָרן איז היינט אויסגעגאנגען אויף מיר מיט דעם קינד! איך וועל זיך דאָס לעבן נעמען!...

טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

און צוזאַמען מיט דעם קינד'ס געוויין יאָגט די באַן אין איר פולן גאַלאָפּ אַלץ נעענטער צום פאַרם...

* * *

מער ווי ביז איבער נאַכט האָט זיך הערי אויפן פאַרם ניט אויפ־געהאַלטן. ער האָט זיך געאיילט. ער האָט דעם זעלבן טאָג געוואָלט זיין אין זיין יוניאָן. ער האָט שוין געוואוסט פון דערפאַרונג, אז ער קומט יעדן טאָג אין דער יוניאָן, טרעפט אז ער קריגט אמאָל פאַרט אַ טאָג אָדער צוויי ארבעט. און דאָס הארץ האָט אים גע־זאָגט, אז פונקט היינט קאָן פאסירן דאָס גליק...

גאַנץ פרי האָט שוין אינדרויסן לעבן פאַרם הייזל געקלאַפּט און געוויכערט דער אַלטער אויטאָמאָביל, אין וועלכן הערי'ס שווער, דער פארמער, האָט אים באַדארפט צופירן צו דער באַן־סטאַנציע.

עוועלינ'ען האָט איר מאַנ'ס שנעלער אוועקפאָר נאָך מער צערו־דערט. זי האָט נאָך מיט הערי'ן געהאַט וועגן א סך זאכן צו רעדן און עס איז קיין צייט ניט געווען. אַ צעטומלטע מיט ניט אויסגע־שלאָפענע אויגן איז זי אים דעם גאנצן פרימאָרגן נאָכגעגאנגען פּיס־טריט און ניט געוואוסט אויף וואָס פאר א וועלט זי איז. עס האָט זיך ערשט איצט צעשפּילט אין איר א חרטה, פארוואָס זי האָט זיך פון דער ערשטער מינוט אָן ניט איינגעשטעלט, אז הערי זאָל ניט

וואוינען ביי דער טאַנטע. זי האָט באַדאַרפט טאָן אַלץ אין דער וועלט דאָס ניט צו דערלאָזן.

„יענע ווייבל וועט אים זיכער פאַרדרייען דעם קאָפּ,—האָט נאָך טי־פער און שטעכיגער געשריען אין איר — זי וועט אים פאַרבלענדן מיט איר שיין פּנים׳ל, מיט איר דינער פיגורקעלע; זי וועט אים אָנ־רעדן ער זאָל אַנטלויפן מיט איר"...

ביים געזעגענען זיך איז עוועלין געשטאַנען לעבן איר מאַן מיט אַ צעוויינטאָגט האַרץ. אין איינגעקלאַמערטע, מיט ביידע הענט אַרום זיין האַלז, ווי זי וואָלט אים אין דער לעצטער מינוט געוואָלט וואָס שטאַרקער באַפעסטיגן צו זיך, האָט זי פאַרלאַנגט פון אים בלויז איין זאַך: ער זאָל איר צוזאָגן, אַז ווי נאָר ער וועט פאַרדינען די ערשטע עטלעכע דאָלער, זאָל ער זיך אַרויסציען פון דער טאַנטע און וואוי־נען ערגעץ אַנדערש...

— זאָג דאָס מיר צו, הערי, — האָט זי זיך געבעטן ביי אים מיט אַ פלאַטערניש — איך וועל זיך דאָ פילן אַ סך רואיגער, אַז דו וועסט מיך פאָלגן... און פאַרגעס ניט, אַז דו לאָזט מיר דאָ איבער מיט אַ קינד... און שרייב מיר באַלד עטלעכע ווערטער — הערסט? אַלע טאָג זאָלסטו מיר שרייבן!...

אין אַ פּאָר מינוט איז שוין געווען נאָך אַלעמען. הערי איז אַוועק.

אויף דעם פאַרשנייטן דרויסן האָט עוועלין איצט בלויז געזען די שוואַרצע צייכנס פון די רעדער וואָס דער אויטאָמאָביל האָט אי־בערגעלאָזט...

# איר אַמאָליגע חבר'טע

די אַרקינס האָבן זיך היינטיגן זומער צום ערשטן מאָל ארויס־געלאָזט אין די בערג אויף זייער וואַקאַציע מיט זייער אייגענעם אויטאָמאָביל.

ניט חלילה פון קארגשאפט איז דאָס געווען, וואָס די אַרקינס האָבן נאָך ביז־איצט ניט געהאט קיין אייגענעם אויטאָמאָביל. און פון מאַנגל אין געלט אודאי ניט. אויף דעם זאָגט עדות דער וואזש־נער אַפּאַרטמענט, וואָס זיי באוואוינען אויף ריווערסאַיד דראַיוו, די קאָסטבאַרע קליידער וואָס מיסעס אַרקין פארמאָגט, און נאָך מער —די לוקסוסדיגע שטיקער צירונג מיט וועלכע זי איז באהאנגען.

מיסעס אַרקין האָט דוקא יאָ געוואָלט האָבן אַן אייגענעם אויטאָמאָביל. אַלע פּייערלעך פון גליק האָבן זיך אין איר צע־שפּילט, אז זי האָט זיך צערעדט פון אַן אויטאָמאָביל. זי האָט אָבער ניט געוואָלט נאָכגעבן נאָר דערפאר, ווייל איר מאַן האָט אויך געהאט דעם זעלבן חשק. דאָס איז שוין ביי דער פרוי אַן אלטער פּאר'עקשנ'טער קאפּריז, אז אַלץ אויף וואָס דער מאַן זאָגט יאָ, דארף זי זאָגן ניין. פונקט דאן ווען ביי אַרקינען האָט זיך צע־שפּילט די פאַנטאַזיע פון קויפן אַן אויטאָמאָביל, איז זי געזעסן ווי אַ פארפרוירענע.

— איך דארף ניט קיין אויטאָמאָביל! — האָט זי אים באַלד אָפּגעשלאָגן די פליגלען. — ביזט, קיין עין הרע, אזוי געראָטן, אז מער פעלט דיר ניט ווי טרייבן אַן אויטאָמאָביל...

אַרקין איז גראָד יאָ אַ געראָטענער. כאָטש ער איז אַ מענטש וואָס מער ווי אין חדר האָט ער ניט געלערנט און איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ פּשוט'ער סטאָליאַר, האָט ער אָבער געבוירענע פייאיקייטן פון אַ גוטן פאַכמאַן. דער בעסטער סימן איז, אז גאָר אינגיכן איז ער געוואָרן אַ גאַנצער בויער פון הייזער, געוואָרן

רייכער פון טאָג, און וואו נאָר ערגעץ א וויכטיגע בוי־אונטערנעמונג שפּילט אַרקין די ערשטע פידל. בלויז זיין אייגן ווייב האלט ניט פון אים. ביי איר איז ער אלעמאָל געווען א שלימזל און א לא־יוצלח, און איצט אויך. זי איז זיכער, אז ווען ניט זי, וואָלט ער זיך קיינמאָל ניט אויסגעטויגט אפילו א קאץ דעם עקן צו פאר־בינדן. זי לאָזט אים אויף א מינוט ניט פארגעסן, אז דאָס וואָס ער איז פון א פּשוט׳ק סטאָליאר געוואָרן א בויער פון הייזער, איז דאָס מיט איר כוח; אז נאָר מיט איר קאָפּ און מיט איר שכל האָט זי אים געשטופּט בארג־ארויף...

זי האָט שוין דעם מאַן אירן אזוי איינגעצוימט, אז ער, אר־קין אליין, איז שוין אויך איינגעגלויבט, אז פריער גאָט און דער־נאָך גאָסילע האָט אים געשטעלט אויף די פיס. ער וואַגט ניט קיין הויך וואָרט ארויסצורעדן אין זיין גאָסי׳ס געגנוואָרט. אלץ וואָס זי זאָגט איז הייליג. עס איז גענוג ער זאָל זיך בלויז ארויס־כאַפּן מיט א וואָרט, וואָס איר געפעלט ניט, און זי גיט אים באלד גאווה׳דיג א זאָג:

— וואָס קלערסטו, האָסט זיך נעבעך גאָר אָפּגענארט אין מיר... וואָלסט געהאט אן אנדערע, וואָלסטו נאָך איצט אויך געווען א פּראָסטער סטאָליאר...

מיט קויפן אן אייגענעם אויטאָמאָביל האָט זיך אָבער מיסעס אַרקין דאָך געמוזט אונטערגעבן. זי האָט זיך שוין פּשוט געשעמט פאר מענטשן. „ווער האָט דאָס ניט היינטיגע צייטן אן אייגענעם אויטאָמאָביל?״ האָט זי זיך געהאלטן אין איין אויפוואָרפן.

קיינמאָל האָט זיך נאָך אין דער פרוי ניט צעפלאַמט אזא טי־פער באגער פאר אן אייגענעם אויטאָמאָביל, ווי אויף איר פארא־יאָריגער וואַקאַציע. זי איז געשטאנען אין א רייכן האָטעל און אלע אירע באקאנטע, מיט וועלכע זי האָט זיך דאָרט געטראָפן, האָבן געהאט אייגענע אויטאָמאָבילן. ס׳האָט איר געפלאַמט דאָס פּנים, אז ס׳איז געקומען סוף וואָך און איר מאַן איז געקומען צו־פאָרען מיטן באָס... אלע מענער פון איר באקאנטע זיינען גע־קומען מיט אייגענע אויטאָמאָבילן און איר מאַן איז געקומען ווי א „שלעפּער״...

דערפאר האָבן די אַרקינס איצט געקויפט א מאַשין, וואָס שטייגט איבער אַלע אויטאָמאָבילן פון זייערע באַקאַנטע. א „פּע־קאַרד" האָבן זיי געקויפט און אוועקגעלייגט פאר אים ביז צוויי טויזנט דאָלער.

אין דעם טאָג פון דער רייזע אין די בערג איז דער נייער „פּע־קאַרד" געשטאַנען אין דרויסן לעבן די אַרקינ׳ס הויז און האָט אַזש געבלענדט די אויגן מיט זיין שאַרפן העל־בלויען גלאַנץ. און פאַר־מאָגט האָט דער אויטאָמאָביל אַלע מאָדערנע לוקסוסן און באַק־וועמלעכקייטן. דריי סאָרטן ליכט־פּראָזשעקטאָרס, א ראַדיאָ, א זייגער, און דער האָרן האָט ניט געבלאָזן ווי א געוויינלעכער אוי־טאָמאָביל־האָרן, נאָר האָט אויסגעשפּילט א סיגנאַל, ווי דער טראָמ־פּייט פון א מאַרשירנדער אַרמיי.

מיסעס אַרקין איז אין יענעם פרימאָרגן געווען שטאַרק צע־פלאָמט. כאָטש דער אויטאָמאָביל האָט פאַרמאָגט א קופּערט, אין וועלכן מ׳האָט געקענט אריינפּאַקן א וועלט מיט זאַכן, האָט זי נאָך אַלץ ניט געהאַט גענוג פּלאַץ פאַר די אַלע קליידער און שמאָכטעס וואָס זי האָט מיטגענומען. זי האָט זיך גאָר קיין עצה ניט גע־קענט געבן, מיסעס אַרקין. זי האָט געהאַלטן אין איין לייגן און איבערלייגן און צום סוף האָט זי ערשט געמוזט די בעסטע קליידער צעלייגן און צעהענגען אין אויטאָמאָביל גופא.

אָן אויסגעפּוצטע מיט שטאַרק־אָנגעפּאַרבטע ליפּן, מיט אירע שווערע באָמבלענדיגע דימענטענע אוירינגלעך אין די אויערן און מיט אַלע רינגען אויף די פינגער, האָט זי זיך ענדלעך אוועקגעזעצט אין סאָמע פּראָנט לעבן איר מאַן א באַרואיגטע, א פאַרטיגע.

כאָטש דער אויטאָמאָביל איז געווען גענוג גרויס און באַקוועם, איז צוליב די אָנגעפּאַקטע זאַכן קוים געבליבן גענוג פּלאַץ פאַר די אַרקינס׳ צוויי קינדערלעך און דער נעגערשע דינסט, וואָס זיי האָבן מיטגענומען.

יאָ, א דינסט מוז מיסעס אַרקין אויך מיטנעמען מיט זיך אין דאָרף. אָן א דינסט וואָלט זי שוין בעסער אינגאַנצן ניט געפאָרן. זי איז איינמאָל געווען אין דאָרף אָן א דינסט, האָט זי געהאַט א פאַרשטערטע וואַקאַציע.

— מיינע קינדער, זאָלן געזונט זיין, אז מען גיט אויף זיי ניט אַכטונג, לויפן זיי ארום ווי די ווילדע — באַקלאָגט זי זיך אָפּט. — איבערהויפּט טאָר מען ניט אראָפּלאָזן קיין אויג פון מיין עלטערן זונעלע, פון מילטאָנ׳ען.

דאָס ניין־יאָריגע בחור׳ל מילטאָן, ווען מען לאָזט אים, וואָלט ער געקענט איינלייגן א הויז. אפילו איצט, פאָרנדיג אין אויטאָמאָביל, זיצט ער אויך ווי אויף שפּילקעס. די גאַנצע צייט וואָס מען פאָרט שטייט ער מער ווי ער זיצט, און די שווארצע, לויפנדיגע אויגעלעך זיינע, זיינען ווי צוגעקלעפּט צו יעדן ריר, וואָס דער פאָטער גיט מיטן רעדל.

ער האָט ניט קיין געדולד, דער קליינער חברה־מאַן. דער אויטאָמאָביל לויפט ניט גענוג גיך פאר אים, און ער טוט זיך יעדע ווייל א צאַפּל מיט זיין אומרואיגן קול׳כל:

— קאם אן פּאפּ! גיוו האַר דהי געז!

— יו קיפּ סטיל! — שלאָגט אים די מוטער איבער מיט א שטרענגן קוק — נעווער מיינד, גיוו האַר דהי געז!

און צום מאן זאָגט זי מיט א וואָרנונג:

— זאָלסט זיך ניט דערוועגן צו פאָרן מער ווי דרייסיג מייל, הערסט?... איך וויל ניט מען זאָל יאָגן...

זי זיצט אזוי אויך נערוועז, די מיסעס אַרקין. כאָטש איר מאן איז א גאַנץ געניטער טרייבער און ס׳איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, האָט זי אָבער יאָ מורא. זי האָט צו זיין פאָרן קיין צוטרוי ניט. יעדעס מאָל ווען זי דערזעט פון ווייטן אנטקעגנקומען אן אויטאָמאָביל, ווערט זי דערשראָקן צום טויט. אָט־אָט, דאכט זיך איר, און איר „גערעטענער״ מאן פאָרט אריין אין יענעם.

— יאָג ניט אזוי! — האָט זי אים יעדעס מאָל א כאַפּ געטאָן ביי דער האנט — דרייסיג מייל א שטונדע איז גענוג. דערווייל ביזטו נאָך ניט פון די גערעטענע פאָרער...

**דערפאר איז איר געוואָרן א סך** גרינגער און פריילעכער ווען דער אויטאָמאָביל איז שפּעטער ארויף אויף די פרייע ברייטע וועגן וואו עס איז מער ניט געווען אזא געיעג פון מאשינען.

ס׳איז איר איצט געווען אזוי גוט און פריילעך אויפן הארצן,

אז זי האָט זיך אויפן וועג איינגעשפּאַרט, ניט אַנדערש נאָר זי מוז היינט צופאָרן זיך זען מיט אירער אַן אַמאָליגער חבר'טע, וועל־כע וואוינט אין די בערג.

איינגנטלעך האָט זיך שוין מיסעס אַרקין לאַנג געקליבן צו באַ־זוכן די דאָזיגע חבר'טע. זי האָט אָבער קיינמאָל ניט געפונען קיין פּאַסנדע געלעגנהייט פּשוט דערפאַר, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין אייגענעם אויטאָמאָביל.

יאָ, נאָך איידער זי פאָרט צום האָטעל, מוז זי פריער צופאָרן זיך זען מיט מיני'ן — נאָך היינט...

קיין טיפע פריינטשאַפט איז צווישן די צוויי חבר'טעס אייגנט־לעך קיינמאָל ניט געווען. די גאַנצע חבר'שאַפט זייערע האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס מיידלווייז האָבן זיי אַמאָל צוזאַמען גע־אַרבעט אין איין שאָפּ. "גאָס, מיט די ליימענע הענט", האָט מען דאַן די איצטיגע מיסעס אַרקין גערופן. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס די אַרבעט האָט זיך ניט געקלעפּט צו אירע הענט. מ'האָט איר געקענט ווייזן איין זאַך אפשר צען מאָל און ס'איז קיינמאָל ניט אַרויסגעקומען ווי עס באַדאַרף צו זיין. זי איז צוליב דעם אַלעמאָל געווען אַ קליינע פאַרדינערין און אַלע האָבן אויף איר גע־קוקט ווי אויף אַ שלים־מזל, אויף אַ מויד מיט ליימענע הענט...

די איינציגע וועלכע האָט דאַן מיט גאָסי'ן סימפּאַטיזירט, איז געווען מיני. יעדעס מאָל ווען ביי דער פאַר'צרה'טער גאָסי'ן האָט זיך עפּעס ניט איינגעגעבן, און זי איז געווען פאַרביטערט, האָט איר מיני אַרויסגעהאָלפן. זי האָט ניט איינמאָל פאַרריכט וואָס גאָסי האָט קאַליע געמאַכט, און גרינגער געמאַכט איר שווער געמיט מיט ווייכע רייד, מיט טרייסט־ווערטער.

— איך וועל דאָס דיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן, מיני — פלעגט דאַן גאָסי זאָגן אַ גליקלעכע — אפילו מיינע אַן אייגענע שוועסטער וואָלט צו מיר ניט געווען בעסער און געטרייער ווי דו...

גאָסי האָט טאַקע די חבר'טע ניט פאַרגעסן, אָבער זען זיך מיט איר איז איר נאָך ביז היינט קיינמאָל ניט אויסגעקומען. די חבר'שאַפט איז ביי זיי בכלל ניט געווען קיין דויערהאַפטע. דער שאָפּ האָט זיי צונויפגעבראַכט און דער שאָפּ האָט זיי צעטיילט.

ס׳איז אפילו אוועק יאָרן און גאָסי האָט פון מיני׳ן אינגאנצן ניט געהערט. עס איז שוין אָבער א היפש שטיקל צייט, אז גאָסי ווייס יאָ וואו מיני געפינט זיך. זי האָט אָבער געוואַרט אויף א פאַסענדער געלעגנהייט צו זען זי. און קיין בעסערע געלעגנהייט ווי איצט, מיט דעם נייעם אויטאָמאָביל, האָט זי ניט געקענט דערוואַרטן.

זי האָט באַלד געפונען דעם אדרעס צווישן א גאַנץ פּעקל פּאַפּירלעך, וואָס זי האָט ארויסבאַקומען פון איר האַנט־בייטל, און געזאָגט צום מאַן מיט די אויגן אויפן אדרעס:

— זעסט, ארקין, אָט דאָ וויל איך מיר זאָלן צופאָרן. אין „גרין וואלי״. דאָס איז א פאַרם וואָס רופט זיך „בריזי קאָרנער״. הערסט? פאַרגעס ניט, אז מיר דאַרפן זיך אריינדרייען אין גרין וואלי.

* * *

אין רייכקייט האָט זיך מיני מיט איר אמאָליגער שאַפּ־חבר׳טע זיכער ניט געקענט פאַרגלייכן. איר באַזעצן זיך אין די בערג איז אויך ניט געווען פון תענוג. זי האָט דאָס געמוזט טאָן צוליב איר שוואַכן געזונט פון איר מאַן. און דאָס דערשלאָגן זיך צום פאַרם איז איר אויך געווען געגנוג שווער. זי האָט געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון אייגענע... כמעט יעדער פון זייער פאַמיליע, וואָס האָט זיך געפילט בכוח, האָט צוגעלייגט א האַנט...

און כאָטש מיני מיט איר מאַן זיינען בלויז צוויי מענטשן אָן קינדער, איז זייער לעבן אַ שווערס און אַן אָרימס. דאָס גאַנצע שטיקל פרנסה זייערס ציען זיי פון זומער־„באָרדערס״.

קיין רייכע מענטשן קומען ניט צו מיני׳ן אויפן פאַרם. עס קומען בלויז אַזעלכע וועלכע זיינען ניט אימשטאַנד צו צאָלן קיין הויכן פּרייז און זוכן ניט קיין לוקסוס. ביי אַזעלכע מענטשן איז דער עיקר דער פרייער זומערדיגער דרויסן מיט די דאָרפישע אייגנשאַפטען, וואָס דער פאַרם פאַרמאָגט. און דאָס געפינט מען ביי מיני׳ן אויפן פאַרם אין אַ פולער מאָס. די דאָרפישע היים איז דאָ ביי דעם פאָר־פאָלק פאַרבונדן מיט אַלע פעדים פון א פאָר

נאַטור־ליבנדע מענטשן. ניטאָ דאָ אויפן פאַרם אַזאַ ווינקל וואו עס זאָל זיך ניט פילן די זאָרגפעלטיקייט און אָפּגעהיטקייט פון אַ געניטער באַלעבאַטישער האַנט. אין גרינעם גראַז, אויף באַר־גיג לאַנד שטייט דאָס הייזל, געפארבט אין ווייס. ווילדע קריכנ־דיגע פלאַנצן, אין טיפן גרין, באַדעקן גאַנצע שטיקער ווענט מיט זייערע געדיכט־באַבלעטערטע צווייגן. לענג־אויס פון הויז, ביז צום סאַמע אָפענעם צופאַר־וועג, ציט זיך א שמאָל דאַרפיש טראָ־טואַרעל געלייגט פון קרום־געשניטענע שטיינער. אין פרישער שוואַרצער ערד ציען זיך פוןביידע זייטן געדיכט־באַזעצטע בלומען אין פארשיידענע קאָלירן. אַ סאַד מיט קילע שאָטנדיגע פרוכט־בוימער נעמט ארום דאָס הויז. קוואַטשקעס פירן זיך אַרום מיט גאַנצע סטאַדעס יונג־פישטשענדיגע הינדעלעך, וועלכע האָבן נאָך אויף זיך די ערשטע געל־פוכיגע פעדערלעך. די פאַרנאַכטן זיינען קיל און שמעקעדיג מיט פרישע מילך־ריחות פון זאַטע פול־איי־טערדיגע בהמות.

ווען די אַרקינס זיינען פלוצלונג אָנגעקומען צום פאַרם מיט זייער וואַזשנעם אויטאָמאָביל, איז דאָס עפּעס געווען ווי אַן אָנקום פון אַן אַנדער וועלט. קיינמאָל האָט נאָך ניט געטראָפן, אז לעבן דעם ווייטן פאַרוואָרפענעם פאַרם זאָל זיך אָפּשטעלן אזא גרויס־אַרטיגע מאַשין.

די באַגעגעניש פון די צוויי אַמאָליגע חבר׳טעס איז געווען אַן איבערראַשנדע. מיני, וועלכע האָט זיך ניט געריכט אויף אזעל־כע וואַזשנע געסט, איז ארויסגעקומען אין איר וואָכעדיגן הולך און איידער זי האָט זיך נאָך רעכט געכאפּט, ווער דאָס איז, איז איר שוין די אַמאָליגע גאָסי געלעגן אויפן האלז און זיך מיט איר אזוי הייס צעקושט, אז אויף מיני׳ס זון־פאַרברענטן פנים איז אזש פאַרבליבן אַ רויטע פלאַמע פון מיסעס אַרקינ׳ס אָנגעפאַרבטע ליפּן.

מיני האָט ניט געגלויבט אירע אויגן, קוקנדיג אויף דער אמאָליגער גאָסי׳ן.

— איך האָב געמיינט, אז מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט זען — האָט זי געזאָגט אין דער מינוט פון איבערראַשונג, און

געשמייכלט מיט דעם רויטן פלעק אויפן פּנים — אין לעבן טאָר מען זיך פאַר קיין זאַך ניט פארשווערן. איצט זע איך ערשט, אַז דאָס ביזטו — דיזעלבע אַמאָליגע גאָסי...

מיני האָט די געסט אויפגענומען מיטן שענסטן כבוד. אַלץ וואָס זי האָט פאַרמאָגט אין איר דאָרפישער שפּייז־באַלעבאָטיש־קייט האָט זי אָוועקגעשטעלט אויפן טיש. קעז, פּוטער, מילך, סמעטענע, פרישע בולקעלעך וואָס זי האָט ערשט געהאט אליין אויסגעבאַקן, גרינס פון אייגענעם גאָרטן, רויטע פּאָזשעמקעס, וואָס האָבן געררייצט מיט זייער פרישקייט.

גאָסי טונקט די פרישע בולקעלעך אין דער קאַלטער סמעטענע און לויבט מיט הנאה ווי אַלצדינג איז דאָ אַזוי געשמאַק און אַפּע־טיטלעך.

פון לייטישקייט־וועגן געפינט זי אויך א גוט וואָרט אויף מיני׳ס פאָרם.

— איך האָב ניט געוואוסט, אַז דו האָסט אַזאַ שיין פּלאַץ — זאָגט זי נעמענדיג זיך צו די פּאָזשימקעס. — ווער עס גלייכט אַ פאָרם מוז דאָ זיין זייער פיין צו פאַרברענגען...

מיני האָט זיך געפילט געשמייכלט. זי האָט אין דעם קאָמ־פּלימענט געזען אַ שטיקל אָנצוהערעניש, אַז גאָסי קלייבט זיך אפשר צו פארבלייבן דאָ אויף איר וואַקאַציע...

זי וואָלט דאָס זייער געוואָלט, מיני. זי האָט געהערט, אַז גאָסי לעבט זיך גאַנץ רייך און ער וואָלט איר גאַנץ גוט צונוץ גע־קומען ווען אַזאַ פאַמיליע ווי די אַרקינס וואָלטן ביי איר פאַר־בראַכט עטלעכע וואָכן.

און זי האָט געענטפערט באַשיידן:

— אונזער פּלאַץ איז אַפילו ניט מאָדערנע ווי די גרויסע האָ־טעלען, אָבער מיר האָבן אַנדערע באַקוועמלעכקייטן. ס׳איז דאָ שיין, ס׳איז רואיג. און דער וואָס זוכט אַ פּלאַץ אויף אָפּצורוען זיך, געפעלט דאָ זייער...

מיני האָט אָבער געמאַכט אַ טעות מיט אירע דערוואַרטונגען.

— ס׳איז טאַקע אַלץ אמת — האָט גאָסי געענטפערט מיט אַ נגיד׳ישער מינע — אָבער מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן מיינט

זייער פיל. נעם, אַשטייגער, מיך: איך וואָלט ניט געקענט זיין אין א צימער אָן אַ וואַנע, ווען מען גילט מיך אָפּ. און שטענדיגע שטילקייט עסט זיך אויך צו. אז מ׳איז אין דאָרף ווילט זיך אמאָל האָבן אביסל „עקסייטמענט״ אויך, אַ קאָסינאָ מיט אביסל „פאַר־ווײַלונג״, א „סווימינג־פול״ צום באָדן... עטלעכע דאָלער מער שפּילט אין אַזאַ פאַל קיין ראָלע ניט...

ארקינ׳ען אליין איז דוקא יאָ געפעלן דער שטילער פאָרם. עס האָט אים דאָ אַלצדינג דערמאָנט אין זיין היימישן דאָרף און ווען גאָסי וואָלט נאָר צוגעשטימט, וואָלט ער דאָ פאַרבראַכט אפילו אַ גאַנצן זומער.

עס איז אָבער ניט געווען וואָס צו ריידן. ווען אָרקין מיט זיין גאָסי׳ן האָט זיך שפּעטער צוגעזעצט אַביסל אונטער דעם שאָטן פון אַ בוים און ער האָט געמאַכט וועגן דעם א באַמערקונג, האָט אים דאָס ווייב שיעור איינגעשלונגען.

— אַ דאַנק דיר פאַר דער קלוגער עצה, וואָס דו גיסט מיר! — האָט זי אים דורכגענומען מיט א שפּאָטישן שמייכעלע. — עס האָט זיך טאָקע געלוינט אויסצוגעבן צוויי טויזנט דאָלער אויף אַן אווי־טאָמאָביל און זיצן פאַרשטיקט ערגעץ־וואו אויף אַ פאַרם. א שיין פנים וואָלט איך געהאַט ווען מיינע באַקאַנטע זעען וואו איך בין פאַרקראָכן אויף מיין וואַקאַציע... דיינע עצות זיינען, קיין עין־הרע ניט אָנגעשטאָפּט מיט חכמה...

דערווייל קומט מיני ווידער־צו און אויף גאָסי׳ס פנים איז שוין ניט צו דערקענען אז זי האָט נאָר־וואָס געהאַט פאַרדרוס... מען קען זען, קלאָר ווי דער טאָג, אַז כאָטש זי איילט זיך און וואָלט שוין באַדאַרפט זיין לאַנג אַוועקגעפאָרן פון דאַנען, איז איר אָבער מיני אַזוי טייער, אז זי קען זיך פון איר אַזוי גיך ניט אָפּרייסן. זי נעמט ווידער אָן מיני׳ס אָרעם, ווי זי וואָלט איר געווען א שוועסטער, שפּאַצירט נאָך מיט איר לאַנג ארום אין דעם זוניקן דרויסן, און האָט דער חבר׳טע אזויפיל צו דערציילן, אז זי ווייס ניט וואו פריער אָנצוהויבן.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מיין טייערע — זאָגט זי צום סוף. — פאַר דעם גאַנצן אָנפלאָגן וואָס איך האָב זיך אָנגעפלאָגט

אין מיינע מיידלשע יאָרן, האָב איך זיך חלילה איצט ניט וואָס צו באַקלאָגן.

מיני הערט זיך צו צו יעדן וואָרט, וואָס גאָסי דערציילט איר, נאָר איר אַליין איז איצט ביטער אויפן האַרצן. זי זעט, אַז גאָסי איז געקומען אין דאָרף פאַרברענגען איר וואַקאַציע, נאָר דאָ, ביי איר אויפן פאַרם, געפעלט איר ניט. זי פאַרט ערגעץ אַנדערש... ווען דאָס וואָלט געווען אַן אַנדערע, ניט גאָסי, וואָלט מיני זיך גע־סטאַרעט איר איינצורײדן; זי וואָלט געטאָן אַלץ וואָס זי קען צו באַווייזן, אַז ביי איר אויפן פאַרם קען מען אויך גאַנץ פיין פאַר־ברענגען. ווייל קיינער, חוץ איר, מיני'ן, ווייס ניט וואָס פאַר אַ שווער לעבן זי האָט און מיט וואָס פאַר אַ זשעדנעקייט זי קוקט אַרויס ס'זאָל אַריינקומען אַ דאָלער פאַרדינסט.

פאַר גאָסי'ן קען זי דאָס אָבער ניט דערציילן. זי וועט זיך בלויז מאַכן קליין און מיט איר רייד גאָרניט אויספירן. זי זעט שוין, אַז גאָסי'ס גאַנצער קומען אַהער איז ניט מער ווי אויסצופײַ־נען זיך מיט דעם פּראַכט און גלאַנץ פון איר רייכן לעבן...

גאָסי וואָלט נאָך איצט פאַר דער חבר'טע גערעדט און גע־רעדט. ס'איז איר אָבער אינמיטן דרינען פאַרשטערט געוואָרן פון אירע צוויי קינדערלעך, וועלכע האָבן זיך שוין אַביסל צו־שטאַרק צעהוליעט אין דעם פרייען דרויסן.

עס האָט ניט געהאָלפן, וואָס די דינסט האָט זיך די גאַנצע צייט געסטאַרעט צו טאָן איר פליכט און האַלטן אויף די קליינע צוויי חברה אַן אויג. זיי האָבן זיך מיטאַמאָל אַרויסגעריסן פון איר רשות און עס האָט מיט זיי גענומען רודערן אַרום הויז ווי אין אַ מיל. דאָס אינגערע קינד, אַ מיידעלע, וועלכע איז ניט ווייניגער ווילד און צעלאָזן פון איר ברודערל מילטאָן, האָט זיך באַלד אַ לאָז געטאָן רייסן בלומען. איידער מ'האָט זיך אַרומגעקוקט איז זי שוין געווען באַלאָדן מיט אַ גאַנצן זשמוט פון די שענסטע בלומען וואָס זי האָט אַרומגעפליקט.

און מילטאָן, מיט די שוואַרצע לויפנדיגע אויגעלעך, איז איצט געוויס ניט געשטאַנען מיט פאַרלעגטע הענט. ער האָט באַלד דערזען די הינער...

און דאָס וואָס דער קליינער חברה־מאַן האָט איצט אָפּגעטאָן, האָט אַלעמען אויפגעטרייסלט. ער האָט זיך אַזוי לאַנג געיאָגט און געטריבן די עופות, ביז ער האָט געכאַפּט א שטיין און געוואָרפן אויף א יונג הינדל.

ווען אַרקין האָט דאָס דערזען, האָט זיך אין אים אָנגעצונדן א כעס ווי ביי א גזלן. ער האָט באַלד א כאַפּ געטאָן דאָס זונדעלע אין זיינע הענט אריין, אוועקגעלייגט אים אויף דער קני, און ווי מיט א לאָפּעטע, גענומען אים פּאַטשן אין הינטער־חלק.

— נאָ דיר פאַר וואָרפן שטיינער אויף א הינדל! — האָט ער געפּאַטשט און געשריען אַ צערייצטער. — נאָ דיר פאַר אַזאַ אויפ־פירונג!...

גאָסי איז געוואָרן אויסער זיך פון דעם מאַנ׳ס אָנפאַל אויפן קינד.

— פינסטערער גולם! — האָט זי זיך צעשריען אויפן קול, באַ־שיצענדיג דעם זונדעלע, — זע נאָר, ווי ער האָט זיך צעיושעט ווי אַ ווילדער פויער! אָט אַזוי לערנט מען אַ קינד? נאָר א ווילדער פויער קען אָנפאַלן אויף א קינד מיט אזא רציחה!...

און מיט די אויגן צו מיני׳ן זאָגט זי, מיינענדיג דער דינסט:

— צו אַלץ דאַרף מען האָבן מזל. עס קאָסט אָפּ שווער געלט צו האַלטן אַ דינסט, זיצט זי, ווי א בהמה און לאָזט די קינדער אויף הפקר.

און אַז מיני האָט די געסט ענדלעך באַגלייט צום אויטאָמאָביל, איז שוין אויף מיסעס אַרקינ׳ס פּנים ניט געווען קיין סימן פון אויפ־רעגונג.

— אָבי איך ווייס שוין וואו דו געפינסט זיך, וועל איך שוין ביי דיר זיין אָן אָפּטער גאַסט — האָט זי מיט חבר׳ישע זיסקייט געזאָגט צו מיני׳ן — ווען מיר וואָלטן פריער געהאַט דעם אויטאָמאָביל, וואָלט איך שוין פון לאַנג ביי דיר געווען. מיר האָבן אָבער ערשט איצט געקויפט אַן אייגענעם אויטאָמאָביל...

— ס׳איז זייער א שיינע מאַשין — זאָגט מיני פון לייטישקייט־וועגן.

— עס קאָסט אָבער שיין געלט — ענטפערט גאָסי מיט א

נגיד׳ישן זיפץ — עס קען זיין ס׳איז אפשר געווען א נארישקייט וואָס מיר האָבן ארייגעלייגט אזויפיל געלט אין אן אויטאָמאָביל — צוויי טויזנטער האָבן מיר פאר דער מאשינקע אוועקגעלייגט.

און די צוויי חבר׳טעס האָבן זיך ווידער צעקושט און ביי מיני׳ן אויפן פנים איז ווידער געבליבן אַ רויטער פלעק פון גאָסי׳ס אָנגע־פארבטע ליפן.

ווען דער אויטאָמאָביל איז אוועק, האָט דער פארם אויסגעקוקט ווי נאָך א ווילדן שטורם. אויף דער גאנצער לענג פונם טראָטואַרל האָבן זיך געוואַלגערט אָפגעריסענע בלומען, און ביי מיני׳ן אויפן פנים איז געשטאנען דער רויטער פלעק אזוי ווי אימיצער וואָלט זי צעביסן...

# 2. אין בענקשאפט נאָך ליבע

# אסתר און איר שוואָגער

דער גאַנג פון אסתר׳ס טעגלעכן לעבן האָט זיך כמעט גאָרניט געביטן זינט איר מאַן איז געשטאָרבן. זי וואוינט אין דעם זעלבן הויז; אויף דער וואַנט, איבער איר בעט, הענגט ווי אַלע מאָל איר מאַנ׳ס א בילד ווי ער האָט אויסגעקוקט נאָך מיט פופצן יאָר צוריק, באַלד נאָך זייער חתונה. פונקט ווי פריער, איז זי יעדן טאָג פארנר־מען צוגרייטנדיג די זעלבע מאָלצייטן. און א מענטש, וואָס קוקט אויס פונקט ווי איר פאַרשטאָרבענער מאַן, געפינט זיך אויך אין איר הויז.

דאָס איז איר שוואָגער היימאַן.

היימאַן איז אינגאנצן מיט א יאָר אינגער פון זיין פארשטאָר־בענעם ברודער. ער איז אַ פאַרעלטערטער בחור, וואָס דאָ, ביים ברודער אין הויז, איז זיין היים. און סיי אין אויסזען, סיי אין כאַ־ראַקטער איז ער ענלעך צו יענעם ברודער ווי צוויי טראָפּן וואַסער. פונקט ווי יענער איז ער א הויכער און דאַרער מיט שמאָלע פאַר־שפּיצטע אַקסלען, אַ לאַנג פּנים מיט איינגעפאלענע באַקן, א קורצע נאָז, שיטערע ברעמען איבער טיפע גרויע אויגן און א קליין קיילעכ־דיג פּליכל אינמיטן קאָפּ.

אין אָוונט, ווען היימאַן זיצט אין איינעם פון די טיפע ווייכע שטולן איבער א צייטונג, וואָלט מען געקענט שווערן, אז דאָס זיצט דער פארשטאָרבענער דייוו. ווי יענער, זיצט ער אויף א זייט מיט ביידע פיס אריבערגעהאנגען איבער דער ווייכער פאָרענטשע, לייענט די זעלבע צייטונג, וואָס יענער פלעגט לייענען, און פונקט ווי ביי יענעם איז די שטוב פול מיט רויך פון די ציגאַרן, וואָס ער רויכערט.

אזוי איז געווען ווען דער ברודער האָט געלעבט. ביידע זיינען זיי געווען ווי אויסגעגאָסן פון איין פורעם. כמעט אלע יאָרן, האָבן

זיי זיך געהאַלטן צוזאַמען, געלעבט צוזאַמען און וואָס עס איז געווען גוט פאַר איינעם, איז אויך געווען גוט פאַרן צווייטן. זיי האָבן געקויפט דיזעלבע קליידער, געריכערט דעמזעלבן סאָרט ציגאַרן און געפירט דאָס זעלבע געשעפט — א גוט־גייענדיגע שותפות'דיגע פּעקטאָרי, וואָס גייט נאָך ביז היינטיגן טאָג אונטער דעם זעלבן נאָמען: „זוסמאַן בראָדערס' פּעיפּער באָקס פּעקטאָרי".

ביידע קאָרגע און אויסגערעכנטע, האָבן זיי געשפּאָרט יעדן דאָ־לער, וואָס האָט זיך געלאָזט, און געציטערט איבער יעדן דאָלער, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט אויסגעבן. יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן עפּעס באַדאַרפט קויפן, זיינען זיי לאַנג אַרומגעגאַנגען פון איין סטאָר צו דער צווייטער, געדונגען זיך, דערנאָך זיינען זיי ערשט אהיים גע־קומען מיט א שווער האַרץ, טאָמער האָבן זיי איבערגעצאָלט.

דאָס הויז, אין וועלכער אסתר וואוינט איצט, האָבן די צוויי ברידער אויך געקויפט בשותפות. דאָס איז געווען באַלד ווען דער עלטערער ברודער, דייוו, האָט חתונה געהאַט מיט אסתר'ן, און דאָס הויז איז ביי די צוויי ברידער געוואָרן א פּאַרטזעצונג פון וויי־טער־דיגען צוזאַמענלעבן.

— אַן אייגן הויז מיינט זייער פיל, — האָט דאַן דער עלטערער ברודער א זאָג געטאָן צו היימאַנ'ען א צוואָרעמטער פון זיין נייעם לעבן, — דו קומסט אהיים פּילסטו, אז עס איז אייגנס. ס'איז שע־נער, ס'איז לייטישער... און ביי דיר דאַרף אויך זיין דאָס זעלבע געפיל. וואָס דו דאַרפסט איצט טאָן איז זען צו קומען צו א לייטישן שידוך און אויך חתונה האָבן. מיר וועלן פירן איין פאַמיליע און עס וועט זיין שיין פאַר גאָט און פאַר מענטשן.

מיט א שידוך איז אָבער ביי היימאַנ'ען ניט צוגעגאַנגען גרינג. יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך אים געדאַכט, אז „דאָס איז עס", האָט זיך אויסגעלאָזט קאַפּויר. ער האָט מורא געהאַט איינצושטעלן. עס איז ביי אים געוואָרן קלאָר ווי דער טאָג, אז מיט וואָס פאַר א מיידל ער וועט חתונה האָבן, וועט ער זיך אָפּנאַרן און וועט דערנאָך חרטה האָבן זיין גאַנץ לעבן.

אין זיין שווער האָט ער געזען אן אויסנאָם.

די שוואַרץ־חנ'עוודיגע אסתר מיט די צוויי שוואַרצע קלוגע אוי־

געלעך, וועלכע איז דאן קוים צוואנציג יאָר אלט געווען, האָט אים אינגאנצן געוואונען... וואס מער ער האָט זיך צוגעקוקט ווי זי פירט זיך, ווי פיין און איידל זי באהאנדלט איר מאן, אלץ מער האָט ער געזען וואָס פאר א גרויס גליק עס האָט זיין ברודער געטראָפן. אלץ אין איר איז אים געפעלן: איר גאנג, איר רעדן, איר אָנטאָן זיך. עס איז געווען געניג, אז אסתר זאָל זיך אָנטאָן א פשוט קיך־פארטוכל, אז ער זאָל ווערן אנטציקט ווי פון א שטיל געזאנג. אירע עסנס האָבן פאר אים געהאט טויזנט טעמ׳ען. עס האָט זיך אים געדאכט, אז אזעלכע געקעכצן מיט אזעל־כע באַ׳טעמ׳טע פּאָטראַוועס, וואָס אסתר גרייט צו, האָט ער נאָך אין זיין לעבן ניט געגעסן.

היימאַן האָט ניט געמאכט קיין סוד פון זיין באגייסטערונג צו דער שוועגערין. ער האָט פארן ברודער אין די אויגן איר געגעבן קאָמפלימענטן, געלויבט אירע מאכלים ווען מען איז געזעסן ביים טיש, און פון „אסתר” איז ביי אים געוואָרן „אסתר׳קע”.

— אסתר׳קע, — פלעגט ער אָפט פריידיג א זאָג טאָן ביים עסן — פאר דיין קוגל קומט דיר א מעדאַל!

ווען ער איז מיטן ברודער געווען אונטער פיר אויגן, האָט ער אים אמאָל גאנץ אָפן א זאָג געטאָן:

— זעסט, דייוו, ווען איך קריג אזא מיידל ווי דיין אסתר, האָב איך חתונה.

אָבער פונקט נאָך אַזאַ אסתר איז היימאנ׳ען שווער געווען צו געפינען, און ער האָט זיך מיט דער צייט אינגאנצן מיאש געווען פון חתונה האָבן. עס איז אים אזוי אויך געווען גוט. ער האָט געהאט א היים מיט אלע באקוועמלעכקייטן, ער האָט הנאה געהאט פון די עסנס, וואָס אסתר׳קע גרייט צו. און די צוויי קינדער, וואָס די שוועגערין האָט אין פארלויף פון די יאָרן געבוירן, זיינען אים אויך ליב און טייער.

* * *

אין אָוונט, ווען היימאן קומט אהיים פון זיינע ביזנעס, לויפן

איםביידע קינדער אנטקעגן מיט דער זעלבער פרייד, ווי זיי פלעגן אַנטקעגנקומען דעם פאָטער. נאָך איידער דער אָנקל פאָספייעט ארונ־טערצונעמען פון זיך דאָס אויבער־מלבוש, שטייט שוין דער צוועלף־יאָריגער ברודערל מיט זיין עלף־יאָריגער שוועסטער איינגעקלאַמערט אין אים, און ביידע מיטאַמאָל האָבן אים עפּעס צו דערציילן.

כאָטש היימאן האלט קיינמאָל ניט פון אויסגעבן געלט אויף שמאָכטעס און נאַשערייען, איז ער צו די קינדער געוואָרן מילד און קומט זעלטן אהיים מיט ליידיגע הענט. ער ברענגט פאר זיי פאר־שידענע „שפּילן״, ביכלעך מיט פארביגע און וויציגע צייכענונגען. אויך שטעקט ביי אים אָפט אונטערן אָרעם א נעט־פארפּאקטע שאָכטל קענדי, וואָס דאָס מיינט פאר אסתר׳ן, ווי פאר די קינדער.

דעם ברודער׳ס טויט, וועלכער איז געקומען אינגאנצן נאָך א פּאָר טעג קראנק זיין, איז פאר היימאנ׳ען געווען א שטארקער קלאַפּ. א חוץ דעם טיפן טרויער וואָס ער האָט געפילט, איז מיטאַמאָל גע־פאלן אויף אים דער גאנצער יאָך אי פון דער היים און אי פון די ביזנעס. מיטן שאַפּ האָט ער זיך אין די ערשטע וואָכן גאָר קיין עצה ניט געקענט געבן. די וויכטיגסטע אָפּטיילונגען זיינען תמיד געווען אונטער דייוו׳ס אויפזיכט. און כאָטש עס זיצט אין די ביז־נעס אַ גוט־באַצאָלטע בוכהאַלטערין, האָט זיך נאָכן ברודער׳ס טויט קיין זאך ניט געלאָזט איינשטעלן ווי עס באדארף צו זיין. פלאָנ־טערס, טעות׳ן — באשטעלונגען זיינען ניט ארויסגעשיקט געוואָרן אין צייט, בילס זיינען אָפּגעהאלטן געוואָרן. א וואָך נאָכאנאנד איז דאן היימאן געצוואונגען געווען מיטצונעמען אהיים א גאנצן פּאַק מיט פּאפּירן וואָס ער האָט אין די אָוונטן אליין געמוזט איבערקוקן. בילס, טשעקס, ניט־געענטפערטע בריוו.

צוליב די פּאפּירן עסט ער שוין אין יענעם אָוונט אין איילעניש. מיט די ביסנס אין מויל האָט ער אלעמאָל צו דערציילן דער שוועגע־רין עפּעס אן אנדער אינצידענט פון די ביזנעס, פון די שוועריקייטן וואָס שטייען אים אין וועג, און ער ענדיגט, א הויב טוענדיג זיינע שמאָלע אקסלען:

— פארשטייסט, אז אלץ איז אויף מיינע הענט...

אסתר, וועלכע איז א געניטע בוכהאלטערין נאָך פון אירע

מיידלשע יאָרן, קומט אים גערן צו הילף, ווען ער נעמט זיך צו די פּאַפּירן. און עס גייט ביי איר אַ סך גרינגער ווי ביים שוואָגער. עס פליט איר פון די הענט. זי שלינגט איין די פלאַנטערס מיט די רעכענונגען מיט די אויגן.

היימאַן זיצט דאַן זייט ביי זייט מיט דער שוועגערין אין מילדן ליכט פון אַ טיש־לאָמפּ, אונטער אַ פאַרביקן אַבאַזשור און באַוואונדערט ווי קלוג און פלינק אסתר פירט אים אַרויס פון אַלע זיינע פלאָנטערס. יעדעס מאָל וואָס זי פירט אים אַרויף אויף אַ „וועג" גיבן זיך, ווי פון זיך אַליין, אַ הויב זיינע שמאָלע אַקסלען און ער זאָגט אַ צעוואַרימטער:

— זייער פיין, אסתר'קע... — איך האָב געמיינט, אַז כ'וועל פון די פלאָנטערס גאָר קיינמאָל נישט אַרויסקריכן — אַז אַלץ איז אויף מיינע הענט!..

אסתר איז איצט אין זיינע אויגן געוואָרן נאָך מער געהויבן. אפילו שענער. כאָטש אסתר'ס פיגור איז שוין ווייט ניט אַזוי דין און בויגיג ווי אַמאָל, אירע האָר שוין ניט אַזוי פריש און געדיכט, דאַכט זיך דעם שוואָגער, אַז זי איז נאָך איצט שענער און רייצנדער ווי זי איז געווען מיט פופצן יאָר צוריק.

גאָר אַן אַנדער מענטש איז דער עטלעכע און פופציג יאָריגער היימאַן געוואָרן די לעצטע צייט. די טעג אין שאָפּ זיינען אים געוואָרן צו לאַנג און די אָוונטן צו קורץ. עס וואָלט זיך אים געוואָלט זיין וואָס מער אין דער היים, וואָס נעענטער צו אסתר'ן. שטילערהייט האָט ער גענומען מער אַכטונג געבן, אַז זיינע קליידער זאָלן אַלעמאָל זיין וואָס ריינער און פריש געפּרעסט. אַלע נאַכט פאַרן שלאָף וואַשט ער און זייפט זיין קערפּער, וואָס פריער האָט ער דאָס געטאָן בלויז איינמאָל אַ וואָך. יעדן פרימאָרגן שטייט ער לאַנג ביים שפּיגל און קנעט זיינע פריש ראַזירטע איינגעפאַלענע באַקן מיט פאַרשיידענע „זאַלבן" און פאַרשיט עס מיט פּודער. לענגער ווי אַלעמאָל אַרבעט ער מיטן ציין־בערשטל איבער זיינע ציין אויף וועלכע עס ליגט תמיד אַ פאַרגעלטקייט פון די ציגאַרן וואָס ער רויכערט.

דאָס גאַנצע הויז האָט איצט באַקומען ביי אים אַן אַנדער פּנים.

ווּנטיק, ווען ער איז אין דער היים, איז ער פוּל אין אַלע צימערן. אָן א ראָק, אין א פריש געפּרעסט העמד, גייט ער ארום פון צימער צו צימער, באַקוקט מיט אַן אויג פון א גוטן באַלעבאָס, אויב אַלץ איז אין אָרדענונג. צי איז נישט פאַראַן עפּעס צו וואָס עס פאָדערט זיך א מענערישע האַנט.

ער וואָלט חשק געהאַט צו לאָזן איבערפאַרבן אַלע צימערן. אויך איז שוין ביי אים א זיכערער באַשלוס אריינצושטעלן אַנדערע מעבל אין הויז — נייע. אָבער נאָך ניט באַלד. שפּעטער, שפּעטער...

דערווייל טראָגן זיך איבערן הויז די געשמאַקע ריחות פון דעם זונטאָגדיגן מאָלצייט, וואָס אסתר גרייט צו. עס איז אים גוט אויפן האַרצן.

* * *

אסתר פילט גאַנץ גוט הייַמאַנס געדאַנקען. איר איז שווער צו טראַכטן פון דעם. זי וואָלט זיכער ניט געוואָלט, אַז דער שוואָגער זאָל זיך דערווייטערן פון איר. זי האָט צו אים די בעסטע סימפּאַ־טיעס, זי ווייס אַז ער האָט ליב די קינדער און די קינדער האָבן אים ליב. אָבער האָבן אים פאַר א מאַן — צו דעם ציט איר נישט דאָס האַרץ.

אסתר האָט זיך וועגן דעם איר אייגענעם סוד, וואָס ניט זי קען דאָס פאַר אימיצן דערציילן און ניט זי דאַרף דאָס דערציילן. טיף ביי זיך אין האַרצן ווייס זי בלויז איין זאַך: אַז זי איז מיט איר מאַן ניט געווען גליקלעך, כאָטש אַלע האָבן געמיינט, אַז ס'איז איר ביי אים גוט ווי די וועלט. זי האָט דייוו'ן ניט ליב געהאַט. זי האָט אים נישט געקאָנט ליב האָבן. ער איז געווען אפשר מיט צוואַנציג יאָר עלטער פון איר און איר חתונה האָבן מיט אים איז געווען אַ טעות. אמת, זי האָט מיט איר מאַן אָפּגעלעבט פופצן יאָר. זי האָט געהאַט מיט אים צוויי קינדער, און ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט זי מסתמא ווייטער „געשטופּט דעם וואָגן" ווי ביז איצט. דייוו איז אָבער מער נישטאָ און אָנהויבן אויף דאָס ניי לוינט זיך ניט. איר לעבן מיט דייוו'ן איז געווען א שווערער, א ביטערער.

ער איז געווען א פארעלטערטער, א קאפריזנער, א קארגער... און היימאן איז א האר ניט אנדערש... זי קען אים צו גוט. זי ווייסט...

מען לאזט אבער אסתר'ן נישט אפ. כאטש עס איז איינגאנצן עטלעכע חדשים זינט איר מאן איז טויט, קומען אלעמאל אנדערע קרובים צו איר מיט אויפגעשפיצטע אויערן, און מען וואלט שוין געוואלט וויסן וואס עס הערט זיך... עס קומען אנקלס, טאנטעס, קאזינס. יעדער באדויערט שטארק דאס אומגליק, וואס אסתר'ן האט געטראפן. מען טרייסט זי, מען איז ניט קארג מיט שבחים אויף דעם פארשטארבענעם. און יעדער אויף זיין אופן לאזט איר איבער עפעס אן אנצוהערעניש וועגן שוואגער...

פון איין טאנטע אירער, א פרומע און אן עלטערע, הערט זי אלעמאל דיזעלבע רייד:

— ס'איז אודאי ביטער, מיין קינד, אז א מאן שטארבט, אבער מיט איין האנט שטראפט דער אויבערשטער און מיט דער צווייטער בענטשט ער... איך מיין דאס אנטקעגן דיין שוואגער... מסתמא איז אזוי באשערט... צו דיינע קינדער איז ער דאך ווי אן אייגענער פאטער...

מער פון אלע לאזט איר ניט אפ איר אייגענע מוטער. פון דעם ערשטן טאג אן וואס איר איידעם איז געשטארבן, מוז זי קומען צו דער טאכטער כאטש איינמאל א וואך, וואס פריער איז דאס ביי איר געווען א זעלטנהייט.

דאס קומען צו אסתר'ן, קומט איר נישט אן גרינג. זי וואוינט ביי אן עלטערער טאכטער, אזש אין ברוקלין, און אסתר וואוינט אין די בראנקס. און קיין געזונטע איז זי אויך נישט. זי איז שוין אן עלטערע פרוי, און קוים וואס זי האלט זיך... זי מוז אבער קומען. דער טאכטער'ס אומגליק לאזט זי נישט רוען. זי וויל וויסן וואס עס הערט זיך. זי וויל זען די צוויי בידנע אייניקלעך, וועלכע זיינען נעבעך געבליבן יתומים.

איר הויפט קומען איז אבער צוליב דעם שוואגער. זי איז זיכער, אז מיט היימאנ'ען וועט זיין א שידוך. זי וואלט אבער נישט געוואלט עס זאל זיך פארציען אין דער לאנגער באנק.

— ביי מיר וואלט געווען רעכט מען זאל אפילו שטעלן א חופה

נאָך פארן יאָר — זאָגט זי אַפּט צו דער עלטערער טאָכטער, מיט וועלכער זי וואוינט — ווען דער שוואָגער וואָלט ניט געוואוינט מיט איר אונטער איין דאַך, וואָלט געווען עפּעס אַנדערש... מען דאַרף קיינמאָל נישט דערלאָזן אַז מענטשן זאָלן האָבן פון וואָס צו ריידן...

מיט די אַלע רייד און טענות קומט זי צו אסתר׳ן מערסטנס אין אַ בייטאָג, ווען דער שוואָגער איז ניטאָ אין דער היים. מיד און שוואַך זיצט זי, ווי איינגעוואקסן אין איינעם פון די ווייכע, געבעטע שטולן און לאָזט אסתר׳ן נישט אָפּ.

— איך רעד צו דיר די אַלע רייד פאַר דיין אייגענער טובה וועגן — זאָגט זי קאַלט און טרוקן — איך טראַכט, אַז וועגן אַזאַ מענטש, וועלכן דו קענסט שוין אַזויפיל יאָרן און וואָס צו די קינדער איז ער ווי אַן אייגענער פאָטער, וואָלסטו זיך באַדאַרפט באַרעכענען...

די רייד פאַלן אויף אסתר׳ן ווי עס וואָלט צו איר גערעדט אַ שונא, ניט קיין מאַמע. זי ווייס ניט פאַרוואָס אַלע האָבן זיך אויף איר אָנגעזעצט מיטן שוואָגער. זי וואָלט געוואָלט מען זאָל זי לאָזן צורו. זי וויל איצט אײַנגאַנצן מער נישט טראַכטן פון חתונה האָבן. זי וויל זיין אַליין מיט זיך, מיט די קינדער.

פאַר דער מוטער קען זי דאָס אָבער נישט אַרויסזאָגן. זי האָט פאַר איר קיינמאָל גאָרנישט געקאָנט זאָגן. אויף דייוו׳ן האָט זי גע־וויס נישט געטאָרט רעדן אַ שלעכט וואָרט.

אַזוי איז געווען אַלעמאָל. די מוטער איז אַ פרוי פון אַלטן שטייגער, אַ פרומע, אַ גלויביגע און אויף די קינדער האָט זי אַלע־מאָל געהאַלטן אַ שטאַרקע האַנט. ווען אסתר וואָלט געזאָגט, אַז דער שוואָגער געפעלט איר נישט, וואָלט זי איר געהאַלטן פאַר אַ נאַר, אַ משוגענע. עס וואָלט ביי איר געהייסן, אַז זי שטופּט אַוועק דאָס גליק מיט די אייגענע הענט...

אַז אסתר שווייגט, דוכט זיך דער אַלטער, אַז אירע רייד ווירקן, און זי וויל אַז די טאָכטער זאָל זיך נאָך מער צוהערן וואָס זי האָט צו זאָגן.

— איך טראַכט — זאָגט זי ווייטער, ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך אַליין, — ווען דער שוואָגער וואָלט נישט געוואוינט מיט דיר אונטער איין דאַך, וואָלט געווען עפּעס אַנדערש... מען דאַרף

קיינמאָל נישט דערלאָזן אז מענטשן זאָלן האָבן פון וואָס צו רעדן.
און זי פאַרענדיגט נאָך אַפּענער, כּלומרשט מיט א פראַגע:
— וואָס זאָגסטו, ווי וואָלט געווען ווען ער וויל מיט דיר שטעלן א חופּה?...
— איך ווייס נישט — ענטפערט אסתר אָן מוט — איך האָב זיך נישט וואָס צו איילן...

* * *

אין די בייטאָגן, ווען די קינדער זיינען אין סקול, לאָזט עס אסתר׳ן נישט איינזיצן אין הויז. ס׳איז איר לאַנגווייליג. עס דוכט זיך איר, אז איבעראַל איז פריילעך, נאָר ביי איר אין הויז איז אומעטיג. עס ציט זי צום דרויסן, צו די סטאָרס. זי טוט זיך דאַן אָן אין בעסערע קליידער, די האָר פריש פאַרקאַמט און פאַרפלאָכטן הינטער א קליין שוואַרץ היטעלע מיט א שאַרפן פאַר־בויג צום שטערן און זי לאָזט זיך אוועק דאַון טאַון צו די דע־פּאַרטמענט סטאָרס.

קיין געלט עפּעס צו קויפן פעלט איר ניט. יעדע וואָך ברענגט איר דער שוואָגער אהיים איר חלק פון די ביזנעס און זי קען מיט דעם געלט טאָן וואָס איר הארץ גלוסט. אויך האָט זי געלט ליגן אין באַנק אויף איר אייגענעם נאָמען נאָכן מאַנ׳ס טויט.

אסתר איז גאָרניט געוואוינט צו האָבן אַזאַ פרייקייט מיט געלט. ביי איר מאַן האָט זי דאָס קיינמאָל ניט געהאַט. ער פלעגט איר צוציילן יעדן סענט.

אסתר זעט ערשט איצט וואָס מען קען אַלץ קויפן פאַר געלט. פונקט ווי אמאָל אין אירע מיידלשע יאָרן, לויפט זי ארום אין די דעפּאַרטמענט סטאָרס און עס צאַפּלט איר דאָס הארץ פון די אַלע שיינע זאכן וואָס זי זעט. זי שלינגט מיט די אויגן די פּול־באַלייג־טע קרייז־טישן מיט אַלערליי זאכן פאַר פרויען, וועלכע ציען אזוי כּישוף׳דיג מיט זייער פּיל־פאַרביקייט, און עס געפעלט איר אַלע מאָל עפּעס אנדערש וואָס זי מוז קויפן. זי קען ניט ארויסלאָזן פון די הענט א האַלז־טיכל פון פיינעם זייד, וואָס רייצט מיט ראַ־

שיג־פאַרביגע בלומען. זי באַצאָלט א הויכן פּרייז פאַר א פּאָר שיך, וואָס אזא גוטן סאָרט האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געטראָגן. זי גייט אויך אריין אין דער קליידער־אָפּטיילונג און לאָזט זיך אָב־מעסטן א קלייד. זי זעט א קלייד פון א הויכן פּרייז. אמאָל האָט זי פון אזעלכע פּרייזן געוויינט, איצט אָבער, פילט זי, אז זי קען זיך פאַרגינען צו צאָלן אזעלכע פּרייזן.

צי זי קויפט דאָס קלייד, צי ניט, איז איר אנגענעם וואָס די פאַרקויפערין דרייט זיך ארום איר מיט שיינע איידעלע מאַניערן, ווי זי רעדט איר איין און דערקלערט איר מיט געטאַקטע שמייכלענ־דיגע רייד וויפיל חן און יוגנטלעכקייט דאָס קלייד גיט איר צו...

אמאָל צעשפּילט זיך אין אסתר'ן אזא חשק צו דעם קלייד, אז זי וויל דאָס שוין ניט ארויסלאָזן פון די הענט. זי שטייט דאַן לאַנג אין דעם דריי־ווענטלדיגן שפּיגל־ביידעלע, וואו זי זעט זיך פון אלע זייטן און זי דערקענט זיך אליין ניט. עס דאכט זיך איר, אז זי קוקט אויס אין דעם קלייד פיל דינער ווי זי איז, שיעור ניט אזוי דין ווי זי איז געווען אמאָל...

* * *

אז אסתר ברענגט אויך עפּעס פאַר די קינדער, וואַרטן זיי שוין אויף דער מינוט אז דער אָנקל זאָל אהיים קומען. ווי אלע מאָל, לויפן זיי אים שטיפעריש אַנטקעגן און ביידע מיטאמאָל ווייזן אים מיט פרייד די מתנות וואָס די מאמע האָט זיי געקויפט.

— וואָס פאַר א יום־טוב איז עפּעס פּלוצלונג מיט מתנות? — זאָגט ער הויך און אויפגעלייגט, מיט די אויגן צו דער שוועגערין.

— עס דאַרף זיין א יום־טוב? — גיט אסתר א פריילעכן ענט־פער, פאַרענדיג זיך ביים סאָפער — אז מען באדאַרף עפּעס קויפן און מ'האָט פאַרוואָס, איז יום־טוב...

אלץ וואָס אסתר ברענגט אהיים פון די קראָמען מוז דורכגיין דעם שוואָגער'ס הענט. ער האָט ליב צו זען וואָס די שוועגערין האָט איינגעהאנדלט. ער באקוקט און באַטאַפּט יעדע זאך מעשה מבין און

כאַטש די זאכן זיינען ניט געקויפט פאר זיין געלט, האָט ער אסתר׳ן פאר אַן אויסברענגערקע.

ער זעט ניט נאָכוואָס זי דאַרף האָבן די אַלע שמאַכטעס.

ער זאָגט אָבער וועגן דעם נישט קיין וואָרט. ער פּרואווט בלויז טרעפן אויף זיינע אייגענע מבינות וויפיל די שווענערין האָט פאר דעם אָדער יענעם ארטיקל באצאָלט און פרעגט זי איבער מיט א ברייטן שמייכל:

— זאָג דעם אמת: כ׳האָב געטראָפן, צי ניין?...

אויך אין די גוטע פאָר שיך, וואָס אסתר האָט אמאָל אהיים געבראכט, האָט ער געזען אַן אויסברענגעריי. ער האָט באטראכט דעם פיינעם שניט מיט די אָפּגעטאָקטע לעפלעך און קנייפּעלעך וואָס די שיך האָבן פארמאָגט און ער האָט ניט געזען צו וואָס די שווענערין דאַרף אזעלכע טייערע שיך... אַז אסתר האָט פאר די שיך באצאָלט צוועלף דאָלער, וואָלט אים אפילו נישט איינגעפאַלן. ער האָט אינ־גאנצן נישט געוואָלט טרעפן דעם פּרייז.

— אויף פרויען שיך בין איך א קנאַפּער מבין, — האָט ער גע־זאָגט אַן באגייסטערונג. — וויפיל קאָסטן די שיך?...

אסתר האָט נישט געוואָלט דעם שוואָגער איבעררראשן און האָט געזאָגט פונקט א העלפט וואָס זי האָט פאר די שיך באצאָלט.

פאר היימאנ׳ען איז אפילו דער פּרייז אויך געווען צו הויך.

— א סך געלט! — האָט ער א זאָג געטאָן מיט אַן ערנסט פּנים — ווען איך וויים, אז דו דארפסט שיך, וואָלט איך מיט דיר געקאָנט אריינגיין צו מיינעם א באקאנטן „האָלסעילער״, וואָלסטו דיזעלבע שיך געקענט קויפן פאר העלפט געלט...

אסתר׳ן איז פון דעם געוואָרן קאַלט. פונקט אזעלכע ווערטער פלעגט זי הערן פון איר מאַן. דייוו האָט זי אויך אַלעמאָל געשלעפּט צו די „האָלסעילערס״, און קיינמאָל האָט זי נישט געהאט קיין לײ־טישע פאָר שיך.

היימאן ווייסט אָבער ניט וואָס ביי דער שווענערין אין הארצן קומט פאָר. ער ווייסט אפילו נישט, אז זי האלט אים פאר א קארגן. קיינער האָט דאָס אים נאָך קיינמאָל נישט אויפגעוואָרפן. ער ווייס נאָר אז א מענטש מיט שכל טאָר זיך נישט ווארפן מיט קיין געלט.

ער זעט דאָס קלאָר אין דעם גאַנג פון זיין אייגענער דערפאַרונג. ווען אזא מענטש ווי ער וואָלט נישט געלעבט מיט חשבון און זיך גע־וואָרפן מיט געלט, וואָלט ער איצט נישט געשטאַנען אין א וויכטי־גער, סאָלידער ביזנעס. ער וואָלט ניט געוואוינט אין קיין אייגענער הויז...

שפּעטער ווי אלעמאָל, זיצט איצט היימאַן אין די אָוונטן איבער זיין צייטונג און געדיכטער ווי אלעמאָל הויבן זיך איבער אים די קנוילן רויך פון זיינע ציגאַרן. ער זיצט ווי אין א טומאַן. דער קאָפּ איז אים מער ביי אסתר׳ן ווי ביים לייענען. וויפיל ער זאָל נישט איבערטראַכטן און איבעררעכענען, זעט ער נישט וואָס עס קען זיין גלייכער און בעסער פאַר אים און פאַר אסתר׳ן, ווען זיי ווערן מאַן און ווייב. ער ווייס נישט ווי אזוי עס קען זיין אנדערש, ווען זיי זיינען זיך איינס דאָס אנדערע אזוי נאָענט און אלץ ליגט אין ביידנס הענט. דאָס הויז מיט די ביזנעס איז אירס פונקט ווי זיינס. די קינדער האָט ער ליב ווי זיי וואָלטן געווען זיינע אייגענע, און אויף אסתר׳ן האָט ער געוויס ניט וואָס אויסצוזעצן. שווער איז אים בלויז איין זאַך: וויפיל ער זאָל ניט טראַכטן, ווייס ער נישט ווי אזוי ער וועט קאָנען זאָגן אסתר׳ן אז ער וויל מיט איר חתונה האָבן. פון אלץ אין דער וועלט וואָלט ער מיט איר געקענט רעדן, נאָר נישט וועגן דעם. ער האָט ניט דעם מוט; ער ווייס ניט ווי אזוי ער וועט קענען ברענגען אויף די ליפּן דאָס ערשטע וואָרט.

ביי היימאַנ׳ען אין קעשענע ליגט שוין א צעטעלע מיט א גע־נויעם חשבון, וויפיל עס וועט אים דאַרפן קאָסטן אריינצושטעלן נייע מעבל אין הויז. שטילערהייט האָט ער זיך שוין דורכגערעדט וועגן דעם מיט זיינעם א באַקאַנטן „האָלסעילער“. ער ווייסט שוין וויפיל עס דאַרף קאָסטן צו דעקאָרירן דאָס הויז... אָן אסתר׳ן וועט ער אָבער קיין זאַך נישט אָנהויבן צו טאָן...

* * *

זונטיק נעמט היימאַן ביידע קינדער און גייט מיט זיי אין די מואוויס. דאָס איז שוין ביי די קינדער א מין חזקה. אפילו אז

דער פֿאָטער האָט געלעבט האָבן זיי אויך געוואוסט, אַז זונטיק באַלאַנגען זיי צום אָנקל.

היימאַן וואָלט זיך געפֿילט אין זיבעטן הימל, ווען אסתּר וואָלט מיט אים אויך מיטגעגאַנגען צו די מואוויס.

— עס שפּילט היינט זייער אַ שיינע בילד, — פּרוּווט ער איר איינרעדן — קום, וועסט זיך אַמוזירן.

אסתּר זאָגט זיך אָבער אַלעמאָל אָפּ. זי אַנטשולדיקט זיך, אַז זי דאַרף זיך מיט עמיצן טרעפֿן. זי האָט צוגעזאָגט...

קיין ליגן איז דאָס נישט. זעלטן אַז אסתּר איז איצט אין די זונטאָגדיקע נאָכמיטאָגס אין דער היים. פּונקט ווי עס ציט זי אין די וואָכן־טעג צו די דעפּאַרטמענט־סטאָרס, אַזוי ציט עס איר אין די זונטאָגן צו באַזוכן פֿריינט. זי האָט זיך ערשט איצט גענומען דערמאָנען, אַז זי האָט באַקאַנטע, אַמאָליקע חבר׳טעס...

אין פֿאַרלויף פֿון די יאָרן וואָס זי איז געווען פֿאַרהייראַט איז זי פֿון אַלעמען אָפּגעריסן געוואָרן. איר מאַן איז אַלעמאָל געווען אַ הויז־זיצער, ניט קיין בעלן צו גיין אויף באַזוכן, און אַז זי איז אַמאָל געגאַנגען אָן אים, האָט ער געקוקט אויף איר קרום. ווי עס טרעפֿט אָפֿט ביי אַן עלטערן מאַן וואָס האָט אַ יונגע פֿרוי, איז ער איר חושד געווען... ער האָט געמוזט וויסן אַקוראַט וואו זי גייט, מיט וועמען זי גייט און דער עיקר האָט ער זי אַלעמאָל געוואָרנט, זי זאָל ניט אהיים קומען שפּעט... און גיין האָט זיך אסתּר׳ן אַלעמאָל געוואָלט גיין. אין אירע מיידלשע יאָרן איז זי גאָר געווען אַן אַרומלויפֿערקע. אַז ס׳איז געקומען זונטיק האָט זי ניט געוואוסט וואו פֿריער צו גיין. און וואו זי איז געקומען, איז געווען אַזאַ פֿריילעכקייט, אַז זי קען דאָס נאָך ביז איצט נישט פֿאַרגעסן.

איצט האָט אין איר ווידער אויפֿגעפֿלאַמט דער זעלבער באַגער. יעדעס מאָל ווען זי גייט זיך טרעפֿן מיט אימיצן פֿון אירע אַמאָליקע חבר׳טעס, ווערט איר האַרץ פֿול מיט יוגנטלעכע דעראינערונגען, פֿאַרלאָשענע טרוימען וואַכן אין איר אויף.

היימאַן בלייבט אַלע מאָל מיט אַ שווער האַרץ פֿון אסתּר׳ס זונטאָגדיקן אַוועקגיין. עס נעמט אים נאָגן אַ פֿאַרדאַכט, צי גייט

ניט אמאָל אסתר זיך טרעפן ערגעץ מיט אימיצן וואָס שדכנ׳ט זיך צו איר... ווען ער ווייסט, אז דאָס איז אמת, וואָלט ער ניט גע־שוויגען, ער וואָלט אויפגערודערט די גאנצע פאמיליע, ער וואָלט געבראכט איר מוטער אהער... עס וואָלט אונטערגעבראָכן זיין גאנץ לעבן, עס וואָלט פון אַלץ געוואָרן א תל...

ביז אין דער לעצטער מינוט פון אסתר׳ס אהיימקומען לאָזט עס אים ניט רוען. דורך א פארבויגענעם שטיקל פאַרהאנג זיצט ער ווי צוגעקלעפּט מיט די אויגן צום פענסטער און וואַרט אויף דער מינוט ער זאָל זי שוין דערזען.

* * *

דאָס לויפן יעדן זונטיק צו אמאָליגע פריינט האָט זיך אסתר׳ן גיך צוגעגעסן. אפילו מיט איר נאָענטסטער חבר׳טע, וועלכע זי האָט שוין יאָרן ניט געזען, איז איר בלויז געווען גוט און אנגענעם די ערשטע באגעגעניש. זי האָט צווישן די באקאנטע מער ניט גע־פונען דעם אַמאָליגן צויבער, די אמאָליגע פריילעכקייט... זי האָט דערזען אן אָפּשפּיגלונג פון איר אייגענעם לעבן און האָט זיך דער־שראָקן פון דער פארענדערטקייט וואָס די פארגאנגענע פופצן יאָר האָבן אויף אַלעמען ארויפגעלייגט. אייניגע פון די אמאָליגע חבר־טעס האָט זי כמעט ניט דערקענט. איינע, וועלכע האָט אמאָל גע־האט א דין בויגיג פיגורל, ווי זי, איז געוואָרן ברייט און פעט; ביי א צווייטער איז שוין דער קאָפּ געווען פארשאָטן מיט גרויע האָר. און איבעראַל דאָס זעלבע וואָכעדיגע לעבן, קאַלט, ניט אינטערעסאנט...

און אז אסתר איז שפּעטער אהיימגעקומען, האָט זיך איר גע־דוכט, אז ליכטיגער און ווארימער ווי איבעראַל, איז איר אייגענע היים.

מער פון אַלץ האָט אויף איר איבערגעלאָזט א שווערן איינ־דרוק, ווען זי האָט זיך אין איין זונטיק באגעגנט מיט איינעם, וועל־כער איז אמאָל שיעור ניט געוואָרן איר חתן — מיט מאָרי׳ן...

די שענסטע דעראינערונגען פון אירע יונגע יאָרן האָט אָט־דער מאָרי איבערגעלאָזט אין איר הארצן. דאָס איז געווען א יונגער

קאַלעדזש־סטודענט, וואָס אין זײַנע אויגן אַליין האָט מען זיך געמוזט פֿאַרליבן. אַ הויכער און גלײַכער ווי אַ סטרונע; אַ שײנער און אַן אינטערעסאַנטער.

ביז אַ שטיק צײַט נאָך איר חתונה איז נאָך אַפֿילו בײַ אסתּר׳ן געלעגן באַהאַלטן מאַריס׳ס אַ פּאָר בריוולעך. „דײַנער אויף אײביג“, האָט ער זיך אַלע מאָל אונטערגעשריבן.

ביז היינטיקן טאָג שטייט נאָך אסתּר׳ן פֿאַר די אויגן, ווי מאַרי איז אַמאָל אין אַן אָוונט אָפּגעשטאַנען מיט איר שעה׳ן לאַנג און געוואָלט זי זאָל אים צוזאָגן נאָר איין זאַך: אַז זי וועט וואַרטן אויף אים ביז ער וועט ענדיקן קאַלעדזש. ״אסתּר טײַערע״, האָט ער אַלע ווײַלע ווידערהאָלט איר נאָמען און ניט אַרויסגעלאָזט איר האַנט פֿון זײַנער: „אסתּר טײַערע“...

זי האָט מאַרי׳ן ליב געהאַט און וואָלט זיכער געוואַרט אויף אים. מען האָט זי אָבער פֿאַרבלענדט מיט דעם „רײַכן שידוך“... פּונקט ווי איצט מיטן שוואָגער, אַזוי איז דעמאָלט געווען מיט דײוו׳ן. די גאַנצע משפּחה האָט איבער איר געהאַמערט. איבערהויפּט די מאַמע...

ווי אַ גאָלדענער פֿאָדים האָט זיך מאַרי געצויגן פֿאַר אסתּר׳ן דורך די אַלע יאָרן; ווי אַ באַהאַלטן שטראַלעכל, וואָס קיינער האָט ניט געקענט זען, נאָר זי.

אסתּר האָט אַפֿילו ניט גע׳חלום׳ט, אַז זי וועט זיך נאָך אַמאָל טרעפֿן מיט מאַרי׳ן. זי האָט פֿון אים קיינמאָל ניט געהערט און אַפֿילו ניט געוואוסט צי ער לעבט. בלויז איין מאָל, נאָך גאָר אין די ערשטע יאָרן, האָט איר אַ חבר׳טע אָפּגעגעבן פֿון אים אַ גרוס. איצט האָט זי באַזוכט דיזעלבע חבר׳טע און ווידער וועגן אים געהערט. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז מאַרי אַרבעט מיט דער חבר׳טעס מאַן פֿאַר איין אינשורענס פֿירמע און אַז ער קומט אַפֿילו אַמאָל אַרויף צו זיי אין הויז.

אסתּר האָט אויפֿגעלויכטן.

— איך וויל אים זען! — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן ווי אין פֿיבער. — זאָג מיר צו, אַז ער וועט זײַן בײַ דיר קומענדיקן זונטיק...

אַלע שענסטע זאַכן, וואָס אסתּר האָט זיך די לעצטע צײַט

איינגעקויפט, האָט זי אָנגעטאָן אין יענעם זונטיק. א ניי קלייד, וואָס מאכט זי אויסזען איינגער און דינער; די גוטע נייע שיך און זאָקן, א ניי היטעלע מיט א פאַנטאַסטישן פעדערל ביי דער זייט, און מער ווי אַלץ האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דאָס ראָשיגע שאַ־לעכעל מיט די פאַרביגע בלומען, וואָס האָט מיט אַזא געשמאַקער געפאַלדעוועטקייט אַרומגענומען איר האַלז.

עס איז אָבער מער ניט געווען דער זעלבער מאַרי, נאָך וועלכן אסתר האָט אַלע מאָל אַזוי געבענקט. זי האָט אים קוים דערקענט. פון די שוואַרצע גלאַנצנדיגע האָר, וואָס ער האָט געהאַט, איז אפילו קיין העלפט ניט פאַרבליבן, און דאָס ביסל האָר, וואָס ער האָט נאָך, איז שוין אויך דורכגעוואָרפן מיט גרוי. דאָס פּנים איז ביי אים גע־וואָרען פעט און פליישיג; די אויגן, וועלכע זיינען אַמאָל געווען אַזוי ליכטיג און פאַר׳חלום׳ט, זיינען עפּעס ווי קלענער געוואָרן און מיט א סך קנייטשעלעך אַרום. אפילו דאָס קול זיינס איז איר שווער געווען צו דערקענען, אַן אַנדער קול, א שווערס און א גראָבס. גאָר־ניט ווי אַמאָל, האָט ער איצט א סך גערויכערט און נאָך מער גע־רעדט. א ים מיט זאַכן האָט ער אסתר׳ן געהאַט צו דערציילן. עפּעס ווי עס וואָלט אים געגאַנגען אין לעבן, אַז אסתר זאָל דאָס וויסן. ער האָט איר דערציילט וואָס פאַר א פיינע פרוי ער האָט, אַז ער האָט שוין צוויי קינדער, איינע גייט אין „האַי־סקול״, און אַז כאָטש עס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן צו ווערן א דאָקטאָר, ווי ער האָט געוואָלט, מאַכט ער פאַר זיין פאַמיליע א פיין לעבן.

אסתר׳ן האָבן די אַלע רייד ווייניג אינטערעסירט. זי האָט בלויז געהאַלטן אין איין קוקן אויף איר אַמאָליגן מאַרי און עס איז דאָך ניט געווען מאַרי...

— איך וואָלט דיר ניט אָנגעהויבן צו דערקענען, ווען מען זאָגט מיר ניט אַז דאָס ביזטו, — האָט זי געזאָגט מיט א געדריקט קול, ניט אַראָפּנעמענדיג פון אים די אויגן. — ביזט עפּעס אַזוי פרי גרוי געוואָרן...

— דערפאַר וואָלט איך דיר דערקענט, — ענטפערט מאַרי מיט א טאָן, ווי ער וואָלט איר איינגערוימט עפּעס אַן אומעטיגן סוד. — איך וואָלט דיך דערקענט צווישן טויזנט...

ביי אסתר׳ן זיינען פייכט געוואָרן די אויגן.

## ש ר י פ ט ן

* * *

קיין זאַך איז אסתר׳ן אין יענעם אָוונט ניט איינגעגאנגען. ווען זי איז אהיימגעקומען, האָט זי פון זיך האסטיג ארונטערגעריסן די אַלע שיינע זאכן וואָס זי האָט היינט געטראָגן; אָן צערעמאָניעס האָט זי זיך איינגעגארטלט אין איר שלאָף־ראָק, און דער גאנצער זונטאָגדיגער אָוונט מיטן עסן איז ביי איר צוגעגאנגען אָן א טעם.

עס איז איר געווען שרעקלעך אומעטיג, אסתר׳ן, אין יענעם אָוונט. זי איז שפּעטער לאנג געלעגן אויף דער זאָפע מיט צוגע־מאכטע אויגן און עס וואָלט שווער געווען צו זאָגן, צי זי שלאָפט, צי זי איז וואַך. און א סך טרויעריגע געדאנקען האָבן זיך גע־פלאָנטערט אין איר קאָפּ. צוערשט האָט זי געטראכט, אז ווען ניט די קינדער, וואָלט זי ניט געוואָלט לעבן. דערנאָך האָט זי רחמנות באקומען אי אויף זיך, אי אויף די קינדער. דעמאָלט איז איר דורכ־געלאָפן א געדאנק, אז אפשר איז איר מוטער, מיט אַלע אנדערע פון דער משפחה, ניט אינגאנצן אומגערעכט, ווען מען רעדט זי צו זי זאָל נעמען דעם שוואָגער. זי זעט דאָך אליין, אז וואו זי גיט זיך א קער, איז אַלץ פארקניפּט און פארבונדן מיט היימאַנ׳ען. די היים, די ביזנעס, און די קינדער קלעפּן צו אים ווי צו א פאָטער... אָבער, וואָס פאר א לעבן וועט זיין פאר איר אליין?... זי איז דאָך נאָך אזוי יונג... אנדערע אין איר עלטער הויבן דאָך ערשט אָן צו לעבן אויף דער וועלט...

זי האָט געמוזט ארויסשלעפּן דאָס טיכל און אויסווישן די אויגן...

היימאַן האָט אין דער שוועגערינ׳ס צערודערטקייט ניט געזען קיין גוטן סימן. כאָטש ער איז די גאנצע צייט געזעסן מיטן קאָפּ אין דער צייטונג, האָט ער אָבער די אויגן געהאַלטן מער אויף אסתר׳ן. אין אָנפאנג האָט ער געמיינט, אז זי שלאָפט; ווען ער האָט אָבער באמערקט אז זי ווישט זיך די אויגן, האָט עס אים געגעבן א הויב אויף. ער האָט באלד אוועקגעלייגט דעם רויכנדיגן ציגאַר מיט דער צייטונג און איז שוין פון דער שוועגערין ניט אָפּגעטראָטן.

ווי א יונגער פארליבטער בחור, האָט ער זיך אוועקגעזעצט

אויף א נידעריגן געבעטן פוס־בענקעלע, פנים צו פנים מיט אסתר׳ן און עס האָט אים ניט געלאָזט רוען.

— אסתר׳קע, — האָט ער זי געפרעגט שטיל, ווי ער וואָלט זי געוועקט פון שלאָף, — פילסט עפּעס ניט געזונט?

ער מאכט איר צורעכט דאָס קישעלע, אויף וועלכן זי ליגט; ער לייגט צו זיין האנט צו איר שטערן.

אסתר באפרייט זיך לייכט פון זיין האנט, וועלכע ליגט איר שווער אויפן קאָפּ, און ניט עפענענדיג די אויגן, זאָגט זי:

— ס׳איז מיר גאָרנישט. בלויז א ביסל א קאָפּ־ווייטאָג... עס וועט מסתמא באלד אריבערגיין...

— אז דו האלטסט אין איין ארומפליען! — מאכט איר דער שוואָגער א גוט־מוטיגן פאָרוואורף. — פון די סאָבוועיס אליין איז גענוג צו קריגן א קאָפּ־ווייטאָג. איך ווייס דאָס אָן מיר...

ער איז ריידעוודיג און עס האָט זיך אין אים גענומען שפּארן דאָס וואָס ער האָט אזוי שטארק געוואָלט, אז אסתר זאָל וויסן... דערווייל איז אים גרינגער געווען צו רעדן פון דעם, וואָס אסתר מוז אויך וויסן: פון די צימערן, וואָס ער וויל לאָזן דעקארירן, און די נייע מעבל...

ער זיצט מיט די אויגן אויף איר אָפענעם פנים, וואָס קוקט אויס ווי אין שלאָף, און ער דערציילט איר פון די פּלענער, מיט וועלכע ער טראָגט זיך ארום. ער גיט איר איבער מיט אלע ברע־קעלעך וועגן דעם מעבל, וואָס ער האָט שוין כמעט ווי געקויפט ביי א באקאנטן „האָלסעילער״, און ער זאָגט, צובויגנדיג זיך נעענ־טער צו איר:

— איך וואָלט זייער געוואָלט, דו זאָלסט א קוק טאָן וואָס פאר א מעבל דאָס איז... וואָלסטו געוואָלט מאָרגן צופאָרן מיט מיר א קוק טאָן?...

אסתר האָט ווידער געמוזט צוטראָגן דאָס טיכל צו די אויגן. כאָטש זי האָט אלע מאָל געוואוסט צו וואָס דער שוואָגער צילט זיך, זיינען איצט זיינע רייד געפאַלן אויף איר ווי שווערע שטיי־נער. עס איז איר געוואָרן ענג אין האלז און אין הארצן — ווי א שווערער קנויל וואָלט דאָרט געלעגן.

— זאָל מען נאָך אונטערוואַרטן מיט די אַלע זאַכן, — האָט זי קוים אַרויסגערעדט די פּאָר ווערטער. — ס׳איז זיך נישטאָ וואָס צו איילן...

היימאַן זעט אין דעם ענטפער אַ גוטן סימן און ער ווערט נאָך מער ריידעוודיג.

— און די צימערן וועל איך אויך לאָזן דעקאָרירן, — רעדט ער ווייטער אַ צעוואָרימטער. — דאָס גאַנצע הויז וועט איצט באַקומען אַן אַנדער פּנים...

ער גלעט דערביי און צערטלט איר נאַקעטע האַנט, וועלכע איז אַזוי גלאַט און וואַרים אונטער זיינע האַרטע פינגער, און קוויקט זיך מיט דער נאָענטקייט פון דער, צו וועלכער עס האָט אים אַלעמאָל אַזוי געצויגן.

אסתר קען די נאָענטקייט זיינע ניט פאַרטראָגן. זי ליגט אַ פאַרשטשעמעטע, אַן איינגעצויגענע. פּונקט ווי עס וואָלט לעבן איר געזעסן איר פאַרשטאָרבענער מאַן, שפּירט זי דעמזעלבן ניט־אָנגענעמען ריח פון זיינע ציגאַרן, דאָס זעלבע קול, דאָס זעלבע פּנים... זי זעט און פילט, אַז אַלץ וואָס איז איר פריער געווען אַזוי אָפּשטויסנד און פריקרע אין איר מאַן, קומט ווידער צוריק... זי זעט שוין, אַז אַנדערש קען ניט זיין, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט זי זיך מוזן אונטערוואַרפן איר שיקזאַל... זי זעט שוין... און דער קנויל אין איר האַרצן ווערט אַלץ ענגער, שטיקנדער...

ערשט שפּעטער, ווען זי איז געלעגן אין בעט מיט זיך אַליין, האָט דער קנויל אויפגעריסן. אַלע ביטערקייטן און אַנטוישונגען, וואָס האָבן זיך אין איר געהאַט אָנגעזאַמלט פון אַלע יאָרן, האָט זיך איצט אַ שפּאַר געטאָן אין איר מיט אַ קראַפט, ווי אַ ברויזנדע כוואַליע. איר פאַרשפּילטע יוגנט, אירע איבערגעלעבטע פּופצן יאָר מיט אַ מאַן, וואָס איז איר געווען דערווידער... איר אַמאָליגער מאַרי...

און אסתר האָט נאָך קיינמאָל ניט געוויינט מיט אַזאַ הייס געוויין, ווי אין יענער נאַכט.

# זיין צווייטע פרוי

יעדן טאָג פון דער וואָך, חוץ שבת, איז בענסאָן פאַרנומען מיט זיינע ביזנעס. דאָס איז א קעלער פון אַלטע אויוונס, וואָס בענסאָן האַלט אין א זייטיגער איסט־סאַידער גאַס, כמעט די גאַנצע דרייסיג יאָר וואָס ער איז אין אמעריקע. די געגנט איז אָן אָרימע, מיט אַל־טע, ניט־באהייצטע הייזער, און בענסאָן מאַכט מיט זיינע אַלטע אוי־וועגס גוטע געשעפטן.

ער האָט זיך געמאַכט א נאָמען, בענסאָן, מיט זיין סחורה. זיי־נע קונים ווייסן שוין, אז בענסאָן פאַרקויפט אַן אויוון און זאָגט אז דער אויוון איז גוט, קען מען זיך פאַרלאָזן.

„דער מאַן פון די אויוונס", רופט מען אים.

קיין נייעם אויוון קען מען ביי בענסאָנען ניט באקומען. אַלץ איז ביי אים איבערגעניצעוועט. זיין קעלער איז אָנגעפּיקעוועט מיט אייזן, אין יעדן ווינקעלע—אייזן! נישטאָ אזא אויוון, מעג ער זיין ווי אַלט און צעבראָכן, אז בענסאָן זאָל פון אים ניט מאַכן א לייט. אליין א זון פון א היימישן שמיד, פילט ער זיך אין דער ארבעט ווי אין דער היים. ער האָט ליב זיין ארבעט, ווי ער וואָלט מיט דעם געטאָן עפּעס א הייליגע פליכט. יעדעס מאָל ווען עס גיט זיך אים איין צו פאַרריכטן עפּעס אַן אַלטן צעבראָכענעם אויוון, וואָס איז שוין גאָרנישט ניט ווערט, שיינט ער אויף, ווי ער וואָלט עפּעס געמאַכט פון טויט לעבעדיג.

— אָט דער אויוון איז ביי מיר אויפגעשטאַנען תחית המתים, — זאָגט ער אָפּט מיט גדלות, אָנצייגנדיג אויף א פאַרריכטן אויוון, וועלכער גלאַנצט ווי א שפּיגל אין זיין שווארצקייט.

פון ארבעטן ביי די אויוונס איז בענסאָן שטענדיג איינגעטונקען אין שטויב און אין סאַזשע, ווי א קוימענקערער. אפילו די וואָנסעס זיינע, וועלכע זיינען אַלעמאָל גרוי, קוקן ביי דער ארבעט אויס שווארץ. מער ווי אויף אַלץ ליגט די שווארצקייט אויף זיינע פאַר־

הארטעוועטע הענט, וועלכע זיינען פול מיט צעקראַצטקייט און שפּאַלטן. אפילו פרייטיק, ווען ער גייט אין אַ שוויץ־באָד און קומט ארויס אַ ריינער, אַז עס איז אים ניט צו דערקענען, זיינען נאָך זיינע הענט אַלץ פול מיט דער איינגעגעסענער שוואַרצקייט. ער קען זיי ניט דערוואַשן.

* * *

פאַרנאַכט כאַפּט בענסאָן אויף זיך ארויף זיין אַלטן וואָכעדיקן ווינטער־ראָק, וואָס הענגט אָ פאַרשטויבטער אויף אָ שווערן שלאָס אויף דער קעלער־טיר, ער טוט אים אָן נאַכלעסיג און לאָזט זיך איילנדיג אהיים.

דער גאַנג פון קעלער אהיים און פון דער היים צום קעלער איז ביי בענסאָנען פאַרבונדן מיט אַן אנגענעמענעם מאָמענט. עס קומט אים דאָן אויס פאַרבייצוגיין די גאַס, וואו עס געפינט זיך זיין זון, סידני. אויף דער דאָזיגער גאַס, וועלכע איז אַ שיינע און אַ רוישי־גע, פירט דער זון סידני, אויך אַ געשעפט פון אויוונס. ס׳איז אָבער אַ חילוק פון דעם זונ׳ס ביזנעס צום פאָטערס, ווי טאָג צו נאַכט. סידני פירט זיין געשעפט מיט אַ גרויסן פאַרנעם. אַ גאַנצע געביי־דע פון דריי שטאָק. אַן אָפיס מיט בוכהאַלטערס, סטענאָגראַפיסט־קעס, סעילסלייט. נישטאָ אַזאַ אויוון, וואָס ווערט געמאַכט אין אמעריקע, מען זאָל ביי סידני׳ן ניט קענען באַקומען. אויוונס אויף עלעקטריק, אויף געז, ריזיגע אויוונס פאַר בעקערייען, וואָס אַזאַ אויוון קאָסט אַ פאַרמעגן. זיין סטאָר איז גרויס ווי אַ וואַלד און ביינאַכט פלאַקערט איבער דער גאַנצער געביידע אַן עלעקטרישער שילד, וואָס רייצט מיט אַזעלכע פאַנטאַסטישע און באַוועגלעכע קאָ־לירען ,אַז מען מוז זיך אָפּשטעלן קוקן.

צום זון אין סטאָר קומט בענסאָן בלויז פון שבת צו שבת, ווען ער איז ריין ארומגעוואַשן און לייטיש אָנגעטאָן. אין זיין וואָכעדיגן הולך וואָגט ער אפילו נאָענט לעבן סטאָר אויך ניט פאַרבייצוגיין. עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט מיט זיין וואָכעדיקייט ניט געוואָלט פאַר־שווענכן דעם זונ׳ס גלאַנץ און פראַכט. עס איז אים גוט פון דעם, אַז ער גייט אויף דער אנדער זייט גאַס און קען כאַפּן אַ קוק צום

זונ׳ס סטאַר פון ווייטן.

ער פילט זיך שטאַרק געהויבן, דער פאָטער, וואָס זיין זון, סידני, האָט דערגרייכט אזא מדרגה. די פאַנטאַסטישע ליכטיקייט וואָס רייסט זיך פון סטאַר, פילט אָן זיין האַרץ מיט א שטיל געזאַנג. בענסאָן באַדויערט בלויז וואָס זיין מלכה, עליה השלום, סידני׳ס מוטער, האָט דאָס ניט דערלעבט צו זען... געשטאָרבן, נעבעך, ווען סידני איז נאָך געשטאַנען מיט אים אין קעלער א פאַרשטויבטער, א פאַרשוואַרצטער, און געהאָלפן אים ביי די אַלטע אויוונס...

בענסאָן טראָגט זיך נאָך עד היום אַרום מיט א טיפער בענקשאַפט נאָך זיין פאַרשטאָרבענער מלכה. ער פילט און זעט אויף שריט און טריט, אז ער האָט נאָך וועמען צו בענקען. מלכה איז אים געווען א געטריייע ווייב, וואָס קיין געטרייערע פון איר איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט. יעדן דאָלער וואָס ער האָט אין די דרייסיג יאָר אָפּגעשפּאָרט, האָט ער מלכה׳ן צו פאַרדאַנקען. זי האָט געוואוסט ווי שווער ער אַרבעט און יעדער סענט זיינער איז ביי איר געווען גוואַלדיג טייער. אין די ערשטע יאָרן איז זי אפילו גאַנצע טעג געשטאַנען גלייך מיט אים אין קעלער און געפּוצט די אויוונס... געהאָלפן, געוואָלט מען זאָל קומען צו עפּעס א תכלית...

כאָטש עס איז שוין צוויי יאָר אז מלכה איז נישטאָ, און בענסאָן האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערע, האָט ער נאָך אין מלכה׳ן א מינוט ניט פאַרגעסן. ער האָט ערשט איצט געגומען בענקען נאָך איר. און דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל אזא מענטש ווי ער, בענסאָן, וועלכער האָט אָפּגעלעבט פינף־און־דרייסיג יאָר מיט אזא פרוי ווי מלכה, האָט זיך באַדאַרפט גוט באַרעכענען איידער ער האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט. ער האָט זיך אָבער ניט באַרעכנט. איבערהויפּט האָט ער געמאַכט א טעות שוין מיט דעם אַליין, וואָס גענומען האָט ער א פרוי, וועלכע איז מיט צען יאָר אינגער פון אים. ס׳איז ניט זיינס גלייכן. זי איז אים א פרעמדע, און פון מלכה׳ס געטריישאַפט איז ביי דער איצטיגער אפילו קיין סימן נישטאָ. ער זעט איצט אז זי האָט בלויז געמיינט די עטלעכע הונדערט דאָלער זיינע, וואָס ער האָט ליגן אין די בענק — זיין מלכה׳ס צירונג, וואָס ער האָט איר אָנגעטאָן. זי איז אַן אַרומ־

לויפערקע, די צווייטע פרוי זיינע, אן אויסברענגערקע. אויסגעבן ביי איר א דאָלער איז אזוי ווי ביי אים א פּעני...

בענסאָנען טוט עס שטארק וויי... אָבער ברענגען צו לייטיש געלעכטער, וויל ער ניט און טאָר ניט. עס וועט ניט זיין שיין פאר מענטשן און אן אומ׳כבוד פאר זיינע קינדער; פאר זיין סידני׳ן, וועלכער איז איצט אזא אָנגעזעענער מענטש. אויך האָט ער נאָך א טאָכטער חתונה צו מאכן...

* * *

אַ היים קומט בענסאָן אַלעמאָל אומעטיג. די היים איז אים ניט ליב. ער פילט זיך דאָרט ווי א פרעמדער, ווי נאָר ער קומט אריין אין הויז, כאפּט ער זיך באלד אריין אין וואָש־צימער און נעמט זיך ארומוואשן. איבערהויפּט סטאַרעט ער זיך, אז די הענט זאָלן ביי אים זיין וואָס ריינער. ער שטייט מיט פאַרקאָשערטע אַרבל ביז איבער די עלנבויגנס און זשאַלעוועט ניט קיין זייף מיט וואסער. ער באנוצט אפילו א האַרט בערשטל. עס העלפט אָבער ניט. ער וואָלט באדארפט אָפּשטיין גאנצע שעה׳ן צו קענען דערגרונטעוען די גאנצע שווארצקייט, וואָס ליגט איינגעגעסן אין זיינע צעהאַקטע הענט און נעגל.

בענסאָן האָט פון דעם פארדרוס. ווייל ווי נאָר ער זעצט זיך צום טיש און נעמט דעם לעפל אין האנט אריין, האָט דאָס ווייב צו אים טענות, אַלעמאָל ער וואָשט ניט אָפּ די הענט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

— עס שלאָגט צום האַרצן, אז דו זעצסט זיך עסן מיט אזעלכע הענט — רעדט זי בייז — כ׳האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט, אז הענט זאָל מען ניט קענען אָפּוואשן, זיי זאָלן זיין ריין.

— ס׳איז א קליינער אומגליק, אז די הענט זיינען ביי מיר ניט אזוי אַקוראַט, — ענטפערט בענסאָן שפּל׳דיג, באַקוקנדיג זיינע הענט — איך בין ניט קיין באַנקיר, אז די הענט זאָלן ביי מיר זיין אַן אַ שפּרענקעלע.

אין פאַרגלייך מיט דעם פאַרהאָרעוועטן אויוון־אידן, קוקט איצט

זיין ווייב אויס ווי זי וואָלט געגאַנגען צו א חתונה. זי זיצט אים ביי דער זייט מיט א סך לאָקן אויפן קאָפּ, מיט רויטע אָנגעפּארבטע ליפּן, רויטע נעגל און פון אירע אויערן פינקלען מלכה׳ס דימענטענע אוירינגלעך, וואָס בענסאָן האָט איר אָנגעטאָן...

אפילו צו איר נאָמען „לילי״ האָט זיך נאָך בענסאָן ניט צו־געוואוינט. עס פאַרטשעפּעט זיך עפּעס ביי אים די צונג ווען ער דארף זיין ווייב רופן מיט אזא נאָמען. ניט איינמאָל פאַרגעסט ער זיך און אָנשטאָט „לילי״ קומט ביי אים ארויס „מלכה״...

לילי איז אָבער ניט מלכה...

זי איז אים גאָרניט צום הארצן, בענסאָנען, דאָס צווייטע ווייב זיינס. און נאָך מער קען דאָס ווייב אים ניט פאַרטראָגן. זי וואָלט געוואָלט ער זאָל זיך אויספּוצן, ער זאָל גיין מיט איר צו אונטער־האלטונגען. מער פון אלץ האָט זי פיינט זיין קעלער מיט די אויוונס. אזא סטאָר ווי סידני׳ס וואָלט זי וועלן ער זאָל האָבן.

זי רעדט פון דעם ביי יעדער געלעגנהייט און מאכט דעם קעלער מיט די אויוונס צו גאָרנישט.

— אויך מיר א ביזנעס, — זיצט זי ביים עסן און האָמערט מיט רייד — סידני פארקויפט אויוונס און דו פארקויפסט אויוונס... קוקסט דאָך אויס ווי א קוימענקערער...

בענסאָן טראכט אפילו ניט פון אזא ביזנעס ווי סידני׳ס. ניט ער איז פייאיג דערצו און ניט עס איז איצט די צייט פאר אים אָנ־צוהויבן אויפסניי. און אויפגעבן דעם קעלער ווילט זיך אים אויך ניט, כאָטש ער וואָלט מיט זיין אָפּגעשפּאָרטן ביסל געלט וואָס ער פארמאָגט, געקענט לעבן גאנץ רואיג אָן די ביזנעס. ער וויל דאָס אָבער ניט. ער קען זיך עפּעס ניט פאָרשטעלן, אז א מענטש ווי ער, וועלכער איז נאָך קיין פולע זעכציק יאָר ניט אלט און איז נאָך בכוח צו ארבעטן, זאָל קענען ארומגיין מיט די הענט אין די קעשענעס און גאָרניט טאָן.

און ער זאָגט דוקא גאוה׳דיג:

— איך האָב צו מיינע בינזעס, דאנקען גאָט, גאָר ניט דער־לייגט. איך האָב אלעמאָל געמאכט א בכבוד׳יגן לעבן. און אז

איך קוק אויס ווי א קוימענקערער, האָט מיר נאָך קיינער ניט געזאָגט...

ניט איינמאָל טרעפט, אז פון די אלע רייד און שטעכווערטלעך, וואָס דאָס ווייב גיט אים, מוז ער אינמיטן עסן אוועקלייגן דעם לעפל און ער קען מער ניט עסן. דער ביסן גייט אים ניט אין האלז אריין. ער פילט בכלל ניט קיין טעם אין די עסנס וואָס לילי גרייט אים צו. ס'איז ניט מלכה'ס געקעכצן... טוינזט טעמ'ען האָט מלכה'ס אביסל עסן ביי אים געהאט...

קיין הויז־זיצערקע, ווי עס איז געווען מלכה, איז די איצטיגע פרוי זיינע אויך ניט. אן ארומלויפערקע, א טוערקע אין א פאר־איין. עס איז נישטאָ אן אָוונט זי זאָל ניט זיין פארנומען מיט א לויפעניש צו באקאנטע; מיט אונטערנעמונגען, מיט פארקויפן טעאַ־טער־בילעטן.

בענסאָן איז שוין געוואוינט צו דעם. ער ווייס שוין, אז אין אָוונט דארף ער בלייבן אליין. עס איז אים אָבער גוט דערפון. עס ווערט אים עפּעס פרייער און געראַמער ווען ער איז אליין אין הויז. ער זעצט זיך דאן ברייטלעך אוועק אויף א ווייכן, באקוועמען שטול, ער רוקט צו נאָך א שטול אויף וועלכן ער לייגט ארויף זיינע פיס, און פארטיפט זיך אומגעשטערט אין לייענען א צייטונג.

אזא ברייטלעך אוועקזעצן זיך פארגינט ער זיך בלויז ווען זיין ווייב לילי איז ניטאָ אין דער היים. ס'איז אים עפּעס ניט צו דער האנט אפילו לייטיש אוועקצוזעצן זיך, אז זי איז פאר די אויגן. ס'איז אים ענג און ער זעט, אז ער מאכט איר ענג...

* * *

אין אזעלכע אָוונטן, טרעפט אָפט אז צו בענסאָנען קומט אויף באַזוך זיין אינגסטע טאָכטער עלסי.

דאָס איז די מיזינקע זיינע, וועלכע ער דארף נאָך פירן צו דער חופה.

ביים פאָטער צינדט זיך אָן א פריילעך פייערל אין די אויגן, אז ער דערזעט זיין עלסי.

— דאָס איז די מאמע אירע, מיט אלע ברעקעלעך, — זאָגט ער אָפּט, קוקנדיג אויף איר מיט ליבע, — פּונקט ווי זי, האָט אויס־געקוקט מיין מלכּה, ווען איך האָב זיך מיט איר באַקענט.

דאָ ביים פּאָטער אין הויז איז געווען עלסי׳ס היים ביז דעם טאָג ווען ער האָט אריינגעבראכט די צווייטע פרוי.

עלסי טראָגט ניט קיין בייז הארץ אויף דער שטיפמוטער. זי האָט איר קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט. אָבער האָבן דאָ איר היים האָט זי מער נישט געקענט. איר מוטער איז ביי איר געווען צו־טייער, זי זאָל קענען צוקוקן, ווי א פרעמדע פרוי האָט גענומען שאלטעווען איבער אלץ, וואָס עס האָט באלאנגט צו איר מאמע...

איצטער וואוינט עלסי ביי אירער א פארהייראטער שוועסטער. דאָרטן ביי דער שוועסטער איז איר היים, און ביי איר ברודער סידני ארבעט זי אלס בוכהאלטערין.

עלסי האָט איר פּאָטער ליב, און ווען נאָר זי האָט א פרייען אָוונט, קומט זי אים זען.

ווי אַ קיל, פריש פרילינג־ווינטל גיט אויף דעם פּאָטער א בלאָז אז זיין עלסי באווייזט זיך. זי קומט צו אים מיט אלע פליטערלעך און שמעקעדיקייטן פון א כּלה־מיידל. א פרייליכע, אַן אויסגעפּוצ־טע.

זי רוט ניט א מינוט, עלסי, אז זי קומט אריין אין איר געווע־זענער היים. נאָך פרייער און היימישער פילט זי זיך, אז זי טרעפט דעם פּאָטער אליין. זי איז פול אין אלע ווינקעלעך; זי קוקט אין טעפּלעך; זי עפנט אלע שופלאָדן; זי זוכט, זי נישטערט. אמאָל קומט איר צו דער האנט עפּעס א זאכעלע, וואָס האָט באלאנגט צו איר מוטער, א טישטוכל אָדער עפּעס א שיין פאטשיילעכל, און זי קען זיך מיט דעם ניט שיידן. זי דארף דאָס ניט האָבן, נאָר ווייל דאָס האָט א שייכות מיט איר מוטער, איז דאָס ביי איר טייער, און זי וואָלט דאָס געוואָלט מיטנעמען מיט זיך.

דער פּאָטער האַלט זי אָבער אָפּ:

— טו מיר צוליב, מיין קינד, און נעם דאָס ניט — בעט ער

זיך ביי איר — ס׳איז ניט מער ווי א קלייניקייט, און מיר קען דאָס פאַרשאַפן עגמת־נפש.

עלסי טוט דעם פאָטער צוליב. זי לייגט די פאַטשיילקע אָדער טישטוך צוריק אוועק וואו עס איז געלעגן און זאָגט ניט א וואָרט.

איין זאַך קען נאָר עלסי דעם פאָטער ניט מוחל זיין — פאַר־וואָס ער האָט דער פרוי אוועקגעגעבן דאָס גאַנצע צירונג, וואָס איר מוטער האָט איבערגעלאָזט. איבערהויפּט די דימענטענע אוירינג־לעך. עס טוט איר א ריס אין הארצן ביי יעדן מאָל, וואָס זי זעט די שטיפמוטער אין איר מאמעס אוירינגלעך.

עס האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן, אז עלסי זאָל קומען צום פאָטער און ניט האָבן צו אים וועגן דעם קיין טענות. זי רעדט מיט הארץ, מיט ווייטאָג. נישט איינמאָל כאַפּט איר אפילו אָן א געוויין.

— האָסט געטאָן א גרויסע נאַרישקייט, קען איך דיר זאָגן, — רעדט זי אין טרערן, — ווען די מאמע וואָלט ביי דיר געווען טייער, האָסטו ניט באַדאַרפט נעמען און אָנטאָן יענער אלץ, וואָס די מאמע האָט איבערגעלאָזט...

— דאַרפסט אזוי ניט רעדן, עלסי, — פילט זיך דער פאָטער געטראָפן, — דו ווייסט גאַנץ גוט, ווי טייער דיין מאמע איז ביי מיר געווען... זי איז נאָך איצטער ביי מיר טייער... הלואי וואָלט זי געלעבט...

ער ווייסט ניט וואו זיין שכל איז געווען, בעטסאָן. ער וואָלט נאָך איצטער אויך געוואָלט, אז די אוירינגלעך זאָלן זיין ביי עלסי׳ן. עס וואָלט ביי אים רעכט געווען, ער זאָל אפילו פאַר לילי׳ן קויפן אנדערע. און ער זאָגט צו עלסי׳ן, אז ער וועט זען, אז דער מאמעס אוירינגלעך זאָלן נאָך זיין אירע... ער וועט רעדן וועגן דעם מיט דער שטיפמוטער. ער וועט איר געבן צו פאַרשטיין.

— זי איז ניט קיין שלעכטע פרוי, כאָטש זי איז דיר א שטיפ־מאמע, — רעדט ער אין זיין גערירטקייט, — איך וועל דאָס איר דערקלערן מיט גוטן, זי וועט פאַרשטיין. און איך זאָג דיר צו, עלסי, אז צו דיין חתונה, אם־ירצה־השם, וועלן דער מאמעס אוירינגלעך

זיין דיינע... געפין נאָר פריער עפּעס א פיינעם חתן. ביסט דאָס ווערט, עלסי. און ביי מיר ביסטו טייער, פונקט ווי דיין מאמע איז ביי מיר געווען טייער... איך האָב דיך ליב, ווי מיין לעבן...

און ניט עלסי׳ן זעט ער איצטער לעבן זיך, נאָר זיין מלכה׳ן, די אמאָליגע מלכה, ווי זי האָט אויסגעקוקט מיט פינף־און־דרייסיג יאָר צוריק...

# זיין נצחון ●)

(דערציילט פון אַ גאַסט אין די בערג)

1.

אויב איר האָט געדולד און ווילט מיך אויסהערן, וועל איך אייך דערציילן אַ געשיכטע.

איידער אָבער איך הייב אָן צו דערציילן, וויל איך אייך פריער אביסל נעענטער באַקענען מיט מיר אַליין, מיט מיין כאַראַקטער און מיט מיין אַרט לעבן, כדי איר זאָלט וויסן ווער איך בין און מיט וועמען איר האָט צו טאָן. ווייל ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַ מענטש וואָס האָב ליב, אַז אַלץ זאָל ביי מיר צוגיין מיט אַ סדר, מיט אַ טאַקט. — רעד איך צו אימיצן, וועל איך זיך אַלעמאָל סטאַרען צו רעדן צו דער זאַך, כדי יענער זאָל זיך ניט לאַנגווייליגן: דערצייל איך עפּעס און יענער הערט מיך אויס, האָב איך דערפון זייער הנאה, און איך האָב דעריבער שטענדיג ליב, אַז יעדעס וואָרט וואָס איך רעד אַרויס, זאָל מיר אַרויסקומען קלאָר, אָן פּלאָנטער, אָן פאַרדרייעניש, אַזוי, אַז די גאַנצע געשיכטע וואָס איך דערצייל, זאָל אויף אייך מאַכן אַן איינדרוק, פּונקט ווי איר וואָלט דאָס אַלץ געזען מיט אייערע אייגענע אויגן.

אַ מענטש בין איך וואָס ווייסט גוט מיינע מעלות, ווי די חסרונות. מיין גרעסטער חסרון, אָדער בעסער געזאָגט, אומגליק איז, וואָס איך בין זייער אַ מיאוס׳ער. אַז איך שטעל זיך, למשל, אַוועק אַנטקעגן שפּיגל, זע איך גאַנץ דייטלעך, אַז אויסער דעם וואָס איך בין אַ געשטופּלטער, האָט ניט דאָס גאַנצע אויסזען פון מיין געשטאַלט דעם מינדעסטן סימפּאַטישן אויסדרוק. געוואַקסן בין איך קליין, אויגן האָב איך טיפע און פאַרשלאָפענע, ליפּן גראָבע און

---

●) געווען געדרוקט אונטערן נאָמען „דער מיאוס׳ער מענטש”.

צעקרימטע, און די נאָז לויפט ביי מיר עפּעס אזוי מאָדנע, אז איך קען קיינמאָל ניט כאַפּן דעם ריכטיגן פאָרם פון איר. מיט א שפּיץ וואָס שטעקט אינמיטן פון מיין פּנים אָן שום פאָרם.

עס איז דעריבער לייכט צו פאַרשטיין, אז צוליב דעם וואָס די נאַטור האָט מיך געשטעמפּלט מיט אזא אויסזען, קומט מיר אויס אין געזעלשאַפט זייער פיל צו ליידן. וואו און מיט וועמען איך זאָל זיך ניט צוזאמענקומען, קוקט מען אויף מיר שטענדיג פון אויבן אראָפּ. יעדער קוקט אויף מיר עפּעס ווי אויף א פאַרזעעניש, ווי אויף א מין אויסטערלישע באשעפעניש, וואָס לעבט אויף דער וועלט ניט מער, ווי נאַריש צו מאכן זיך... און ניט נאָר צווישן פרעמדע, נאָר אפילו ביי אייגענע טאטע־מאמע בין איך שטענדיג באטראכט געוואָרן פאר אזעלכן. פון מיין קינדהייט אָן פלעגט מען מיך אנדערש ניט רופן ווי „מאַלפּע", אָדער „פאַרזעעניש". און וואָס פאר א צרות איך האָב אין מיין לעבן איבערגעליטן — און געליטן האָב איך גענוג — איז דאָס אַלץ געווען נאָר דערפאר, ווייל איך בין, וואָס מ'רופט, א „מיאוס'ער".

עס איז דעריבער זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אז אין אזא ווי איך זאָל זיך אמאָל קענען איינלייבן א פרוי, האָט מיר אפילו קיינמאָל ניט געקענט קומען אויף דער מחשבה. און דאָס איז טאקע געווען די הויפּט־אורזאך, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פאַרביטערן מיין לעבן, באַלד פון דער ערשטער מינוט אָן ווען עס האָט אין מיר אָנגעהויבן צו דער־וואַכן דער מאַן. איך האָב באַלד אָנגעהויבן צו באגרייפן, אז צווישן מיר און די פרויען, וועט בלייבן אָן אייביגער צאָם, וואָס וועט ניט צולאָזן קיין איינציגן פריינטלעכן פרויען־בליק צו מיר.

דער דאָזיגער געדאנק האָט מיך ניט אויפגעהערט צו מאַטערן און פאַרפאָלגן זינט איך בין צו מיין שכל געקומען. איך האָב אויף זיך באַלד אָנגעהויבן צו קוקן ווי אויף א מענטשן, וועלכן עס דער־וואַרטעט ניט מער אין לעבן ווי צרות און ליידן, פאַרצווייפלונג און מאַטערניש! דערצו בין איך נאָך אזא, וואָס פּונקט ווי אויף להכעיס, האָט די נאַטור אין מיר ארייגעגעבן אן אומאויסשפּרעכלעכן געפיל צו פרויען: א שרעקלעכע ליידנשאַפט! וואָס עלטער איך בין גע־וואָרן, האָט זיך אַט־דער געפיל אַלץ מער אין מיר פאַרשטאַרקט. מיין נשמה האָט אָנגעהויבן אין מיר צו בענקען אַלץ מיט מער ווײ־

טאָג, מיט מער ברען! יעדער בליק פון א פרוי האָט מיך געשטאָכן ווי מיט גליענדע שפּיזן; יעדע באַוועגונג האָט געמאכט קאָכן אין מיר די בלוטן! כאָטש איינמאָל אין מיין לעבן האָט זיך מיר געוואָלט הערן פון א פרוי „איך ליב דיך". מיט וויפיל עס איז כאָטש איינשטילן מיינע ברויזנדיגע געפילן!

ליידער אָבער האָב איך קיינמאָל דערצו דאָס גליק ניט געהאַט. איך האָב אזוי אָפּגעלעבט ביז מיין פיר־און־צוואנציקסטן יאָר, און מער ווי דערנידערונג און שפּאָט האָט מיר דאָס לעבן ניט געגעבן.

.2

כדי איר זאָלט האָבן אביסעלע א קלערערן באַגריף פון מיין אַרט לעבן, וועל איך אייך דערציילן אין קורצן א פאַקט, וואָס האָט מיט מיר איינמאָל פּאַסירט.

דאָס איז געווען אומגעפער א צוויי יאָר נאָכדעם ווי איך בין געקומען קיין אמעריקע. איך האָב דאַן געארבעט אין א שניידער־שאָפּ (מיין פּראָפעסיע איז דאָ שניידעריי). אין דעם זעלבן שאָפּ פּונקט קעגן איבער מיר, האָט געארבעט א מיידל. אמת, קיין שיינע איז זי ניט געווען. ניט נאָר ניט קיין שיינע, נאָר מ'קען זאָגן, אז זי איז אפילו געווען א מיאוס'ע. א פּנים האָט זי געהאַט א לאנגס און אַ דאַרס, אויגן גרויע, אָן א שום פייער. און בשעת זי האָט געלאכט, פלעגט זיך ביי איר אַלעמאָל ארויסזען די יאַסלעס, וואָס האָט זי געמאכט נאָך וויניגער אָנציענד...

פונדעסטוועגן, ווי ניט שיין זי איז געווען, האָט זי עפּעס געמאכט אויף מיר אזא מין איינדרוק, אז איך האָב אָנגעהויבן ליב צו האָבן אויף איר צו קוקן. ניט אזוי אויף איר, ווי אויף א קורצן געקרויזטן לאָק, וועלכער פלעגט כמעט שטענדיג אַראָפּהענגען איבער איר שטערן, און בשעת דער ארבעט, זיך וואַרפן אַהין און צוריק, ווי א גלעקל.

אָט אין דעם קליין ביסעלע האָר איז דאָס געלעגן די גאנצע קראַפט וואָס מיך האָט געצויגן צו דער מיידל! ניט אַנדערש ווי נאָר עפּעס א כשוף איז אין דעם געלעגן! איך זיץ, און יעדעס מאָל

וואָס דער לאָק טוט זיך א טרייסל איבער איר שטערן, ווייזט זיך מיר אויס ווי טויזנט חנ׳ען וואָלטן זיך איבער איר פּנים צעגאָסן; עס לויפט מיר דערפון דורך א סקרוך איבערן גאנצן קערפּער... איך פיל, אז ווען מיר וואָלט מעגלעך געווען כאָטש איין ריר צו טאָן דאָס געקרויזטע ביסעלע האָר, וואָלט איך געווען דער גליקלעכסטער מענטש. איך וואָלט זיך, דאכט זיך, דערביי איינגעגעסן אין איר מיט אזא קראַפט, אז איך וואָלט זי פּשוט איינגעשלונגען פון ליב־שאַפט!

און עס איז גאנץ נאַטירלעך, אז ווען איך וואָלט דאָן ניט געווען אַזאַ שרעקעדיגער און געהאַט דעם מוט צו פאַרפירן מיט איר אַמאָל אַן ערנסטן געשפּרעך, וואָלט אפשר אונזער באַקאַנטשאַפט געקאָנט פירן צו עפּעס, און איך וואָלט אפשר ניט געווען פאַרבליבן אַן אַל־טער בחור, ווי איך בין. — איך האָב אָבער בשום אופן ביי זיך ניט געקענט פּועל׳ן דאָס צו טאָן. מיר האָט זיך אַלץ אויסגעדוכט, אז ווי נאָר איך וועל צו איר אויסרעדן אַן ערנסטן וואָרט, וועט זי באַלד אויף מיר א קוק טאָן מיט א שפּאָטישן בליק און אויסשיסן מיט א געלעכטער... עס האָט זיך אין מיר אויסגעאַרבעט וועגן דעם אזא זיכערקייט, אז אַנדערש האָט זיך מיר דאָס שוין גאָר נישט געקענט זיך פאָרשטעלן. איך בין כמעט ווי זיכער געווען, אז דאָס מוז שוין ביי איר זיין אַן אָפּגעמאַכטע זאַך; זי ווייס אַלץ וואָס ביי מיר אין האַרצן קומט פאָר און וואַרט נאָר אויף דער קלענסטער געלעגנהייט צו קענען פון מיר חוזק מאַכן...

דער געדאַנק האָט אין מיר דערוועקט די ביטערסטע געפילן! ווייל ווי געפאַלן איך זאָל ביי זיך ניט זיין צוליב מיין ניט־שיינעם אויסזען, דאַרפט איר אָבער ניט פאַרגעסן, אז צו דער זעלבער צייט בין איך א מענטש מיט א זעלבסט־ווירדע. איך וועל ליבערשט אַרי־בערטראָגן די ערגסטע ליידן איידער געבן אימיצן א געלעגנהייט צו שפּילן זיך מיט מיינע געפילן.

פונדעסטוועגן, טראָץ די אַלע געדאַנקען וואָס האָבן ניט אויפ־געהערט צו מוטשען מיין מוח, איז מיר דאָך ניט מעגלעך געווען אָפּצושוואַכן די געפילן צו אָט־דער מיידל. פאַרקערט, איך האָב גע־פילט ווי פון טאָג־צו־טאָג ווער איך נאָך מער צוגעצויגן צו איר, פון

מינוט צו מינוט צינדט זיך אין מיר אָן אַלץ שטאַרקער דאָס פייער—
איך ליב שוין איצט ניט בלויז דעם אראָפּהענגענדיגן לאָק, נאָר זי
אינגאַנצן.

נאָר בשעת איך פלעג אזוי זיצן און טראַכטן וועגן איר, פלעגט
זיך מיר אין דער זעלבער צייט אויסדוכטן, אז זי כאַפּט אויף מיינע
געדאַנקען, און אין זיך לאַכט זי מיך שוין אויס... איך בין אין דעם
געוואָרן אזוי זיכער, אז איך האָב דאָס, דאַכט זיך, דייטלעך געקענט
דערקענען אָן איר פּנים. יעדעס מאָל וואָס איך האָב אויף איר א
קוק געטאָן, איז ביי מיר קיין שום צווייפל ניט געווען, אז איך זע ווי
זי שמייכלט... איך זע ווי דאָס שמייכעלע ווערט אַלץ דייטלעכער,
קלערער — אָט, אָט און זי שיסט מיר אויס מיט א געלעכטער גלייך
אין פּנים אריין...

דאָס פלעגט מיך ניט איין מאָל אזוי אויפרעגן, אז איך האָב
זיך פון כעס אָנגעהויבן צו בייסן די ליפּן. דאָס אליין איז אָבער נאָך
ניט גענוג געווען צו שטילן מיין אויפרעגונג. איך האָב עפּעס אין
דער מינוט געוואָלט אויספירן א נקמה... א זאָג טאָן איר עפּעס
אזעלכע ווערטער, וועלכע זאָלן אי ארויסרופן אין איר א מורא, אי
דערוועקן אין איר א ליבשאַפט צו מיר...

— איר האָט זייער א שלעכטע טבע — האָב איך איר אמאָל
אין אזא מאָמענט פלוצלונג א זאָג געטאָן אָן איבערלייגונג — מען
טוט אויף אייך א קוק, לאַכט איר באַלד... וואָס איז דאָס געלעכ־
טער?...

איך ווייס ניט ווי איך האָב אין יענעם מאָמענט אויסגעזען, נאָר
לויט איך פאַרשטיי, האָב איך דאַן געמוזט אויסקוקן זייער נאַריש.
ווייל באַלד, ווי איך האָב ארויסגעזאָגט די ווערטער, האָט זי אויף
מיר אָנגעשטעלט א פּאָר אויגן, ווי זי וואָלט ניט פאַרשטאַנען וואָס
איך רעד, און אין דער זעלבער רגע ארויסגעלאָזן אזא געלעכטער, אז
עס האָט מיך געשטאָכן ווי מיט שפּילקעס!

איז שוין ביי מיר קיין שום צווייפל ניט געווען, אז איך האָב
ביי איר געהאַט אַ פּנים פון א גאַרנישט, און זי מיינט טאַקע ניט מער
ווי אויסצולאַכן מיך. וואָרום וואָס האָב איך דען אזוינס געזאָגט,
וואָס זי האָט זיך באַדאַרפט אזוי צעלאַכן?...

די פארצווייפלונג איז ביי מיר נאכהער געוואָרן אזוי גרויס, אז איך האָב ביסלאכווייז אָנגעהויבן צו פארלירן די געדולד פון דער ארבעט און דער סוף איז געווען, אז מען האָט מיך „אָפּגעזאָגט" פון דעם „פּלאַץ".

פון דאַן אָן איז מיר שוין מער ניט מעגלעך געווען זיך מיט איר צו זען.

וואָס איך האָב נאכהער דורכגעלעבט, איז ניט וויכטיג, איך זאָל אייך וועגן דעם איבערגעבן יעדע איינצלהייט, ווייל ניט דאָס באַלאַנגט צו דעם הויפּט־ענין, וועגן וועלכן איך וויל אייך דערציילן. עס איז גענוג, אז אזעלכע און ענלעכע פּאסירונגען, וועלכע האָבן מיר ניט מער פארשאפט ווי באליידיגונג און שמערצן, האָב איך דורכגעלעבט אויף שריט און טריט.

און אצינד, ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך שוין א בחור פון אריבער דרייסיק און לעב זיך פון מיין פיר־און־צוואנציגסטן יאָר אָן, אָפּגעזונדערט פון יעדער געזעלשאפט, (איבערהויפּט מייד איך אויס פרויען־געזעלשאפט). א גוטער פארדינער בין איך, וואוין איך מיר איינער אליין אין אַ באַזונדערן, רואיגן צימערל, האָב אלע מיינע באקוועמלעכקייטן וואָס איך באדארף און האָב צו טאָן בלויז מיט די מענטשן, מיט וועלכע איך בין געצוואונגען צו פארקערן.

דאָס איינציגע וואָס דינט מיר איצט אלס מיין ליבסטער און האַרציגסטער פריינט, איז בלויז א קליין הילצערן פייפל, וואָס איך פארמאָג. אויף אָט־דעם פייפל האָב איך זיך פון זיך אליין אויסגעלערנט אביסל שפּילן נאָך ווען איך בין געווען א חדר־אינגל — און אין מיטאָג, ווען איך בין פריי פון מיין ארבעט, אָדער אין א פארנאכט נאָך דער ארבעט, זעץ איך זיך אוועק איינער אליין אין א ווינקל פון מיין צימער און שפּיל מיר אויס וואָס נאָר עס קומט מיר אויף דער מחשבה. — עטוואָס באשטימטעס שפּיל איך זעלטן. אמייסטן שפּיל איך נאָר דאָס, וואָס מיינע געפילן דיקטירן מיר — פיל איך זיך אויפגעליינגט, צעלאָז איך זיך דאַן אויף מיין פייפל מיט אזעלכע פריילעכע טענער, אז ניט איינמאָל דאכט זיך מיר אויס, ווי איך וואָלט זיך דאן געפונען אין דער פריילעכסטער געזעלשאפט. — פיל איך, ווידער, טרויעריג, מאַך איך צו די אויגן און יעדער טאָן

קומט דאן ארויס ווי צוגעפּאַסט צו מיין הארצן — שטיל, מעלאַדיש, אזוי, אז א זייטיגן צוהערער וואָלט זיך דאן געקענט אויסדאַכטן, אז דאָס זייגען ניט קיין טענער, נאָר עפּעס א שטיל געוויין: א מין שטיל קלאָגן פון א פארביטערט האַרץ, פון א א בענקנדיגער נשמה...

3.

איך האָב אייך אומיסטן געגעבן א קורצע אָפּשילדערונג איבער מיין אָרט לעבן, כדי איר זאָלט האָבן מער אינטערעס אויסצוהערן וואָס איך גיי אייך ווייטער דערציילן.

איך וועל גאָרנישט אראָפּנעמען און גאָרנישט צולייגן, איך וועל אייך די געשיכטע איבערגעבן אָקוראַט אזוי, ווי דאָס האָט פּאסירט און אזוי ווי איך האָב דאָס איבערגעלעבט.

דאָס האָט פּאסירט מיט דריי יאָר צוריק אין איינעם פון די שיינע און לויטערע יולי־טעג. איך בין דאן אַלט געווען אין זיבן־און־צוואנציגסטן יאָר און האָב זיך אין יענער צייט געפונען אויף מיין וואקאציע אין די בערג פון די קעטסקילס.

אויף דעם זומער־פּלאַץ האָט זיך געפונען א מיידל פון אומגע־פער אָ יאָר צוואנציג, מיט נאָמען קאהן, אָדער די „קעניגין”, ווי די געסט פלעגן זי רופן צווישן זיך. דאָס איז געווען א מיידל, וועלכע איז געווען זייער א שיינע און פלעגט דעריבער קוקן אויף יעדן פון אויבן אראָפּ. ביים ערשטן בליק אויף איר האָט מען באלד געקענט דערקענען, אז דאָס איז פון יענעם סאָרט נאַטורן, וועלכע וואָלט שטענדיג געוואָלט אז מען זאָל נאָר קוקן אויף איר און האלטן אין איין באוואונדערן איר שיינקייט.

אָבער וואָס פאר א חסרונות עס זאָל ניט געווען זיין אויף איר אויסצוזעצן, — איין זאך האָט יעדער געמוזט צוגעבן, און דאָס איז, אז אן אמת'ע שיינהייט איז זי טאקע געווען. זי איז געווען אזוי שיין, אז איך ווייס ניט אויב מען קען געפינען א צווייטע צו איר. אַ פיגור האָט זי געהאַט א צאַרטע, אן איידעלע, ניט צו הויך, ניט צו נידעריג: אַ געדיכטן שווארצן קאָפּ האָר, וועלכע פלעגן שטענדיג

אריבערהענגען איבער אירע שולטערן אין צוויי דיקע לאַנגע צעפּ (אַזוי פלעגט זי קאַמען אירע האָר די גאַנצע צייט וואָס זי איז געווען אין דאָרף), און א פּנים האָט זי געהאַט, אַז איך האָב נאָך אַזוינס ניט געזען! — איינפאַך בלוט און מילך! — איר זעט פאַר זיך א שיין, ליכטיג פּנימ׳ל מיט א פאָר פולע פאַרביגע מילך־באַקן, א דין געטאָקט נעזל, א קליין חנ׳עוודיגן מיילעכל, פון וועלכן עס שפּילן ארויס א פּאָר זאַפטיגע קאַרשן־ליפּן — און א פּאָר שווארצע פייער־דיגע אויגן קוקן אייך אָן, אַז איר ווערט איינפאַך א פאַר׳כשופ׳טער.

אָט אין די אויגן, קען מען זאָגן, איז געלעגן כמעט די גאַנצע קראַפט וואָס מיר פלעגט ציען צו איר — אין די אויגן און אין איר געלעכטערל; אין געלעכטערל נאָך מער ווי אין די אויגן! עפּעס אַז זי פלעגט א לאַך טאָן, איז אין דעם געלעגן אַזוי פיל חן און אַזוי פיל כוח, אַז עס האָט זיך געפילט ווי דאָס גאַנצע האַרץ וואָלט עפּעס מיטאַמאָל ווי פאַר׳שיכור׳ט געוואָרן פון זיסקייט... עס ציט איינ־פאַך די נשמה ארויס!...

צווישן אלע געסט פון דעם זומער־פּלאַץ, איז אָט די מיידל גע־ווען די גאַנצע גרענדע־פּירערין. יעדער איינער, פרויען און מענער, יונגע אַזוי גוט ווי אַלטע — ווער נאָר עס האָט זיך געפונען אין יע־נעם פּלאַץ, פלעגט קוקן אויף איר ווי אויף א קעניגין; אָן מיס קאָהן פלעגט קיין זאַך ניט געטאָן ווערן.

— ווער וויל הייַנט נעמען א „היי־ראַיד”?! — פלעגט זיך איר פלוצלונג פאַרגלוסטן אויסצורופן אויפן קול.

— א „היי־ראַיד”! א „היי־ראַיד”! — פלעגט באַלד ווערן א טומל צווישן עולם — מיס קאהן נעמט א „היי־ראַיד”!... און אַז מיס קאהן פאָרט, פאָרן אלע.

און כאָטש עס איז געווען א באוואוסטע זאַך, אַז מיס קאהן האָט שוין א חתן, פלעגן זיך פונדעסטוועגן כמעט אלע יונגע לייט, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, האַלטן זיך אין איין שדכ׳ענען צו איר; יעדער איז פאַרטיג געווען צו שפּרינגען פאַר איר אפילו אין פייער אריין, אַבי זי זאָל אים שענקען כאָטש אביסעלע אויפמערקזאַמקייט.

— ווער עס ברענגט מיר ארויס א גלאָז וואַסער, דער באַקומט פון מיר א קוש! — האָב איך אַמאָל געהערט ווי זי האָט א זאָג גע־

טאָן, זיצנדיג אויף דער וועראַנדע צווישן אַ גאַנצער חברה יונגע לייט.

ביי די ווערטער האָבן זיך באַלד אַ לאָז געטאָן עטלעכע קאַוואַ־ ליערן מיט אַמאָל, און אַנשטאָט איין גלאָז וואַסער, האָט זי גע־ קראָגן צוגעבראַכט אפשר פינף...

געקושט אָבער האָט די „קעניגין" קיינעם ניט, אַנשטאָט דעם האָט זי בלויז געטאָן אַ חנ'עוודיגן שמייכל און דערביי שעלמיש אַ וואונק געטאָן מיט איין אויגל, ווי זי וואָלט זאָגן: „ניט אַזוי גיך קענט איר ביי מיר קריגן אַ קוש"...

איך קען זאָגן, אַז צווישן דעם גאַנצן עולם בין איך געווען דער איינציגער, וואָס האָט זיך פון דער גרענדע־פירערין שטענדיג גע־ האַלטן אָפּגעזונדערט. איך פלעג זיך פון איר האַלטן אַזוי פון ווייטן, אַז דאָס גאַנצע הויז האָט אפילו געמעגט גיין ווי אויף רעדער צוליב איר, פלעג איך איר אפילו ניט שענקען די מינדסטע אויפמערקזאַמ־ קייט. און געטאָן האָב איך דאָס כמעט נאָר דערפאַר, ווייל איך בין אַ מיאוס'ער. איך בין שוין דאַן געווען אַזוי אַנגעזאַפּט מיט ביי־ טערקייט, אַז מיר פלעגט אויסוויזן, אַז איך זע נאָך אויס פיל העס־ לעכער ווי איך בין... איך האָב זיך געפילט, ווי איך וואָלט שוין פאַרלוירן יעדע האָפענונג אין לעבן און איז דעריבער געצוואונ־ גען צו זיצן ווי אַן איבעריגער אויף דער וועלט.

אָבער לויט עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט מיין קאַלטקייט אַנגעהויבן ציען איר אויפמערקזאַמקייט אויף מיר און אַרויסגערופן אין איר אַ שטיקל פאַרדרוס... עפּעס האָט זי אַנגעהויבן אויף מיר קוקן ווי איך וואָלט געווען אירער אַ פאַרפאַלגער, אַ מענטש וואָס איז צופלייס אַהער געקומען, כדי זי צו רייצן, שטערן איר דאָס פאַרגעניגן... יעדער איז אונטער איר שוך, איבער יעדן האָט זי די איבערמאַכט, נאָר איך איינער זיץ פון ווייטנס און בין קאַלט ווי אייז; איך שטעך זי מיט מיין גלייכגילטיקייט, פונקט ווי עס וואָלט פאַר איר געשטאַנען אַ קאַלטער, פאַרביסענער מערדער!

זי האָט דעריבער באַלד, ווי נאָר איך בין דאָרט געהאַט אָפּגע־ ווען די ערשטע פּאָר טעג, אַנגעהויבן אויף מיר צו קוקן ווי אויף אַ ביטערן שונא. נאַכהער, ווען זי האָט באַמערקט, אַז איך שפּיל אויף אַ פייפל (איך האָב דאַן געהאַט מיט זיך מיין פייפל), ביסלאַכווייז

חוזק צו מאכן און געקוקט אויף מיר, ווי איך וואָלט געווען עפּעס א ביליגער קונצן־מאכער, וועלכער איז אייגנס אַהער געקומען כדי צו אמוזירן דעם עולם...

און כאָטש איך האָב נאָך דאַן מיט איר קיין צוויי ווערטער ניט געהאַט איבערגערעדט, האָט זי מיך באַלד א נאָמען געגעבן „שמענד־ריק פּייפּער" און מיך ביי יעדער געלעגנהייט אָנגעהויבן צו נודיען מיט אזעלכע נאַרישע פראגן, פונקט ווי איך וואָלט עפּעס געווען אן אידיאָט; א מענטש, מיט וועלכן יעדער קען זיך נעמען דאָס רעכט צו שפּאסן...

מיר פלעגט דאָס אזוי ווי טאַן, אז איך בין ניט איינמאָל גרייט געווען אָנצופאַלן דערפאר אויף איר מיט די ערגסטע ווערטער!

און מערקווירדיג, איך ווייס אליין ניט וואָס מיט מיר פלעגט דאַן ווערן. איך האָב, דאכט זיך, געקענט זיין ווי אין כעס, אָבער ווי נאָר איך פלעג אויף איר א קוק טאָן און דערזען דאָס ליכטיגע פּנים מיט די צוויי שווארצע אויגן, בין איך באַלד געוואָרן אזוי אָפּ־הענטיג, אז איך האָב ניט פאָספּייעט אפילו דאָס מויל צו עפענען! — ניט אנדערש נאָר עפּעס א כשוף איז אין דער מיידל געלעגן — דאָס בלוט, דאכט זיך, קאָכט אין מיר פון כעס, די ציין דריקן זיך צונויף פון פארדרוס, נאָר די אויגן אירע ציען עפּעס מיט אזא כוח, אז אָנשטאָט אויסצורעדן צו איר א שלעכט וואָרט, וואָלט איך כאָטש וועלן א גלעט טאָן איר האנט, א ריר טאָן דעם זוים פון איר קלייד.—

איינמאָל אָבער האָב איך זיך שוין מער ניט געקענט קאָנטראָ־לירען און איך האָב זי ווירקלעך באליידיגט.

און ארויסגעקומען איז דאָס אייגנטלעך, דוקא צוליב א קליי־ניקייט.

דאָס איז געווען אין א שיינעם נאָכמיטאָג, דער עולם האָט נאָר וואָס געהאט פארלאָזן די טישן פון עסן, און דער ברייטער הילצער־נער גאַניק מיט דעם פרייען באגראָזטן שטיק פּלאץ, וואָס האָט ארומ־גענומען דאָס הויז, איז איצט געווען פול מיט טומל.

איך בין דאַן געזעסן אָפּגעזונדערט אין א ווינקל פון גאַניק און געמיטלעך אריינגעקוקט אין א צייטונג. און ווי איך זיץ אזוי פאַר־טיפט, פאַר'גנב'עט זיך דאָס מיידל אומבאמערקט הינטער מיינע

פּלייצעס און טוט מיר אין שפּאַס א רוק אריין עפּעס א מין שטעכיגע זאַך טיף אין האַלז אריין...

דערפילנדיג די אומאַנגענעמע באַרירונג, האָב איך מיט אמאָל, אביסל צעשראָקן, א הויב געטאָן דעם קאָפּ אזוי, אז איך האָב גלייכצייטיג דערפילט די גלאַטקייט און ווארימקייט פון איר האַנט, וועלכע האָט אין דעם זעלבן מאָמענט אָנגערירט מיין נאַקעטן האַלז.

אויף ווי ווייט איך האָב פארשטאַנען, האָט די באַרירונג פון מיין נאקעטן לייב געמאכט אויף איר א שרעקלעכן איינדרוק. ווייל אין דער זעלבער רגע ווי דאָס איז געשען, האָט זי ארויסגעלאָזט א משוגע׳דיגן קוויטש מיט אזא מינע, פּונקט ווי איינער וואָס איז א גרויסער מפונק און רירט אָן אומגעריכט א זאַך, וואָס ס׳געפעלט אים ניט.

דאָס, צוזאמען מיט דעם נארישן שפּאַס וואָס זי האָט אויף מיר געשפּילט, האָט אין מיר אָנגעצונדן א מורא׳דיגן כעס.

— איר נאַר, וואָס איר זענט! — האָב איך זיך פון אויפרעגונג א הויב געטאָן פון אָרט, אויסשרייענדיג, ווי ניט מיט מיין קול — איך בין ניט אייער גלייכן איר זאָלט מיט מיר שפּילן אזעלכע שטיק!...

איך האָב געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, איך האָב אָבער אין דעם מאָמענט פון אויפרעגונג מער קיין ווערטער ניט געקענט געפינען און כדי ניט צו בלייבן אין פארלעגנהייט, האָב איך צו איר בלויז א העפטיגן שפּיי געטאָן, וואָס האָט געקענט באדייטן נאָך מער ווי די ערגסטע באליידיגונג, און בין אין דער זעלבער רגע אוועק פון מיין אָרט א צעטראָגענער.

געווי ווי ווייט די באליידיגונג האָט אויף איר געווירקט, איז מיר אין דער מינוט פון מיין אויפגערעגטן אָפּטרעטן פון איר, שווער געווען צו באגרייפן; ווייל ווי נאָר איך בין פון איר אַוועק, האָב איך דערהערט ווי זי האָט הינטער מיר באלד אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער און אין דער זעלבער צייט א געשריי געטאָן מיט אן אָפּלאַכענדיגען טאָן: „שמענדריק פּייפער!״ — וואָס האָט געקענט באדייטן אז מיין אין כעס ווערן אויף איר פארשאפט איר נאָך פארגעניגען...

אין א ווײַלע אַרום אָבער האָב איך באַמערקט ווי זי איז געב־בליבן זיצן אָן אָנגעברוגז׳טע... איר פּנים איז עפּעס פאַרצויגן געוואָרן מיט אַזאַ אומעטיקן אויסזען, אַז ס׳איז פּשוט א רחמנות געווען אויף איר צו קוקן. און קיין חידוש איז דאָס ניט: א מיידל איז שטענדיק געוואוינט אַז יעדער זאָל אַרום איר בלויז אַרומטאַנצן און פלוצלונג קומט צוגיין אַזאַ איינער ווי איך און באַליידיק זי גאָר!...

נאָר דאָס גראַדע האָט מיך געפרייט. איך האָב פּשוט געפילט ווי אַליין זיך צו גראַטולירן פאַר מיין זאָנדערבאַרן מוט וואָס איך האָב אַרויסגעוויזן — דאָס האָב איך געטאָן — האָט געקוואָלן אין מיר דאָס האַרץ — מיין כּעס האָט דאָס טרויעריק געמאַכט אַזאַ שיינהייט א מיידל... און איך פיל אַז איך בין דאָך עפּעס; עס ליגט אין מיר דאָך עפּעס אַזעלכעס, פאַר וועלכן מ׳קען נאָך מורא האָבן...

און ניט נאָר האָב איך גערעכנט אַז פון איצט אָן וועט זי ניט וואָגן מער צו מיר אַ וואָרט צו רעדן, נאָר איך בין זיכער געווען, אַז זי וועט זיך מיר אפילו שעמען צו קוקן גלייך אין די אויגן אַריין.

אָבער ווי עס זעט אויס האָב איך געהאַט א טעות. עס איז ניט אַריבער אפילו קיין האַלבע שטונדע, איך טו א קוק, — זי איז ווי־דער לעבן מיר. שטעלט זיך מיר אַוועק פּונקט אַנטקעגן די אויגן, די הענט „פּאַדבאָקום״, דעם קאָפּ אויסגעבויגן עטוואָס אויף א זייט, און פרעגט מיך מיט איר קאָקעטישן שמייכעלע, פּונקט ווי עס וואָלט צווישן אונז מער ניט פאָרגעקומען, ווי א לייכטער אומבאַדייטנדיגער שפּאַס:

— וואָס־זשע, איר זענט טאַקע בייז אויף אַן אמת? און בשעת זי רעדט אַרויס אָט־די ווערטער, איז עפּעס איר קול אָנגעזאַפּט מיט אַזאַ קינדישער צערטלעכקייט, איר שמייכעלע קריכט עפּעס אַריין אַזוי טיף אין דער נשמה, אַז מ׳דאַרף פּשוט האָבן אַ האַרץ פון א גזלן צו קענען אַזאַ באַשעפעניש באַליידיגן.

דאָך, כאָטש דער כּעס צו איר איז שוין אין מיר כּמעט אין גאַנצן געוואָרן אָפּגעקילט און אין האַרצן האָט שוין ביי מיר אפילו אָנגעהויבן צו דערוואַכן א שטילע חרטה פאַרוואָס איך האָב זי באַליידיגט, האָב איך זיך דאָך איינגעהאַלטן מיט אַלע מיינע כּוחות, ניט אַרויס־צוזאָגן דאָס; פאַרקערט, מיר דאַכט, אַז איך האָב נאָך דאַן געמוזט

אויסזען באַדייטנד שטרענגער און אָנגעצויגענער ווי פריער, בשעת איך בין געוואָרן אין כעס, און אויב איך האָב אפילו ניט אַזוי אויסגעזען, האָט זי דאָס פּאָזיטיוו געפילט אין מיין אַרט באַנעמונג צו איר. ווייל ווי נאָר זי איז צו מיר צוגעקומען און אויסגערעדט די פיר ווערטער, האָב איך זיך באַלד אָפּגעקערט פון איר מיט אַ שווייגנדיגער גלייכגילטיקייט און בין אוועק, איבערלאָזנדיג זי הינטער זיך שטיין ווי אַ נאַר.

אַזעלכע און ענלעכע באַגעגענישן זיינען צווישן אונז פאָרגעקומען עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. — זי קומט צו און איך אַנטלויף. איך שענק איר אפילו ניט די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט.

עס איז אוועק אַ פּאָר טעג.

דאָס איז געווען אומגעפער אַ צוויי שטונדן פאַר זונען־אונטערגאַנג. די לופט וועלכע איז געווען זייער אַ הייסע, האָט שוין איצט אָנגעהויבן באַדייטנדיג קילער צו ווערן און אַ היפשע צאָל פון די זומער־געסט, וועלכע זיינען זיך געהאַט צעגאַנגען אין פאַרשיידענע קילע ערטער צו פאַרברענגען זייערע פרייע נאָכמיטאָג־שטונדן — האָבן זיך שוין איצט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צוריק צו קערן און ביי דעם „באָרדינג”־הויז איז געוואָרן טומלדיגער, רוישנדיגער.

ניט געפינענדיג דאָרט קיין פּאַסנדיגע פּערזאָן מיט וועמען מיר זאָל דאָרט אינטערעסאַנט זיין צו פאַרברענגען, פלעג איך מיר אין אַזעלכע פאַרנאַכטן ליב האָבן צו נעמען מיין פּייפּל, אוועקגיין איינער אַליין אַ היפּש שטיקל וועג פון הויז, אוועקזעצן זיך אויף אַ באַשטימטן רואיגן אָרט, וואָס איך האָב זיך אָפּגעזוכט, און פאַרברענגען אין מיין אייגענער געזעלשאַפט.

דאָס אָרט וואו איך פלעג זיצן איז געווען אונטער אַ נידעריגן, געדיכט געצווייגטן קוסט, וועלכער האָט זיך געפונען אויף אַ פרייען בערגיגן שטיק פעלד אַזוי, אַז זיצנדיג דאָרט, האָט מען פריי געקענט אַרומזען די גאַנצע אומגעבונג אין איר פולן גלאַנץ.

ניט ווייט פון דעם אָרט, אינגאַנצן אפשר אַ צוואַנציג טריט ווייטער, שניידט זיך דורך אַ שמאָלער, נאָך ניט אויסגעטראָטענער וועג, וועלכער פאַנגט זיך אָן באַלד ביים אַרויסגאַנג פון הויז, שלענגעלט זיך דורך אַ גאַנץ ווייטע שטרעקע און פאַרלירט זיך ענדלעך

ערגעץ צווישן די טיפֿע געדיכטע וועלדער, אָן א ברעג.

אויף אַט דעם איינזאַמען פּלאַץ האָב איך אויך פאַרבראַכט אין יענעם פאַרנאַכט. איך זיץ מיר איינער אַליין אויף מיין באַשטימטן אָרט, די זון שיינט, די לופֿט שמעקט, און איך שפּיל מיר יעדעס מאָל אויס אויף מיין פייפל עפּעס אַן אַנדערע מעלאָדיע.

אָפּזיצנדיג אַזוי א קורצע ווײַלע, האָב איך באַמערקט ווי אויף דעם שמאָלן וועגעלע קומט אָן איינע אַליין מיס קאהן. אָנגעטאָן איז זי דאָן געווען אין א בלאַסער בלויער קלייד פון א דינעם כמעט דורכזיכטיגן שטאָף, די טאַליע, צאַרט און גראַציעז איינגעצויגן, דער האַלז טיף דעקאָלטירט, די קלאָרע הענט זיינען נאַקעט ביז איבער די עלנבויגנס, די צעפּ פריש פאַרפלאָכטן — און דאָס פּנים מיט די שוואַרצע אויגן לייכט פון דער ווייטן עפּעס מיט אַזא רייץ און מיט אַזא חן, כאָטש נעם און פאַס דאָס איין אין איינעם מיט דער זון...

איך האָב באַמערקט ווי זי איז אין א ווײַלע אַרום שטיין גע־בליבן אויף אַן אָרט. די הענט פאַרלייגט אויף הינטן מיט א קאַוואַ־ליער־מעסיגער דרייסטקייט און אָנגעשטעלט איר בליק צו דער ריכ־טונג וואו איך זיץ.

— הו־הו! — דערהער איך ווי זי לאָזט מיר וויסן דורך א קוויטש־סיגנאַל, אַז זי איז דאָ, — נאָר איך מאַך זיך ניט הערנדיג; איך זיץ פאַרטיפט אין שפּילן, פּונקט ווי איך וואָלט גאָרניט געוואוסט אויב זי איז דאָ. נאָר וואָס איך שפּיל איצט ווייס איך אַליין ניט. די טענער קומען עפּעס אַרויס אָן שום זינען, אָן שום צוזאַמענהאַנג — אַקוראַט ווי ביי אַן איינגע׳עקשנ׳טן קינד, וואָס איז שוין מיד פון וויינען און וויינט דאָך...

— האַלאָ! — דערהער איך באַלד ווידער איר קול מיט א שטי־פערישען אָפּקלאַנג — און באַלד דערויף באַמערק איך ווי זי לאָזט זיך אַרויף אויפן גראָז און הויבט אָן גיין מיט געציילטע טריט אַלץ נעענטער צו מיר.

איך האָב געפילט ווי עס הויבן זיך אין מיר אָן מישן די בלוטן. אַט ווערט מיר קאַלט, אַט וואַרעם — איך האַלט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און זע דאָך ווי זי גייט — ניט זי, נאָר דעם שאָטן אירן זע איך.

איך זע ווי דער שאָטן פון איר גאַנצער פיגור ליגט אויסגעצויגן אויף דעם פעלד, וואָס האָט געשיינט פון די זונען־שטראַלן, און רוקט זיך, קומט וואָס אמאָל נעענטער, נעענטער, אָט, אָט און דער קאָפּ פון דעם שאָטן קריכט באַלד אַרונטער אונטער מיינע פיס...

— העלאָ, איר זעט מיך ניט? — דערגרייכט דער אויסרוף נאָכאַמאָל צו מיינע אויערן און דאָס קול, הער איך, קומט שוין איצט פון גאָר נאָענט. נאָר געננוי ווי ווייט זי איז פון מיר, ווייס איך ניט. איך וואַרף ענדלעך א זייטיגן פאַר׳גנב׳עטן בליק און איך באַמערק ווי זי שטייט אַנגעבויגן איבערן גראָז, אפשר א פינצ טריט ווייט פון מיר, און רייסט איינציגע בלימעלעך.

— איר האָט געהערט ווי איך האָב אייך פריער גערופן? — הער איך ווי זי טוט מיך אין א ווײַלע אַרום אַ פרעג גאַנץ גלייכ־גילטיג. און איך באַמערק, אַז בשעת זי רעדט אַרויס די ווער־טער, קוקט זי זיך כלומר׳שט אויף מיר אפילו ניט אום; רייסט די בלימעלעך מיט אַזאַ ערנסטקייט, פונקט ווי זי וואָלט אייגנס צוליב דעם אַהער געקומען.

מיר איז שוין איצט אפילו אביסל גאַנץ שווער אָנגעקומען בייצושטיין דעם נסיון פון מיין שווייגן, נאָר איך מאַך זיך דאָך ניט ווייסנדיג. איך ווייס פון גאָרנישט... איך זיץ מיר פונקט ווי פריער מיטן פייפל ביים מויל און שווייג. מיר דאַכט זיך אַלץ אויס, אז ווי נאָר איך וועל אויפהויבן דעם קאָפּ און זיך באַגעגענען מיט אירע בליקן, וועט זי אָדער אויסשיסן מיט א געלעכטער, אָדער מיר גאָר אַרויסשטעלן א צונג...

אָט טוט זי זיך צו מיר פלוצלונג א לאָז צו ווי א ווינט, כאַפּט אַרויס ביי מיר דאָס פייפל פון דער האַנט און שפּרינגט אָפּ אויף הינטערווײַלעכס מיט א שטיפערישן געלעכטער.

— גיט אַהער דאָס פייפל! — טו איך זיך אין דער זעלבער רגע א הויב אויף א באַליידיגטער — איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט, אַז מען חכמה׳עט זיך מיט מיר!...

— דוקא וויל איך ניט! — טוט זי פון מיר א שעלמישן שפּרינג אָפּ. — אַזוי שפּרינגט זי אַ שטיק וועג, זי פאָראויס און איך נאָך איר; וואָס אַמאָל איך שטיי שוין דאַכט זיך לעבן איר,

נאָר אַ כאַפּ צו טאָן דאָס פּייפל פון אירע הענט, טוט זי אין דער זעלבער סעקונדע ווידער אַ שפּרונג אָפּ און לאַכט — לאָזט דערביי יעדעס מאָל ארויס אַ געלעכטערל, עפּעס מיט אַזאַ חן און מיט אַזאַ זיסקייט, כאַטש פאַל איר צו די פיס, גיב איר איינפאַך די נשמה אוועק, אַבי צו קענען כאַטש איין קוק טאָן אויף איר!...

דאָס ארומשטיפן מיט דעם פייפל האָט צווישן אונז אַזוי אָנגעהאַלטן עטלעכע מינוט. נאכהער אי זי צו מיר צוגעקומען גאַנץ נאָענט און אַ זאָג געטאָן צו מיר, ווי איך וואָלט געווען איר אַ גאָר נאָענטער פריינט:

— ווייסט איר וואָס, שמענדריק פייפער, לאָמיר זיך גיין אַביסל שיפן; איר ווילט? — (דאָס זומער־פּלאַץ האָט געהאַט אַ טייך).

און איידער איך האָב נאָך פּאַספּייעט אַפילו רעכט צו באַגרייפען וואָס זי האָט מיר געזאָגט, טוט זי מיך אַ נעם אָן אונטערן אָרעם און הויבט מיך אָן שלעפּן, בעטנדיג זיך דערביי מיט קינדערשע איינגעשפּאַרטקייט:

— קומט, איצט איז אַזוי גוט זיך צו שיפן, ס׳איז שטיל, רואיג — איר האָט שוין געזען ווי איך פיר אַ לאָדקע?...

ביים ערשטן געדאַנק איז ביי מיר קיין שום צווייפל ניט געווען, אַז איר פלוצלינגער איינפאַל צו וועלן זיך גיין מיט מיר שיפן, איז ניט אַנדערש ווי פאַרבונדן מיט עפּעס אַ שפּיצל וואָס זי וויל מיר אָפּטאָן. און גערעכנט האָב איך, אויב זי מיינט ווירקלעך מיט מיר צו שפּילן אַ שפּאַס, וועט זי דאָס געוויס אויספירן דערמיט, וואָס ווי נאָר זי וועט מיט מיר אָפּגיין אַ שטיקל וועג, וועט זי מיך אודאי לאָזן שטיין אין מיטן דערינען און אַנטלויפן, ארויסשטעלנדיג מיר אַ נאַז...

אָבער וואָס פאַר אַ כונה זי זאָל דעמאָלט ניט געווען האָבן וועגן מיר, בין איך גרייט געווען אַלץ צוצונעמען אָן שום באַליידיגונג. ווייל איר אָרט רעדן און איר מאָדנע לאַסטשענדיגע צוגעלאָזנקייט צו מיר, האָט מיך עפּעס דאָן אַזוי צענומען און אַזוי צוגעצויגן צו איר, אַז ניט נאָר איז ביי מיר רעכט געווען צו לאָזן איר אויספירן אויף זיך אַ נארישן שפּאַס, נאָר ווען

זי פארלאנגט איצט פון מיר, איך זאָל זיך אפילו שטעלן פאר איר מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף, וואָלט איך דאָס אויך געטאָן.

נאָר דאָס אלץ האָב איך בלויז געטראכט און געפילט אין זיך. פאר איר אָבער בין איך איצט געשטאנען דער זעלבער שטאָל־צער, אָנגעבּרוגז'טער עקשן ווי פריער...

און כלומר'שט, ווי אָן חשק, האָב איך אָנגעהויבן מיט איר צו גיין. — זי א פריילעכע, א מונטערע, טוט יעדעס מאָל א זונג, א שפרונג, און איך גיי מיר מיט לאנגזאמע בעל־הבית'ישע טריט, די הענט אין די קעשענעס, די קעפּקע ארונטערגערוקט טיף איבערן שטערן (איך האָב דאָן געטראָגן א קעפּקע), דאָס פייפל שטעקט זיך ארויס פון ראָק־קעשענע, און איך גיי, פונקט ווי מיר וואָלט געווען אַלץ איינס, יאָ גיין אָדער נישט גיין. נאָר וואָס ווייטער מיר גייען, ווערט מיר עפּעס אלץ אומהיימלעכער אויפן הארצן; מיר דאכט זיך אלץ אויס, אז, אָט, אָט און זי לאָזט מיך שטיין און אַנטלויפט... און איך באשליס דערביי אין געדאנק, אז אין פאַל זי וועט דאָס טאָן, זאָל איך זיך אבסאָלוט ניט ווייסנדיג מאכן און זיך גיין ווייטער, פונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

כדי צוצוקומען פון דאנען, וואו מיר האָבן זיך איצט געפונען, צום טייך, האָט מען פריער באדארפט ארויפגיין אויף א צימלעך הויכן באַרג, אריבערגיין אַ היפּש שטיקל וועג צווישן יונגע גע־דיכטע בערעזקעס, נאכהער איז מען ארויפגעקומען אויף א ברייטן שטויביגן וועג, מיט וועלכן מען איז נאָך א צען מינוט גאַנג צוגע־קומען צו א שיינעם גרויסן טייך, וואו די געסט פון אונזער „באָר־דינג"־הויז פלעגן זיך באָדן און שיפן.

מיר זיינען שוין אריבערגעגאנגען די געדיכטעניש פון די בערעזקעס, מיר גייען שוין אויף דעם ברייטן שטויביגן וועג, און ווי עס זעט אויס, האָב איך דאָס מאָל אין מיין באַגלייטערין גע־מאַכט א טעות. גייענדיג, פיל איך ווי זי ווערט צו מיר וואָס ווייַ־טער אַלץ נעענטער, צוגעלאָזענער — זי גייט שוין לעבן מיר אזוי נאָענט, אז איך פיל אפילו ווי יעדע ווייַלע טוט זיך איר אָרעם א ריר אָן אין מיר. און דערפיל איך אָט־די באַרירונג, לויפט עפּעס

אין דעם מאָמענט דורך איבער מיין גאנצן קערפּער אזא אנגענעמע וואַרימקייט, אזא וואַרימקייט, דאכט זיך, קען טאקע נאָר קומען, ווען מען קומט אין באַרירונג מיט אזא רייצנדיגער באשעפעניש ווי זי איז געווען.

די גאַנצע צייט וואָס מיר זיינען געגאַנגען, האָבן מיר כמעט גאָרנישט גערעדט. זי האָט אפילו אייניגע מאָל איבערגעריסן אונזער שווייגן מיט עפּעס א פראגע, דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען נאַרישע און אומוויכטיגע פראגן, אויף וועלכע איך האָב אפילו ניט געפונען פאר נויטיג צו ענטפערן.

5.

מיר זיינען ענדלעך צוגעקומען צום טייך.

ס'איז פאַרנאַכט, די לופט איז פריש, די פויגל זינגען, דאָס וואַסער איז שטיל, רואיג, פון צייט־צו־צייט פאַרטראָגן זיך בלויז קליינע לייכטע כוואַליעלעך וואָס אַ צאַרט ווינטל פאַלבט איבער דער אויבערפלאַך; פון ווייטן אַרום די ברעגן ריסעווען זיך געדיכטע שורות בוימער, גרינע פאַר'חלומ'טע לאַנקעס, איבער וועלכע עס זעצן זיך שוין ערטערווייז טונקעלע נאַכט־שאָטנס, — נאָר ליכטיג איז נאָך דערווייל גענוג. דער לויטערער הימל איז נאָך העל פון דער בייטאָגעדיגער בלויקייט, די זון האַלט שוין אפילו ביים אונטערגיין, נאָר זי שיסט נאָך מיט שטראַלן; באַצירט ערטערווייז די זוימען פון די ברעגן, באַגילדעט די שפּיצן פון די בוימער און מער ווי איבעראַל, כמעט ביז אין דער העלפט, איבער דעם טייכ'ס גאַנצער ברייטקייט, איז איצט אויסגעגאָסן איין ברייטער גאָלדענער פאַס. דער פאַס ציטערט, פינקלט, אזוי, אז איינקוקנדיג זיך אין דעם א קורצע ווייַלע כסדר, קען זיך דוכטן ווי טיף אין וואסער וואָלט געשטאנען א דיקע פייערדיגע זייל און שפּריצט מיט פונקען; שימערט מיט ליכט...

אויסער אונז געפינט זיך איצט ניט ביים טייך קיין שום לעבעדיגער נפש — איך הויב אָן אראָפּשטופּן די לאָדקע פון ברעג

אין וואסער, לייג אויף איר ארויף די וויעסלעס, און בשעת איך טו דאָס, גלויבט זיך מיר נאָך אַלץ ניט, אויב זי וועט זיך מיט מיר שיפן; עס ווייזט זיך מיר נאָך אַלץ אויס, אז זי מיינט דאָס ניט ערנסט.

— ווער וועט פירן דאָס שיפל, איך אָדער איר? — טו איך זי אומיסטן א פרעג, כדי לייכטער צו מאכן אין מיר אביסל דעם פארדאכט.

— איך! — ענטפערט זי א צופרידענע.

מיר זיינען ענדלעך אריין אין דער לאָדקע. מיר זיצן פנים אל פנים און איך בין ווידער רואיג. די רואיקייט איז אָבער ניט קיין פולקאָמענע. עפּעס רעגט זיך אין מיר; עפּעס ווילט זיך מיר געננוי וויסן די אורזאך פארוואָס איר איז גראדע אויסגעקומען צו וועלן זיך מיט מיר שיפן... דער געדאנק שטארק זיך אין מיר פון מינוט צו מינוט. איך וואָלט וועלן אָנפאנגען מיט איר עפּעס צו רעדן, פארציען וועגן דעם א געשפרעך — האָב איך אָבער ניט דעם מוט. און איך באשליס, איך זאָל בעסער שווייגן און צו־קוקן דאָס גרייטע.

זי פירט דאָס שיפל רואיג, געלאסן, זינגט זיך דערביי צו עפּעס א שטיל ניגונ׳דל, און די גאנצע צייט וואָס מיר זיצן אזוי איינער אנטקעגן אנדערן, באמערק איך ווי זי לאָזט פון מיר ניט אראָפּ קיין אויג; זי ברענט מיך פשוט מיט אירע בליקן! און ווי זי קוקט אזוי, טוט זי זיך צו מיר פלוצלונג א שטיפערישן בויג צו און שרייט מיר אריין גלייך אין פנים אריין:

— שמענדריק פייפער! — און בייטנדיג דעם טאָן, גיט זי צו אין דער זעלבער צייט מיט א שטעכיגן שמייכעלע:

— אוי, איר זענט אזא מיאוס׳ער!... ווען מיין חתן וואָלט געווען אזא מיאוס׳ער, וואָלט איך אים דער׳הרג׳עט...

איך האָב ביי די ווערטער געפילט, ווי מען וואָלט מיך אָפּ־געגאָסן מיט קאלטע וואסער. עס איז ביי מיר איצט קיין שום צווייפל ניט געווען, אז זי האָט מיך אומיסטן אָהער פארנארט, כדי צו קענען מיך רייצן גלייך אין פנים אריין און מיר זאָל ניט מעג־לעך זיין פון איר אָפּצוטרעטן...

— איר זענט א נאריש מיידל, און דאָס אַלץ! — האָב איך מער ניט געפונען וואָס איר צו ענטפערן.

איר פּנים האָט זיך דערביי פאַרצויגן מיט א כּלומר'שט פאַר־דריסלעכער מינע און זי האָט מיר א זאָג געטאָן מיט באהאַלטענעם שטאָלץ:

— רעדט נאָר ניט צו מיר אזוי פּרעך! — און באַלד דערויף לייגט זי צו מיט א דראָענדן, אָבער דאָך ווייכן טאָן: היט זיך, איך האָב א חתן...

— איז וואָס? — בין איך גאַנץ גלייכגילטיג — אימיצער וויל אים דען ביי אייך אוועקנעמען?...

— אוי איז ער א שיינער! — פאַלט זי מיר אריין אין די רייד מיט גאווה'דיגער אַנטציקונגט — ער איז אזוי שיין, אז מייד־לעך גייען פשוט אויס נאָך זיינע טריט!

איר רעדן וועגן חתן האָט מיך אנגעהויבן ארויסצוברענגען פון געדולד. און כּדי ניט צו בלייבן ביי איר ווי א גאָרנישט, פאַלט מיר איין איך זאָל זיך אָנהויבן פאַר איר אביסל צו וואויל־יונגעווען אז איך האָב א כּלה...

— מיין כּלה איז זייער א שיינע... — טו איך איר א זאָג מיט א טאָן ווי דאָס וואָלט טאַקע געווען אָן אמת.

די ווערטער האָבן אין איר ארויסגערופן אז פאַרוואונדערונג, אז זי האָט זיך צעלאַכט מיט דעם גרעסטן געלעכטער.

— איר האָט א כּלה? — האָט זי לאַכנדיג א טייטל געטאָן אויף מיר מיט א פינגער, ווי איינער רעדט: „זע נאָר ווער ס'האָט דאָ א כּלה"... און האָבנדיג הנאה פון איר אייגענער חכמה, טוט זי אויפסניי, נאָך העכער א שיס אויס מיט א קוויטשנדיגן געלעכ־טער:

— כאַ־כאַ־כאַ! — איר האָט א כּלה?... און ווי זי לאַכט אזוי, טוט זי מיר, כּלומרשט, אין שפּאַס, א העפטיגן בריקע מיט איר פוס אין מיינעם, פון וואָס איך האָב דערפילט א גאַנץ שטאַר־קען ווייטאָג.

— פע, זייט ניט אזא ווילדע! — כאַפּ איך זיך אָן פאַרן פוס מיט פאַרדרוס — וואָס איז דאָס עפּעס פאַר א חכמה?

— ס׳טוט אייך טאַקע וויי? — שמייכלט זי א צופרידענע.

אַנשטאָט אן ענטפער, בלייב איך זיצן אן אַנגע׳ברוגז׳טער מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שווייג.

איך בין אין דער מינוט געוואָרן ביי זיך אזוי געפאלן און אזוי קליינלעך, אז איך האָב זיך אליין אָנגעהויבן צו שילטן אין געדאַנק וואָס איך בין געבוירן געוואָרן אזא אומגליקלעך באַשע־פעניש!

עס איז אזוי אריבער עטלעכע מינוטן.

מיין באַגלייטערין איז ענדלעך געוואָרן שטילער, ערנסטער און איך פיל זיך ווידער אביסל בארויגט. מיר האָבן דערווייל אין דער צייט דורכגעקרייצט די גאַנצע ברייטקייט פון טייך און דאָס שיפל טראָגט אונז שוין איצט ביים סאַמע ברעג פון דער אַנדערער זייט. מיר פאָרן פארביי פיל געדיכטע קוסטעס, מיט וועלכע די ברעגן זיינען באַזוימט, הויכע דיקע בוימער שטרעקן זייערע באַ־בלעטערטע צווייגן איבערן וואַסער אריבער — און די שטילקייט ווערט אַלץ שטילער, איינדרוקספולער; עס ווערט עפּעס אזוי גוט און לייכט אויפן האַרצן, עס צעגיסט זיך עפּעס אזא אַנגענעמקייט...

— ש־ש־ש... — פּרוביר איך פאַרהיטן די קלענסטע שטערונג.

— ווי שיין און שטיל דאָ איז! — שעפּטשעט אויך קוים הער־באר אויס מיין באַגלייטערין און האַלט דערביי אויף א ווײַלע איין די וויעסלעס, כדי נאָך רואיגער צו מאַכן די שטילקייט — אזוי שטיל, אזוי רואיג — ווידערהאָלט זי נאָך אַמאָל און זי איז עפּעס איצט גאַרניט דיזעלבע וואָס פריער... די ווערטער קומען ביי איר ניט ארויס ווי ווערטער פון א געוויינלעכן מענטשלעכן קול, נאָר ווי עפּעס א מין שטילער, זאַנפטער אָפּקלאַנג; א מין שטיל פאַרלירן זיך פון ווייטע אָפּשטאַרבנדיגע געזאַנג־טענער...

— לאָמיר דאָ אביסל ארונטערגיין —טוט זי מיר אַ זאָג אומ־דערוואַרטעט, אָנווייזנדיג אויף א העל־גרינעם בערגל, מיט ווייניג אָבער געדיכטע קוסטן. — איר ווילט?

איך האָב דערויף בלויז א גלייכגילטיגן צי געטאָן מיט די אַקס־לען און שווייגנדיג א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי איך וואָלט זאָגן: „ווי איר ווילט", נאָר דאָס האַרץ קלאַפּט...

מיר האָבן צוגעפירט אונזער שיפל האַרט צום ברעג, צוגעבונדן דאָס צו א בוים און אין א ווילדע ארום זיינען מיר געזעסן זייט ביי זייט אונטער א געוועב פון געדיכטע צווייגן — אָן ווערטער, אַלץ וואָס צווישן אונז איז פריער פאָרגעקומען און אַלץ וואָס האָט פריער געעגבערט מיינע געדאנקען, איז איצט אינגאנצן פון מיר פארשוואונדען און איך געפין זיך ווי אויף א נייער וועלט.

א פאָר מינוט זיינען מיר אזוי אָפּגעזעסן אין טיפן שווייגן און מיר האָבן איינער צום אנדערן אפילו קיין וואָרט ניט אויסגערעדט — שטיל, פונקט ווי מיר וואָלטן זיך דאָ באהאלטן פאר עפּעס א געפאר...

זיצנדיג אזוי טוט זי מיך אומגעריכט א לייכטן שטורכע מיטן עלנבויגן און פרעגט מיך דערביי מיט א שעלמישן בליק:

— וואָס איז דער מער וואָס איר זיצט אזוי שטיל?...

— וואָס ווילט איר, איך זאָל שרייען? — ענטפער איך ווי א פאר׳חלומ׳טער.

— דערציילט עפּעס.

— איך האָב ניט וואָס צו דערציילן.

מיר זיינען אויף א ווילדע ווידער אנטשוויגן געוואָרן, און לויט דער צייט, באמערק איך ווי זי האָט זיך פארקוקט מיט ווייכע פאר־טראכטע בליקן אויף מיין האנט, וועלכע איז דאן געלעגן אויף מיין קני.

— א האנט האָט איר גראדע ניט קיין מיאוס׳ע... — מאכט זי מיר א גאנץ מילדע באמערקונג, און באלד דערויף לייגט זי צו:

— איר האָט א קליינע האנט, ווי ביי א פרוי.

איך האָב דערביי א נארישן שמייכל געטאָן און גענומען קוקן אויף מיינע הענט, פונקט ווי איך וואָלט ביז איצט ניט געוואוסט וואָס פאר א הענט איך האָב.

— פונדעסטוועגן איז אייער האַנט נאָך פיל קלענער פון מיינער.

— טו איך אויף איר א קוק מיט דעם זעלבן שמייכל. און זאָגנדיג דאָס, לייג איך דערווייל צו מיין האנט צו אירער, הויב אָן אָן ווער־טער צו מעסטן וועלכע ס׳איז גרעסער און בשעת איך טו דאָס, פיל איך ווי די ווארימקייט פון איר האַנט גייט איבער אין מיינער און טוט זיך יעדעסמאָל א צעגיי איבער מיין גאנצן קערפּער עפּעס מיט

אזא זיסקייט, אקוראט ווי איך וואָלט אין דער מינוט מיט אמאָל איינגעטונקען געוואָרן אין עפּעס א הייסער אנגענעמער פליסיקייט.

— איר האָט טאַקע א כלה? — טוט זי מיך דערביי א פרעג גאַנץ אומשולדיג.

— געוויס, — ענטפער איך, ניט געקלערט. נאָר אין הארצן פארדריסט מיך שוין אביסל פארוואָס איך האָב זיך פאר איר פריער ארויסגעכאפּט מיט אזא ליגן.

— זי מוז זיין א מיאוס'ע... — פּרובירט זי טרעפן.

— פארוואָס א מיאוס'ע? — געפעלט מיר ניט דער ענטפער.

— וואָס דען, א שיינע?...

— נאָך וואָס פאר א שיינע! — מאַך איך אַלץ שטארקער דעם ליגן.

— אויגן האָט זי עפּעס שיינע? — הויבט זי אָן נייגעריג צו ווערן.

— שווארצע אויגן אז זיי ברענען! — פאַלט מיר איין אָפּצו־שילדערן דאָס זעלבע אויסזען פון איר...

— און האָר?

— אויך שווארצע און כמעט אזוי לאַנג ווי אייערע...

— אזוי לאַנג ווי מיינע? — ווערט זי אביסל פארוואונדערט און טוט דערביי אויף א גאַנץ אומשולדיגן אופן א וואָרף אריבער אירעביידע צעפּ צו דער פראָנט, ווי זי וואָלט זיך דערמיט וועלן פארזיכערן אויב איך מאַך קיין טעות ניט...

— נאָך אפשר מיט א שטיק לענגער, — פארגלוסט זיך מיר אביסל איבערצוכאפּן די מאָס.

— ס'קען ניט זיין! — הערט זיך שוין אין איר טאָן אביסל פארדריסלעכקייט — אזוי געדיכט?... — און ווי וועלנדיג אויספירן א מין שטאָלצן זיג, טוט זי אין דער זעלבער רגע א לאָז פאנאנדער ביידע צעפּ און בלייבט זיצן מיט א וואַלד צעלאָזענע האָר, וועלכע האָבן אויסגעזען אריבערהענגענדיג איבער איר אויבערשטן טייל קערפּער, ווי שווארצע לעבעדיגע שלאַנגען.

— איר זעט, — קוקט זי אויף מיר מיט א שמייכל, ווי זי וואָלט דערמיט באגאַנגען א נארישקייט — איין ריר, און די גאַנצע האָר

זיינען פאַנאַנדערגעלאָזן! אָט אַזוי האָט מיין חתן אַלעמאָל ליב, — צעלאָזן די האָר און אָנשפּארן דעם קאָפּ ביי אים אויף דער ברוסט...

איך בין געבליבן זיצן ווי א פאַר׳שיכור׳טער פון איר אויסזען!

— פונקט ווי מיין כלה׳ס האָר — טו איך א ריר אָן אירע האָר, ווי ניט מיט מיין אייגענעם ווילן — פונקט אַזוי געדיכט — פיל איך ווי עס הויבט אין מיר אָן ציטערן א גליד נאָך א גליד — דערצו נאָך אַזוי דין, אַזוי צאַרט...

— און איר ליבט זי? — כשופ׳ט זי מיך אַלץ מער מיט אירע רייד.

— געוויס ליב איך זי... — שטאמל איך שוין מער ווי איך רעד — וואָס דען?... איך... איך וואָלט זי איינגעשלונגען פון ליבשאפט... איך גיי אויס נאָך איר!...

און איך פיל ווי יעדער בליק אירער ברענט מיך ווי מיט פייער־דיגע שפּיזן; יעדע קלענסטע באַרירונג מיט איר, באַגיסט מיך ווי מיט א זודיגן שטראָם!... איך בין שכור!... איך בין אָן אָנגעצונ־דענער!...

און ניט אַכטנדיג אויף קיין זאַך, טו איך זי אָן ווערטער א נעם אַרום און הויב זי אָן צו קושן מיט א ברענענדיגער ליידנשאפט...

איך האָב דערוואַרטעט אַז ניט נאָר וועט זי מיך דערפאַר גראָב באַליידיגן, נאָר זי וועט אויף מיר פשוט אָנפאַלן ווי א ווילדע חיה, זי וועט מיר איינפאַך די אויגן אויסרייסן!

אָבער אָנשטאָט דעם האָט זי מיך בלויז א לייכטן שטופּ געטאָן און אויסגערעדט דערביי ווי א פאַר׳חלומ׳טע:

— גייט אייך; איך האָב א חתן... גייט אייך צו אייער כלה...

— איך האָב ניט, — רעד איך ווי אָן א זין — דאָס זענט איר... דאָס האָב איך אייך געמיינט...

און ווי איך זאָג אַרויס די ווערטער, טוט זי אָן לשון א קלאַמער איין אירע הענט אַרום מיין האַלז און הויבט אָן איינגראָבן אירע ציין וואָס אַמאָל אויף אַן אַנדער אָרט פון מיין געזיכט; בייסט יעדעס מאָל מיט אַזא שטאַרקייט, מיט אַזא קראַפט, אַז זי רייסט, דאַכט זיך ביי יעדן ביס, אַרויס א שטיק פלייש פון מיר! דער ווייטאָג איז אָבער א זיסער, אַן אַנגענעמער; יעדעס מאָל וואָס זי טוט דאָס פיל

איך ווי איך וואָלט דערטרונקען געוואָרן אין עפּעס א טייערן, פאַר־שיכור׳טן געטראַנק; איך בין ניט אויף דער ערד, נאָר איך פלי; איך העננ אויף אירע צעלאָזענע האָר און מיר שוועבן ארום אין די הימ־לען; מיר זיינען אין א גן־עדן וועלט! — איך געניס דאָס הערלעכס־טע וואָס דאָס לעבן קען געבן!

איך האָב אַלץ שטאַרקער געגומען פילן דעם ברען פון אירע ליפּן, אַלץ נעענטער די ווארימקייט פון איר נאַקעטן האַלז, פון אירע צעלאָזענע האָר, און מיין גאַנץ וועזן האָט ביי מיר געציטערט פון אויפרעגונג; יעדער נערוו איז ביי מיר אָנגעגאָסן געוואָרן פון עלעק־טרישע שטראָמען...

און אָן שום זין, אָן שום איבערלייגונג, האָב איך אָנגעהויבן צו שלעפּן און רייסן פון איר די קליידער...

— איר זענט א שלעכטער... — האָב איך דאַן בלויז געקענט הערן ווי זי שטאַמלט ווי א פאַר׳חלש׳טע — טוט דאָס ניט... איך האָב א חתן ,איך האָב א חתן!...

איך האָב ענדלעך דערפילט די צאַרטע ווארימקייט פון איר נאַ־קעטן לייב...

און ניט קיין מענטשלעכן קערפּער האָב איך איצט אין מיינע אָרעמס געהאַלטן, נאָר א שטיק פייער, א פלאַם...

.6

צוריקוועגס, האָב איך שוין געפירט דאָס שיפל און זי איז גע־זעסן אין א דריקנדיגער אומרואיקייט. מיר זיצן איינער אנטקעגן דעם אנדערן און מיר רעדן קיין וואָרט ניט, — איך שנייד אויף און אָפּ דאָס וואסער מיט די וויעסלעס, און זי, פונקט אנטקעגן מיר, זיצט טיף געבויגן, די עלנבויגנס אויפגעשטעלט אויף די קני, דעם קאָפּ איינגעגראָבן איןביידע הענט; די האָר, באמערק איך, זיינען שוין אפילו צוריק פארפלאָכטן אין צוויי צעפּ, ווי פריער, אָבער דאָך אביסל צעשויבערט. און לויט איר אָרט זיצן, פארשטיי איך, אז זי איז איצט אומצופרידן מיט זיך אליין... איך סטאַרע זיך

דארום און מייד אויס צו ריידן מיט איר אפילו א וואָרט. — נאָר ריידן ווילט זיך דאָך עפּעס. די שטימונג איז אזא שטילע און דריקנדע, אז עס וואָלט זיך וועלן אויסרעדן כאָטש איין וואָרט; מיט וואָס עס איז כאָטש איבעררייסן אָט־די שטילקייט. אָבער וואָס עס זאָל מיר ניט קומען אויף דער מחשבה צו רעדן, בלייבן מיר די ווערטער שטיין אין האלז און איך קאָן זיי ניט ארויסזאָגן. — איך בין בטבע ניט קיין שרעקנדיגער, נאָר איצט איז מיר עפּעס מאָדנע שווער געוואָרן אויפן האַרצן; מאָדנע שרעקנדיג... עס האָט זיך מיר רק אָנגעהויבן צו דרייען א געדאנק אין קאָפּ, אז ווי נאָר איך וועל אויסרעדן א וואָרט, וועט באלד עפּעס אן אומגליק געשען. און פאַר־געשטעלט האָב איך זיך דאָס אומגליק, ניט אנדערש, אז זי וועט פלוצלונג אָדער אליין ארייַנשפּרינגען אין וואסער, אָדער זי וועט מיך וועלן ארייַנוואַרפן... דערצו האָט שוין די נאכט אויך אָנגעהויבן צוצופאַלן; די זון איז שוין לאנג פארגאנגען, די ארומיגע לאנדשאפט הילט זיך וואָס אמאָל מער אין שווארצע נאכט־שאָטנס און די טאָג־ליכטיקייט ווערט אַלץ שוואכער, טונקעלער, — פּונקט ווי א לעמפּל וואָס האָט שוין קיין כוח ניט צו ברענען און האלט אין אויסגיין...

— אָך, ווי לאנג מען שלעפּט זיך! — רייסט זי פּלוצלונג איבער די שטילקייט מיט נערוועזער לאנגווייליקייט. און אין דעם טאָן פון אירע ווערטער הערט זיך עפּעס אזא ביטערקייט און אזא באהאלטענע שנאה, אז זי וואָלט, דאכט זיך, איצט גרייט געווען צו טאָן דאָס ערגסטע.

— מיר זייַנען שוין באלד ביים ברעג — ענטפער איך איר בלויז די געציילטע פאָר ווערטער און באַמי זיך דערבייַ צו פירן דאָס שיפל וואָס שנעלער.

נאָך די פאָר ווערטער וואָס זייַנען איצט ארויסגערעדט געוואָרן, איז מיר געוואָרן גאָר אנדערש אויפן הארצן — גרינגער, מוטיגער! נאָר קלאָר טראכטן וועגן עפּעס איז מיר איצט שווער. אין מיין מוח איז עפּעס איצט ווי א נעפּל, א צעמישעניש; פון ווייַלע צו ווייַלע בליצט דאָרט בלויז דורך עפּעס אן אָפּגעריסענער געדאנק, שטויסט זיך באלד אָן אין א צווייטן, אין א דריטן, און די גאנצע פאסירונג מיט דער גאנצער געשעעניש, וואָס איך האָב ערשט ניט לאנג איבער־געלעבט, שטעלט זיך מיר איצט פאָר ניט מער ווי עפּעס א זיסער

פארשוואונדענער חלום... קיין חלום ווייס איך אָבער איז דאָס ניט; איך זע גאַנץ דייטלעך ווי די, וועלכע איך האָב אין זינען, זיצט איצט לעבן מיר. איך זע איר שווארצן קאָפּ האָר, מיט דעם ליכטיגן פנים, איך הער איר אָטעם — איך פיל נאָך אפילו אויף מיין געזיכט א לייכטן שמערץ פון די ברענענדע קושן וואָר זי האָט אויף מיר אָפּ־געפּרעסט...

— זי איז דיינע, — רעדט צו מיר דער געדאנק — דו וועסט מיט איר חתונה האָבן און זי וועט בלייבן ביי דיר... זי איז דיינע...

מיר איז ביי דעם געדאנק געוואָרן אזוי גוט און פריילעך אויפן הארצן, אז איך האָב געפילט ווי צו טאנצן פון שמחה. און בשעת איך קוק אזוי אויף איר און זע ווי אומעטיג זי קוקט אויס, ווערט אין מיר צוזאמען מיט דער פריילעכקייט געבאָרן א טיפער רחמנות צו איר — אזא רחמנות, אז איך פיל ווי עס קומען מיר אזש טרערן אין די אויגן אריין. עס וואָלט זיך מיר איצט וועלן רעדן צו איר עפּעס א פּאָר גוטע ווערטער, לאסטשען זי, טרייסטן — האָב איך דען קיין רעכט ניט דערצו? זי איז דאָך מיינע...

איך האָב דאָס אָבער דאָך ניט געטאָן. איך האָב געפילט, אז אין דעם איצטיגן מאָמענט טאָר איך צו איר קיין וואָרט ניט רעדן.

מיר זיינען ענדלעך צוגעקומען צום ברעג. איך האָב גערעכנט, אז ווי נאָר דאָס שיפל וועט שטיין בלייבן אויפן באשטימטן אָרט, זאָל איך זי, זעלבסט־פארשטענדלעך, אָנעמען ביי דער האנט, העלפן איר ארויפקומען אויף דער טריקעניש און נאכהער צוזאמען מיט איר אהיים גיין.

עס איז אָבער געווען גאנץ אנדערש. ווי נאָר מיר זיינען צוגע־קומען צום ברעג און איך האָב נאָך אפילו ניט פּאַספּייעט רעכט אָפּצושטעלן דאָס שיפל, איז זי מיט אימפּעט ארויסגעשפּרונגען פון דער לאָדקע און, ניט אויסרעדנדיג אפילו קיין איינציג וואָרט, גע־נומען גיין מיט אזעלכע האסטיגע טריט, פונקט ווי אימיצער וואָלט איר נאָכגעלאָפן מיט א שטעקן...

אין דעם ערשטן מאָמענט האָט דאָס פּלוצלינגע אנטלויפן אירס געמאכט אויף מיר א מאָדנעם איינדרוק. באלד אָבער איז דאָס ביי מיר אויסגעקומען אלס א גאנץ נאטירלעכע זאך און איך בין ביי זיך געבליבן גאנץ גלייכגילטיג — זי לויפט, זאָל זי לויפן, — האָב איך

געטראַכט — וואָס קען דאָס מיר אָרן? מסתמא וויל זי ניט, אז אי־מיצער זאָל וויסן, אז זי איז מיט מיר געגאַנגען...

איך האָב פּאַרזיכטיג אַרויפגעשלעפּט די לאָדקע ביז אין דער העלפט אויפן זאַמדיגן ברעג, כדי דאָס וואַסער זאָל זי ניט אַוועק־שלעפּן, האָב אַוועקגעלייגט די וויעסלעס אויף זייער באַשטימטן אָרט, און פאַרלייגנדיג די הענט אויף הינטן, מעשה בעל־הבית, לאָז איך זיך אַרויף אויפן וועג, און הויב זיך אָן אײנער אַליין אַהיים צו גיין מיט גאַנץ געלאַסענע טריט. און בשעת איך גיי, פיל איך אז איך האָב זיך איצט עפּעס אַליין ליב באַקומען. עס דאַכט זיך מיר אויס, אז איך בין איצט עפּעס מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן; איך בין געוואָרן הע־כער, שטאַרקער... אָנשטאָט דעם קליינעם מיאוס׳ן מענטשעלע, גייט איצט א הויכער געזונטער מאַן, וועלכער האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט...

אָפּגייענדיג אַזוי ניט מער ווי א צוויי מינוט, טו איך א קוק ווי מײַן באַגלייטערין שטייט לעבן א בוים, האַרט ביים וועג און אירע אויגן זײַנען אָנגעשטעלט מיט אומגעדולדיגע נערוועזע בליקן צו דער שטרעקע, אויף וועלכער איך קום אָן.

— געוואַלד, קומט שוין שנעלער! — הער איך ווי זי שרייט צו מיר אויס פון ווייטן מיט פאַרביסענער רציחה — קומט שוין שנעלער! — און איידער זי האָט נאָך רעכט געהאַט געענדיגט די ווערטער, האָט זי זיך אומגעקערט צו מיר מיטן רוקן און גענומען גיין פאָראויס, ווי עס וואָלט אין איר געזאָדן א גאַנצער קעסל.

איר אַרט רעדן, צוזאַמען מיט דעם פּלוצלונגן אַנטלויפן פון שיפל, האָט איצט דערוועקט אין מיר א נייע שרעק. איר פאַרביסנ־קייט האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אז זי האָט איצט צו מיר א שרעקלעכן געפיל. און דאָס וואָס זי האָט אויף מיר געוואַרט, איז ניט מער ווי צו מאַכן מיך פאַר אירן א שומר, ווײַל זי האָט מורא אַליין אַהיים צו גיין...

— וואָס איז דאָס געלויף אַזוי? — ענפער איך מיט א טאָן, ווי איצט וואָלט איך געווען דער שטאַרקער... — איך האָב צייט. — און איך גיי מיר דוקא מיט די זעלבע געלאַסענע טריט ווי פריער.

זי איז אויף א ווײַלע אנטשוויגן געוואָרן. פּלוצלונג גיט זי א קרעכץ ארויס:

— ווען מײַן חתן ווערט דערפון געוואָר, דערשיסט ער אײַך ווי א הונט!...

די ווערטער שנײַדן מיך טיף. איך זאָג אָבער מיט א סארקאַס־טישען שמייכל:

— איך שרעק זיך גאַנץ ווייניג איבער פאַר אַזעלכע זאַכן.

— שווײַגט בעסער! — הער איך ווי איר קול ציטערט שוין מיט באהאַלטענעם שטאָלץ — איר וועט א סך רעדן, וועט איר מיאוס אָפּשנײַדן...

— מ׳קען קיינעם דעם מויל ניט פארשטעלן—ענטפער איך מיט געלאַסענער זעלבסט־ווירדע, — וועל איך וועלן וועל איך שווײַגן, וועל איך וועלן, וועל איך רעדן...

—איר זענט א מיאוס׳ע, עקלהאַפטע בריאה! — טוט זי זיך צו מיר א קער אום מיט ביטערן כעס — אן אָבשײַלעכעס באַשעפעניש!

די באַליידיגונג האָט מיך שרעקלעך ארויסגעבראַכט פון געדולד.

— אז איר וועט האָבן א גרויס מויל, קען איך אײַך באַלד זאָגן ווער איר זענט... — כאַפּן זיך בײַ מיר ארויס די ווערטער אָן שום איבערלייגונג.

און איך ווייס ניט, צי האָבן מײַנע ווערטער געמאַכט אויף איר אַזא שלעכטן אײַנדרוק, צי איז דערבײַ געווען אן אנדער אורזאַך, — איין זאַך אָבער ווייס איך, אז ווי נאָר איך האָב ארויסגעזאָגט די לעצטע ווערטער, איז זי פּלוצלונג צו מיר צוגעפאַלן ווי א ווילדע חיה און זיך נאָר געוואָלט אײַנגראָבן מיט די הענט אין מײַן האַלז.

— דערשטיקן וועל איך אײַך, אז איר וועט ניט שווײַגן! — האָט זי דערבײַ געקאָכט מיט א ווילדן פארשטיקטן כעס — דער־שטיקן! — האָט זי זיך צו מיר געריסן אַלץ מיט מער רציחה — וואָס בין איך?... וואָס וועט איר זאָגן?!...

אָבער ווי נאָר זי האָט געמאַכט דעם ערשטן פאַרזוך אײַנצור־קלאַמערן זיך אין מיר, האָט זי זיך אין דערזעלבער רגע מאַכטלאָז א זעץ געטאָן אויף דער הוילער ערד, האָט אײַנגעגראָבן איר פּנים

איןביידע הענט און אויסגעבראָכן אין אזא יאָמערלעכן געוויין, אז ס׳האָט געקענט רירן א שטיין.

און מערקווירדיג, איך ווייס אליין ניט וואָס פאר א מין געפיל עס האָט מיך דאן ארומגענומען, — איך שטיי, דאכט זיך, לעבן איר און הער ווי זי ליגט לעבן מיינע פיס ווי א געקוילעטע שאָף, און מיך הויבט עס ניט אָן צו רירן! עס דערוועקט זיך אפילו ניט אין מיר קיין פונק פון רחמנות! — אָט אזוי, דאכט זיך מיר, דארף דאָס זיין און ניט אנדערש! — פארקערט, איך גלויב אז עס וואָלט נאָך באדארפט זיין פיל ערגער ווי עס איז... עפעס א געפיל אויסצופירן א ווילדע נקמה האָט זיך איצט אין מיר דערוועקט. — א בריקע טאָן איר כאָטש מיטן פוס, האָט זיך מיר געוואָלט: א שטורכע טאָן אין א זייט!... זאָל זי וויסן ווער איך בין; זאָל זי וויסן וואָס א מיאוס באַשעפעניש קען!...

— הויבט זיך אויף און גייט א היים! — טו איך זי מיט א באַפעלנדיגן טאָן א שטארקן שלעפּ ביי דער האַנט — א היים!

און ווי איך האָב ארויסגעזאָגט די ווערטער, טוט זי זיך מיט אימפעט א הויב אויף און אין דערזעלבער סעקונדע ווערט איר געוויין פארביטן אין א ווילדן היסטערישן געלעכטער...

— כאַ־כאַ־כאַ! — פארגייט זי זיך, האַלטנדיג זיך קוים דערביי אויף די פיס — איר מיינט טאקע אז איך האָב מורא פאר אייך?... איר מיינט טאקע אז איך שרעק זיך איבער? — כאַ־כאַ־כאָ!...

און פונקט ווי זי וואָלט וועלן דערמיט באווייזן, אז דאָס גאנצע געוויין מיט דער גאנצער אויפרעגונג איז ניט מער ווי א געמאכטע, הויבט זי אָן צו גיין פאָראויס מיט געצוואונגענע פעסטע טריט און לאכט זיך וואָס אמאָל מיט מער שטארקייט פאנאנדער, מיט מער הארץ...

— מיאוס׳ע בריאה! — הער איך ווי זי שרייט יעדע ווילע אויס מיט א געלעכטער — מיאוס באשעפעניש! — כאַ־כאַ־כאָ!... און ניט זי גייט איצט, נאָר זי וואקלט זיך; אָט איז זי אויף דער זייט וועג, אָט אויף דער אנדערער, אזוי, אז אין דער טונקלקייט האָט זיך געקענט אויסווייזן ווי דאָס וואָלט געוועזן א געשטאלט פון א שכור.

אַט דער געלעכטער האָט מיך דערשראָקן מער ווי אַלץ. איך האָב פּשוט אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז ניט אַנדערש נאָר זי איז פון זינען אַראָפּ; אַזאַ מין געלעכטער האָב איך נאָך, דאַכט זיך, קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געהערט. יעדעס מאָל וואָס זי האָט זיך צעלאַכט, האָט דאָס אויף מיר אַרויסגעוואָרפן אַזאַ אימה און אַזאַ ציטערניש, פּונקט ווי דאָס געלעכטער וואָלט ניט געקומען פון קיין מענטשלעכן קול, נאָר עפּעס ווי פון אַ גאַנצער מחנה שדים, וועלכע וואָלטן אַרויס־געלאַכט ערגעץ פון צווישן די אַרומיקע וועלדער...

דער אָנפאַל פון דעם געלעכטער האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ניט מער ווי אַ צוויי אָדער דריי מינוט. זי האָט באַלד אָנגעהויבן ווערן שטי־לער, רואיקער, נאָר געגאַנגען איז זי נאָך אַלץ מיט דער זעלבער אומ־רואיקייט ווי פריער — זי פאָראויס און איך, באַדייטנד לאַנגזאַמער, הינטער איר. די ליכטיקייט פון טאָג איז שוין דאַן געווען כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן. דער הימל איז שוין ערטער־ווייז באַפינצטלט געווען פון אויפגעגאַנגענע שטערן, און דאָס איינציקע וואָס רייסט איצט איבער די אַרומיקע שטילקייט, איז בלויז אַ לייכטער גערויש פון אַ ווינטל, וואָס גנב'עט זיך פון צייט־צו־צייט אַרויס פון צווישן די געדיכטע שורות בוימער וואָס ציען זיך פון ביידע זייטן וועג, אַ פאַרשפּעטיקטער טרעל פון אַ פויגל — און עס ווערט ווידער שטיל.

מיט אַ קורץ שטיקל וועג פריער, איידער מיר זיינען צוגעקומען צום הויז, איז מיין באַגלייטערין פּלוצלונג שטיין געבליבן, אומגע־קערט זיך צו מיר מיטן פּנים און פּולקאָם אַ באַרואיקטע (אַזוי ווייַ־ניקסטנס האָט אויסגעזען איר אויסערלעכע האַלטונג) אָנגענומען מיך ביי ביידע הענט, ווי איך וואָלט געווען איינער פון אירע גע־טרייסטע פריינט און מיך גענומען בעטן מיט טרערן אין די אויגן:

— איך בעט אייך איר זאָלט שווייגן... — האָט איר קול גע־ציטערט מיט טיפן צער — איך האָב אַ חתן... איך בעט אייך...

זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר די לעצטע ווערטער זייַ־נען איר ווי פאַרשטיקט געוואָרן אין האַלז. אָנשטאָט דעם האָט זי מיר בלויז אַ לעצטן וואַרימען דריק געטאָן ביי די הענט, ווי זי וואָלט דורכדעם פאַר אַלץ געבעטן ביי מיר אַן אַנטשולדיקונג, און איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט צו ענטפערן איר אַפילו אַ וואָרט, איז

זי ווידער פון מיר אוועק מיט שנעלע טריט, און אין א ווײַלע ארום האָב איך דערהערט ווי זי האָט מיט אמאָל אָנגעהויבן צו זינגען אויפן קול...

אָט דאָס געזאנג וועל איך, דאכט זיך, קיינמאָל אין מײַן לעבן ניט פארגעסן! אויב אײַך איז אמאָל אויסגעקומען זיך צוצוהערן צו די קרעכצן פון א מענטשן, וועלכער ליגט אין די שרעקלעכסטע יסורים, האָט מען דאָס געקענט הערן אין אָט דעם געזאנג; אויב אײַך איז אמאָל אויסגעקומען צו הערן א פארשטיקט יאָמערלעך געוויין פון א פארוואונדעטע הארץ, האָט דאָס ארויסגעקלאָגט פון אָט די געזאנג־טענער — געוויין און טיפער צער האָט זיך איצט געמישט אין דער לופט; פארשטיקטע זיפצן און שטילע געבעט־טרערן...

מיט דעם געזאנג איז זי אזוי געקומען צום הויז און מיט א געמאכטער פרײַלעכקייט זיך אויסגעמישט צווישן די מענטשן, פונקט ווי עס וואָלט מיט איר קיין שום זאך ניט פאסירט...

# ביי דעם וואַסער

אַנגעטאָן אין א רייך־געפּרעסטן העמד מיט א פריש־ראַזירטן פּנים, שטייט דער אַלטער זילבערמאַן ביים שפּיגל פון זיין בראָנקסער היים און מאַכט זיך פארטיג ארונטערצופאָרן אויף דער איסט־סאַיד.

ער ברענגט אין אָרדענונג דאָס ביסל שיטערע האָר, וואָס ער האָט נאָך אויפן קאָפּ, גלעט פאַרזיכטיג אויס זיינע גרויע פאַרשווי־רענע וואָנסעס מיט דעם ברעקל בערדעלע אויפן שפּיץ קין און איז צופרידן וואָס היינט איז שיין אינדרויסן. ווען ער האָט אין דער פרי ארויסגעקוקט דורכן פענסטער, האָט ער געמיינט, אז עס וועט היינט זיכער רעגענען אָדער שנייען. עס האָט זיך אָבער אויסגע־לייטערט.

זילבערמאַן איז אַ איד ווייט שוין אַריבער די זיבעציג, און ס׳איז שוין היפּשע עטלעכע יאָר, אז ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דער איסט־סאַיד. ער האָט דאָרט אויפגעגעבן זיין דראַיגודס סטאָר, וואָס ער האָט יאָרן־לאַנג געהאַלטן אויף מעדיסאָן סטריט, און וואוינט איצט ביי זיינער א טאָכטער אין די בראָנקס.

די איסט סאַיד איז אים נאָך אָבער איצט אויך ליב. ער האָט נאָך דאָרט זיין לאַנדס־פאַראיין, וואו ער קומט אָפּט צו זייערע מי־טינגען. ער טרעפט זיך מיט באַקאַנטע. עס איז ביי אים א גאַנ־צער יום־טוב אין דעם טאָג, ווען ער פאָרט אויף דער איסט סאַיד. ער טוט זיך אָן זיינע בעסטע מלבושים, ער פּוצט זיך און איז אונטער דעם איינדרוק, אז די אמת׳ע היים זיינע איז נאָך אַלץ דאָרטן—אויף מעדיסאָן סטריט...

קיין וואונדער איז דאָס ניט. ווען זילבערמאַן איז געקומען קיין אמעריקע איז ער נאָך געווען א יונגער בחור און זיין ערשטע סטאַנ־ציע איז געווען אויף דער איסט־סאַיד. דאָרט האָט ער חתונה גע־האָט, אויפגעבראַכט זיינע קינדער, אויסגעגעבן די קינדער און דאָרט

איז ער אויך נאָכגעגאנגען נאָך דער לויה פון זיין פארשטאָרבענער פרוי.

זילבערמאן וואָלט נאָך אפשר איצט אויך געשטאנען אין זיין דראַיגודס סטאָר ווען ניט זיינע קינדער. דער זון מיט דער טאָכ־טער האָבן דאָס אָבער ניט דערלאָזט. באלד ווי די „אַלטע" זיינע איז געשטאָרבן, זיינען זיי צוגעשטאנען צו אים, אז ער מוז אויפגעבן די ביזנעס. שוין צייט, האָבן זיי גע׳טענה׳ט, אז דער טאטע זאָל זיך אָפרוען.

אפשר זיינען די קינדער געווען גערעכט. איין מענטש אליין — וואָס האָט ער באדארפט א סטאָר? גרינג איז דאָס אים אָבער ניט אָנגעקומען. עס איז אים נאָך ביז היינטיגן טאָג פריקרע אויפן הארצן פון זיין ארומגיין פוסט־און־פּאָס.

עס איז געווען א צייט, ווען דער אלטער האָט זיך אפילו ארומ־געטראָגן מיט א שטארקן חשק ער זאָל ארויסנעמען פון באנק די עטלעכע הונדערט דאָלער, וואָס אים איז געבליבן פון זיינע ביז־נעס, און ווידער עפענען א דראַיגודס סטאָר — און טאַקע אלץ אויף מעדיסאָן סטריט.

ווען ער איז געקומען אין יענער געגנט און דערזען, אז אויף מע־דיסאָן סטריט האָט זיך אָפּגעליידיגט א סטאָר,, וואָס וואָלט געווען ווי אָנגעמאָסטן פאר זיינע ביזנעס.

— פאַראַן זייער א פיינע סטאָרקע צו פארדינגען אויף מעדי־סאָן סטריט, — פלעגט ער דאָן אהיימקומען מיט דער בשורה צו דער טאָכטער, — וואָס זאָגסטו?...

— זאָל זיך דיר ניט פארגליסטן קיין סטאָרס! — האָט אים די טאָכטער באלד אָפּגעשלאָגן די פליגל, — וואָס דארפסטו א סטאָר? עס פעלט דיר חלילה עפּעס?...

לעצטנס טראכט ער שוין אפילו ניט פון דעם. ס׳איז שוין ניט די צייט פאר אים צו גיין אין ביזנעס און ער האָט שוין ניט די כּר־חות. די פיס דינען אים שוין ניט ווי אמאָל. ווייטער האָט ער זיך ניט וואָס צו באקלאָגן. ער האָט וואָס ער באדארף און ווינטשט, אז אַלע זיינע גוטע פריינט, וועלכע קומען אין זיינע יאָרן, זאָלן ניט האָבן קיין ערגערע עלטער.

## ש ר י פ ט ן

— כ׳האָב גאָלדענע קינדער! — זאָגט ער אָפּט מיט גדלות, — איבערהויפּט די טאָכטער!

די טאָכטער איז ניט קיין רייכע, אָבער פאַר דעם אַלטן טאַטן לאָזט זי זיך קענען מיט א ברייטער האַנט. זי זעט ער זאָל הנאה האָבן פון די עסנס, ער זאָל גיין ריין אָנגעטאָן, טראָגן באַקוועמע שיך, א ווארים שאַליקל אויפן האַלז, וואָס זי האָט אים אַליין געקויפט. אפילו מיט א שטעקן האָט אים די טאָכטער באַזאָרגט. א ברוין פּולירטער שטעקן, ער זאָל זיך קענען אָנשפּאַרן אויף אים. א מאַסיווער, א באַלעבאַטישער.

זילבערמאַן פאַרלאַנגט אַליין ניט, אז די טאָכטער זאָל פאַר אים אזוי פיל טאָן. איבערהויפּט לאָזט אים ניט דאָס האַרץ זי זאָל פאַר אים אויסגעבן געלט. יעדעס מאָל, ווען זי קויפט עפּעס פאַר אים, שטייט ער צו איר צו זי זאָל ביי אים נעמען „זיין" געלט. ער בעט זיך ביי איר, ער שטופּט איר דאָס געלט אין האַנט אריין.

ער קען דאָס אָבער ביי איר קיינמאָל ניט פּועל׳ן.

— וועסט מיר שוין באַצאָלן אויף אַמאָל, — גיט אים דאַן די טאָכטער א שפּאַסיגן ענטפער, — איך וועל אם ירצה השם חתונה מאַכן מיין סערקעלען, וועסטו איר פאַר דעם געלט קויפן א מתנה.

דעם זיידן גלוסט זיך פון דעם צו לאַכן. דאָס אייניקל סערעלע איז קוים דרייצן יאָר אַלט און די מאַמע אירע רעדט שוין פון א חתונה.

ער צעשמייכלט זיך מיט א זיידישן שמייכל און זאָגט אביסל וואוילעריש:

— זי וועט שוין ביי מיר קריגן איינמאָל א מתנה! איך זאָל דאָס נאָר דערלעבן...

ער האָט פיינט צו זיין אין זיך געגאַרט, דער אַלטער זילבערמאַן. ער ווייסט, אז א מענטש לעבט ניט אייביג און אז מען „רופט", מוז מען גיין.

— מען וועט מיך שוין באַלד אויפרופן צו דער הקפה, — זאָגט ער אָפּט מיט לצנות צו זיינע באַקאַנטע, — אַי וועט מען רופן...

עס האָט זיך שטאַרק ארויפגעכאַפּט אויף אים די עלטער אין די לעצטע פּאָר יאָר. מאַנכע פון זיינע אַלטע באַקאַנטע דערקענען

אים ניט, ווען זיי דערזעען אים. אנדערע געדענקען אים נאָך ווען ער איז געווען אַ יונגער, קרעפטיגער מאן; אַ הויכער, אַ געזונטער. איצט זעט מען פאַר זיך אַן אַלטן איד מיט אַ שטעקן. אַ שוואכער, אַ געבויגענער.

דאָס פאָרן אויף דער איסט סאַיד קומט אים שוין אויך ניט אָן ווי אַמאָל. און נאָך שווערער דאָס גיין. ער ווערט מיד אויף די פיס, עס פאַרכאַפּט אים דער אָטעם.

אז מען פרעגט אים ווי ער פילט זיך אין געזונט, האָט ער בלויז איין ענטפער:

— ווען די פיס וואָלטן מיר געדינט, וואָלט שוין געווען גוט. ווייטער פעלט מיר, חלילה, קיין זאך ניט. כ׳האָב גאָלדענע קינדער! איבערהויפּט מיין טאָכטער!

* * *

וויכטיגער פון מעדיסאָן סטריט מיט אַלע באַקאַנטע האָט זילבערמאַן נאָך אימיצען אויף דער איסט סאַיד, וועמען ער מוז גיין זען. דאָס איז זיין לאַנדס־פרוי בלומע.

די לאַנדס־פרוי איז שוין כמעט אויך אין זילבערמאַנ׳ס עלטער. אַ מידע, אַן אויסגעהאָרעוועטע. זי איז אָבער פאַרבונדן מיט דער שענסטער צייט פון זילבערמאַנ׳ס יוגנט. ער איז מיט איר אויפגעצויגען געוואָרן אין דעם זעלבן שטעטל אויף יענער זייט ים, און זי לעבט נאָך ביז היינטיגן טאָג אין זיין געדעכעניש מיט דעם גאַנצן רייץ פון אירע יונגע מיידלשע יאָרן.

דער אַלטער זילבערמאַן וואָלט זיך אפשר געשעמט איצט צו דערציילן פאַר אימיצן ווי פאַרליבט ער איז אמאָל געווען אין אָט דער בלומע׳ן. דאָס איז זיין אייגענער סוד. אפילו פאַר בלומע׳ן אליין דערמאָנט ער אויך זעלטן פון דעם אַ וואָרט.

אַכטצן יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער האָט בלומע׳ן ליב געהאַט. ער געדענקט דאָס ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געווען. אַ שטיק צייט האָט ער זיך דאָן ארומגעטראָגן מיט דער בענקשאַפט אין הארצן און אפילו ניט געהאַט קיין געלעגנהייט מיט בלומע׳ן

אויסצורעדן וועגן דעם אַ וואָרט. ער האָט זיך באַנוגנט בלויז מיט דעם, וואָס ער האָט זי געזען פונוויַיטן, אין איר מיידלשער פאַר־שלאָסנקייט — אַ שטאָלצע, א שווייגנדיגע... אין די שבת׳דיגע זו־מער־פאַרנאַכטן פלעגט ער איר נאָכגיין, ווי א שאָטן, אויף וויַיטע שפאַציר־וועגן, וואו זי איז געגאַנגען צוזאַמען מיט א חבר׳טע. איי־נער אליין, מיט דער ערשטער בענקשאַפט פון א יונגן פאַרליבטן, איז ער נאָכגעגאַנגען מיט שטילע טריט, וויַיט הינטער איר, און גע־וואָרט מיט א קלאַפּן אין הארצן צו פאַרקניפּן מיט איר א שמועס. עס איז אים אָנגעקומען שווער, ער האָט אָבער ענדלעך דאָך דערגרייכט זיין ציל. טאָקע דאָרט, אויף איינעם פון יענע שטילע וועגן, וואָס האָט געפירט צו א וועלדל, פלעגט ער זיך מיט איר טרעפן. אליין מיט בלומקען אין די שיינע זומער־פאַרנאַכטן...

עס איז געקומען צו א קוש — דער ערשטער קוש...

זילבערמאַן געדענקט נאָך וואָס פאַר א שטורם יענער קוש האָט ארויסגערופן אין זיין האַרץ. ווי אַ שיין געזאַנג איז דאַן בלומע פאַר אים געווען.

עס איז אָבער פון דער ליבע גאָרניט געוואָרן. זי האָט שוין חתונה געהאַט אין דער היים. זילבערמאַן איז אוועק קיין אמע־ריקע, וואו ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אנדערע און מיט עט־לעכע יאָר שפּעטער איז אויך בלומע געקומען קיין אמעריקע.

זילבערמאַן האָט זיין וויַיב גאַנץ ליב געהאַט. ער האָט מיט איר געבראַכט קינדער אויף דער וועלט, חתונה געמאַכט די קינדער. אָבער דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל אין זיין יוגנט איבערגעלעבט מיט בלומע׳ן, איז אים פאַרבליבן איינגעקריצט אין מוח און אין הארצן ביז היינטיגן טאָג. אין די אַלע יאָרן פון זיין לויפעניש און האָווע־ניש האָט זיך בלומע געצויגן דורך זיין לעבן ווי א ליכטיגער שטראַל, ווי טיפע מעלאָדישע טענער פון אַן אומפאַרגעסלעכן געזאַנג. צוליב בלומע׳ן האָט ער זיך ליב געהאַט צו פוצן, צו טראָגן שיינע קליידער. ער איז אָפט געגאַנגען צו שמחות נאָר דערפאַר, וויַיל ער האָט גע־וואוסט, אז בלומע וועט דאָרט אויך זיין. נאָך יעדעס מאָל, וואָס אים איז אויסגעקומען זיך מיט איר צו טרעפן, האָט זיך דער שטראַל אָנגעצונדן און צעשפּילט פאַר אים מיט פרישע, ליכטיגע פייערלעך

— מיט דעם געזאַנג פון אמאָל האָט זיך בלומע פאַר אים באַוויזן.
די אמאָליגע בלומע איז שוין איצט גרוי ווי א טויב. אַן אַלטע, פאַרהאָרעוועטע מאַמע מיט א געבויגענער פּלייצע, מיט א שווערן טריט און מיט נאָך א שווערערן לעבן.
זעליגמאַן זעט נאָך אָבער אפילו איצט אויך אויף איר שפּורן פון איר אמאָליגער שיינקייט. ער זעט נאָך אירע אמאָליגע בלויע אויגן, די גלייכע געפּורעמטע נאָז, און מער פון אַלץ לעבט נאָך פאַר אים איר שמייכל. אפילו דאָס אמאָליגע חן־גריבעלע, וואָס זי האָט געהאַט, באַווייזט זיך נאָך פאַר אים אויף איר פּנים ווען זי שמייכלט.
בלומע איז איצט אַן אלמנה און זי וואוינט ביי אירער א טאָכ־טער. איר עלטער איז אָבער ווייט ניט אַזאַ מזל׳דיגער ווי זיל־בערמאַנ׳ס. די טאָכטער איז אַן אָרימע מיט קליינע קינדער, מיט ניט קיין געזונטן מאַן, און וואוינען וואוינט זי אַזש אויפן אויבערשטן שטאָק, ערגעץ אויף דער צווייטער סטריט ביים וואַסער. דאָס איז אַן אַלטע, אָפּגעלאָזענע געביידע מיט שמאָלע, הויכע טרעפּ, מיט שטענדיג פייכטע און גליטשיגע פּאַרענטשעס און אָן סטים; א קאַלט הויז, וואָס מען מוז אליין באַהייצן און ס׳איז קיינמאָל ניט איבעריג וואַרעם.

* * *

ווען ביי זילבערמאַנ׳ען איז געשטאָרבן זיין ווייב, האָט ער א צייט לאַנג געטראַכט, אַז עס וואָלט אפשר ניט געווען קיין קרומע זאַך ער זאָל מיט בלומע׳ן שטעלן א חופּה. ער האָט דאָס אָבער ניט געקענט ביי זיך פּועל׳ן. ער האָט זיך עפּעס געשעמט פאַר די קינדער, פאַר די אייניקלעך. די קינדער וואָלטן דאָס אים קיינמאָל ניט מוחל געווען, איבערהויפּט די טאָכטער... און קיין יונגערמאַן איז ער שוין דעמאָלט אויך ניט געווען, איינגאַנצן מיט עטלעכע יאָר אינגער ווי איצט. און היינט איז שוין געוויס ניטאָ וואָס צו רעדן דערפון.
עס איז אים אָבער גוט פון דעם, וואָס ער קומט אַרויף צו בלומע׳ן אין הויז, וואָס ער זעט זיך מיט איר.

זיין אויף דער איסט סאַיד און ניט זען בלומע׳ן וואָלט זילבער־מאַן ביי זיך קיינמאָל ניט געקענט פועל׳ן.

אייגנטלעך איז דאָס גאַנצע קומען זיינס אויף דער איסט סאַיד מערסטנס צוליב איר. ער גייט גאָרניט פריער ערגעץ אַנדערש. ווי נאָר ער קומט אַרויס פון דער סאַבוועי, פאַרנעמט ער זיך גלייך צו בלומע׳ן.

פון דער סאַבוועי ביז העט אַרונטער אויף דער צווייטער סטריט איז פאַר דעם זקן אַ גאַנצער מהלך. אַז ס׳איז שיין אינדרויסן און עס פאַרגלוסט זיך אים אַמאָל דווקא גיין צופוס, קען ער דאָס זעלטן אויספירן. עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס גיין וועט זיך גאָר קיינמאָל ניט ענדיקן. ער ווערט באַלד מיד אויף די פיס, עס ווערט אים הייס און צום סוף מוז ער זיך אינמיטן וועג אַרויפזעצן אויף אַ באַס אָדער אַ קאַר.

פיל שווערער קומט אים אָן דאָס אַרויפקלעטערן די הויכע שטיגן, וואו בלומע וואוינט. ער ווייסט שוין פריער ווי שווער דאָס איז פאַר אים און ער נעמט זיך צייט. ער גייט טריט ביי טריט מיט דער הילף פון שטעקן, ער האַלט זיך פאָרזיכטיג אָן אָן דער פייכטער פאַרענטשע, און ווי פאַמעלעך ער זאָל ניט גיין, מוז ער זיך אויף יעדן שטאָק אָפּשטעלן. עס פאַרכאַפּט אים דער אָטעם. ער ווערט אַ דערהיצטער, אַ פאַרסאַפּעטער... ער גייט אָבער צו בלומקען ווי דאָס וואָלט געווען זיין צווייטע היים, אַ צופרידענער, אַ יום־טוב׳דיגער.

ביי דער לאַנדס־פרוי אין הויז האָט שוין זילבערמאַן אפילו זיין שטענדיגן אָרט, וואו ער זיצט. אויף קיין אַנדער אָרט ווי אין אַ ווינקל ביים קיך־טיש זיצט ער ניט. דאָרט איז אים בלומע אַלעמאָל מיט עפּעס מכבד, דאָרט זיצט ער מיט איר און רעדט.

דער שטול, אויף וועלכן ער זיצט, איז אַ פּראָסטער, אַ האַרטער, און בלומע׳ס טאָכטער ווייסט שוין, אַז ווען דער לאַנדסמאַן, מיסטער זילבערמאַן קומט אַרויף, דאַרף זי אויף זיין בענקל אוועקלייגן אַ קישעלע, עס זאָל אים זיין ווייך צו זיצן. אויך העלפט זי אים אויס־טאָן דעם אויבערראָק, זי נעמט צו פון אים דעם הוט מיטן שטעקן, דאָס שאַליקל פון האַלז. זי לייגט די זאַכן זאָרגפעלטיג אוועק אין

איר שלאָף־צימער אויפן בעט און אליין האלט זי זיך פון ווייטן; זי מישט זיך ניט אריין אין די רייד פון איר מוטער מיט דעם לאנדס־מאן, זי גיט אכטונג, אז די קינדער זאָלן זיך האלטן רואיג. אמאָל, אז די קינדער פאָלגן ניט, גייט זי מיט זיי אינגאנצן אוועק פון הויז און לאָזט די צוויי אלטע אליין.

בלומע׳ס טאָכטער האָט גרויס רעספעקט פאר דעם לאנדסמאן מיסטער זילבערמאן. זי האָלט אים פאר א גוטן, פאר א מענטש מיט א ברייט הארץ. דאָס נעמט זיך פון דעם וואָס זילבערמאן לאָזט זיך אָפט קאָסטן מיט עטלעכע דאָלער פאר דער אָרימער טאָכטער. דאָס געלט גיט ער איר קיינמאָל ניט אין די הענט אריין. ער טוט דאָס פארשטעלט. די פרוי ווייסט שוין, אז ווען דער לאנדסמאן גייט אוועק, דארף זי אויפהויבן דאָס קישן פון איר בעט און געפינען דאָרט עטלעכע דאָלער. ווייניגער ווי פינף דאָלער לאָזט ער ניט. אמאָל, פאר א יום־טוב, לאָזט ער אפילו איבער צען.

אַ חוץ געלט לאָזט זיך זילבערמאן אויך אָפט דערקענען מיט מתנות, וואָס ער ברענגט. איבערהויפט פאר בלומע׳ן. די זאכן, וואָס ער ברענגט, דארף ער ניט קויפן. דאָס זיינען שטיקלעך סחורה, וואָס אים איז נאָך פארבליבן פון זיין דראַיגודס סטאָר: טיכלעך, פארטיכער, זאָקן, זיידענע שטיקלעך אונטערוועש. איידער ער האָט אויפגעגעבן דעם סטאָר האָט ער די זאכן אליין אויסגעקליבן, אוועק־געלייגט אין זיין פארשלאָסענעם קאָסטן און מיט דעם שטארק איב־זינען געהאט בלומע׳ן.

אז ער איז מיט דער לאנדס־פרוי אליין אין הויז, נעמט ער באלד ארויס א פעקעלע, וואָס ליגט ביי אים פארשטופט אין בוזים־קעשענע פון זיין אויבעררראָק און זאָגט פריידיג:

— כ׳האָב דיר געבראכט א פארטוך, בלומקע. פארבליבן נאָך ביי מיר פון מיינע ביזנעס...

— אַ דאַנק. — באַטראכט בלומקע די מתנה און ווערט אביסל רויט, — א פארטוך קומט אלע מאָל צונוץ... גאָר א פיין פארטוך.

צוליב דעם גאסט טוט זי טאקע באלד אָן דאָס נייע פארטוך און זילבערמאנ׳ען דאכט זיך, אז בלומע איז אין דער מינוט אינגער גע־וואָרען.

— די פארטיכער פלעגט מען ביי מיר כאפן ווי מצה־וואסער, ווען איך האָב געהאַט דעם סטאָר! — זאָגט ער מיט אַן אַנגעצוגענעם פייערל אין די אויגן, — און ער פּאַסט דיר טאַקע...

אין אַ ווײַלע אַרום זיצט ער ביים טיש איבער אַ ווייס־געדעקטן טישטוך און עסט מיט אַפּעטיט בלומע'ס איינגעמאַרינירטן הערינג מיט וואָס זי איז אים מכבד.

אַ חוץ הערינג שטעלט זי אַוועק אויפן טיש נאָך אַ פּאָר זאַכן, וואָס זי האָט ביי דער האַנט: אַ טעלערל מיט איינגעמאַכטס, אַ שטיקעל קעז, זי מאַכט עפּעס אַ געפּרעגלאַכטס פון אייער.

זילבערמאַן האָט אָבער פון קיין זאַך ניט אַזאַ הנאה ווי פון דעם הערינג.

— דיין הערינג איז זייער באַ'טעמ'ט — זאָגט ער טונקנדיק ווייכע שטיקלעך ברויט אין דעם געזויערטן און געפּעפּערטן הערינג־זאַפט, — מיין טאָכטער מאַרינירט אויך אַליין הערינג, אָבער ניט אַלע מאָל קומט דאָס ביי איר אַרויס אַזוי געשמאַק.

— עס ליגט ניט קיין גרויסע תורה אין דעם, — מאַכט די לאַנדס־פרוי מעשה אַלטע באַלעבאָסטע, — ווער קען דאָס ניט איינמאַרינירען קיין הערינג?

זילבערמאַן זיצט לאַנג ביים טיש אויף דעם אונטערגעלייגטן קישעלע, ער טרינקט הייסע טיי צוזאַמען מיט בלומע'ן און עס ווערט אַ שמועס פון ציטן, וועלכע זיינען שוין לאַנג אַוועק. עס שווימען אַרויף דעראיינערונגען פון דער אַלטער היים, זייער שטעטל, פון וואַנען זיי זיינען געקומען...

— איין זאַך וועט מיך אייביק פאַרדריסן! — טוט דער אַלטער מיט אַמאָל אַ זאָג, — די גאַנצע צייט וואָס איך בין אין אַמעריקע, האָט מיך געהאַלטן אין איין ציען, איך זאָל כאָטש נאָך איין מאָל אין מיין לעבן קענען זען אונזער שטעטל. איך האָב דאָס אָבער קיינמאָל ניט געקענט אויספירן, קיין צייט ניט געווען... און איצט איז שוין געוויס ניט די צייט פאַר מיר צו מאַכן אַזאַ רייזע. אַ חוץ דעם ווייס איך ניט צי איך וואָלט שוין אפילו אימיצן דערקענט. איך וואָלט ניט געהאַט וועמען צו דערקענען. און די יונגע וואָלטן מיך ניט געקענט...

— איך מיין, אז דו וואָלסט אפילו די הייזער אויך ניט דער־קענט, — לייגט צו בלומע, — נאָך דער מלחמה האָט מען דאָך כמעט די גאנצע שטאָט איבערגעבויט. ווייסט דען ניט?...

— איך ווייס, — איז דער לאַנדסמאַן מסכים, — איבערגעבויט און פארגרעסערט. איך האָב געהערט, אז אפילו אויף דעם אָרט, וואו עס איז געווען דער וואלד, שטייען שוין איצט הייזער.

— וועלכער וואלד? — איז בלומען אויף דער מינוט עפּעס ניט קלאָר.

— וועלכער וואָלד — צעשמייכלט זיך דער אלטער אביסל אָפּ־לאָכעריש, — געדענקסט ניט דאָס וועלדל, וואו מיר פלעגן שבת גיין שפּאצירן?...

— זאָג־זשע דאָס „וועלדל״! — פארריכט בלומע מיט א באַ־האַלטענעם פלאַטער, — אז דו זאָגסט דער „וואלד״, האָב איך גע־מיינט ווער ווייסט וואָס פאר א וואלד דו מיינסט.

— דאָס וועלדל, דאָס וועלדל... — שאָקלט דער אמאָליגער גע־ליבטער מיטן קאָפּ ווי אין א חלום, — געדענקסט ניט דאָס וועלדל?... עס האָט מיך אמת פארדראָסן ווען איך האָב געהערט, אז דאָס וועלדל איז מער נישטאָ. ווער פלעגט דאָרט ניט פארברענגען אין די זומערדיגע שבתים. איך געדענק נאָך אפילו די חבר׳טע דיינע, מיט וועלכער דו פלעגסט אַהין גיין שפּאצירן. רויזע, דאכט זיך, האָט זי געהייסן, א יאָ רויזע?...

— האָסט א גוטן זכרון, שמייכלט בלומע מיט אראָפּגעלאָזענע אויגן, — איך ווייס אפילו ניט צי זי לעבט נאָך ערגעץ, רויזע. שוין יאָרן ניט געהערט פון איר. ס׳א שיינע זי איז געווען.

— דו ביסט געווען שענער פון איר, — כאַפּט אונטער דער אלטער מיט אן אָנגעצונדענעם פייערל אין די אויגן, — מיינסט איך געדענק ניט?...

ביי בלומקען גיט זיך ווידער עפּעס א ריר אין הארצן.

— לייג דיר אריין אביסל איינגעמאכטס אין דער טיי, — פּאלט זי אים אין דער זעלבער רגע אריין אין די רייד אביסל שעמעוודיג, — דאָס איז אויך אייגענע געמאכטע איינגעמאכטס...

אויף זיסע זאכן איז זילבערמאן אפילו א קליינער בעלן, אָבער

פון בלומע׳ס היימישן איינגעמאכטס זאָגט ער זיך ניט אָפּ.

— נעם אויך אביסל, — זאָגט ער מילד און גיסט אויך אריין א לעפּעלע פון דעם רויטן געפּרעגלעכטס אין בלומע׳ס טיי, — דו האָסט ליב איינגעמאכטס?

— איך קען זיך באגיין אָן איינגעמאכטס, — זאָגט זי אבל׳דיג אויפן חשבון פון איר אָרים לעבן, — עס איז מיר אזוי אויך זיס...

— נישט געזאָרגט, — פארשטייט דער אלטער די באדייטונג פון אירע רייד, — אָבי דער מענטש איז געזונט איז שוין זיס...

— ניט אלע מאָל, — ענטפערט די אלמנה מיט דעם זעלבן טאָן, — וואָס פאר אן עלטער האָב איך? וואָס פאר א נחת האָב איך פון מיינע קינדער? דו זעסט דאָך ווי זיס מיר איז...

אין אזא טאָג זיצט זילבערמאן אָפּ ביי דער לאנדס־פרוי ביז טיף אין פארנאכט אריין. ער וואָלט נאָך דאָן אויך ניט אוועק. ער וואָלט נאָך געזעסן און געזעסן. ער ווערט שוין אָבער אין דער צייט סיי ווי סיי געשטערט. עס קומט ארויף די טאָכטער מיט די טומל־דיגע קינדער, איר מאן, און בלומע האָט שוין איצט אויך ווייניג צייט צו זיצן מיט אים און פארברענגען. זי ווערט פארנומען העלפנ־דיג דער טאָכטער מיט דער הויז־ארבעט. עס ווערט א קלאַפּעריי פון דעם אָפּגעקילטן אויוון, פון וועלכן מען נעמט טרייסלען די אשעס. אן אויסגערוטער הויבט ער זיך דאן אויף פון דעם ווייכן אונ־טערגעלייגטן קישעלע, גייט אריין אין שלאָף־צימער, וואו עס ליגן זיינע זאכן און נעמט זיך אָנטאָן.

דעמאָלט נעמט ער שטילערהייט ארויס פון קעשענע זיין אָפּ־געריבען געלט־בייטעלע, ציט פון דאָרט ארויס א פינפערל און לייגט דאָס אומבאמערקט אוועק אונטער דער טאָכטער׳ס קישן.

בלומע באמערקט דאָס אלע מאָל און זי ליידט דערפון. עס קרענקט איר וואָס פאר א פינסטער מזל זי האָט...

אָפּט מאָל האלט זי דאָס ניט אויס און גייט צו צו אים מיט א טענה, פונקט ווען ער שטייט מיטן געלט־בייטעלע אין די הענט.

— איך וועל דיך באשווערן ביי אלעם הייליגן, זאָלסט דאָס ניט טאָן, — פּרוּווט זי אים אָפּהאלטן מיט שטילע רייד, — לאָז ניט איבער קיין געלט, עס קאָסט מיך געזונט...

עס קומט צו א שטילן איבעררייד און זילבערמאן סטאַרעט זיך, אז בלומקע זאָל זיך ניט נעמען צום הארצן. ער רעדט צו איר ווייכע רייד, ער בארואיגט זי.

— זיי ניט קיין קינד, בלומקעלע, — קוקט ער איר מילד אין די אויגן אריין און גלעט צערטלעך איר האנט, — עס וועט מיר ניט ווערן קיין לאָך אין קעשענע פון די עטלעכע דאָלער.

ביים אוועקגיין באגלייט אים די אלמנה ביז צו דער טיר מיט אירע שווערע טריט און פרעגט אים מיט איר אומעט אין הארצן:

— ווען וועסטו ווידער ארויפקומען?...

— אין גיכן, מסתמא, — פארזיכערט איר דער אלטער, — זיי געזונט.

— גיי געזונט, — קוקט זי אים שטיל נאָך מיט דעם גרויען קאָפּ אין דער אָפענער טיר, — גיב אכטונג ווי דו גייסט ארונטער די שטיגן...

* * *

די גאנצע צייט פון דעם אלטנ׳ס אהיימפאָרן זיצט ער אין סאָבוועי מיט א שווערקייט אויפן הארצן. ער האָט רחמנות אויף בלומע׳ן. ער באדויערט זי. ער טראכט, אז אזא פרוי ווי בלומע וואָלט געמעגט האָבן א בעסערע עלטער. עס פארדריסט אים וואָס זי האָט עגמת נפש פון די עטלעכע דאָלער וואָס ער לאָזט דאָרט איבער. "עס קאָסט מיך געזונט", חזר׳ט זיך איבער אין זיין געדאנק אירע ווערטער.

— די זעלבע בלומע וואָס געווען, — גיט ער צו זיצנדיג מיט פארמאכטע אויגן אין זיין פארטראכטקייט, — אן איידעלע, א שטאָלצע...

* * *

אין דעם זעלבן אָוונט, ווען אלע ליגן שוין אין בעט, שטייט זיל־בערמאן אין זיין אָפּגעזונדערטן צימער אונטער א פארמאכטער טיר און פאָרעט זיך שטיל ביי זיינע איבערגעבליבענע שטיקלעך סחורה, וואָס ער האָט נאָך פון זיין דראַיגודס סטאָר. ער שטייט טיף ארי־בערגעבויגן איבער זיין אָפענעם קאסטן, קוקט פאָרזיכטיג איבער יע־דעס זאכעלע באזונדער, און געפינט שוין באצייטנס ווידער א מתנה׳לע פאר בלומע׳ן...

# דער רויטער סוועטער

די מרס. לעפקאָוויטש האָט די טעג באַקומען זייער אַ שיינע מתנה. זי האָט אַ שוועסטער ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט, וועלכע האָט אַ קראָם פון געשטריקטע סחורות, האָט איר די שוועסטער געשיקט אַ רויטן סוועטער.

— ווי געפעלט אייך עפּעס די מתנה, וואָס איך האָב באַקומען?
— איז זי מיט דעם סוועטער באַלד אַריין צו איר שכנה — אייך געפעלט עפּעס אַזאַ סוועטער?

ביים ערשטן קוק אויף דעם שטיקל סחורה, האָט די שכנ׳טע אַ זאָג געטאָן:

— דער סוועטער איז ווערט אפשר צוואַנציג דאָלער. דאָס איז שוין איינמאָל אַ טייערער סוועטער.

פון גוטסקייט איז ניט געווען וואָס צו רעדן. די מיסעס לעפּקאָוויטש איז אַליין אויך אַ שטיקל מבין אויף גוטע זאַכן. זי האָט באַלד געזען, אַז דאָס איז ניט קיין סוועטער וואָס מען קען קויפן פאַר אַ פיר־פינף דאָלער. שטאַרק צום האַרצן איז איר ניט געווען בלויז איין זאַך — וואָס דער סוועטער איז אַ רויטער. עס האָט איר גע׳חידוש׳ט וואָס די שוועסטער האָט אַליין ניט פאַרשטאַנען, אַז דער סוועטער איז ניט פאַר איר. וואָס איז זי עפּעס, אַ יונגע ווייבעלע, וועלכע איז ערשט אָפּיר פון אונטער דער חופּה, זי זאָל זיך אויספּוצן אין אַזאַ „פענסי״ סוועטער, אַ רויטן?

קיין יונגע ווייבעלע איז זי טאַקע ניט, די מיסעס לעפּקאָוויטש, אָבער קיין אַלטע אויך ניט. זי איז אַ פרוי אינגאַנצן פון אַ יאָר אַכט־און־דרייסיג, און ווען זי וואָלט אַביסל מער אויפגעפּאַסט אויף זיך, וואָלט זי אויסגעקוקט נאָך אינגער: שענער געוויס. זי איז אַזוי אויך ניט קיין מיאוס׳ע. זי האָט אַ גאַנץ אַנגענעם פּנים, שיינע אויגן און גאָר אַ פיינע פיגור. די מיסעס לעפּקאָוויטש

איז אָבער ניט קיין פרוי פון פוצן זיך. קיין אָפגעלאָזענע איז זי אָבער אויך ניט געווען. זי איז געווען א גאנץ ציכטיגע, א ריינע, נאָר אָנגעטאָן האָט זי זיך ווי עס איז, אבי עס זאָל נאָר זיין ריין. איר איז ניט געלעגן אין זינען צו פוצן זיך, און זי איז ניט געווען אימשטאנד מיט וואָס זיך צו פוצן...

„איך פוץ זיך געַנוג גאנצע טעג ביים אויוון און ביי די וואש־טעפ", פלעגט זי זאָגן אין שפּאַס.

און זי האט א זאָג געטאָן צו דער שכנ'טע מיט אומצופרידנ־הייט:

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, מיסעס ראַכלין, דער סוועט־טער איז טאקע זייער א שיינער, אָבער איך ווייס ניט צי איך וועל אים טראָגן. עפעס פּאַסט פאַרט ניט פאר מיר אזא שטארק־רויטער סוועטער... איך קלער, איך זאָל אים אפשר צוריקשיקן און בעטן זי זאָל מיר אים איבערבייטן אויף א בלויען.

די שכנ'טע האָט פון דעם אפילו ניט געוואָלט הערן.

— איר זאָלט זיך דאָס ניט דערוועגן צו טאָן! — האָט זי איר באלד איבערגעשלאָגן. — רויט איז מיאוס? מעסט אים נאָר אָן.

און אז מיסעס לעפקאָוויטש האָט אָנגעטאָן דעם סוועטער איז ערשט די שכנ'טע אריין אין אמת'ער התפעלות.

— איר זאָלט זיך ניט דערוועגן איבערצובייטן דעם סוועטער!

— האָט זי א זאָג געטאָן נאָך זיכערער — דעם סוועטער מוזט איר טראָגן.

די פרוי האָט ניט איבערטריבן. ווען די מיסעס לעפקאָוויטש האָט אָנגעטאָן דעם מלבוש, האָט זי באקומען אן אנדער פּנים. דאָס איז געווען א דעליקאַט געשטריקטער סוועטער פון דינעם וואָל, וועלכער האָט מיט א געוויסער איידלקייט אויסגעגלייכט און אויס־געגלעט איר גאנצע אָפּגעלאָזענע פיגור און האָט עפּעס ווי מיט איין מאָל ארויסגעהויבן די פרוי פון איר וואָכעדיקייט. און דער העל־רויטער קאָליר האָט אזוי ווי געברענט, ווי מיט א נייע שיין איר פּנים באלויכטן... גאָר אן אנדער ווייבל איז מיט אמאָל אויסגעוואקסן, א שיינע, א באַ'חנ'טע...

די מיסעס לעפקאָוויטש אַליין איז נאָך אָבער ניט געווען צו־פרידען.

— ווען ניט די רויטקייט וואָלט איך זיך שוין אפשר געלאָזט איבעררעדן — האָט זי זיך געקווענקלט. — נעכאַי וואָלט זי מיר געשיקט א בלויען!...

די העלע רויטקייט, וועלכע האָט אזוי לעבעדיג אָפּגעשיינט אויף איר פּנים און אין דעם גלאַנץ פון אירע אויגן, האָט זי אויס־געזען פריקרע אביסל.

— וואָס רעדט איר, א בלויען! — האָט זיך די שכנ׳טע איצט צעבייזערט. — צו וואָס טויג אייך א בלויען, אָדער א גרינער, אז עס פּאסט אייך רויט... אַליין זעט איר ניט אז עס פּאסט אייך? איר קוקט דאָך אויס מיט צען יאָר אינגער אין דעם סוועטער...

זי האָט שוין אַליין אויך געזען, אז דער רויטער סוועטער פּאסט איר. אין גאנצן שטעלן אויף זיך און אויף דער מיסעס ראכלין האָט זי נאָך אָבער ניט געוואָלט. זי האָט געוואָלט הערן, וואָס נאָך אימיצער האָט צו זאָגן — די מיסעס גאָלדשטיין, למשל, צי די מיסעס בערמאַן...

די פרוי האָט זיך אָבער ניט געהאט וואָס צו שרעקן. ווען זי האָט זיך צום ערשטן מאָל באוויזן אין בלאָק אין דעם סוועטער, האָט מען איר געהאלטן אין איין מאכן קאָמפּלימענטן. פון דעם קאָליר איז מען גאָר נתפּעל געוואָרן. עס איז ניט געווען איין באקאנטע, וואָס זאָל איר ניט זאָגן, אז זי קוקט אויס אין דעם סוועטער וואונדערלעך.

דעם שטארקסטן קאָמפּלימענט האָט זי באקומען פון איר בוטשער, ביי וועלכן זי קויפט פליישׁ. „זעליג דער בוטשער״, רופן אים די ווייבער פון יענעם בלאָק, אָדער גאָר „זעליקל״. דאָס איז א געזונטער, פריילעכער יונג, וועלכער האָט א פרוי ערגעץ אין אייראָפּע און אז ער דערזעט א שיין ווייבל, נעמט ביי אים פליען פונקען פון די אויגן.

ווען די מיסעס לעפקאָוויטש איז אריינגעקומען אין איר רויטער אויסגעפוצטקייט, האָט ער זיך אזש א צאפּל געטאָן.

— דאָס זענט איר, מיסעס לעפקאָוויטש? — האָט ער זי

באַלד גענומען שלינגען מיט די אויגן. — איך האָב אייך שוין באַלד ניט דערקענט. איר קוקט דאָך אויס ווי א פּרינצעסין, ווי איך בין א איד, און נאָך וואָס פאר א פּרינצעסין! א פלאַם פייער! איר פאַרברענט דאָך מיר...

די העלע רויטקייט פון דעם סוועטער האָט אויף אים א רייצענדען איינדרוק געמאַכט.

די פרוי האָט זיך ניט פאַרלוירן. און כדי זעליג זאָל זיך אביסל ווייניגער חכמ׳ענען, האָט זי צוגעלייגט איילנדיג: — גיט מיר בעסער א פּאָר פונט פלייש, ווייל איך האָב אפילו ניט קיין איין מינוט צייט...

* * *

אויף דער פרוי האָט מען געקענט זען, אז א דאנק דעם סוועטער האָט זיך ביסלעכווייז איבערגעביטן דער גאנצער גאַנג פון איר ביז־איצטיגען לעבן. זי האָט זיך שוין אנדערש פאַרקאַמט די האָר, האָט אָנגעטאָן א שענערע קליידל, ניט לענגער ווי ביז די קני, לייב קאָלירטע זאָקן.

דער עיקר איז אָבער ביי איר געווען דער סוועטער. אָן דעם סוועטער האָט זי זיך שוין ניט גערירט פון אָרט.

זעליקל האָט ערשט איצט דערזען, וואָס פאר א שיינע ווייבל מיסעס לעפקאָוויטש איז. ער האָט זי געשלונגען מיט די אויגן, אז ער האָט זי דערזען.

— אייער סוועטער וועט מיך מאַכן אומגליקלעך! — פלעגט ער כלומר׳שט א זאָג טאָן אין שפּאַס — איר צינדט מיך אָן, אז איך זע אייך אין דעם סוועטער...

און מיסעס לעפקאָוויטש האָט אים דוקא געענטפערט מיט א שמייכל:

— מען האָט שוין געהערט די חכמה...

* * *

מיט דער צייט האָט זיך אַזוי אויסגעאַרבעט, אַז ווי „ביזי" די מיסעס לעפּקאָוויטש איז געווען, איז זי גאַנץ אָפט פאַרבליבן אין סטאָר די סאַמע לעצטע, און דער יונג איז פון דעם געווען אין זיבעטן הימל.

צו דעם האָט ער זיך טאַקע אַלע מאָל געצילעוועט: צו זיין מיט איר אַליין, צו קענען רעדן מיט איר א וואָרט, קיינער זאָל ניט הערן...

— זאָגט, מיסעס לעפּקאָוויטש, איר ווייסט כאָטש וואָס פאַר א שיין ווייבל איר זענט?...

— פרעגט מיך ניט אַזעלכע פראַגן, — ענטפערט אים די פרוי אויף איר שטייגער, — איך בין צופרידן, אַז א י ר ווייסט...

— אַי, ווייס איך! — מאַכט זעליג מיט א זיפץ, — איך ווייס שוין גאָר...

און, אָפּלאָזנדיג אויף אַ ווײַלע די וואָג, וואָס ער האָלט אין האַנט, זאָגט ער שוין ערנסט:

— איר ווייסט, אָפט מאָל טראַכט איך, אַז ניט אַנדערש ווי נאָר איר האָט מיר אָפּגעטאָן עפּעס א כשוף — כ'האָב אייך פשוט ליב באַקומען און איך קען מיט זיך גאָר ניט מאַכן.

— איך גלויב אייך אויפן וואָרט — ציט אים די פרוי נאָך מער אַרויס די נשמה — וואָס נאָך פאַר א מעשיות וועט איר מיר דערציילן? גיט מיר בעסער א גוטן חלק פלייש און לאָמיר גיין.

פון אַ גוט שטיקל פלייש איז געווען איבעריג צו רעדן. אַזא חלק פלייש ווי די מיסעס לעפּקאָוויטש האָט איצט געקראָגן פון „זעליגן" וואָלט זי ניט באַקומען ווען זי גייט אויס גאַנץ ניו־יאָרק. און אין דער וואָג איז איר גאָר אַריינגעקומען די ברכה. פון צוויי פונט האָט זי אַלעמאָל געהאַט אפשר דריי. דערנאָך האָט ער איר ערשט צוגעלייגט דעם בעסטן מארך־ביין.

די שווערע און גוטע פונטעלעך פלייש מיט די אַלע צוליי־געכצען איז דער פרוי גאַנץ גוט צוניץ געקומען. אַליין וואָלט זי זיך אַזא „ברייט" לעבן ניט געקאָנט פאַרגינען. זי איז געווען אַן אָרימע פרוי מיט צוויי קינדער, וועלכע האָט געוואוינט ערגעץ אין לודלאָוו סטריט אין אַן אַלטן אָפּגעלאָזענעם הויז און די גאַנצע פרנסה האָט מען געצויגן פון א פושקאַרט מיט אונטערוועש, וואָס

דער מאַן אירער האָט געהאַלטן. אויף קיין בעסער לעבן האָט זי ניט געהאַט וואָס צו וואַרטן. דער מאַן אירער איז שוין אַזאַ מענטש, וואָס ניט ער טויג זיך אויס און ניט ער האָט מיט וואָס זיך צו נע־מען צו אַן אַנדער פּרנסה. חוץ אַלעמען איז ער ניט קיין איבעריג געזונטער און מוז האָבן דעם דרויסן — מוז מען זיך האַלטן מיטן פּושקאַרט. יאָ, דאָס גוטע פליַיש מיט אַלע צוליַיגעכצן איז דער פרוי גאַנץ גוט צונוץ געקומען. עס האָט איר אַביסל פאַרגרינגערט די הוצאה און זי האָט אַלע טאָג געהאַט פליַיש. וואָרים זי פלעגט קויפן דריי מאָל פליַיש און האָבן גענוג כמעט אויף אַ גאַנצער וואָך. נאָר צום האַרצן איז איר דאָס ניט געווען...

בלויז צוליב דער לעבער פלעגט ביי זיי אַרויסקומען אַן אַמפּערן זיך, אַז ער האָט ניט געוואָלט נעמען קיין געלט, האָט זי ניט געוואָלט די לעבער. אָפט מאָל האָבן זיי זיך אַפילו גענומען ראַנגלען צוליב דעם, זי האָט די לעבער אַרויסגעשלעפּט פון בייטל און ער האָט די לעבער צוריק אַריַינגעלייגט...

פון אַזאַ מין ראַנגלען זיך איז איין מאָל דערגאַנגען אַזוי וויַיט, אַז די מיסעס לעפקאָוויטש האָט דערזען אַז זי שפּילט זיך טאַקע מיט פייער: זי האָט עפּעס אַליין ניט געוואוסט ווען און ווי אַזוי, האָט איר דער יונג פלוצלונג אַרומגעכאַפּט מיט זיין גאַנצן כוח און זי גענומען קושן מיט אַזאַ פייער, אַז זי האָט זיך קוים פון אים באַפריַיט.

* * *

דאָס איז געווען די שטאַרקסטע דערפאַרונג, וואָס די פרוי האָט אַמאָל געהאַט אין איר לעבן. דער אייגענער מאַן האָט איר אַזאַ פלאַקער פון ליבע קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן. זי האָט שוין אַפילו פאַרגעסן די צייַט ווען איר אייגענער מאַן האָט איר אַ קוש געטאָן... און קיין אַנדערע ליבעס האָט זי ניט געפּירט אַפילו ווען זי איז גע־ווען אַ מיידל. זי האָט ניט געהאַט ווען אַפילו זי וואָלט עס וועלן. זי איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פרום הויז, וואו מען האָט געהיט איר יעדן טראָט. צו 18 יאָר האָט מען איר שוין חתונה געמאַכט,

אוועקגעשיקט זי מיטן מאן קיין אמעריקע און מיט דעם איז פאר־זיגלט געוואָרן איר גאנצע יוגנט...

„מען האָט אויף גיך געכאפּט און מיך פארשליירט — פלעגט זיך ביי איר אָפּט ארויסכאפּן א זיפץ — מען האָט מורא געהאט איך זאָל ניט פארשפּעטיגן דאָס גרויסע גליק"...

דאָס איז שוין אלץ געווען אויפן חשבון פון איר צרה׳דיגן לעבן: פון דער „זיסער" פרנסה מיטן פּושקארט... קיין טענות האָט זי דערפאר צום מאן ניט געהאט. אָבער טיף אין הארצן האָט זי אים געהאלטן פאר א שלים־מזל. עס האָט זיך איר שטענדיג אויסגע־דוכט, אז ווען ער וואָלט געווען מער מענטש, וואָלט ער אפילו פון פּושקארט אויך געקענט מאכן א בעסער לעבן. זי האָט געקענט פּעדלערס, וועלכע האָבן זיך פון א פּושקארט אפילו גאנץ פיין ארויפגעארבעט...

זי פלעגט אים אָבער קיינמאָל ניט גריזשען. זי איז שוין געווען צוגעוואוינט צו איר שיקזאל. זי האָט געטראָגן דעם יאָך און קיין קשיות ניט געפרעגט, ווי טויזנטער, טויזנטער פרויען טראָגן זייער יאָך.

די לעצטע צייט איז אָבער אנדערש געוואָרן. אין איר הארצן האָט זיך גענומען באוועגן א געפיל פון אומצופרידנהייט. גלייך ווי א לאנג־אונטערדריקטער פּראָטעסט וואָלט פלוצלונג אין איר אויפגעוואכט. פון העלער הויט האָט זי זיך ארומגעזען, אז איר מאן איז א שולדיגער געגן איר, אז זי האָט פארשפּילט איר לעבן ביי אים.

עס האָט אין איר גענומען גליען א נייער פייערל.

* * *

די לעצטע סצענע מיטן בוטשער איז געווען די שטארקסטע גע־שעעניש זינט זי האָט באקומען דעם סוועטער. עס זיינען אָבער אויך געווען אנדערע, א סך אנדערע, פיל קלענערע, אזעלכע וועלכע זי האָט אליין פילייכט גאָרניט קלאָר באמערקט.

צום ביישפּיל, ווען זי האָט געטראָגן דעם רויטן סוועטער,

פלעגט זי אַלע ווײַלע קוקן אין שפּיגל און אַז זי פלעגט גיין אין גאַס, פלעגט זי זיך באַקוקן אין די בלישטשענדיקע פענסטער פון די קראָמען. אָפט פלעגט אַ פאַרבײַגייענדער מאַנסביל וואַרפן אַ בליק אויף איר. און ווען עס פלעגט פאַרבײַגיין אַ מאַן און אויף איר ניט אַ קוק טאָן, פלעגט דאָס איר אויספעלן.

צי מען האָט אויף איר געקוקט, צי מען האָט אויף איר ניט געקוקט, — זי פלעגט דערנאָך וואַרפן אַ בליק אין דעם אַנדערן שוי־פענסטער צו זען, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק זי מאַכט. אויב מען האָט געקוקט, האָט זי געוואָלט זען דעם פּנים, מיט וועלכן זי ציט צו; און אויב מען איז פאַרבײַגעגאַנגען אַזוי, האָט זי געוואָלט זען די אורזאַך דערפון. אפשר איז זי היינט ניט אַזוי שיין.

פריער פלעגט דאָס ניט זײַן אַזוי. זי פלעגט דורכלויפן די גאַס, פאַרטיפט אין אירע דאגות. וועמען איז עס געלעגן אין זינען צו קוקן אויף מאַנסבילן, צי זיי קוקן אויף איר, צי ניט?...

איצט איז זי אַן אַנדערע געוואָרן, און אויף פאַרשיידענע אַרטן. מיט מאַנסבילן האָט זי איצט גערעדט אויף גאָר אַן אַנדער שטייגער; אפילו מיט פרויען אויך אַנדערש. זי האָט ניט קאָקעטעוועט דירעקט. אַזעלכע זאַכן זײַנען ניט געלעגן אין איר כאַראַקטער.

אָבער דער טאָן פון איר רעדן. דער כאַראַקטער פון אירע עוויות און מינעס, פון איר גיין, פון איר קוקן, איז געווען עפּעס אַנדערש.

און מענער, וואָס זײַנען מבינים אויף אַזעלכע זאַכן, האָבן דאָס ניט פאַרפעלט צו באַמערקן. זעליקל איז ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט צו איר זיך גענומען שדכנ׳ען. אַנדערע מאַנסבילן האָבן זיך מיט איר אויך פאַראינטערעסירט; געפּרוּווט פאַרציען אַ שטיפערישן געשפּרעך מיט איר און אָפט אפילו אַרײַנוואַרפן אַ צווייטײַטיקע אָנצוהערעניש.

זי האָט זיך אַליין ניט דערקענט. אַ שטילע שרעק פאַר זיך אַליין איז אין איר האַרץ געוואַקסן.

זי האָט אַן אַנטדעקונג געמאַכט: אַז זי איז אַ פרוי צו וועלכער מענער קענען זיך ציען און אַז עס זײַנען פאַראַן מענער אויף דער

וועלט, צו וועלכע עס ציט איר. זעליקל? ניין, ניט צו אים דוקא...
אָט פאר דער דאָזיגער אַנטדעקונג האָט זי זיך געשראָקן.

* * *

פון איר מאַנ׳ס הולך האָט די לעצטע צייט גענומען אַנפאַלן אויף איר אַן אומעט. פריער האָט זי דאָס גאָרניט באמערקט. איצט האָט דאָס איר געשלאָגן צום הארצן.

— ס׳איז שוין צייט זאָלסט אָנטאָן א ריין העמד, — האָט זי אים שוין באצייטנס דערמאָנט מיט א שטאָך — ס׳איז דאָך א שרעק אויף דיר א קוק צו טאָן...

זי האָט דאן אליין ניט געוואוסט, אז דער פארדרוס מיטן צאָרן, וואָס רייסט זיך איצט אין איר מער ווי אלע מאָל, האָט שוין צו טאָן מיט דעם נייעם סאָרט אינטערעס, וואָס האָט זיך ביי איר געפלאָנ־טערט אין מוח און אין הארצן. איר מאַן איז איצט ניט געווען אנדערש ווי אלע מאָל. ער איז תמיד אַן אָפּגעלאָזענער און זי האָט אים אלע מאָל באדארפט דערמאָנען איבערבייטן א העמד. געביי־זערט האָט זי זיך אָבער ניט אויף אים. זי האָט זיך גאָר צעשריען אמאָל אויף די קינדער. אָבער פשוט אויף זיך אליין. זי איז ניט געווען אין אים פארליבט, אָבער מיט אלע זיינע חסרונות, איז אין איר געלעגן אַן אייביג איינגעוואָרצלטער דרך ארץ צו אים, נאָך פון דער היים. ער איז פון דער היים געווען אַן איידעלער מענטש, א באלעבאטישער, א שטיקל לערנער.. אפילו איצט, אין איר גאנצער צערודערטקייט, האָט זי זיך אויך איינגעהאלטן מיט אלע כוחות ניט אָנצוטרעטן אים צו שטארק. אינגאנצן פארשווייגן האָט זי אָבער אויך ניט געקאָנט. זי האָט ערשט איצט דערזען מיט וועמען זי פירט א לעבן; מיט וועמען זי פינסטערט אָפּ איר וועלט... עס האָט איר געשטאָכן אין די אויגן און אין הארצן זיין יעדער קער, זיין גאנג, זיין הולך, זיין עסן. עס איז געווען געוונג ער זאָל ביים עסן אָנרירן עפּעס מיט די הוילע פינגער, אָנשטאָט מיטן גאָפּל און עס האָט זיך באלד א ריס געטאָן פון איר:

— מיט די הענט גאָר! האָסט דען ניט קיין גאָפּל?...

אין יענעם טאָג, ווען דער בוטשער איז אַנגעפּאַלן אויף איר מיט אַזאַ פלאַקער, האָט זי גאָרניט געוואוסט אויף וואָס פאַר א וועלט זי איז. ווען זי איז אהיים געקומען איז זי לאַנג געזעסן אויף אַן אָרט, אַן אויפגערעגטע, א צעטומלטע. דערנאָך האָט זי זיך א כאַפּ געטאָן און גענומען צוגרייטן עסן מיט א מאָדנעם חשק, אַזוי ווי זי וואָלט וועלן פארגלעטן איר שולד מיט דעם, וואָס זי דערפילט אירע פליכטן מיט חשק און ענערגיע. שוין גענומען זיך צו דער ארבעט, איז אוועק דער גאַנצער אינטערעס. ניט ווילנדיג האָט זי צוגעשטעלט קאָכן דאָס פלייש, וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן אין בייטל, אָן חשק ארויפגעכאַפּט עפּעס פון גראָסערי, און אַז ס׳איז געקומען צום עסן איז דער גאַנצער מיטאָג געווען אָן א טעם.

אָבער זעליג האָט אין אַ פּאָר טעג ארום זי ווידער געקושט. אָבער אַנשטאָט א פלאַקערדיגע ווילדקייט, איז דאָס מאָל אין זיין קושן געווען א טיפע צערטלעכקייט און א געבעט.

דאָס מאָל, ווען זי איז געקומען אהיים, האָט זי קיין חשק ניט געהאַט צו מאַכן סאַפּער. זי איז ווידער לאַנג געזעסן און שפּעטער, ווען זי האָט זיך גענומען צוגרייטן דאָס עסן, איז די זופּ געווען וואַסערדיג, דאָס פלייש האַרט, און אַז דער מאַן האָט אויף דעם געמאַכט א באַמערקונג, איז ביי איר אויסגעקומען, אַז זי איז נאָך גע־ווען געערגערט. עס געפעלט אים ניט, ווייל ער איז אַ שטיק צרה... א קרענק... אפילו אַז דאָס פלייש איז אביסעלע האַרט, דאַרף ער זיך אויך ביי איר אַזוי ניט איבערנעמען... זי איז ניט קיין מלאך... און ענטפערט מיט א באַהאַלטענעם צאָרן:

— מען קען חלילה ניט שטאַרבן, אַז א שטיקל פלייש גיט זיך אַמאָל ניט אַזוי איין...

דערנאָך האָט זי שוין אָן עפּן געטאָן די גאַנצע גאַל און ביטער־ניש, וואָס האָט זיך ביי איר געהאַט אָנגעקליבן אויפן האַרצן. זי האָט זיך צערעדט פון זאַכן, וואָס האָבן שוין מיט סאַפּער גאָרניט געהאַט צו טאָן. עס איז עפּעס געווען ווי זי וואָלט איין מאָל פאַר אַלעמאָל געוואָלט, ער זאָל וויסן, וואָס פאַר א צרה׳דיגן לעבן זי האָט ביי אים. א גאַנצער קוואַל פון רייד האָט זיך ביי איר אָן עפּן געטאָן. ביי לייטן וויים מען פון א לעבן; ביי לייטן וואוינט מען ניט אין אַזאַ קבר ווי זי וואוינט...

צום סוף האָבן זיך אזש גענומען רייסן די טרערן.

— דאָס איז ביי דיר א לעבן? — האָט זי גערעדט מיט דעם געוויין אין זיך — ווען איך וואָלט געגאנגען וואשן דילן, וואָלט איך דאָך געהאט א בעסער לעבן! איך האָב דאָך ביי דיר אפילו ניט קיין לייטיש קליידל אויפן לייב! איך דארף דאָך ווארטן אז די שוועס־טער זאָל אויף מיר רחמנות האָבן און מיר שיקן עפּעס אָנצוטאָן...

שפּעטער, ווען די טרערן האָבן אביסל אָפּגעשווענקט און וויי־כער געמאכט דעם קלומפּן מיט דער ביטערניש, האָט זיך איר גע־נומען פּלאָנטערן אין קאָפּ, אז דאָס גלייכסטע וואָלט געווען, זי זאָל איצט וואָס גיכער זיך ארויסקלייבן ערגעץ אין אן אנדער געגנט. זי וויל סיי ווי סיי פּטור ווערן פון די צימערן. זי האָט שוין לאנג געוואָלט, און איצט ,אז עס האָט זיך געמאכט אזא זאך מיט יענעם, איז בעסער וואָס גיכער. ווייל זי האָט שוין געוואוסט, אז זעליג'ס ברענענדיגע קושן איז ניט געווען סתם אן איבערפּאַל פון א בוטשער אויף א פרעמד ווייבל. עס איז געווען מער ווי דאָס. דער יונג איז צו ערנסט און ער וועט זי שוין אזוי גרינג ניט אָפּלאָזן...

אויף קיין קרומען וועג וועט זי מיט אים ניט גיין... ניט זי... זי האָט דאָך א מאן. זי איז דאָך א מאמע פון קינדער... איז די גלייכסטע זאך זיך ארויסצוקלייבן!

אזוי פעסט איז געווען איר באשלוס וואָס גיכער צו אנטלויפן פון דאנען, אז אויף מאָרגן איז זי שוין דעם גאנצן נאָכמיטאָג געווען פארנומען מיט זוכן צימערן. זי איז ארומגעגאנגען א צעטראָגענע, אן אויפגערעגטע און צום סוף האָט זי דאָס ערשט געמוזט אָפּלייגן אויף מאָרגן.

דער קאָפּ איז איר איצט געווען ביי זעליג'ן, ניט ביי די צימערן. ערשטנס, האָט זי זיך פּונקט איצט דערמאָנט, אז זי האָט אים ניט באצאָלט פאר דעם נעכטיגן פלייש. זי האָט דאָס געוואוסט די גאנצע צייט. איצט האָט זי זיך כלומר'שט דערמאָנט. זי מוז אים באצאָלן. ניט אנדערש נאָר באצאָלן. מאכן א סוף מיט אים.

און גייענדיג פון די צימערן איז זי שוין טאקע אריין צו זעליג'ן.

ווען זי איז אריינגעקומען אין סטאָר, איז שוין געווען פארנאכט און זי האָט אפילו א מינוט קיין צייט ניט געהאט. זי האָט גאָר באדארפט זיין אין הויז. צוליב די צימערן האָט זי דאָרט אלץ גע־

לאָזט אויף הפקר: ניט געקאַכט, ניט געגעסן, ניט צוגעגרייט קיין זאַך... אָבער דאָס אַליין, וואָס עס איז פאַרנאַכט און זי איז געווען זיכער, אַז דער יונג איז איצט איינער אַליין אין סטאָר, איז געווען אַ באַזונדער מאַגנעטל, וואָס האָט געשלעפּט דווקא אַריינצוגיין צו אים איצט...

עס איז דאַכט זיך געווען קלאָר צו דערקענען, אַז דער גאַנצער אַריינקומען אירער איז ניט געווען מער ווי אָפּצו'פּטר'ן דעם חוב, וואָס זי איז אים שולדיג. ביי זיך אין האַרצן ווייסט זי אָבער אַז דער עיקר איז וואָס זי וויל אים זען, אים מיט זיינע גלוסטנדיגע אויגן, זי שטעלט זיך פאַר ווייטערע קושן...

זי זאָגט טרוקן:

— איך גיי פאַרביי, האָב איך זיך געראָד דערמאָנט, אַז כ'האָב אייך נעכטן ניט באַצאָלט פאַרן פלייש. וויפיל בין איך אייך שול־דיג?

זעליג שטייט איצט פאַר איר ווי אַ פלאַמענדיגער, אַ ברייט־ברוסטיגער געזונטער... ער טראָגט נאָך אויף זיך דעם ווייסן בוטשער־כאַלאַט. פון „קעפּ" וואָס איז ביי אים אָביסל פאַררוקט אָן אַ זייט, שטעקט קאָקעטיש אַרויס אַ בינטל האָר און דאָס גע־זונטע, רויט־באַקיגע פּנים זיינס מיט די צוויי שוואַרצע ציגיינער אויגן, שפּריצן מיט פייער און מיט כּוח.

ער נעמט זי דורך מיט זיין פאַרליבטן קוק און זאָגט שמייכ־לענדיג מיטן פולן מויל ציין:

— וואָס האָט איר זיך באַדאַרפט אַזוי צואיילן? איר אַנט־לויפט שוין פון לודלאָו סטריט?

— אפשר יאָ — ענטפערט דאָס ווייבל צווייַדייטיג און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

קיין צייט האָט זי אָבער אַלץ ניט. זי איילט זיך, זי שטייט ווי אויף שפּילקעס. קאַלט און ברוגז'לעך פרעגט זי אים, כאַפּט זיך גיך און איילנדיג צום בייטל, ציט אַרויס אַ פּאַפּירל און ערשט אין דער לעצטער רגע, ווען זי דערלאַנגט אים דאָס פּאַפּירל, וויל זי עפּעס זאָגן, און זאָגט ניט. זי ווערט צערודערט, פאַרשעמט.

ער איז גאָר געווען דער, וואָס האָט גערעדט. ער האָט גע־

שאָטען מיט רייד — מיט פייער... ער האָט איר ערשט איצט באוויזן, וואָס פאר א גיהונם זי האָט אין אים אָנגעצונדן.

— טוט מיט מיר וואָס איר ווילט — האָט ער זיך אין גאנצן איבערגעגעבן צו איר אין די הענט אריין — נעמט א מעסער און דערשטעכט מיך!

זי האָט שוין אַ קוק געטאָן אויף אים מיט א שטיקל באהאַל־טענעם רחמנות און געזאָגט אַלץ קאַלט:

— איך וויל אייך חלילה ניט דערשטעכן אָדער דערשיסן. איך וויל אייך בלויז זאָגן, אז איך בין א פארהייראַטע פרוי און איר טאָרט זיך ניט דערלויבן. איך האָב א מאן... איך בין א מאמע פון קינדער...

— איך ווייס אַלצדינג! — האָט ער איר איבערגעשלאָגן די רייד — איך קען אָבער מיט זיך גאָרניט מאכן. ניט אנדערש נאָר איר האָט מיר אָפּגעטאָן א כשוף... זאָגט מיר וואָס איך זאָל טאָן און איך וועל אייך אַלץ פאָלגן — האָט ער גענומען רעדן מיט הארץ— איך וועל פארקויפן דעם סטאָר, אויב איר ווילט, און מיר וועלן אוועק אין אן אנדער שטאָט. איך וועל פארשרייבן דאָס גאנצע געלט מיינס אויף אייער נאָמען... און די קינדער אייערע קענט איר אויך מיטנעמען...

— איך וועל טאָן אַלץ וואָס איר וועט מיר הייסן... אַלץ...

ער האָט איר גענומען קושן די הענט, דערנאָך זי ווידער אריינ־געקלאַמערט אין זיינע אָרעמס און נאָך הייסער געבריט און גע־גליט זי מיט זיינע קושן...

* * *

„אַן אומגליק!"

דאָס איז געווען דאָס איינציגע וואָרט וואָס האָט דער פרוי יענעם אָוונט געקלאַפּט אין מוח און אין הארצן. עס איז געקומען אויף איר אן אומגליק און זי קען זיך ניט ראטעווען.

* * *

זי איז געווען ווי אין א ברענענדיגער געביידע, וועלכע האָט נאָך געהאָט בלויז איין פרייע טיר צו אנטלויפן. עס האָט זיך

איר געדאכט, אז דאָס איינציגע שטיקל הילף, וואָס קען זי נאָך איצט ארויסשלעפּן פון דעם פּלאָנטער איז טאקע אלץ דאָס ארויס־קלייבן זיך — און וואָס גיכער... אנטלויפן ווי פון א פייער...

ארויסקלייבן זיך איז אָבער ניט אזוי לייכט. קריגן אנדערע צימערן איז א שווערע מלאכה. און טאקע וואָס וועט זיין מיט דעם מאנס איבערבייסן? זי האָט אָפּגעלייגט און אָפּגעלייגט. און ענד־לעך האָט זי שוין אויפגעהערט אפילו צו דענקען וועגן ארויסקלייבן זיך.

זי איז געגאנגען ארויף־בארג, זיך געקייקלט אראָפּ־בארג...

# איר טאַנץ

פרידע שטייט ביי איר אָפּענעם וואַליז און מאַכט זיך פאַרטיג פאַר דער שיינער רייזע. זי האָט דערויף געוואַרט אַלע אירע מיידלשע יאָרן.

מאָרגן אַרום צוועלף אַזייגער פאָרט זי אַוועק אויף איר „האָנימון”. צוערשט וועט מען טאַקע דאָ אין הויז שטעלן די חופה און באַלד נאָך דער חופה פאָרט זי אַוועק מיט איר לעאָנען אין די בערג.

אין וואַליזע ליגן עטלעכע שפּאָגל־נייע קליידער, וואָס זי האָט נאָך כמעט איין מאָל ניט אָנגעטאָן, זיידענע אונטערוועש און א האַנט־געמאָלענע בלוזע.

פון דער בלוזע קוועלט זי גאָר אָן. איבערהויפּט איז זי צופרידן וואָס די בלוזע געפעלט לעאָנען. ער האָט געזאָגט, אַז זי איז שיין, פאַרבנרייך און אַרטיסטיש.

ביי פרידען זיינען אַזעלכע ווערטער פון לעאָנען אַ גאַנץ געווינס.

פרידע האָט געהאַט גענוג פאַרדרוסן ביז עס האָט זיך איר איינגעגעבן צוצופּאַסן זיך צו לעאָנ׳ס געשמאַק. זי האָט געקענט אָנטאָן די שענסטע קלייד, האָט ער אויף דעם געמוזט געפינען א חסרון. אַלעמאָל האָט ער געמוזט זאָגן: „עס פעלט עפּעס”...

פרידע האָט פון דעם שטאַרק געליטן. איינמאָל האָט זי זיך אפילו צעוויינט. עס האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן זי זאָל עפּעס אָנטאָן און אימיצער זאָל זאָגן אַז עס איז ניט שיין אָדער עס פּאַסט איר ניט. פאַרקערט, זי האָט גאָר מיט אירע קליידער אַלעמאָל אויסגענומען. ווער דען זאָל טראָגן א שיינע קלייד, אַז ניט זי? אויף דעם איז זי דאָך עפּעס אַ דיזיינערין ביי קליידער...

איצט זעט זי ערשט, אַז לעאָן האָט דאָך געוואוסט וואָס ער רעדט. זי מוז צוגעבן, אַז זיין געשמאַק איז אביסל שענער און אַרטיסטישער פון אירן. און עס וואונדערט זי גאָרניט, ער איז דאָך

אַ קינסטלער, א מאלער... פון זיינע קארטונס אליין האָט ער זיך שוין געמאכט אַ נאָמען.

פרידע האָט געגלויבט אין לעאָנען ווי אין אַ גאָט. אלץ וואָס לעאָן האָט געזאָגט איז געווען ביי איר א באפעל — א הייליקייט.

* * *

לעאָן אייזנער שטרעבט אָבער צו עטוואָס העכערס און וויכטי־גערס ווי קאַרטונס. ער האָט צייכענונגען, וועלכע ער וואָלט אפילו אין דעם בעסטן זשורנאַל ניט געגעבן. דאָס זיינען ביי אים שאַ־פונגען פון גאָר אַן אַנדער סאָרט. מיט א ברייטן פאַרנעם, פון „שוואונג", פון „אויסדרוק".

אין די אָוונטן זיצט ער אין קאַפע, אויף סעקאָנד עוועניו, אָדער גרינוויטש ווילעדזש, און רעדט מיט באַקאַנטע טאַקע פון אָט די סאָרט שאַפונגען זיינע.

ער האָט, צום ביישפּיל, אזא צייכענונג, וועלכע הייסט ביי אים דער „ליבעס פלאַטער", וואָלט ער אַ בעלן געווען מען זאָל אומיסטן זען וואָס ביי אים הייסט „אייגנאַרטיקייט", „שוואונג"...

און ער דערמאָנט זיך אז „צופעליג" האָט ער טאַקע די צייכע־נונג מיט זיך.

ער עפנט באַלד דעם פּאַרטפעל, וואָס ער טראָגט שטענדיג מיט זיך און זוכנדיג געפינט ער שוין אין איין וועג נאָך א פּאָר זאכן. ער געפינט אַ „פרילינג־שטימונג", די „וואַסער־נימפע" — נאָר דער עיקר איז איצט דער „ליבעס פלאַטער".

אַז דער פּערזאָן, וועלכע באַטראַכט די צייכענונג איז א פרוי, ווערט זי באַלד אַנטציקט. אָפטמאָל איז ביי איר די איבערראַשונג אַזאַ פאַרכאַפּנדע, אז עס פעלט איר פּשוט אויס ווערטער אויסצו־דריקן איר באַגייסטערונג.

און אייזנער הערט אָפּט פון זיינע פאַרערערקעס אַזעלכע אויס־דרוקען, ווי: „אַך", „וואונדערבאַר", „פּראַכטפול"...

דאָס איז אַלץ געווען אויף דעם חשבון פון דעם, וואָס פרויען האָבן אזוי שטאַרק געגאַרט אריינצוציען דעם שיינעם אייזנער'ן

אלץ מער אין זייער פריינטשאַפט. ער איז געווען א שיינער, א שווארץ־חנ׳עוודיגער, אַ לעבנסלוסטיגער.

עס איז געווען גענוג אז אַ פרוי זאָל אים בלויז איין מאָל דער־זען, און עס האָט זי שוין געצויגן צו אים ווי אַ מאַגנעט.

* * *

פרידע האָט לאַנג געדורשט ארייַנצוקומען אין אזא פלאַץ, וואו עס קומען זיך צוזאמען אַרטיסטן, שרייבער. זי האָט אָבער קיינמאָל ניט געהאט אזעלכע פריינט, וועלכע זאָלן זי מיטנעמען.

זי וואָלט נאָך דאָ היינט אויך ניט געווען, ווען ניט א צופאַל. זי איז היינט געווען אין טעאטער, האָט זי זיך גראָד געטראָפן מיט אן אלטער באקאנטער, מיט וועלכער זי האָט אַלע מאָל געארבעט אין איין שאפ, איז זי דאָס מיט דער באַקאַנטער פארגאנגען אַהער.

ווען פרידע האָט דאָרט דערזען אייזנער׳ן, האָט זי באַלד אַ זאָג געטאָן:

— אָ, ווי אינטערעסאנט ער איז!

צו באַקענען זיך מיט אייזנער׳ן איז איר דאָך אָנגעקומען גרינג. די באַקאַנטע אירע האָט זי פאָרגעשטעלט און פרידע איז שוין גע־זעסן ביי אייזנער׳ס טיש.

ביי פרידען איז דער אָוונט געווען גאָר אַן אינטערעסאנטער. זי איז געזעסן אַ צוריקגעהאלטענע, אַ שווייגנדיגע. זי האָט זיך געהאלטן א סך קלענער פון אזא מענטש, ווי אייזנער, און אז ער האָט גענומען ציגן זיינע צייכענונגען, האָט זי זיך גאָר דערפילט אראָפּ־געפאלן ביי זיך...

איבערהויפּט ווען אייזנער האָט געצייגט זיין צייכענונג „דאָס ליבעס־פלאַטער” און עס דווקא דערלאנגט גלייך צו איר אין די הענט אריין.

דאָס איז געווען אַ צייכענונג, וואָס האָט פאָרגעשטעלט א פאר־ליבט פאָרל, אין א געפלעכט פון צווייגן און בלעטער און עס פלאַ־טערט פון זיי מיט יוגנט, מיט ליבע...

פרידע האָט געקוקט איוף דעם „וואונדערלעכן" בילד און באַוואונדערט מיט א פארכאפטן אָטעם:

— אַך, ווי שיין, ווי שיין!

דער עיקר איז אָבער ביי איר געווען אייזנער. זי האָט זיך שוין פון אים ניט געקענט אָפּרייסן. עס איז איר געפעלן ווי ער רעדט, ווי ער לאַכט, ווי ער קוקט מיט זיינע „קינסטלערישע" אויגן.

פרידע האָט אין יענעם אָוונט געהאָט מזל, אז אייזנער זאָל זי באַגלייטן אהיים.

די באַקאַנטשאַפט אירע אליין, אַלס אַ מיידל, איז געווען פאר אים א רייץ.

פרידע איז ביי אים באַלד געוואָרן אַ „סימפּאַטיטשנע", א ליבלעכע...

און ער האָט שוין היינט די ליבלעכע געמוזט באגלייטן אהיים.

* * *

אייזנער'ן האָט אפילו ניט געאַרט, וואָס פרידע וואוינט אַזוי אין איסט ניו־יאָרק, וואָס די באַגלייטונג וועט ביי אים ארויסכאַפּן עטלעכע סענט און וועט אים צערייבן עטלעכע שטונדן. די צייט אַרט אים געוויס ניט. ער קען מאָרגן שלאָפן ווי לאַנג ער וויל. קיינער יאָגט אים ניט.

אין באַן זיצט ער נאָענט לעבן פרידען און איז מיט איר באַפריינדעט ווי ער וואָלט זיך שוין מיט איר געקענט פון יאָרן. זי הייסט שוין ביי אים „פריידעלע" און ער דערציילט איר ווידער עפּעס פון זיינע שאַפונגען. ער מישט אריין אזעלכע ווערטער ווי „פאַרבן־רייך", „אימפּרעסיאָניסטיש", „שוואונג".

פרידע זיצט די גאנצע צייט מיט די אויגן צו אים, שלינגט יעדעס וואָרט וואָס אייזנער רעדט ארויס און דאָס חנ'עוודיגע בינטעלע האָר זיינס איבערן שטערן, צופּט איר שוין אין הארצן.

זי דערמאָנט זיך פּונקט איצט ווידער אָן די שיינע צייכענונגען, וואָס ער האָט היינט געוויזן און זאָגט כמעט ווי א פאַרבענקטע:

— איך מוז אייך זאָגן, אז אין אייערע בילדער, וואָס איר האָט

היינט געצייגט, האָב איך זיך באַלד פאַרליבט. איבערהויפּט די ערש־טע — איך האָב פאַרגעסן ווי איר רופט דאָס.

— „דער ליבעס־פּלאַטער!" — כאַפּט אונטער אייזנער.

און פרידע ענדיגט אָזש מיט א זיפץ:

— אַך, ווי שיין!...

אייזנער׳ן געפעלט איר מיינונג און ער שטראַלט אויף.

— דערווייל איז דאָס ביי מיר ניט מער ווי לייכטע צייכענונגען — גיט ער איר צו פאַרשטיין — אמת׳ע בילדער, פון קינסטלערישן זין, וועלן זיי ערשט זיין, ווען איך וועל זיי אריבערטראָגן אין פאַרבן, אין קאָלירן...

צוקומענדיג צום הויז, גייט ער מיט פרידען אריין אין האָל און זאָגט באַלד:

— איך וועל פאַרשרייבן אייער אַדרעס, פרידעלע.

— מיט פאַרגעניגן! — כאַפּט פרידע אונטער א גליקלעכע. — און מיר וועט זיין זייער אנגענעם, אז איר וועט אמאָל ארויפקומען צו אונז...

— אודאי, אודאי. — פאַרזיכערט אייזנער, פאַרצייכענענדיג דעם אַדרעס. — איך וועל צו אייך זיכער קומען...

פרידע באַדויערט זייער, וואָס אייזנער האָט זי באַגלייט אַזאַ מהלך, וואָס ער דאַרף ערשט איצט מאַכן דעם זעלבן פּאַר אויף צו־ריק, און זי ענדיגט נאָך ערנסטער:

— דאָס איז ווירקלעך אַביסל צופיל געטאָן פאַר מיר...

אויף דעם ענטפערט שוין אייזנער מיט א קאָמפּלימענט:

— ווער הייסט אייך זיין אַ שיין מיידל?

עס גלוסט זיך אים נאָך גאָרניט אַוועקגיין. ער שטייט איצט גאָר נאָענט לעבן איר, און וואָס מער ער קוקט זיך צו, אַלץ מער זעט ער וואָס פאַר א „סימפּאַטישנע" זי איז; וואָס פאַר א רייצנדע!

ער וואָלט איר גאָר געוואָלט א קוש טאָן.

ער נעמט גלעטן איר האַנט, איר פּנים. זאָגט ווידער, אז זי איז א שיינע, און ענדיגט, צוביגנדיג זיך צו איר, אז איידער ער גייט אוועק, מוז ער איר א קוש טאָן.

עס גיט זיך אים אָבער ניט איין אזוי גרינג. פרידע באַליידיגט

אים חלילה ניט, נאָר ביים ערשטן באַגעגענען זיך מיט אַ יונגנמאַן, צו לאָזן זיך פון אים קושן, דערלאָזט עפּעס ניט איר מיידלשער שטאָלץ. זי ווערט זיך, זי ווענדט זיך פון אים אָפּ.

ביי אייזנער׳ן איז אָבער ניטאָ אזא זאך ווי ניט לאָזן. דערווייל האָט נאָך ביי אים ביז איצט ניט געטראָפן, ער זאָל אָפּפירן אַ מיידל אהיים, — אפילו צום ערשטן מאָל, — ער זאָל ניט אויספירן איר אַ קוש צו טאָן. און פון באַליידיגן דורך דעם אַ פרוי, זי זאָל דערנאָך זיין אויף אים ברוגז, ווייס ער אויך ניט. ביי אים האָט נאָך אזא ברוגז ניט געטראָפן. די דערפארונג האָט אים באַוויזן, אַז וואָס דרייסטער און צודרינגלעכער ער איז אין אזא פאַל, אַלץ גרעסער איז דער דערפאָלג.

אזוי איז אויך געווען מיט פרידען. ער האָט אזוי לאַנג גע־ברויזט און גערייצט זי מיט זיין פאַרלאַנג, ביז זי האָט זיך כמעט מיט איר אייגענעם ווילן אליין איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס און זיך געלאָזט פון אים קושן.

אָט דער קוש האָט אין יענעם אָוונט פאַרקניפּט און פאַרבונדן פרידעס ליבע צו אייזנער׳ן.

* * *

פון אייזנער׳ן וואָלט מען דאָן אַלצדינג געקענט דערוואַרטן, נאָר ניט ער זאָל חתונה האָבן. ער האָט פון חתונה האָבן גאָרניט געטראַכט און ניט געוואָלט טראַכטן. עס האָט אים גאָר געצויגן צו פאָרן קיין פּאַריז. ער האָט שטאַרק געגלויבט אין זיין טאַלאַנט און איז געווען זיכער, ווען ער לעבט אין פּאַריז, וואָלט ער שוין איצט אין קונסט ווייט אוועק... דאָרט וואָלט ער געוואַקסן, מען וואָלט אים אָנערקענט. עס איז פאַר אים געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז מיט דעם וואָס ער רייסט זיך ניט ארויס פון דער טרוקענער אמעריקאַנער אַטמאָספערע, שאַדט ער זיין טאַלאַנט... עס איז אים דאָ פּשוט ענג. ער ווערט פאַרגליווערט, ער ווערט דערשטיקט.

אַך, פּאַריז, פּאַריז!

ווען ער קען זיין כאָטש איין יאָר אין פּאַריז ,איז ער אַ גערא־טעוועטער מענטש.

אָבער מיט וואָס זאָל ער פאָרן קיין פאריז? ער האָט דען געלט?

אז ס'איז געקומען צו געלט האָבן ביי אים געמוזט צערונען ווע־רען אלע זיינע פאנטאזיעס. פון זיינע „גרויסע" פארדינסטן האָט ער געוויס ניט געהאט אויף וואָס צו האָפן. אפילו דאָס צרה'דיגע „קאָלעקטינג" דזשאָבל, וואָס ער האָט געהאט, האָט זיך ביי אים אויך געהאלטן ווי אויף שפינוועבס.

אייזנער האָט דעם דזשאָב שטארק פיינט געהאט. דאָס איז גע־ווען א שטעלע צו קאָלעקטן פון מעמבערס, וועלכע האָבן זיך פאר־פליכטעט בייצושטייערן צו דער אינסטיטוציע א דאָלער א יאָר. אין אָפיס האָבן די דאָזיגע מיטגלידער געהאט א נאָמען: „פאַפּירענע מעמבערס". דאָס הייסט: אין די ביכער זיינען זיי טאקע געווען פארשריבן אָלס מיטגלידער, נאָר אז עס איז געקומען איינצומאָנען דעם דאָלער, איז געווען ווי צאפן וואסער פון א שטיין. העכסטנס וואָס מען האָט פון אזא מיטגליד אמאָל געקענט ארויסרייסן, איז א קוואָדער. אממייסטן האָט מען קיין קוואָדער אויך ניט געגעבן. מען האָט געהייסן קומען מאָרגן, אָן אנדערש מאָל...

אזא קאָלעקטאָר, אז ער האָט ניט געקענט באווייזן ארייצוברענ־גען אין אָפיס כאָטש א פינף אָדער צען דאָלער, א חוץ זיינע שכירות, האָט פאר דער אינסטיטוציע ניט געלוינט. עס האָט זיך ניט גע־לוינט דער גאנצער עסק.

אייזנער האָט אָפטמאָל אפילו זיינע שכירות אויך ניט אריינ־געבראכט. ער האָט ניט געקענט אפילו ווען ער וואָלט געוואָלט, און דאָס, וואָס מען האָט אים פון דער שטעלע ניט אָפּגעזאָגט, איז דאָס געווען נאָר א דאנק דער רעקאָמענדאציע, וואָס ער האָט געהאט פון א „חשוב'ן" מיטגליד. עס האָט געהייסן, אז דאָס איז א יונגער אר־טיסט און מען דארף אים געבן א „געלעגנהייט".

מיט די אלע רעקאָמענדאציעס איז ער אין אָפיס געווען ווי אן אָנגעוואָרפענער. מען האָט אים געהאלטן פאר א צרה'דיגן קאָלעק־טאָר, און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אריינגעבראכט זיינע קאָלעק־שאָנס, האָט מען אים געגעבן די זעלבע אָנצוהערעניש:

— אז איר ברענגט אריין אזעלכע שוואכע „רעזאָלטס"..

און אייזנער האָט אויף דעם געהאט בלויז איין ענטפער:

— אז מ'גיט ניט... מ'קען דאָך ביי יענעם ניט ארויסנעמען פון קעשענע. איך פּרוביר געגוג.

דערווייל האָט ער יעדע וואָך אָפּגענומען זיינע צען דאָלער און ס'איז ביי אים געווען ווי געפונענע געלט.

פון אזעלכע פאַרדינסטן איז אים אָנגעקומען אמשווערסטן, ווען ער האָט זיך באדארפט קויפן עפּעס אָנצוטאָן, אָדער באצאָלן פאר זיין לאָזשיע. געוואוינט האָט ער ערגעץ אויף דער דריטער סטריט, אין א ביליגער רומקע, און כאָטש די דירה־געלט האָט באטראָפן ניט מער ווי אכט דאָלער א מאָנאט, האָט ער קיינמאָל ניט געהאט אויף דעם קיין אכט סענט.

דעמאָלט האָט ער שוין ניט געקענט זיין קיין אויסקלייבער און געמוזט אָנקומען אפילו צו אזעלכע באקאנטע, וואָס ער איז שוין שולדיג געווען פון פריער.

ביים נעמען די עטלעכע דאָלער איז ער אזוי צעטראָגן, אז ער דערמאָנט זיך ערשט איצט אָן פריערדיגן חוב, און טוט זיך אָ כאַפּ.

— זאָגט נאָר, איך בעט אייך, — איך האָב זיך ערשט איצט דערמאָנט. — אייך קומט דאָך שוין ביי מיר עפּעס געלט?

— איך געדענק שוין ניט — זוכט די באַקאַנטע צו מאכן זיך ניט ווויסנדיג.

אזא זאַך קען אייזנער גאָרניט מוחל זיין. וואָס הייסט זי געדענקט ניט? מילא, אז ער פארגעסט, איז אויף אים נישטאָ וואָס פאריבל צו האָבן — ער ארבעט איצט איבער א פּאָר זייער וויכטיגע זאכן — אָבער זי, די פארערערין?... פאַרקערט, ער איז גאָר העכסט צופרידן, אז מען דערמאָנט אים אזא זאַך. און ער ענדיגט אפילו באַפעלעריש:

— איר הערט, ניט אנדערש, איר זאָלט מיך דערמאָנען. עס קאָן טאקע זיין, אז פּונקט דאַן, ווען איר וועט מיך דערמאָנען, זאָל איך אפשר אויך זיין פארענגט, אָבער דערמאָנען מוזט איר מיך. ניט אנדערש!...

* * *

פרידע האָט געהאַט אַ היים, וואָס האָט אין אַלגעמיין געצויגן אַהין ארײַנצוקומען. טראָץ דעם וואָס זיי זײַנען אינגאנצן צוויי מענטשן, זי מיט איר מוטער, האָט זי אויפגעהאַלטן א וואוינונג פון פיר צימערן מיט דער שענסטער אויסשטאַטונג. פרידען האָט די היים אָפּגעקאָסט אַ שטיק מיט געלד. זי האָט זייער ליב געהאַט א שיינע היים, און צוזאמען מיט די אַלע שיינע זאכן, וואָס די וואוינונג האָט פארמאָגט, איז אַלץ געווען באַשיינט און באַפּוצט מיט איר אייגענעם געשמאַק. און א געשמאַק האָט זי געהאַט גאָר א פיינעם. אַן איידעלן, אַ צארטן. עס איז געווען גענוג זי זאָל בלויז אויפהענגען ערגעץ אַ פאָרהאנגל, אָדער אַוועקלייגן א טישטעכעל, און עס האָט געזונגען.

אַז אייזנער האָט אָנגעהויבן ארויפקומען האָט זיך פרידע געסטאַרעט דאָס הויז זאָל אויסקוקן נאָך שענער. זי האָט ניט גערוט. כמעט יעדן טאָג האָט זי געמוזט ענדערן אָדער צוגעבן עפּעס א נײַ זאַכעלע: דאָ א שלײַפל, דאָרט א בלימל, וואָס אָפטער געביטן די פאָרהאנגען אויף די פענסטער, און זי אַליין האָט אייזנער׳ן אין יענע טעג דערוואַרט מיט דער גאנצער פרייד און אויסגעפּוצטקייט פון א פארליבטער. אַ פרישע, אַ שמעקנדיגע.

אייזנער האָט דאן אפילו ניט געקענט צולאָזן דעם געדאַנק צו וואָס זײַן ארויפקומען צו פרידען וועט פירן. ער האָט ניט געזען מיט וואָס פרידע איז אנדערש פאר אים ווי די אַנדערע באַקאַנטע זײַנע. עס איז ביי אים געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג און ער האָט בכלל ניט געטראַכט און ניט געוואָלט טראַכטן, וואָס שפּעטער וועט זײַן.

דערווײַל איז אים דאָס ארויפקומען אַהער געווען אנגענעם שוין מיט דעם אַליין, וואָס דאָ איז געווען אזא באַקוועמע היים. וואַרים, ליכטיג, גראַם. פון די אַלע באַקאַנטע זײַנע האָט כמעט קיינער ניט געהאַט אזא היים, וואו ער זאָל אַמאָל קענען פארברענגען אַן אָוונט אזוי באַקוועם, ווי דאָ. אַממייסטן האָבן יענע באַקאַנטע געוואוינט אין איינציגע קליינע צימערלעך, און אַז ער איז אַמאָל אין אזא צימערל ארויפגעקומען, איז דאָס בלויז געווען אויף אַ ווײַל.

און מיט זײַן אייגענער וואוינונג האָט ער זיך געוויס ניט גע־

האָט וואָס איבערצוגעמען. דאָס איז געווען א צרה׳דיג צימערל, מיט אַ האַרטן בעטל, אַן ענגס, א קאַלטס און איז אפילו קיין אכט דאָלער אויך ניט ווערט געווען.

עס איז גאָרניט געווען אומזיסט, וואָס אייזנער האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן, ווען פרידע האָט אים אמאָל, אין א שלעכטן ווע־טער, געמאכט א פאָרשלאָג, ער זאָל בעסער איבערנעכטיגן ביי זיי. ער האָט זיך מיט דעם געלעגער גאָר מחיה געווען. ער איז אויפ־געשטאנען אַן אנדער מענטש. אַן אויסגערוטער, אַן אויסגעווארימ־טער.

* * *

איבערהויפּט האָט אייזנער׳ן גענומען ציען אין פרידעס הויז נאָך אַ זאַך, וואָס ער האָט שטארק זשעדנע געווען — די גוטע ווע־טשערעס, וואָס ער האָט דאָרט געגעסן. גוטע עסנס האָט אין פרידעס היים קיינמאָל ניט אויסגעפעלט. אויף דעם האָט שוין געזאָרגט פרידעס מוטער, אַ גוטמוטיגע עלטערע פרוי, וועלכע האָט געהאט איין־איינציגע אויפגאבע, צוצוזען דאָס טעכטערל מיט גוטע מאַכלים. זי האָט פרידען געהאַלטן פאר א קלײנער עסערקע, האָט זי זיך אַלעמאָל געסטאַרעט צוצוגרייטן פאר איר דאָס בעסטע, דאָס געשמאַקסטע; אַ גוט ביסל זופּ, פארשיידענע באַ׳טעמ׳טע צימעס־לעך; היימישע קיכעלעך, באַשאָטן מיט צימערינג און מיט צוקער; לעקעך, שטרודל.

פרידע איז ביי איר מוטער געווען ווי אַן אויג אין קאָפּ. זי האָט אפילו געהאט נאָך קינדער, אָבער פרידע איז ביי איר געווען די געראָטנסטע, די ליבסטע...

איבערהויפּט האָט זי זייער שטאָלצירט וואָס פרידע איז אזא גוטע פארדינערין. יעדעס מאָל ווען זי האָט זיך וועגן דעם צערעדט, האָט זי געמוזט א זאָג טאָן:

— ווער קען זיך דאָס פארגלייכן צו מיין פרידעלען? זי האָט דאָך גאָלדענע הענט... אומזיסט, מיינט איר, צאָלט מען איר אכציג דאָלער א וואָך? — אַכציג דאָלער א וואָך פארדינט זי דאָך...

און געענדיגט האָט זי דוקא מיט א זיפץ:

— גאָט זאָל מיר העלפן איך זאָל שוין דערלעבן אין איר א שטיקעלע נחת...

און איצט, אז צו פרידעלען האָט גענומען ארויפקומען אזא פיינער און שיינער יונגערמאן, איז זי אין זיבעטן הימל פון גליק.

אייזנער איז איר געפעלן שוין מיט דעם אליין וואָס ער האָט זיך געהאלטן אזוי היימיש און גערעדט אזוי גוט אידיש. אזעלכער געפעלט איר טאקע.

אייזנער פלעגט איר אפילו זאָגן גוטן אָוונט אָנשטאָט „גוד איווינינג".

— אַ גוטן אָוונט, א גוט יאָר! — האָט זי אים געענטפערט מיט פרייד.

און דעם גאַסט צוליב האָט זי זיך שוין געסטאַרעט אז די וועטשערע זאָל אין אזא אָוונט ארויסקומען נאָך בעסער. מיט מער גערעכטן, מיט מער טעם. אפילו וויין האָט ביי אזא מאָלצייט אויך נישט געפעלט. היימישער וויין וואָס זי האָט אליין געמאכט.

ביים טיש פארנעמט אייזנער דעם אויבן־אָן ווי עס פאסט פאר אזא גאסט — מיט דעם קלאָרן סאלפעטקעלע ביי דער זייט, מיט דעם בלאנקענדיגן עס־צייג — און ער עסט מיט אפעטיט, מיט הנאה.

אַ דאַנק אייזנער'ס אָנוועזנהייט, עסט איצט פרידע אויך מיט מער אפעטיט ווי אין אַ געוויינלעכן אָוונט.

זי זיצט אָן אויפגעלייגטע, א גליקלעכע, און גיט שטארק אכטונג אז אייזנער אָזל אלץ האָבן צו דער האנט; זי רוקט אים צו, זי דערלאַנגט אים.

זי כאַפּט זיך די ערשטע אָנצוגיסן וויין אין די גלעזלעך, און כאָטש איר אליין פארדרייט זיך דער קאָפּ אז זי טרינקט וויין, קלאפט זי אָן איר גלעזל אין אייזנער'ס און טרינקט אויך.

— לחיים! — רופט אויס אייזנער מיינענדיג מיט דעם היי־מישען לחיים, מער די מוטער ווי פרידען.

— לחיים, טרינקט געזונט! — ענטפערט די מוטער מיט באַ־האלטענעם גליק — מירצה השם אויף שמחות!...

פון דעם גוטן מאַלצייט מיטן ווײַן, צעשפּילט זיך בײַ אײַזנער'ן די פאַרב אין פּנים און ער ווערט נאָך שענער. עס שפּריצט און גלוט פון אים דער גאַנצער רייץ און חן, וואָס פרויען האָבן אין אים אַזוי ליב.

פון זאַטקייט און צופרידנהייט פאַרגעסט ער אפילו אין דער צײַט אַז „גראַד" היינט איז ער אַביסל פאַרענגט און ער וועט היינט מוזן כאַפּן בײַ פרידעלען עטלעכע דאָלער.

דערווײַל זיצט ער אויף דער ווייכער באַקוועמער סאָפע רוי־כערנדיג זײַן ליולקע, בלאָזט שפּילעוודיג אַרויס קלענערע און גרעסערע וואָלקנדלעך רויך אַרום זיך; און איז נאָך מער צופרידן, וואָס ס'איז היינט אַ שלעכטער וועטער און פרידע רעדט אים אײַן ער זאָל היינט בעסער איבערנעכטיגן בײַ זיי.

אין אַזאַ אָוונט זיצט אײַזנער און פרידע ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף דער ווייכער סאָפע, אונטער פיר אויגן און ער האָט איר אַלעמאָל צו דערציילן עפּעס אַ נײַעס פון זײַנע שאַפונגען. ער רעדט שיין, געשליפן, דערמאָנט אָפט נעמען פון גרויסע באַרימטע מאָלער און מישט דערבײַ אַרײַן אַזעלכע ווערטער, ווי: „שוואונג", „אימפּרעסיאָניזם", „פוטוריזם".

פרידע הערט זיך צו מיט געשפּאַנטקייט צו זײַן שיין רעדן און וואָס אומפאַרשטענדלעכער ער רעדט ,אַלץ שטאַרקער וואַקסט אין איר די פאַרערונג צו אים און פלאַמיגער די ליבע.

פרידע האָט זיך שוין דערוואוסט אַזוי פיל זאַכן פון אײַזנער'ס לעבן, אַז אָפט מאָל האָט עס זי גערירט ביז טרערן. זי ווייס שוין, למשל, אַז ער לײַדט שטאַרק פון דעם וואָס ער האָט נישט קיין פאַר־סענדע „אַטמאָספערע" צו אַנטוויקלען זײַן טאַלאַנט; אַז ער איז „מאַטעריעל" אַלע מאָל פאַרענגט נאָר דערפאַר ווײַל ער קאָן זיך ניט צופּאַסן צו די „טרוקענע" פאָדערונגען פון דעם פּראָזאַאישן לעבן — און אַז איינמאָל האָט ער זיך שוין אפילו אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו באַגיין זעלבסטמאָרד...

דעמאָלט קומט שוין אַזוי אויס, אַז כאָטש אײַזנער דערמאָנט אפילו ניט אַ זער איז פאַרענגט, טוט זיך שוין פרידע אַליין אַ כאַפּ:

— הער, אײַזנער, איך בין זיכער אַז איר נויטיגט זיך אין

עטלעכע דאָלער... עס מאכט ניט אויס, פאר מיר דארפט איר זיך ניט שעמען...

גראָד איצט פּאַסט עפּעס אייזנער׳ן דווקא ניט צו נעמען ביי איר קיין געלט. ער מיינט דאָס אפילו ערנסט. ער קאָן ניט פשוט דערפאר, ווייל ער איז איר שוין שולדיג פון פריער... ער וועט זיך באגיין... זאָל זיין...

פרידע לאָזט אים אָבער ניט אָפּ. זי רוקט אים כמעט מיט גוואלד אריין אין האנט א פינפערל אָדער א צענערל און זאָגט מיט הארץ:

— נעמט, נעמט... איר וועט האָבן וועט איר מיר אוועקגעבן...

אייזנער׳ן גייט איצט בלויז אין איין זאך — פרידע זאָל האלטן א חשבון. זי זאָל פארשרייבן...

— איר הערט, פרידעלע, — זאָגט ער אפילו שטרענג — איר מוזט מיר צוזאָגן צו פארשרייבן יעדן סענט וואָס איר גיט מיר. איר הערט, ניט אנדערש ווי פארשרייבן...

דערנאָך זעט אייזנער ווידער וואָס פאר א סימפּאַטיטשנע און ליבנדע פרידעלע איז, און פרידע לאָזט זיך שוין פון אים קושן און האלזן וויפיל זיין הארץ גלוסט. זי איז זיינע...

* * *

מיט א צוויי מאָנאטן שפּעטער איז שוין אפילו ניט נויטיג געווען, אז אייזנער זאָל אָנהאלטן זיין צימער. וועטשערעס האָט ער שוין ביי פרידען געגעסן כמעט יעדן טאָג, און אפילו אז ס׳איז ניט געווען קיין שלעכטער וועטער האָט ער שוין אויך גענעכטיגט דאָרט. דאָס אייגענע צימערל זיינע איז דאָן געוואָרן ביי אים א מין סטודיאָ. א דאנק פרידען האָט זיך איצט געדרייט ביי אים א פרייער דאָלער, האָט ער זיך גיך איינגעשאפט פארשיידענע מאטעריאלן: בערשטלעך, פארבן, אויפגעשפּאַנטע לייוונטן — און זיך פלייסיג גענומען באארבעטן זיינע שאפונגען אין פארבן.

דאָס ערשטע האָט ער זיך גענומען צום „ליבעס־פלאטער".

אין די בייטאָגן זיצט ער אָפּ שטונדן לאנג אין זיין סטודיאָ

מיט דער ליולקע אין מויל און יעדעס מאָל, ווען ער ווארפט אָן עטלעכע פרישע שטריכן, שטעלט ער זיך אויף, רוקט זיך אָפּ א פּאָר טריט פון בילד, קוקט לאַנג מיט פארטראכטן ערנסט אויף די ערשט־געבוירענע שטריכן און איז אַלץ ניט זיכער אז ער האָט שוין געכאפּט דעם ריכטיגן „שוואונג״...

דאָ אין דער סטודיאָ, אז עס קומט אים נאָך אמאָל אויס איבער־צושלאָפן אַ נאַכט, פילט ער זיך שוין א צעבראָכענער מענטש. ער איז מיד, נערוועז און ווייס נישט צו וועלכן טייוול ער מוז נאָך היינט גיין קאָלעקטן.

אויף א צוויי שעה מוז ער זיך אָבער דאָך ארויסלאָזן. נעכטן האָט ער אינגאנצן ניט קאָלעקטעט. ער מוז ניט גיין אַלע טאָג. ער האָט פיינט דאָס קאָלעקטן, ווי חזיר, און מען גיט סיי־ווי־סיי ניט.

נאָך אזא טאָג פילט ער זיך שוין אפילו אין אָוונט נאָך דעם גוטן סאפּער אויך ניט ווי אמבעסטן.

איבערהויפּט לאָזט אים ניט אָפּ דאָס קאָלעקטן.

ער זיצט אויף דער ווייכער סאָפע מיט דער ליולקע אין מויל, א מידער, א פארמאטערטער און באקלאָגט זיך מיט אמאָל פאר פרידען גלאט אין דער וועלט אריין:

— אַ פּאַסקודנער דזשאב דאָס קאָלעקטן! — דעם גאנצן טאָג גיי איך זיך אָפּ די הענט און פיס און ס'איז ארויסגעוואָרפענע ארבעט.

פרידע ווייס שוין וואָס פאר א דזשאב דאָס איז, וויפיל ער פארדינט; און יעדעס מאָל ווען אייזנער צערעדט זיך וועגן דעם, טוט איר וויי דאָס הארץ. זי ליידט אפילו פון דעם וואָס אזא מענטש ווי אייזנער דארף זיך פארנעמען מיט אזא ארבעט — און פאר צען דאָ־לער אַ וואָך...

פאר פרידען וואָלט רעכט געווען אז אייזנער זאָל אינגאנצן אויפגעבן דעם דזשאב. זי וואָלט אים מיט פארגעניגן געגעבן די צען דאָלער א וואך און ער זאָל בעסער די צייט האָבן פאר זיך. זאָל ער בעסער זיצן און מאָלן...

זי האָט דאָס שוין אים עטלעכע מאָל געזאָגט און זאָגט עס אים איצט ווידער. זי בעט אים:

ש ר י פ ט ן

— פאָלגט מיך, אייזנער, און גיט אויף דעם דזשאב. איר וועט זען אז עס וועט אייך ניט פארדריסן.

* * *

עס איז געווען מאָדנע, וואָס גראָד איצט האָט אייזנער דעם דזשאב דוקא געוואָלט אָנהאַלטן. אזוי ווייט גיין, אז פרידע זאָל ווערן די גאַנצע אויסהאַלטערין זיינע האָט ער זיך איינפאך געשעמט. ער איז שוין אויך אזוי אויך ניט געווען רואיג. ביסלאכווייז האָט ער דאָך געמוזט דערזען און פארשטיין צוואָס זיין נאָענטקייט מיט פרידען פירט. ווי קען זיין אַנדערש פאר אזא מיידל ווי פרידע, ווי ניט חתונה האָבן מיט אים? פארוואָס גיט מען אים דאָרט עסן און טרינקען — און געלט? ער זעט דאָך...

שטארק פארליבט אין פרידען איז ער ניט געווען. ער האָט זי אָבער ניט פיינט געהאט. ווען פרידע וואָלט אים באדארפט צוהאלטן בלויז מיט זיין ליבע צו איר, וואָלט ער זיך שוין פון איר לאנג באַפרייט. ער האָט שוין געהאט שטארקערע און שטורעמדיגערע ליבעס פון דער.

פאר חתונה האָבן האָט ער זיך אָבער אלעמאָל געשראָקן. אין דעם האָט ער גאָר געזען פאר זיך אן אומגליק. זיין גאנצע קאריערע, צו וועלכער ער שטרעבט, וואָלט דאן ניט געווען קיין צוויי סענט. וואָס וואָלט געוואָרן מיט זיין פאָרן קיין פאריז? אזא מיידל ווי פרידע, וואָלט אים געלאָזט פאָרן קיין פאריז?... אזא מענטש, ווי ער, טאָר אפילו ניט טראכטן פון אזא שריט; ער מוז זיין פולשטענדיג פריי — פריי ווי א פויגל!

דאָס איז אָבער געווען ניט מער ווי פוסטע געדאנקען און פאַנטאַזיעס, וואָס האָבן זיך אלעמאָל געפלאָנטערט ביי אים אין קאָפּ און צו גאָרנישט געפירט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט נעמען אליין אין די הענט אריין, וואָס זאָל אים פירן צו עפּעס זיכערעס און באַשטימטעס. דאָס רעדל האָט זיך ביי אים אלעמאָל געדרייט פארקערט.

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט פרידען. וואָס מער ער האָט

געזען, אז ער לייגט זיך אליין א שטיין אין וועג, און מוז זיך פון פרידען באפרייען, אלץ מער האָט ער זיך פארפלאָנטערט.

אזוי ווייט איז אים דאן ניט געגאנגען, אז אפילו דאָס צרה׳דיגע דזשאבל, וואָס ער האָט איצט געוואָלט אָנהאלטן ניט מער ווי פון יוצא וועגן, האָט זיך אים אויך ניט איינגעגעבן.

עס איז אפילו ניט נויטיג געווען, אז פרידע זאָל אים דארפן צורעדן, ער זאָל דעם דזשאב אויפגעבן. עס האָט גאָרניט לאנג גענומען, האָט מען אים שוין במילא אָפגעזאָגט.

— איך פרעג אייך, — האָט מען אים אין אָפיס געזאָגט די לעצטער ווערטער, — קאָן מען אייך צאָלן צען דאָלער א וואָך, אז איר ברענגט אפילו ניט אריין קיין פינף?...

און אזיינער האָט ווידער געגעבן דעם זעלבן ענטפער:

— אז מען גיט ניט. מען קאָן דאָך ביי יענעם ניט ארויסנעמען פון קעשענע. איך פּרוביר גענוג...

* * *

פאר פרידען האָט עס דוקא געהייסן, אז אייזנער האָט דעם דזשאב אליין אויפגעגעבן. אז ער האָט זי געפאָלגט. און כאָטש ער האָט נאָך דערווייל ניט קיין שום אויסזיכטן אויף עפּעס אנדערש, פארזיכערט ער פרידען, אז ער וועט אינגיכן קריגן א בעסערן דזשאב. ער האָט זיך שוין מיט איינעם גערעדט וועגן דעם. ער פּרובירט... מען זאָגט אים צו...

און פרידע איז פון דעם גאָר צופרידן. איבערהויפּט וואָס ער האָט זי געפאָלגט...

— עס וועט זיין אָלרייט, לעאָן — טרייסט זי אים מיט הארץ.

— עס דארף אייך גאָרניט פארדריסן, וואָס איר האָט דעם דזשאב אויפגעגעבן. איר האָט דאָס שוין לאנג באדארפט טאָן...

דערנאָך האָט שוין אזוי געמוזט אויסקומען, אז פרידע האָט ניט געזען נאָך וואָס אייזנער דארף איצט אָנהאלטן זיין אייגן צימערל און צאָלן אכט דאָלער אַ מאָנאַט. זי האָט ניט געזען פארוואָס ער קען ניט האָבן אַ צימער טאָקע דאָ ביי זיי אין הויז, אין וועלכער

ער שלאָפט אַמאָל. דער צימער איז ביי זיי סיי־ווי־סיי כמעט אָן איבעריגער. העכסטנס וואָס זי, פרידע, דאַרף איצט טאָן, איז בלויז אַריינשטעלן נאָך אַ בעט אין דער מוטערס צימער און ס׳וועט זיי אפילו אויף אַ האָר ניט ווערן ענג.

און זי ענדיגט מיט אַ פראַגע:

— וואָס זאָגט איר, לעאָן, איז דאָס ניט אַ גלייכע זאַך?...

אייזנער׳ן איז עפּעס איצט געוואָרן בעסער, עס זאָל הייסן ביי פרידען, אַז ער נעמט דעם צימער בלויז אויף דערווייל. עס קען זיין, אַז ער וועט קריגן דעם דזשאָב וועט ער מוזן האָבן אַ צימער אין ניו־יאָרק. פאַראַן אַ סך אורזאַכן פאַרוואָס ער מוז וואוינען אין ניו־יאָרק...

ער האָט זיך עפּעס אַליין ניט געוואוסט מיט וואָס אַרויסצור־פּלאָנטערן פאַרוואָס ער קען דאָ ניט וואוינען שטענדיג. דער עיקר וואָס ער האָט געוואָלט און וואָס האָט אים אין דער מינוט שטאַרק געדריקט, איז געווען, אַז פרידע זאָל וויסן אַז ער מוז אַלעמאָל זיין אַ פרייער מענטש. ער מוז...

ער האָט אָבער ניט געוואוסט ווי אַזוי ער קען איר אַזאַ זאַך געבן צו פאַרשטיין... און אַנשטאָט דעם, האָט ער כאָטש געוואָלט זי זאָל אים צוזאָגן, אַז ווי נאָר ער וועט האָבן געלט, זאָל זי ביי אים פאַר דעם צימער נעמען באַצאָלט.

— איר הערט, פרידעלע? — קוקט ער איר גלייך אין די אויגן אַריין — איר זאָלט דאָס אינזינען האָבן. ניט אַנדערש.

עס איז אים ווידער געוואָרן גוט. דער באַקוועמער ליכטיגער צימער מיט די צוויי פענסטער האָט אים געעפנט די אויגן.

ער האָט באַלד אַריבערגעבראַכט אַהער אַלע זיינע זאַכן: די פאַרבן, בערשטלעך, די אויפגעשפּאַנטע לייוונטן.

פרידע העלפט אים אַלץ ברענגען אין אָרדענונג. זי ראָמט; זי שטעלט צונויף. אויף די ווענט הענגט זי אויף אייניגע פון אייזנער׳ס צייכענונגען, בילדער, און שענער פון אַלץ שיינט פאַר איר אַרויס פון סאַמע אויבן־אָן, דער פאַרטיגער „ליבעס־פּלאַטער", עס בלענדט מיט פאַרבן, מיט קאָלירן...

— מאַמע! — האָט פרידע געמוזט אַ רוף טאָן די מוטער. —

קום אריין, ווערסטו עפּעס זען.

די איינפאַכע היימישע מאַמע קומט צו, זשמורעט מיט די קורצזיכטיגע אויגן אויף דעם „מאָדנע" בילד און זי ווייס אליין ניט... עפּעס נאַקעטע... נאָר וואָס ווייס זי?... מסתמא זיינען דאָך פאַראַן אַזעלכע וואָס געפעלט און מען באַצאָלט דערפאַר געלט...

און זי זאָגט דוקא א צופרידענע:

— זייער שיין, זייער שיין..

* * *

פאַר אייזנער׳ן האָט זיך אָנגעהויבן גאָר א גרינג לעבן. ער האָט אפילו ניט באַדאַרפט אינזינען האָבן צו קויפן פאַר זיך אליין א קראַוואַט. פרידע האָט אים דערמיט אויך באַזאָרגט.

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט טעאַטער, צי אַמאָל אין דער אָפּערע. פרידע האָט אים געגעבן געלט און ער האָט געקויפט די בילעטן.

אין דער זעלבער צייט האָט נאָך אלץ געהייסן, אַז דאָס וואָס אייזנער פאָרט יעדן טאָג קיין ניו־יאָרק, איז דאָס נאָר צוליב דעם וואָס ער זוכט א באַשעפטיגונג. ער זוכט און וועט זיכער געפינען. מען האָט אים צוגעזאָגט. ער דאַרף בלויז האָבן געדולד...

דערווייל איז אים דאָס פאָרן אין ניו־יאָרק אינטערעסאַנט פאַר זיך אליין. ער האָט ליב דאָס אַרויסכאַפּן זיך פון דער היים און דאָס אַריינכאַפּן זיך אביסל אין זיין אַלטער מלוכה.

מיט די אַלע זאַטקייטן און גוטקייטן איז אים אין דער נייער היים דאָך ענג. עס שלעפּט אים. עס דאַכט זיך אים אַלץ אַז ער מוז גיין, ער מוז לויפן.

איבערהויפּט איז אים גוט ווען ער קען אַמאָל פאַרבלייבן אין ניו־יאָרק דעם גאַנצן אָוונט. ער לויפט אַרום מיט דעם פּאָרטפעל אונטערן אָרעם פון איין קאַפע אין דער צווייטער, אויף סעקאָנד עוועניו, אין גרינוויטש ווילעדזש. ער האָט א מינוט קיין צייט ניט. ער וויל אַריינכאַפּן וואָס מער, עס איז אים פּשוט א שאָד די צייט, ער וויל זיך זען מיט דעם, מיט יענעם...

אמאָל טרעפט ער זיך מיט אן „אינטערעסאנטער" פארערערין. ער גייט מיט איר אויף א שפּאציר. ער אמוזירט זיך. עס איז אים גוט פון דער פרייער מינוט...

אין דער זעלבער צייט ליגט אים פרידע אין זין. ער דער־מאָנט זיך אז ער האָט ניט אָנגעזאָגט אין הויז אז ער וועט היינט ניט קומען אויף וועטשערע, און ער לויפט צום טעלעפאָן. ער מוז אָפּרופן. עס לאָזט אים ניט רוען.

אויפן טעלעפאָן רעדט ער מיט פרידען. ער זאָגט איר עפּעס א תוריץ פארוואָס ער קען ניט קומען, זאָגט „גוד באַי, פרידעלע", און באלד פארדריסט אים דער ליגן, דער פאלשער תירוץ... ער מוז ניט אָפּרופן, אז ער קומט ניט אויף וועטשערע. ער איז ביי קיינעם ניט פארקויפט. ער קען גיין ווען ער וויל און וואו ער וויל...

ער גייט אָבער ניט. ער איילט זיך אפילו, ער זאָל ניט אהיימ־קומען צושפּעט. ער יאָגט, ער פליט...

* * *

אמאָל קען ער אין אזא אָוונט ניט אהיימקומען אפילו ווען ער וויל.

דאָס טרעפט דאַן, ווען ער כאפּט זיך אריין אין דער קאפע אין גרינוויטש ווילעדזש און באגעגנט זיך דאָרט מיט זיינער א פרעירדיגער באַקאַנטע.

די דאָזיגע באקאנטע האָט אויך ליב די „קינסטלערישע אטמאָס־פערע"... זי טראָגט זיך אויך ארום מיט אמביציעס — זי זינגט — און א סך מבינים האָבן איר שוין געזאָגט, אז זי טאָר איר שטימע ניט פארנאכלעסיגן. זי מוז זי קולטיווירן...

— ווי קען איך לעבן מיט א מאן, וועלכער פארשטייט מיך ניט?... דערפאר ווייל ער האָט געלט? איך דארף ניט זיין געלט... און פארליבט בין איך אין אים אויך ניט...

און קיינער מוז ניט וויסן, אז די געוועזענע מיסעס גרין, וועל־כע הייסט איצט „מיס בענדער", ארבעט ערגעץ אויף פינפטע עווע־

ניו אין א מילינערי סטאָר; נעמט א פּאָר מאָל אין וואָך לעקציעס אין זינגען און האָט ניט ווער עס זאָל איר זאָגן דעות...

איידער אייזנער האָט זיך באַקאַנט מיט פרידען, האָט ער מיט דער דאָזיגער באקאנטער דורכגעלעבט א גאַנץ שטורעמדיגן ראָמאַן. ער האָט אפילו געליטן צוליב איר. יענע הייסע ליבע איז שוין ביי איר לאַנג אויסגעלאָשן.

פונדעסטוועגן הייסט זי נאָך איצט אויך ביי אייזנער׳ן מיט דעם פארצויגענעם נאָמען „ליליטשקע״, און ער ביי איר „לעאָנטשיק״ און אז זיי באגעגענען זיך, רעדן זיי אויף „דו״.

ליליטשקען גיט זיך באלד א צאַפּל אין הארצן, אז זי דערזעט אייזנער׳ן.

— העלאָ, לעאָן! — דערזעט זי אים כמעט מיט א פארכאפּטן אָטעם — וואָס מאכסטו, וואָס טוסטו? פאַרוואָס זעט מען דיך אזוי זעלטן?...

זי פרעגט אים א סך פראגן מיטאמאָל, און האלט די האנט זיי־נע א לאַנגע צייט אין איר שטייף הענטל, ביז אייזנער מוז זיך לעבן איר אוועקזעצן.

אויף דער מינוט דאַכט זיך אייזנער׳ן, אז גראָד היינט וואָלט ער זיך מיט דער דאָזיגער באַקאַנטער ניט געוואָלט טרעפן. ער האָט גאָר קיין צייט ניט. ער איילט זיך. ער איז בלויז אריינגעקומען אהער אויף א מינוט צו טרעפן א באקאנטן און מוז שוין אנט־לויפן... ער דאַרף פאָרן אהיים...

און ער זאָגט אפילו א זיכערער:

— ווענסט מיר היינט מוזן אנטשולדיגן, לילי. איך מוז שוין אָנטלויפן...

לילי איז נאָך אָבער אזוי שיין און רייצנד, אז טראָץ דעם וואָס ער איז שוין פון איר אזוי לאַנג דערווייטערט, ציט זי אים דוקא ווי מאגנעט.

עס געפעלט אים נאָך אַלץ איר שלאנקע בויגיגע פיגור, איר קליידן זיך, דאָס געבלימטע זיידענע שאַלעכל, וואָס ליגט מיט אזא חנ׳עוודיקייט פארוואָרפן ארום איר דינעם האלז; איר רעדן, איר לאַכן...

זי לאדט אים איין צו גיין מיט איר. די איינלאדונג איז אים זייער אנגענעם. פארוואס ניט?... זי מוז נאך אבער פריער ארויפ־גיין אויף א צען מינוט צו זיך אין צימער. זי האט ניט געוואוסט אז עס וועט מיטאמאל ווערן אזוי קאלט. זי מוז איבערבייטן איר מאנטל.

— א־יא, ס'איז קאלט, לעאן?...

— קאלט אביסל.

לילי זאגט אייזנער'ן, אויב ער וויל קען ער איצט אויך מיט איר מיטגיין, אז ניט, קען ער דא אונטערווארטן אויף איר — ווי ער וויל.

און זי ענדיגט:

— וואס זאגסטו?

— אייזנער'ן איז אלץ איינס.

— קום, קום — גיט זי אים צו חשק — וואס וועסטו דא זיצן אליין. מיר וועלן נאך אפילו צייט האבן צו טרינקען א גלאז טיי ביי מיר אין צימער. און ויין — האסט דאך געוואלט וויין...

לילי'ן ווערט ערשט איצט פריילעך אויפן הארצן. אויף אזא אופן האט זי זיך היינט גארנישט געריכט, — אייזנער, טעאטער, איבערהויפט אייזנער, לעאנטשיק...

גייענדיג האלט זי זיין ארעם, דערציילט אים עפעס א טשיקא־ווע זאך, לאכט, טוליעט זיך צו אים שטיפעריש, ווי גאר אין די גוטע צייטן. און צוקומענדיג צום הויז, טוט זי א זאג מיט דער זעלבער פריילעכקייט:

— אט דא וואוין איך דאך. געדענקסט נאך וואו איך וואוין?...

און איידער אייזנער האט צייט אויסצורעדן א ווארט, טראגט זיך שוין לילי לייכט און פלינק אויף די שטיגן, און אייזנער נאך איר.

אין לילי'ס צימער דערפילט זיך אייזנער ווי ער וואלט דא ערשט נעכטן געווען. אלץ וואכט אין אים אויף. דער זעלבער צימער, מיט דער זויבערקייט וואס אים איז דא אלעמאל אזוי געפעלן, די זעלבע שייניקע זאכעלעך, באפוצונגען. אויבן־אן אויף א שטול ליגט נאך דאס זעלבע רויט־סאמעטענע קישעלע מיט די גרינע אויסגע־העפטענע בלעטער; לעבן בעט שטייט נאך דאס ראזע לעמפל מיט

דעם יאַפּאַנעזישן אַבאַזשורל; אויפן וואנט הענגט נאָך זיינע א ציי־כענונג וואָס ער האָט איר אמאָל געגעבן.

און לילי איז איצט אזוי גליקלעך, אז זי געדענקט אפילו ניט צוליב וואָס זי איז איצט ארויפגעקומען.

אייזנער שטייט איצט פאַר איר ווי א ליכטיגער שטראַל... דער זעלבער אייזנער, וועלכן זי האָט נאָך אזוי ליב... לעאָן... איר לעאָן...

— פאַרוואָס זעט מען דיך אזוי זעלטן? — רעדט זי מיט הארץ — פארוואָס קומסטו ניט צו מיר אָפטער?.. קיינער האָט דיך אזוי ניט ליב ווי איך. דו ווייסט דאָס אליין אויך. דו ווייסט!...

זי בריט אים אָלץ מער מיט איר ליבע און שטאַמלט נאָך טיפער:

— מען דארף היינט ניט גיין אין ערגעץ... ווּעסט זיין דאָ מיט מיר... ביסט מיינער! ווּעסט אלעמאָל זיין מיינער!...

* * *

נאָך אזא אָוונט ליגט אייזנער אויף מאָרגן ביז 12 אזייגער אויף זיין געלעגער און קיין ניו־יאָרק פאָרט ער שוין דעם טאָג איבּ־גאַנצען ניט.

ער טשוכעט זיך ערשט אויס אין אָוונט, ווען פרידע קומט אהיים און מען זיצט צוזאמען ביים טיש.

פרידע פרעגט אים אפילו ניט, וואו ער איז נעכטן געווען, פאַר־וואָס ער איז ערשט אהיים געקומען אין דער פרי... זי פרעגט אים קיינמאָל ניט אזעלכע זאכן. אין הארצן טוט דאָס איר אָבער וויי. עס פארדריסט זי... וואו איז ער געווען אַ גאַנצע נאַכט?...

זי האַלט אָבער דעם פארדרוס אין זיך. זי שווייגט.

אייזנער'ן געפעלט איצט אין פרידען גראַד דער שטריך, וואָס זי שווייגט, וואָס זי „באַדערט" אים ניט מיט קיין פראַגן. ער זעט ניט מיט וואָס ער איז צוגעבונדן צו איר. פאַרקערט, דאָס איבער־צייגט אים, ווען עס האָלט דערביי ער זאָל אינגאַנצן אַוועקגיין פון איר, וואָלט דאָס אים אָנגעקומען א סך גרינגער ווי ער שטעלט זיך פאָר.

אין יענער צייט האָט זיך אייזנער דוקא גענומען אין די הענט

אריין און זיך דוקא געוואָלט איינרעדן, אַז ער האָט פרידען יאָ ליב. ער האָט גענומען מיט איר מער גיין, מער פאַרברענגען און דאָס אויסבלייבן אין די אָוונטן איז געוואָרן ביי אים זעלטענער. ער האָט פאַרבראַכט מיט פרידען, ער איז געזעסן מיט זיינע מאַלערייען.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט זיך נאָך אין אייזנער׳ס קאָפּ אַלץ געבאָמבלט לילי׳ס חנ׳עוודיגע שלייפעלעך און בלימעלעך, מיט וועלכע זי איז יענעם אָוונט געווען צוגעפּוצט. און יעדעס מאָל, ווען פרידע האָט באַנייט אַ קלייד, האָט ער געפונען אַ חסרון.

פרידע האָט זיך אַזש דערשראָקן:

— וואָס? וואו איז דער חסרון?

נאָר וואָס און וואו האָט ער אַליין ניט געוואוסט.

און ער האָט בלויז געענטפערט:

— איך ווייס אַליין ניט. עס פעלט עפּעס...

אין יענער צייט האָט דאָס פרידע געהאַט אַזוי פיל פאַרדרוסן מיט אירע קליידער. יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך געמאַכט אַ קלייד, האָט זי דאָס קלייד געמוזט עטלעכע מאָל איבערמאַכן און ביי לעאָנען האָט אַלץ געפעלט דער „עפּעס״...

איר פאַרדרוס איז שוין אָבער געווען פאַרשימשט מיט פרייד. זי האָט שוין דאַן געוואוסט, אַז זי גייט חתונה האָבן מיט אייזנער׳ן און אַז זי האָט זיך שפּעטער געקויפט די „האַנט-געמאָלטע״ בלוזע איז שוין אייזנער געווען אַנטציקט...

פרידע האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז אפילו אָט די בלוזע האָט אויך געהאַט אַ שטיקל שייכות מיט לילי׳ן.

אייזנער האָט איינמאָל ליליטשקען אויך געזען אין אַזאַ סאָרט בלוזע.

דאָס זיינען שוין אָבער געווען ביי אים ניט מער ווי קליינע איבערגעבליבענע פונקעלעך, וועלכע האָבן זיך בלויז אָנגעצונדן אויף דער מינוט און באַלד ווידער אויסגעלאָשן.

עס קאָן זיין, ווען ער טרעפט זיך מיט איר וואָלט אפשר געווען אַנדערש. ער האָט זיך אָבער מיט איר מער ניט געטראָפן און ניט געוואָלט טרעפן.

ער איז אין יענער קאַפע אינגאנצן מער ניט געקומען. ער האָט ניט געוואָלט קומען. ער האָט איצט געהאט אנדערע און וויכטיגערע אינטערעסן.

ער האָט שוין דאן געהאט איבערגערעדט מיט פרידען פון א סך פּלענער און ס׳איז געבליבן, ער זאָל עפענען א סטודיאָ. און אפשר וועט ער נאָך גאָר פאָרן קיין פאריז... ער האָט פון דעם אויך איבערגערעדט מיט פרידען און עס קאָן זיין עס וועט בלייבן אז ער פאָרט קיין פאריז... ער ווייסט נאָך ניט, ער וועט זען...

דערווייל האָט ער חתונה געהאט מיט „פרידעלען" און פאָרט מיט איר אוועק אויף א פּאָר וואָכן אין אטלאַנטיק סיטי.

:: :: ::

געפאָרן איז מען אָבער אין די בערג. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין די בערג, איז טאקע געווען ווי אייזנער האָט זיך פאָרגעשטעלט: א שיינער פּלאץ, א שיינער טייך און פריילעך — אזוי פריילעך!...

נאָך איידער זיי זיינען ארויף אין צימער, האָט זיך אייזנער שוין געטראָפן מיט אַ פּאָר באקאנטע און ווען ער האָט פרידען פאָרגעשטעלט פאר זיי ווי א פריינדין — האָט זי זיך צעלאכט... זי האָט אָבער אויסגעהאלטן איר ראָלע און זיך אייבצייטיג געפילט שטאָלץ וואָס אייזנער טרעפט איבעראַל מענטשן, וועלכע קענען אים.

עס איז שוין געווען פארנאכט, און ווען זיי זיינען ארונטערגעקומען פון זייער צימער אויף דער וועראַנדע איז געווען נאָך אינטערעסאנטער.

ווידער באקאנטע, ווידער פריילעכקייט; מען לאכט, מען שטיפט, און אַלץ ארום איז דאָ איצט אזוי שיין, אזוי וואונדער שיין...

פונקט אנטקעגן ליגט אויסגעגאָסן דער טייך, א גרויסער, אַ

ברייטער; עס פארגייט די זון, אזא רויטע, אזא פלאמפייערדיגע.

דער עולם קומט זיך אלץ מער צוזאמען אויף דער וועראַנדע צוזאמען פארטיג צום סאפער און אלע באוואונדערן דעם פראכט־פולען זון־אונטערגאנג.

אייזנער איז גאָר אַנטציקט.

ער זיצט איצט לעבן פרידען ווי אין א חלום. ער לאָזט אויף א מינוט ניט אראָפּ די אויגן פון דעם רייכן פארבן־שפיל, פון זון און פון וואסער און עס כאפט אים אָן א שטארקער חשק צו נעמען זיך דאָ מאָלן א לאנדשאפט...

:: :: ::

אזוי שטארק און זיכער האָט זיך איצט אייזנער געפילט מיט פרידען, אז עס האָט אים אפילו ניט געארט ווען ער האָט דאָ אויף דעם זעלבן זומער־פלאץ אויך דערזען לילי׳ן.

ער האָט זי דערזען און דערקענט פון ווייטן...

ער האָט דאן אליין ניט געוואוסט, אז נאָר דערפאר האָט ער זיך שוין אביסל צו שטארק גענומען וויגן אויפן וויג־שטול, אויף וועלכן ער איז געזעסן.

ער האָט פונדעסטוועגן א טראכט געטאָן, אפשר טאקע באַ־דארפט בעסער פאָרן קיין אטלאנטיק סיטי...

עס איז אָבער איצט ניט געווען וואָס צו טראכטן וועגן דעם. ער האָט שוין לילי׳ן א צייט ניט געזען און די גאנצע געשיכטע איז שוין ביי אים ווידער געווען אן איבערגעבערענטע, א פארגעסענע.

ער האָט בלויז געטראכט: ווען ער ווייסט, אז ער וועט זי דאָ טרעפן, וואָלט ער זיכער ניט געקומען. ער האָט דאָס אָבער ניט געוואוסט. ער האָט בלויז געוואוסט, אז זי פאָרט אהער אלע יאָר, און עס וואָלט אים אפילו ניט איינגעפאלן צו טרעפן זי דאָ פונקט איצט... זי פאָרט גאָר, דאכט זיך, אלעמאָל ערשט ארויס סוף זומער...

עס האָט אים אזש פארדראָסן וואָס ער האָט זיך פונקט איצט בשום אופן ניט געקאָנט דערמאָנען, אז דאן, ווען ער איז געקומען

אהער אויף די פּאָר טעג צו איר — צי איז דאָס געווען אין יולי אָדער אין אויגוסט?...

נאָר וואָס איז דער אונטערשייד?... עס איז אים אַלץ איינס.

— איצט האָט ער ליב פרידען...

:: :: ::

פרידען האָט שוין דאָס דאָזיגע ווייבעלע ניט געלאָזט רוען.

— ווער איז זי? — האָט זי ביים טיש באַלד א פרעג געטאָן אייזנער׳ן, — עפּעס אזא פריילעכע...

— דאָס איז מיינע א באַקאַנטע, — האָט ער געענטפערט גלייכגילטיג, — איך קען זיך שוין מיט איר פון יאָרן...

פרידען האָט זיך איצט געוואָלט וויסן א סאַך זאַכן פון אָט דער ווייבעלע... עס האָט זי עפּעס „געבאַדערט"...

זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט צו זען, אז א פרוי זאָל מיט לעאָנען אזוי פאַמיליאַר זיך אַרומכאַפּן...

זי האָט אָבער קיין סך ניט געדאַרפט פרעגן.

עס האָט גאָרניט לאַנג גענומען, איז שוין לילִיטשקע געווען לעבן זייער טיש, האָט זיך ווי ס׳איז אריינגערוקט מיט א שטול הארט לעבן אייזנער׳ן און נאָך אַלץ ניט געקענט צו זיך קומען פון זיין קומען אהער.

פרידע קוקט דאָס צו און כאַפּט אַלץ מער מיט די אויגן און מיטן האַרץ, און איר דאַכט זיך אז די דאָזיגע באַקאַנטע מיט דעם שיינעם פּנימ׳ל, איז שוין צו לעאָנען עפּעס מער, ווי בלויז א באַ־קאַנטע...

פרידע וויל ניט זיצן מיט אן אומעטיגן פּנים, און זי טוט זיך אָן א כוח צו זיין אויפגעלייגט. זי ווערט אפילו פריילעך. זי האַלט מיט; זי לאַכט אויך פון א וויץ...

:: :: ::

נאָכן סאָפּער זיצט פרידע אויף דער וועראַנדע א מידע, א צע־

רודערטע און וואָלט זיך מחיה געווען, ווען זי קען איצט ארויפגיין אין צימער זיך אויסרוען.

ארויפגיין קען זי אָבער ניט. אין טאנץ־זאַל שפּילט מוזיק; מען טאנצט, און „יענע” טאנצט אויך...

פרידען דאכט זיך, אז מיט דעם, וואָס זי וועט דאָ זיצן, וועט זי קענען פארהיטן, אז לעאָן זאָל ניט טאנצן מיט „יענער”. זי וואָלט ניט געוואָלט ער זאָל מיט איר טאנצן... זי זעט שוין...

ביי אייזנער'ן אין קאָפּ איז שוין איצט סיי ווי סיי א שטיקל טומל. ער באַרעכנט זיך ערשט איצט, אז ער האָט געמאכט א טעות, וואָס ער איז געקומען אהער. ער געפינט אפילו א חסרון אויפן פלאַץ. עס דוכט זיך אים, אז דאָן, ווען ער איז דאָ געווען, ווען ער איז אהער געקומען אויף די פּאָר טעג, איז עפּעס געווען אנדערש, שטילער, רואיגער...

און ער זאָגט אָן טעם:

— ווייסט, פרידעלע, איך מיין, אז מיר האָבן מיט דעם פּלאַץ געמאכט א טעות... ס'איז דאָ עפּעס אזא טומל...

פאר פרידען איז דאָ אודאי צו טומלדיג און זי זאָגט דוקא מיט א שמייכל:

— מיר טוט שוין טאקע וויי דער קאָפּ פון דעם רעש...

אויף דעם זאָגט שוין אייזנער כמעט א זיכערער:

— אפשר וואָלטן מיר גאָר אוועקגעפאָרן ערגעץ אנדערש?...

פרידען געפעלט דער פאָרשלאָג און עס ווערט איר אביסל גרינגער אויפן הארצן. זי כאַפּט זיך אָבער אין דעם ניט אָן, און גיט אים די ברירה:

— ווי דו ווילסט...

ער זיצט לעבן פרידען און זעט ווי לילי טאנצט... יעדע ווייליע שוועבט זי פארביי אים מיט איר גאנצן רייץ און חן. ער וואָלט געוואָלט מיט איר טאנצן... ער קאָן אפילו ניט פארטראָגן, וואָס זי טאנצט מיט אן אנדערן. עס בריט אים. עס הויבט אים פון אָרט...

:: :: ::

ביי לילי׳ן אין קאָפּ און אין הארצן קלאפּט איצט בלויז איין געפיל: — לעאָנטשיק איז געקומען אַהער מיט אַן אנדערע און ער גיט יענער אוועק איר ליבע...

לילי ווייס, אז אייזנער האָט אלעמאָל געהאט אנדערע. עס האָט נאָך אָבער קיינמאָל ניט געטראָפן זי זאָל זיך טרעפן מיט אים און ער זאָל ארויסווייזן צו איר אזא קאלטקייט... וואָס איז מיט אים געוואָרן? ווער איז זי דאָס אָט די, וועלכע האלט אים לעבן זיך מיט אזא כוח? אפשר א כלה?... אפשר גאָר א ווייב?...

לילי׳ן ווילט זיך איצט גאָרניט טאנצן. זי וואָלט דאָ אינגאנצן ניט געוואָלט זיין. זי ליידט, זי בענקט...

און זי רייצט אים מיט דעם גאנצן שטורעם און פלאקער, וואָס זי פארמאָגט.

לילי ווייס, אז אייזנער זיצט ביים פענסטער און קוקט, און זי טאנצט מיט דעם פרעמדן דוקא וואָס מער. א פריילעכע, א ברויזנדע...

נאָכן טאנץ גייט זי אפילו ניט ארויס אויף דער וועראנדע. זי בלייבט אינעווייניג. מיט יענעם... זי זיצט דוקא לעבן יענעם פענסטער, וואו אייזנער, און פארברענגט מיט א שטיפן, מיט א לאכן. זי לאכט הויך, קלינגענדיג... זי זינגט...

זי טאנצט ווידער און נאָך דעם טאנץ איז זי שוין אזוי פאר־מאטערט, אז זי מוז ארויס אביסל אויף דער וועראנדע.

זי זעצט זיך אוועק א פארסאָפּעטע לעבן אייזנער׳ן, און ער דערזעט זי איצט א נאָך שענערע, א פארפלאמטע, א בליענדע...

ער פרעגט זי מיט זיין געמאַטערטער קאלטקייט:

— וואָס טאנצסטו אזוי פיל?...

— עס ווילט זיך עפּעס היינט טאנצן, — ענטפערט זי מיט א שמייכל.

און באלד טוט זי אים א פרעג:

— **און דו וועסט גאָר ניט כאַפּן היינט אפילו איין טאנץ?...**

אויף דער מינוט איז אייזנער זיכער, אז ער וועט ניט טאנצן. ער פארענטפערט זיך אז ער איז מיד, ער האָט ניט קיין חשק... אפשר...

## שריפטן

נאָר ווען די מוזיק נעמט ווידער שפּילן, טוט ער זיך אַ הויב אויף און עס פאַרגלוסט זיך אים דאָך צו כאַפּן אַ טאַנץ.

און כאָטש דער גאַנצער געדאַנק זיינער איז איצט צו טאַנצן מיט ליליטשקען, פרעגט ער פרידען:

— ווילסט טאַנצן?

און פרידע איז געגאַנגען. זי האָט געמוזט גיין.

און פרידע האָט געטאַנצט.

# 3. אליין

# נישטאָ שרה

זינט ביי וואָלף דעם פיש־פּעדלער איז געשטאָרבן דאָס ווייב, האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן געגעבן א דריי איבער.

— ס'איז מיר ביטער דאָס לעבן אָן מיין שרה'ן — באַקלאָגט ער זיך אָפּט מיט א טיפן זיפץ — אַי האָט זי מיר אָפּגעטאָן!...

אַמשטאָרקסטן פילט ער די ביטערקייט, ווען עס קומט דאָנער־שטיק. די פּושקאָרטס זיינע מיט די פיש איז באַלאַגערט מיט ווייבער, און ער קען זיך אָן שרה'ן גאָר קיין עצה ניט געבן. מען שרייט, מען רייסט אים פון די הענט, אַלע האָבן קיין צייט ניט און יעדע באַזונדער שרייט אים אין די אויערן אריין, ווי ער וואָלט געווען טויב:

— ר' וואָלף! וועגט מיר שוין אָפּ דאָס שטיקל פיש!...

— ר' וואָלף!

ער שטייט א צעטומלטער מיט די צוויי שווערע נאַסע הענט, מיט די הויכע „גומענע שטיוול" ביז איבער די קני, און דער טומל איז אזוי גרויס, אז עס לעכערט אים דעם מוח.

דער אַלטער זעט ערשט איצט ווי שרה פעלט אים... אז שרה איז געשטאַנען ביי די פיש, איז גאָרניט געווען אזא טומל — גיך־דערנע הענט... ער, וואָלף, האָט צום פּושקאָרט אפילו ניט באַדאַרפט צוגיין. ער האָט גאָרניט געהאָט וואָס צו טאָן. אַלץ זי... די קונים האָבן זיך נאָר געריסן צו איר. „שרה־לעבן", האָט מען זי גע־רופן. אים האָט מען אַלעמאָל געהאַלטן פאַר א שלעכטן, פאַר א בייזן...

ביי וואָלפ'ן קומט אויס, אז שטיין ביי די פיש און ניט ווערן אויפגערעגט, דאַרף מען זיין א מענטש אָן אַ גאַל. איצט איז אָבער אַנדערש — נישטאָ שרה... אפילו אז עס כאַפּט אים אמאָל אָן דער כעס, מוז ער אויך פאַרבייסן די ליפּן... ער וואָלט בלויז געוואָלט

מען זאָל אים ניט אזוי טומלען, עס זאָל אים ניט אזוי לעכערן דער מוח. און ער בעט זיך כמעט מיט רחמנות:

— איך בעט אייך, קינדערלעך, אַביסעלע שטילער... איר זעט דאָך, אז כ'האָב ניט מער ווי צוויי הענט... איין מינוטקעלע און איך וועל אַלעמען באַדינען, איין מינוטקעלע...

די קונים צוליב טוט ער זיך אַפילו אָן א כוח צו זיין אויפגעלייגט. ער לאַכט, זאָגט אמאָל א גלייכווערטל. אויפן הארצן איז אים אָבער ביטער...

טאָמער איז ווייניג, קומט אים נאָך אָפּט אויס אין אזא טאָג אָפּצושטיין ביים פּושקארט אפשר ביז צוועלף אזייגער א ניכטערער, א הונגעריגער. אז שרה האָט געלעבט, האָט ער שוין אין דער צייט א פּאָר מאָל צוגעביסן, גענומען אַביסל בראָנפן. ער האָט געקענט אוועקגיין פון פּושקארט ווען ער האָט געוואָלט, ער האָט זיך געהאט אויף וועמען צו פארלאָזן... ווי נאָר עס האָט אים א צי געטאָן אין הארצן, האָט ער זיך באַלד ארויפגעכאפּט אין הויז, און ער איז באַלד געוואָרן אַן אַנדער מענטש...

אביסל בראנפן איז ביי דעם פיש־פּעדלער בעסער ווי עסן; א געוואוינהייט ביי אים שוין פון כמה יאָרן — ער מוז האָבן אביסל בראנפן...

אמת, שרה האָט מיט אים אַלע מאָל געהאט צו טאָן פאר אָט דער געוואוינהייט. איבערהויפּט האָט זי דאָס ניט געקענט פארטראָגן אין דער צייט פון דער „ביזי". ווי נאָר זי האָט דערשפּירט, אז ער האָט גענומען אביסל בראנפן, האָט ער שוין צום פּושקארט ניט געטאָרט צוטרעטן.

— גיי מיר אוועק פון די אויגן! — האָט זי אים באַלד א טרייב געטאָן — טריפה'נער האַלז!...

אָבער מער ווי טריפה'נער האלז האָט ער פון איר ניט געהערט. אַ אידענע...

פונדעסטוועגן האָט ער מיט זיין אידענע אָפּגעלעבט פערציג יאָר און אין הויז איז ביי אים אַלעמאָל געווען אביסל בראנפן...

ערשט ארום צוועלף אזייגער קומט צו די פארהייראטע טאָכטער זיינע און ברענגט אים א טעפּל קאַווע און עפּעס צוצובייסן.

# ש ר י פ ט ן

— נעבאַך וואָלסטו געבראַכט אביסל בראַנפן, — טוט ער באלד א פרעג אן אומצופרידענער.

— פאַרגעסן — האָט די טאָכטער אַלעמאָל דעם זעלבן ענטפער.

ס׳איז אָבער ביי איר ניט מער ווי אן אויסרייד. זי וויל ניט ברענגען. די מוטער אויס׳ן אויג — זי קען אויך ניט ליידן אז דער טאַטע טרינקט שנאַפּס...

די קאַווע טרינקט דער אַלטער אָן חשק און כאַפּנדיג. ס׳קומט אים איצט אויס צו טאָן ביידע ארבעטן מיט אמאָל: מיט איין האַנט זופּט ער די קאַווע און מיט דער צווייטער ארבעט ער ביי די פּיש. און ער קען זיך ניט העלפן. די פּושקאַרט איז באַלאַגערט און מען רייסט פון די הענט...

דעמאָלט העלפט אים די טאָכטער אויך אביסל צו.

ווען זי וואָלט געקענט, וואָלט זי אים מער געהאָלפן. זי קען אָבער ניט. זי איז מיט קליינע קינדער און די עטלעכע מינוט וואָס זי קומט צו מיט דער קאַווע, שטייט זי אויך ווי אויף שפּילקעס...

ווען די טאָכטער וואָלט געקענט, וואָלט זי אין די עטלעכע מינוט איינגעשלונגען די גאַנצע „ביזי״. זי פאַלט צו צום פּושקאַרט ווי קוועק זילבער. עפּעס איידער מען קוקט זיך ארום, שטייט זי שוין ווי אן איינגעוואַקסענע מיט די הענט אין די פּיש און לאָזט זיך הערן מיט א קול, פּונקט ווי די מוטער:

— קאַרפּ, ווייבער! ביליג! ביליג!

דער אַלטער איז זיך גאָר מחיה, ווען די טאָכטער טוט א לייג צו א האַנט צום פּושקאַרט. „די מאַמע אויס׳ן אויג״, זאָגט ער אַלע מאָל, „עס ברענט אונטער אירע הענט״...

נאָר לאַנג אויפהאַלטן זי איצט ביים פּושקאַרט וויל ער אַליין ניט. ער ווייס, אז זי קען ניט, און ער פאַרלאַנגט דאָס גאַרניט פון איר, און ווי נאָר ער איז פאַרטיג מיטן לעצטן זופּ קאַווע, שטייט ער אַליין צו צו איר, זי זאָל גיין אהיים.

— גיי ארויף צו די קינדער, גיטל — שטופּט ער זי כמעט אוועק פון פּושקאַרט — גיי, איך וועל זיך שוין אַליין ספּראַווען.

זינט שרה איז נישטאָ, האַלט ער זיך אויף טאַקע ביי דער טאָכ־טער. ער האָט דאָרט זיין צימער, זיין בעט, און בעסער ווי די טאָכ־

טער באהאנדלט אים, קען גאָרניט זיין. עס איז שוין אָבער גאָר אַן אנדער לעבן... ער איז פאַרט געווען א באַלעבאָס פאר זיך, געפירט א היים, א באַלעבאַטישקייט...

ער האָט זיך טאַקע פון זיין דירה אזוי גרינג ניט געקענט אָפּ־רייסען. א שטיק צייט נאָך שרה׳ס טויט, האָט ער נאָך אַלץ גע־צאָלט דירה־געלט און אליין אָנגעהאַלטן די זעלבע דריי צימערן, ווי פריער. די היים איז אים ערשט דאַן געוואָרן טייער. עס איז אים עפּעס גוט געוואָרן פון דעם אליין, וואָס אַלץ איז געשטאַנען אויף דעמזעלבן אָרט, פּונקט ווי זיין שרה האָט דאָס איבערגעלאָזט. אין קלאָזעט זיינען נאָך געהאַנגען אירע מלבושים, אויפן קאַמאָד זיינען געשטאַנען די שבת׳דיגע לייכטער, וואָס זי האָט נאָך אליין אוועק־געשטעלט.

דעם אַלטן טוט נאָך איצט אויך א צופּ אין הארצן, ווען ער דער־מאָנט זיך ווי פון אַלץ איז געוואָרן א תל. אָבער וואָס האָט ער געזאָלט טאָן? נאָך וואָס טויג אים איינער אליין דריי צימערן?...

פון דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער צו דער טאָכטער מיטגעבראַכט בלויז עטלעכע זאַכן: דאָס בעטן מיטן בעטגעוואַנט, א פּאָר אנדערע קליי‍ניקייטן און די לייכטער.

די לייכטער שטייען איצט שטענדיג טאַקע ביי אים אין צימער. זיי שטייען אויף א קליין באַזונדער טישל, מיט א ווייסן טישטוכל אויסגעשפּרייט, און ס׳איז אים גוט דערפון, וואָס יעדן פרייטיק־צו־נאַכט צינדט גיטל אָן אין זיי ליכט...

נאָכן עסן זיצט ער לאַנג איינער אליין אין דער שבת׳דיג־באַ־לויכטענעם צימערל, א מידער, א שווערער, און די לייכטער מיט די ברענענדיגע ליכט דערמאָנען אים דאַן אַלעמאָל אָן די פרייטיק־צו־נאַכטן, ווען שרה האָט געלעבט.

אַ סך זאַכן שווימען דאַן ארויף אין זיין זכרון. ער זעט שרה׳ן ווי זי דערלאַנגט צום טיש, ווי זי רעדט, ווי זי כאַפּט זיך אמאָל ארויס אויף אים מיט א בייזער פּאָר נעמען אַן איבעריגן טרונק בראַנפן...

אַלץ געדענקט ער, נאָר איין זאַך וואָס גייט אים פּשוט אין לעבן צו וויסן, קען ער ניט געדענקען.

## ש ר י פ ט ן

ער קען זיך בשום אופן ניט דערמאָנען, וואָס אזוינס שרה האָט צו אים גערעדט דעם לעצטן טאָג איידער זי איז געשטאָרבן. זי האָט אים עפּעס אָנגעזאָגט, און ער געדענקט ניט אפילו א וואָרט. אמת, דער קאָפּ איז אים פון דאַן אָן שטארק צעטומלט. עס איז קיין קלייניקייט ניט — א מענטש לייגט זיך אוועק איינגאנצן אויף עטלעכע טעג און ס'איז שוין נאָך אלעמען... אָבער דאָס וואָס שרה האָט אים אָנגעזאָגט, האָט ער ניט געטאָרט פארגעסן... כאָטש איין וואָרט ווען ער קען זיך דערמאָנען...

ער קען זיך דאָס גאָרניט מוחל זיין.

ווער ווייס וואָס אזוינס שרה האָט אים געקענט אָנזאָגן... פאר־וואָס זאָל ער דאָס ניט וויסן, פארוואָס?...

כאָטש איין וואָרט ווען ער קען זיך דערמאָנען...

# זיי לעבן אין שרעק

דעם גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט איז לייבל דער פּעד־לער פול מיט זיין קויש סחורה וואו די וועלט האָט אַן עק. א גאנצן אויסוואַל פון פאַרשידענע עסנווארג און נאַשערייען פאַרמאָגט זיין קויש־קרעמל: בייגל, וואורשט, אַלערליי שאָקאָלאַדן, עפּל. באַקס־לעך מיט סאַרדינקעס. אפילו א פלאַש מיט בראַנפן איז ביי אים פאַרשטופּט און באַהאַלטן אין אזא קונציגן קעסטעלע, אז ס'וואָלט קיינעם ניט געקענט איינפאַלן אז אין דער דאָזיגער באַהעלטעניש געפינט זיך בראַנפן...

וואו צו אזא מענטשל ווי לייבל נעמט זיך כוח צו שלעפּן אויף זיך אזא קויש, ווייסט איין גאָט. ער איז א שוואַכער, א מאָגערער, א קורץ־געוויקסיגער און אַלץ וואָס ער טראָגט אויף זיך איז אויף אים גרויס. זיין אויבער־מלבוש, אַלט און אָפּגעבליאַקעוועט, איז אויף אים צו ברייט, די הויזן צו לאַנג, א היטל אויפן קאָפּ, א גרויס און ווינטערדיק, וואָס באַהאַלט אין זיך לייבל'סביידע אויערן; און דער קויש, דאַכט זיך, טראָגט אים, ניט ער דעם קויש... פון דער שווערער משא שלעפּן זיך ביי אים די פיס מער ווי זיי גייען און רייבן אַלץ מער אויס די איבעריגע שטיקער הויזן וואָס פאַלן אים אריבער טיף ביז איבער די קנאָפל.

לייבל ווייסט שוין וואו ער קאָן עפּעס לייזן און ער איז ניט פויל צו קריכן מיט זיין קויש אויף די העכסטע שטיגן. ער וואַקסט אויס אין שעפּער פונקט אין דער צייט ווען די ארבעטער דאַרפן עסן. אין די אָוונטן איז ער פול וואו ערגעץ א מיטינג־לאָקאַל, א טאַנץ־האָל. אין דער גרעסטער ענגשאַפט שטופּט ער זיך דורך מיט זיין קויש און ער האָט שוין זיינע וועגן, ווי אזוי צו רייצן דעם אַפּעטיט מען זאָל ביי אים עפּעס קויפן.

— פאַרזוכט דעם עפּל, וועט איר זען, וואָס דאָס איז, — שטופּט

ער יענעם א רויטן עפּל אין די הענט אריין, — אז ס׳וועט ניט זיין גוט, נעם איך ניט קיין געלט. ס׳איז וויין, ניט קיין עפּל...

ער דערקענט שוין וועמען א פרעג צו טאָן בסוד, אפשר וויל מען א גוט ביסעלע בראנפן. דערצו קריגט מען ביי אים א געשמאק שטיקעלע וואורשט...

אליין דערנערט ער זיך דורכן טאָג פון דעם וואָס זיין קויש פארמאָגט. אז עס נעמט אים נאָגן דער הונגער, כאַפּט ער זיך אריין ערגעץ אין א האָל, וואו קיינער זעט ניט, און כאפט עפּעס איבער. ער טוט אויף גיך א זופּ אביסל בראנפן פון פלעשל, ווארפט איילנ־דיג אריין אין מויל א שטיקל בייגל צוזאמען מיט א שטיקל וואורשט און לויפט ווייטער.

פריער ווי דריי אזייגער ביינאכט קומט לייבל זעלטן אהיים. ער וואוינט אזש העט ארונטער ערגעץ ביים איסט ריווער אין אן אָרימער געגנט און דער גאנג אליין דויערט ביי אים אפשר א שעה.

ווי שפּעט לייבל זאָל ניט אהיימקומען, טרעפט ער נאָך אָפט אין דער צייט שטיין לעבן הויז זיין אכצן יאָריגע טאָכטער סערע. א פריילעכע און א לאכנדיגע שטייט זי און פארברענגט מיט אירן אַ פאַרערער. און ניט דער פאָטער און ניט די מוטער ווייסן ווער דער יונגערמאן איז און וואָס פון זייער טאָכטער׳ס ארומשלעפּן זיך מיט אים גאנצע נעכט וועט ארויסקומען.

פונקט ווי א פרעמדער, גיט לייבל אפילו ניט א קוק אויף זיין טאָכטער ווען ער קומט צו צום הויז. ער וויל ניט קוקן. נאָך איי־דער ער קומט צו נאָענט, הויבט ער אָן שפּאנען מיט גיכערע טריט און נאָך גיכער כאפּט ער זיך אריין אין האָל ווי א שאָטן.

סערע איז צופרידן פון דעם, וואָס דער טאַטע אירער טראָגט זיך פארביי מיט אזא פרעמדקייט. זי האָט דעם טאטן ניט ליב. זי האָט פיינט זיינע ביזנעס, זי קען ניט פארטראָגן אז ער רעדט צו איר. זי וויל אפילו ניט, אז דער יונגערמאן מיט וועלכן זי שטייט איצט ביים הויז, זאָל וויסן אז דאָס איז איר טאטע... זי שעמט זיך מיט אים...

לייבל ווייסט דאָס גאנץ גוט און עס קאָסט אים געזונט. ער ווייסט ניט וואָס ער קאָן טאָן, אז די טאָכטער זאָל זיך מיט אים ניט

שעמען. ער ווייסט נאָר, אז ער פארדינט ערלעך זיין שטיקל ברויט און א טאטע איז ער ווי אלע טאטעס וואָס האָבן ליב זייערע קינ־דער. ער איז אָבער דער טאָכטער אלץ מוחל, אבי זי זאָל ניט גיין אויף א שלעכטן וועג.

ער ווייסט שוין דעם טעם, לייבל, וואָס עס מיינט אז א קינד לאָזט זיך אוועק אויף א שלעכטן וועג. איין טאָכטער, די עלטערע פון דער, האָט אים שוין איבערגעלאָזט מיט בושה אין הארצן. אָנ־געהויבן האָט זיך דאָס פונקט ווי מיט דער, מיט סערע׳ן; קודם האָט זי זיך אויך גאנצע נעכט ארומגעשלעפט מיט עפּעס א יונג, וואָס ניט דער טאטע און ניט די מאמע האָט געוואוסט ווער ער איז. דער־נאָך איז געקומען אן אומגליק.

שכנים וועלכע ווייסן די גאנצע מעשה, סוד׳ען זיך נאָך ביז היינטיגן טאָג וועגן דעם.

— וואָס, איר ווייסט גאָר ניט? — דערציילט מען אנדערע, וועלכע ווייסן נאָך ניט. — זי זיצט דאָך אין פּריזאָן, די טאָכטער זייערע... מען האָט זי דאָך געכאפּט ביי גנבה...

לייבלען שטעלן זיך אזש טרערן אין די אויגן, ווען ער אליין צערעדט זיך פון דעם.

— איר הערט, — רעדט ער מיט ווייטאָג, — ווען מען הרג׳עט מיך, ווען מען האקט מיר אָפּ דעם קאָפּ, וואָלט איך אין מיין לעבן ניט געגלויבט, אז ביי מיינס א קינד וועט זיך קענען לייגן די הענט צו טאָן אזא זאך.

און ער ענדיגט נאָך טיפער:

— עס האָט מיך אינגאנצן צעבראָכן. מיך און מיין ווייב... איר פארשטייט: איך האָב נאָך אליין באדארפט זיצן אין קאָורט און צוקוקן מיט די אייגענע אויגן, ווי מען האָט מיין קינד אוועקגע־שלעפּט אין פּריזאָן... זי און אים — דעם באָם, מיט וועלכן זי האָט זיך ארומגעשלעפּט... ער האָט זי אומגליקלעך געמאכט...

כאָטש ער קומט אהיים מיד און פארמאטערט, און וואָלט שוין געוואָלט וואָס גיכער לייגן אויף זיין געלעגער, קען ער זיך ניט לייגן שלאָפן ביז ער עסט ניט עפּעס אָ ווארעם געקעכץ. עס נאָגט אים אָ הונגער און אָ דורשט פון די טרוקענע ביסנס ביינל מיט

דעם געזאָלצענעם וואָרשט, וואָס ער האָט דורכן טאָג, כאַפּנדיג, אין זיך אַריינגעשטופּט. עס איז אים טרוקן אין האַלז, אין די געדערים. מיד און פאַרשמאַכט וואַרפט ער אַרונטער פון זיך דעם הולך. ער שלעפּט אַרונטער פון זיך די צוויי סוועטערס, וואָס ער טראָגט איי־נעם אויפן אַנדערן, און נעמט זיך אַליין אָנוואַרעמען דאָס ביסל געקעכץ, וואָס דאָס ווייב האָט פאַר אים איבערגעלאָזט.

ער זיצט ענג אַריינגערוקט צווישן אויוון און טישל, בראָקט שטיקלעך ברויט אין דער הייסער פאַרעדיגער זופּ און עסט אָן טעם. ער קייעט די צעווייקטע שטיקלעך ברויט מיט די עטלעכע צעלעכער־טע ציין, וואָס ער האָט נאָך אין מויל, און דאָס עסן גייט אים ניט אין האַלז אַריין. עס וואַרגט אים; עס לאָזט אים ניט רוען, וואָס די טאָכטער זיינע שטייט נאָך דאָרט אַלץ מיט דעם יונג, וואָס מען ווייסט ניט ווער ער איז און וואָס ער איז...

נאָך מער איז פון דעם צעטראָגן לייבל׳ס ווייב. אָן איינגע־קאָרטשעטע ווי אַ קנויל, ליגט זי איצט אין דער פינסטערניש פון זייער ענגן שלאָפצימער, און צו אירע אויגן נעמט זיך קיין שלאָף ניט. זי איז אויך מיד און פאַרהאָרעוועט. זי העלפט אויך צו אין דער פּרנסה מיט אַ קויש בייגל.

אַזוי לאַנג ווי סערע איז נאָך נישטאָ אין הויז, ליגט די מוטער ווי אין אַ גיהנום. מיט אַ פייער אין האַרצן ציילט זי די שטונדן, די מינוטן; זי הערט זיך צו צום קלענסטן שאָרך, און וואו נאָר עפּעס אַן אומגליק, וואָס קען טרעפן אַ מענטשן, לויפט איצט דורך אין איר קאָפּ.

אָפט טרעפט, אַז זי פאַרלירט דעם געדולד און מוז אין דער שפּעטקייט אַרונטערגיין אַ קוק טאָן, צי די טאָכטער אירע שטייט כאָטש לעבן הויז; צי זי שלעפּט זיך ניט אַרום ערגעץ, דער גוטער יאָר ווייסט וואו...

מיד און צעבראָכן קריכט זי דאַן אַרויס פון איר וואַרימער איינ־געהילטקייט, שטעקט אַריין די באָרוועסע פיס אין די קאַלטע שיך, כאַפּט אַרויף אויף איר וואַרעם לייב דעם שווערן, אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, וואָס זי טראָגט ביי די בייגל, און לאָזט זיך אַרונטער אַזוי פיר שטיגן ביז צום האָל.

אין דרויסן, וואו די טאָכטער שטייט, וואָגט די מוטער ניט ארויסצוגיין. זי האָט דאָס איינמאָל געטאָן, האָט סערעלע געעפנט א מויל, ווי די מאמע וואָלט זי אומגליקלעך געמאכט. זי דארף ניט מען זאָל זי היטן, האָט זי גע׳טענה׳ט און זיך אזש צעוויינט; זי איז ניט קיין קליין מיידעלע און קען אליין נעמען אויף זיך „קער"... פון דעמאָלט אָן וואָגט ניט די מוטער אָנצורירן אפילו די קליאמקע פון דער האָל־טיר. מיט אן איינגעהאלטענעם אָטעם שטרענגט זי זיך בלויז אָן אויפצוכאפּן דעם קלענסטן שאָרך, וואָס קומט פון דער אַנ־דערער זייט, און אַבי נאָר זי איז איבערצייגט, אז סערע איז ביים הויז, ווערט איר אביסל גרינגער אויפן הארצן, און זי קערט זיך אום צוריק.

אמאָל, אז זי שלאָפט סיי־ווי־סיי ניט, ווען לייבל קומט אהיים, קריכט זי ארויס פון בעט און דערלאנגט אים אליין דאָס ביסל עסן. איינגעהילט אין אן אלטן, צעקנייטשטן שלאָף־ראָק אויף איר מאָגערן גוף, א צעשויבערטע, מיט רויטע, שלעפערדיגע אויגן, זעצט זי זיך דאָן אוועק ביים זעלבן טישל, וואו עס זיצט דער מאן, און ס׳איז איר ביטער ווי די גאַל.

— האָסט זי געזען אונטן? — פרעגט זי דעם מאַן אין איר פארצווייפלונג.

— איך האָב זי געזען, ווי איך זע זי אלעמאָל, — ענטפערט לייבל מיט א שווער הארץ, און שפּארט אָן זיין קאָפּ אויףביידע עלנבויגנס. — זי וויל מיך ניט זען... אן אנדער פאָטער אויף מיין אָרט, וואָלט זי ארויפגעשלעפּט ביי די אויערן. איך קען דאָס ניט. מען דארף זיין א בר־מזל, אז קינדער זאָלן דרך־ארץ האָבן פאר טאַ־טע־מאַמע... דו וואָלסט אפשר יאָ באדארפט מיט איר רעדן. א מאמע ווייסט בעסער ווי צו רעדן מיט א טאָכטער. אויב דער יונ־גערמאן, מיט וועלכן זי פירט זיך ארום, איז אן אָרנטלעכער, וואָלט געווען א סך לייטישער, ווען זי ברענגט אים ארויף אין הויז. וואָס פאר א פנים האָט דאָס פאר א לייטיש קינד, אז זי שלעפּט זיך ארום גאנצע נעכט, דער גוטער יאָר ווייסט, מיט וועמען... אלע צרות קומען פון דעם ארויס... פונקט אזוי האָט זיך דאָס אויך אָנגעהויבן מיט יענער...

— דערמאָן מיך ניט אָן יענער! — שלאָגט אים די מוטער איבער מיט ווייטאָג.

— עס דערמאָנט זיך אליין — רעדט לייבל ווייטער. — אזא גאָלדן קינד ווי זי איז געווען. אזא שיינע... דעם פיינסטן שידוך וואָלט זי געקענט טאָן, ווען דער „באָם" פארדרייט איר ניט דעם קאָפּ...

— איך זאָג נאָך איצט אויך, אז עס איז איר ניט געקומען צו ארעסטירן — וויל די מוטער געפינען א זכות — זי איז זיכער ניט געווען שולדיג.

— זיי זיינעןביידע שולדיג! — גיט דער פאָטער ניט נאָך. — עס האָט דאָך געשטאָכן די אויגן, ווען מען האָט אין קאָורט באוויזן, די אלע זאכן, וואָס זיי האָבן אוועקגעשלעפּט פון דעפּארטמענט סטאָר... ווען מען האקט מיר אָפּ דעם קאָפּ, וואָלט איך אין מיין לעבן ניט געגלויבט, אז ביי מיינס א קינד וועט זיך קענען לייגן די הענט צו טאָן אזא זאך... בעסער ניט דערלעבן, אז סערע זאָל גיין אין יענערס וועגן...

דערנאָך, אז מאן־און־ווייב ליגן אויף זייער געלעגער, איז לייבל נאָך מער צעווייטאָגט.

— איך וואָלט אליין מיט איר גערעדט, ווען איך ווייס, אז דאָס וועט העלפן, — רעדט ער מיט הארץ, — איך ווייס, אָבער, אז זי וועט זיך צו מיינע רייד ניט צוהערן. זי האָט פאר מיר קיין דרך־ארץ ניט... זי שעמט זיך מיט מיר... דערפאר זאָג איך, אז דו זאָלסט מיט איר רעדן. אפילו באלד, ווען זי וועט ארויפקומען, וואָלט איך דיר געהייסן מיט איר רעדן. נאָך היינט... אויב דער יונגערמאן איז אן אָרנטלעכער, און האָט זי ליב, זאָל זי ארויפקומען מיט אים אין הויז, וואו ס'איז דאָ א טאטע־מאמע. רעד צו איר מיט גוטן... גיב איר צו פארשטיין וואָס פאר א חרפה די שוועסטער אירע האָט אויף אונז געבראכט...

די מוטער האָט גאָרניט געענטפערט. זי האָט ניט געקענט ענטפערן. דער האלז איז איר פארשלאָסן געוואָרן מיט טרערן...

# ליפמאַן און זיינע קינדער

ליפמאַן איז א מאַן, שוין אריבער זיבעציג... ער וויל אָבער ניט צולאָזן דעם געדאנק, אז ער איז שוין אריינגעפאַרן אין אזא טיפער עלטער. ער היט שטארק אָפּ זיין קליין גרוי בערדל, וואָס איז ביי אים אלעמאָל פריש פארשוירן און אויסגעגלעט; ער גיט אכטונג אז זיינע קליידער זאָלן ביי אים זיין ריין און ציכטיג. עס איז אים אפילו פריקרע וואָס ער מוז טראָגן אויגן־גלעזער. ביז מיט א יאָר צוריק האָט ער אפילו וועגן ברילן ניט געטראכט. ער האָט גע־האט געזונטע אויגן און ס'איז אים ניט שווער געווען איבערצולייענען אין א צייטונג אפילו די קלענסטע אותיות. איצט איז אנדערש. עפּעס ווי איבער נאכט האָט ער באקומען א שוואכע ראיה און אָן די ברילן, קען ער זיך נישט רירן פון אָרט.

דערפאר האָט ער זיך אָבער, אַ דאַנק גאָט, ניט וואָס צו באַ־קלאָגן קערפּערלעך. ער פילט, אז ער איז נאָך א פולקאָמענער, גע־זונטער, קרעפטיגער מענטש און איז זיכער, אז ווען זיין רבקה וואָלט געלעבט, וואָלט ער איצט ניט באדארפט ארומגיין פוסט און פּאַס און זיצן ביים זון אויף קעסט. ער וואָלט נאָך איצט געקענט פירן א רעסטאָראַן, פונקט אזוי גוט ווי ער האָט דאָס געטאָן אלע זיינע יאָרן, ווען רבקה האָט געלעבט.

אָן א שיעור רעסטאָראַנען האָט שוין ליפמאַן איבערגעהאַט אין פארשידענע געגנטן, זינט ער איז אין אמעריקע. ער האָט געהאט מזל. יעדעס מאָל ווען ער האָט ערגעץ געעפנט א רעסטאָראַן, האָט זיך באלד אונטערגערוקט א קונה, וואָס האָט ביי אים אָפּגעקויפט דעם רעסטאָראַן און ער האָט אלעמאָל געמאכט שיינע עטלעכע הונ־דערט דאָלער פּראָפיט.

און דאָס איז אלץ געווען א דאנק זיין רבקה'ן. „זי" איז דאָס געווען די גאנצע אויפטועכץ. דער עיקר האָט זי זיך אויסגעצייכנט

מיט דעם, וואָס זי איז געווען אַ גערעטענע קעכין. זי האָט אַלע־מאָל אַליין געקאָכט און די געשמאַקע מאכלים אירע האָבן געצויגן קאַסטאָמערס פון „עק וועלט".

ליפּמאַנ׳ס לעצטער רעסטאָראַן איז געווען טאַקע אין דעם זעלבן הויז וואו ער וואוינט איצט. פינף יאָר איז ער אין דעם רעסטאָראַן אָפּגעשטאַנען.

איצט ווערט דער זעלבער רעסטאָראַן געפירט פון זיין זון. אויך דיזעלבע וואוינונג האָט איבערגענומען דער זון.

די ערשטע צייט האָט זיך דער פאָטער געפילט גאַנץ באַקוועם אין זיין לאַנג־יאָריגער הויז. ער האָט נאָך געהאַט פאַר די אויגן זיין אַלטע איינגעפונדעוועטע באַלעבאַטישקייט; די זעלבע היים, די זעלבע צימערן... יעדע קלייניקייט איז ביי אים געווען באַזונדערס טייער, שוין דערפאַר אַליין, ווייל דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט זיין פאַרשטאָרבענער רבקה...

איצט איז שוין פון יענער באַלעבאַטישקייט אפילו קיין סימן נישטאָ. דער זון האָט אַלץ ארויסגעראַמט פון הויז ווי מען ראַמט אויס אַ חמץ. אַ נייע היים האָט זיך דער זון איינגעאָרדנט. נייע מעבל, נייע טעפּיכער, די קיך, אין ווייסן פאַרצעלייענעם גלאַנץ, מיט נייעם פינקלדיגן קיך־געשיר.

דער פאָטער איז חלילה נישט געגן דעם, וואָס דער זון האָט זיך איינגעאָרדנט אַ פיינע היים. אַ יונג פאָר־פאָלק, ווילן זיי, אַז אַלץ זאָל זיין שענער, רייכער... ער, ליפּמאַן, איז אויך אַמאָל אַזוי גע־ווען... אָבער גוט דערפון איז אים נישט, וואָס דער זון האָט אַלץ איבערגעאַנדערשט. די נייע היים שלאָגט פאַר אים מיט פרעמד־קייט. ס׳איז נישט זיין היים... ער פילט ווי דער זון וואָלט עפּעס דורך דעם פאַרשוועכט דעם אָנדענק פון דער פאַרשטאָרבענער מוטער.

דאָס איינציגע ווינקל, וואו דער אַלטער פילט זיך נאָך אַביסל ווי אין זיין פריערדיגער היים, איז אין זיין אייגענעם שלאָף־צימער. דאָרט שטייט נאָך דאָס זעלבע בעט, וואָס איז פאַרבליבן פון זיינע אייגענע הויז־זאַכן. ער שלאָפט נאָך אויף דעם זעלבן פוכיגן בעט־געוואַנט, וואָס רבקה האָט מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים. אויך האָט ער פאַר די אויגן רבקה׳ס זילבערנע לייכטער, וואָס ער האָט איר

אמאָל געקויפט צו אירן א געבורטסטאָג. די לייכטער שטייען אויף זיין קאמאָד אין רייַנעם זילבערנעם גלאַנץ, און אויף דער וואַנט, איבער די לייכטער, הענגט זיינס א בילד אין פארגרעסערטן פאָר־מאַט. אויף דעם בילד איז ער פאָטאָגראַפירט צוזאַמען מיט רבקה׳ן און זיינע ביידע קינדער, ווען זיי זיינען נאָך געווען ברעקלעך.

אַ בילד נאָך פון די יונגע יאָרן... ער, ליפּמאַן שטייט אָנגע־שפּאַרט אָן וועגטל פון א ווייכן שטול, אויף וועלכן עס זיצט רבקה, און עס איז שוין נישט צו דערקענען, אז דאָס איז דער זעלבער ליפּ־מאַן. עס שטייט א יונגערמאַן, מיט א דינער גלייכער פיגור, א יונג שמייכלענדיג פּנים מיט פרישע לעבעדיגע אויגן, א געדיכטער שוואַר־צער קאָפּ האָר, און א קליין שוואַרץ בערדעלע אויפן סאַמע שפּיץ קין, וואָס זאָגט עדות אויף א יונגן בכבוד׳יגן באַלעבעסל.

אויך רבקה קוקט אויס אויף דעם בילד אין איר פולער יוגנט־לעכער פרישקייט. זי זיצט אויפן שטול מיט א געדיכטן בלאָנדן קאָפּ האָר, אַן אויסגעפּוצטע, א שמייכלענדיגע, און לעבן זיך ביידע קינ־דער. אויפן שויס זיצט ביי איר זייער פּיליפּל, וועלכער איז איצט דער באַלעבאָס איבער דעם רעסטאָראַן און ביי דער זייט שטייט זייער טעכטערל דאָרעלע, וועלכע איז מיט צוויי יאָר עלטער און איז שוין איצט אליין א מוטער פון דערוואַקסענע קינדער.

דאָס בעט, אין וועלכן ליפּמאַן שלאָפט, איז ביי אים אלעמאָל פאַרלייגט מיט צעוואָרפענע צייטונגען, מיט מעשה־ביכלעך, וואָס ער האָט ליב צו לייענען. שטונדן לאַנג זיצט ער אָפּט אָפּ בייטאָג און אין די אָוונטן אין זיין צימערל און אלץ וואָס אין די צייטונגען איז געדרוקט, מוז דורכגיין דורך זיינע אויגן.

אַממייסטן איז ער פאראינטערעסירט אין דער אָפּטיילונג פון רעסטאָראַנען, וועלכע ווערן אַנאָנסירט צו פאַרקויפן אין „אָקשן״. דער אינטערעס צו אַזעלכע אויספאַרקויפן איז ביי אים פאַרבליבן נאָך פון דער צייט, ווען ער איז געווען אין די רעסטאָראַן־געשעפטן. כמעט אלע זאכן פון זיינע געוועזענע רעסטאָראַנען פלעגט ער קויפן אויף אַזעלכע „סעילס״. און כאָטש ער האָט שוין מיט זיינע רעס־טאָראַן־געשעפטן מער קיין פאַרבינדונג נישט, ציט עס אים נאָך איצט אויך צו די „אָקשן סעילס״. ער טרעפט זיך דאָרט אָפט מיט

אַלטע באַקאַנטע און האָט הנאה צוצוקוקן ווי אַנדערע קויפן. ער באַקוקט, מעשה מבין, די זאַכן וואָס ווערן פאַרקויפט, גיט עצות צו די וועלכע קויפן און ווערט אַ צעוואַרימטער, פּונקט ווי ער אַליין וואָלט געקויפט.

אין אַ טאָג, ווען עס איז נישטאָ אַמאָל קיין „סעיל״ אויף אַ רעסטאָראַן, איז ביי דעם אַלטן אַן אָפּקומעניש. ער האָט זיך ניט וואו אהינצוטאָן, עס לאַנגווייליגט אים. פריער ווי אַרום צען־עלף אַזייגער, רירט ער זיך אין אַזאַ טאָג ניט אַרויס פון זיין שלאָף־צימער. דאָס מיינט ניט, אַז ער שלאָפט אַזוי שפעט, אָדער ער פוילט זיך. ער שטייט גראָד אויף פריער פון אַלעמען. אין דער צייט, ווען דער זון מיט דער שנור הויבן זיך אויף פון זייער געלעגער, זיצט ער שוין אָנגעטאָן און פאַרגאַרטלט אין זיין שלאָף־ראָק און קוקט אַריין אין אַ צייטונג, אָדער ער לייענט איינע פון זיינע ביכלעך.

ערשט, אַז עס הויבט אים אָן נאָגן דער הונגער, טוט ער אַ קוק אויפן זייגער און כאַפּט זיך, אַז ס'איז שוין באַלד צייט אַרונטערצוגיין אין רעסטאָראַן עפּעס עסן.

אַזוי פירט זיך די ליפּמאַנ'ס גאַנצע הויז־געזינט — אַלע עסן אין רעסטאָראַן.

ביים אָנטאָן זיך שטייט דער אַלטער לאַנג ביים גרויסן שווערן וואַנט־שפּיגל און באַקוקט זיך פון אַלע זייטן, אַז אַלץ זאָל ביי אים זיין אין אָרדענונג. דאָס העמד מוז ביי אים זיין ריין און ציכטיג, דער קראַוואַט פּינקטלעך און נעט אויסגעבונדן. אויך פּוצט ער זיך אַליין צו דאָס בערדל מיט אַ שערל. ער שטייט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ האַרט ביים שפּיגל און שניידט פאָרזיכטיג אַרום די לאַנגע, ווילדע האָר, וועלכע דאָקוטשען אים אַממייסטן טיף אַרום האַלז. דאָס קומט אים ניט אָן גרינג. עס נעמט אים שווינדלען אין די אויגן און ער מוז איבערגיין מיטן שערל עטלעכע מאָל אויף דעם זעלבן אָרט, ביז ער כאַפּט אָן די פּאָר האָר, וואָס ער דאַרף אָפּשניידן.

נאָך שווערער קומט אים אָן, ווען ער דאַרף צולעצט אָנטאָן אויף זיך זיין ווינטער־מאַנטל. דער בגד איז אַ שווערער, אַ האַרטער. עס וואָלט געווען גוט ווען אימיצער וואָלט איצט געווען אין הויז, מען זאָל אים העלפן. עס איז אָבער קיינער נישטאָ, און ער שטרענגט

זיך אָן דעם ראָק אַליין אויף זיך אַרויפצושלעפּן.

ניט אַלעמאָל גיט זיך דאָס אים אָבער איין. דעם ערשטן אַרבל ציט ער נאָך ווי עס איז אַרויף; מיט דעם צווייטן קען ער זיך שוין קיין עצה ניט געבן. יעדעס מאָל, ווען עס דאַכט זיך אים, אַז ער האָט שוין די האַנט אין אַרבל — איז דאָס גאָר ניט דער אַרבל; ס׳איז גאָר די בוזים־קעשענע...

דאָס ברענגט אים אַזוי פון געדולד אַרויס, און ער טוט אינגאַנצן ניט אָן דעם מאַנטל. ער הענגט בלויז אויף דעם מלבוש אויף דער האַנט. אין דער צווייטער האַנט נעמט ער זיין שוואַרצן גלאַנציקן שטעקן און אַזוי גייט ער אַרונטער אין רעסטאָראַן.

* * *

אויף דעם רעסטאָראַן האָט דער זון כמעט אינגאַנצן איבערגעענדערש. ער האָט גאָר פון דעם רעסטאָראַן געמאַכט אַ קעפעטעריע. די שפּייזן מיט די געבעקסן זיינען אַפּעטיטלעך צעשטעלט געוואָרן אויף נייע באַגלאָזטע „קאָנטערס״, פון אַן אַנדערן קאַנטער שלאָגט אַ פּאַרע פון פאַרשיידענע קאָכעדיגע געריכטן און דאָס גרויסע שויפענסטער שרייט צום דרויסן מיט אַ וואַזשנער גאָלדענער אויפשריפט: „פיליפ׳ס קאַפעטעריע״.

אין רעסטאָראַן קומט ליפּמאַן אַריין ווי יעדער געוויינלעכער קאַסטאָמער. גלייך מיט יעדן גייט ער פאַרביי דאָס קליינע ביידעלע, אין וועלכן עס זיצט זיין שנור ביים רעדזשיסטער מיט די בילעטן און ער נעמט אויך אַ בילעט.

אָן אַ „טשעק״ האָט שוין ליפּמאַן עטלעכע מאָל געהאַט שוועריקייטן. די אָנגעשטעלטע ביי די קאָנטערס האָבן אים פון איין מאָל צום צווייטן מאָל ניט דערקענט און אָן דעם „שטיקל פּאַפּיר״ האָט מען אים ניט געגעבן קיין עסן. עס איז געקומען צו טענות; עס האָט זיך געמוזט אַריינמישן דער זון...

איצט, אַז ער נעמט אַ „בילעט״ איז ער אַ פרייער מענטש. עס איז אים בלויז אַביסל פריקרע ווען ער דאַרף דעם „בילעט״ איבערלאָזן לעבן דער שנור אָן געלט. ניט איינמאָל דאַכט זיך אים, אַז אָט טוט אים די שנור אַ רוף צוריק און פרעגט אים פאַרוואָס ער באַצאָלט ניט...

## שריפטן

ביים עסן זיצט ער אלעמאל פאררוקט עפּעס אין א ווינקל ביי א לעצטן טישל און מער ווי א טעלער זופּ מיט א שטיקל פלייש עסט ער ניט. דאָס איז געווען זיין עסן ווען רבקה האָט געלעבט און דאָס עסט ער איצט.

קיין הנאה פון די עסנס האָט ער סיי ווי ניט. סאיז ניט זיין רבקה׳ס געקעכצן... אָן א טעם און אָן א ריח...

אין דער צייט טומלט אין דער קאַפעטעריע ווי אין א בינשטאָק. עס איז מיטאָג־שטונדע און כמעט אלע טישלעך זיינען פארנומען מיט איילנדיגע מענטשן, וועלכע כאפּן א לאָנטש אָן צייט. מען שטופּט זיך איינער אויפן צווייטן מיט הייסע טעפּלעך קאַווע אין די הענט. עס איז א קלאַפּעריי פון געשיר, א טומלעניש פון די „באַר־טענדערס".

דער רעסטאָראַן, וואָס ליפמאַן האָט געהאַט פריער, האָט גע־טראָגן איינגאַנצן אַן אנדערן כאראקטער אין פארגלייך מיט דער איצטיגער קאַפעטעריע. די מענטשן, וועלכע זיינען אהער געקומען עסן, זיינען מייסטנס געווען רואיגע באַלבאַטישע ביזנעס־לייט פון דער ארומיגער געגנט, פיין געקליידטע מענטשן. ליפמאַן האָט כמעט אלע זיינע קאַסטאָמער געקענט ביים נאָמען און זיי האָבן אים גע־קענט. מען האָט אים רעספּעקטירט; מען איז געזעסן ביי ווייס־געדעקטע טישן, ווי איין גרויסע פאַמיליע און מען האָט הנאה געהאַט פון די געשמאַקע היימישע געריכטן, וואָס די אַלטע מיסעס ליפמאַן האָט געקאָכט.

איצט זעט מען אין דעם רעסטאָראַן זעלטן אריינקומען אימיצן פון יענע קאַסטימער. אין פארלויף פון די לעצטע עטלעכע יאָר האָט זיך די גאַנצע געגנט דאָרטן געביטן. די גאַס איז געוואָרן א רוישי־גע. עס זיינען צוגעקומען נייע ריזיגע געביידעס מיט א סך אָפיסעס, מיט גרויסע וואַזשנע סטאָרס און אָן א שיעור אָנגעשטעלטע.

מיטאָג־צייט לאָזן זיך פון די געביידעס ארויס גאַנצע שטראָמען מענטשן און וואו נאָר עס געפינט זיך ערעץ אין דער געגנט א רעס־טאָראַן, ווערט ער אָנגעפּאַקט מיט עסערס.

ליפמאַנ׳ס זון האָט זיך מיט זיין קאַפעטעריע צוגעפּאַסט צו דער צייט. אויך ביי אים קאָכט און זידט מיט ביזנעס.

דער אַלטער פאָטער קוקט צו פון זיין ווינקל ווי די סטאָר שווי־בעלט און גריבלט מיט קאַסטימער, און ער קאָן זיך ניט צוגעוואוינען

צום געדאנק, אז דאָס איז דער זעלבער רעסטאָראַן, איבער וועלכן ער איז געווען צען יאָר באַלעבאָס. דאָס איז ביי אים ניט קיין רעס־טאָראַן... אַ יאַריד..

ליפּמאַן האָט אמת הנאה, וואָס זיין פּיליפּ טוט גוטע ביזנעס. ער האָט בלויז אַביסל פאַרדרוס פון דעם, וואָס ער, ליפּמאַן, האָט שוין אין דעם געשעפט קיין שום דעה ניט. ער פילט, אז ער וואָלט זיך נאָך איצט אויך געקענט מאכן נוצלעך אין די ביזנעס. ווען דער זון לאָזט אים, וואָלט ער געטאָן אַבי־וואָס, אַבי ניט ארומצוגיין ליידיג...

דער זון לאָזט אָבער ניט.

* * *

עס איז געווען אַ צייט ווען דער אַלטער האָט ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער זון לאָזט אים צו קיין זאַך ניט צו, און ער האָט דאָך אַביסל צוגעהאָלפן. ער האָט ניט געקענט זיצן גלייכגילטיג און צוקוקן ווי מענטשן זעצן זיך אַוועק ביי טישלעך, וועלכע די אַנ־געשטעלטע האָבן נאָך ניט פאַספּייעט ריין מאַכן. עס האָט אים געהויבן פון אָרט. ער האָט זיך געמוזט אַרויסרוקן פון זיין ווינקל און אויך אַ העלף טאָן. ער האָט מיט געניטקייט געבראַכט אין אָרדענונג די צעשטעלטע זאַלצן מיט די פּושקעס צוקער. און אליין אוועקגעטראָגן וואו מען דאַרף, פולע אָנגעפּאַקטע טאַצן מיט געשיר.

עס האָט ניט געהאָלפן וואָס דער זון האָט זיך אים אַלעמאָל געשטעלט אין וועג און אים געהאַלטן אין איין אויסרעדן ער זאָל דאָס ניט אָן. ס׳איז ניט שיין, האָט ער גע׳טענה׳עט; ער האָלט אָנגעשטעלטע צו טאָן די ארבעט...

— זעסט דאָך ווי זיי „טוען״ — האָט ליפּמאַן געענטפערט מעשה אַלטער רעסטאָראַטאָר — מענטשן זעצן זיך עסן און די טישן זיינען פאַרדריפּעט... וואָס אַרט דיך, אז איך העלף צו אַביסל. איך פאַרלאַנג ביי דיר ניט קיין געצאָלט...

זיין צו־העלפן האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. עפּעס ווי אויף להכעיס, האָט איינמאָל, פּונקט מיט אים באַדאַרפט טרעפן

א סיבה און עס איז אים ארויסגעפאלן אַ גאַנצע טאָץ מיט געשיר פון די הענט. ער איז אָבער זיכער, אז ס׳איז ניט געווען זיין שולד. ער געדענקט קלאָר, אַז פונקט אין דער מינוט ווען ער האָט געהאלטן אין ארויסשטעלן דאָס געשיר, איז אים אונטער די הענט אָנגעלאָפן איינער פון די אָנגעשטעלטע און אים אונטערגעשלאָגן.

דער שאָדן האָט דעם אלטן געשטאָכן אין הארצן. דער רעס־טאָראַן איז דאן געווען פול מיט מענטשן און דער הילכיגער בראַזג פון דעם צעבראָכענעם געשיר האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערק־זאמקייט. עס איז געוואָרן אַ טומל. מאַנכע האָבן זיך הירזשענ־דיג צעלאַכט, אַנדערע האָבן מיט לצנות אויסגערופן „מזל טוב!״

דאָס ערגסטע איז געווען ווען עס איז צו דעם צעטראסקעטן בערגל געשיר צוגעקומען דער זון.

— זעסטו שוין? — האָט ער דעם פאָטער גענומען שטעכן מיט איינגעהאלטענעם כעס — כ׳האָב דיר שוין הונדערט מאָל געבעטן, זאָלסט ניט העלפן, און דו הערסט ניט...

דער אלטער איז געשטאַנען טויט ווי די וואַנט, א דערשלאָ־גענער, א פארשעמטער.

— ס׳איז ביי מיר דאָס ערשטע מאָל, אז איך העלף־צו? — האָט ער זיך אָנגעטאָן א כוח צו פארענטפערן — אז זיי פליען ווי די טייוואָלים, די העלפערס דיינע. האָסטו געזען אזוינס! — אונטער די הענט איז ער מיר אונטערגעלאָפן!

* * *

ליפמאַן קען נאָך איצט אויך ניט פארטראָגן ווען ער זיצט אין דער קאפעטעריע און קוקט צו ווי א קאָסטימער זעצט זיך אמאָל אוועק ביי אַ ניט־צוגעראמטן טישל. ער ריט זיך שוין אָבער מער צו קיין זאך ניט צו. ער וויל ניט און ער טאָר ניט. עס טוט אים נאָך איצט אויך א קלאַפּ אין הארצן, אז ער דערמאָנט זיך אין יענעם בראַזג...

נאָכן עסן זיצט ער נאָך לאַנג פארדרוקט אין זיין ווינקל, ביי א גלאָז טיי. ער קוקט פארטיפט אריין אין א צייטונג מיט די

ברילן אויף די אויגן און זוכט ווידער א „סעיל״.

דאָס זיצן מיט די אויגן אין דער צייטונג מאכט אים גיך מיד. ער ווערט שלעפעריג און וואָלט זיך מחיה געווען ווען ער קען איצט כאפן א דרעמל.

אָבער איינדרעמלען זיצנדיג אין רעסטאָראַן, וויל ער ניט.

דערווייל איז אים דאָ באקוועם און ווארים צו זאצן און דער שלאָף רייסט זיך פון זיין גאנצן וועזן. ער שטארקט זיך אָבער ניט צו שלאָפן. ער וואקלט זיך, ער טוט יעדע ווײַלע אַ זופּ פון דער הייסער טיי.

דער שלאָף איז אָבער שטארקער פון אים. ביסלעכווייז לאָזט זיך זיין קאָפּ אראָפּ איבער דער אָפענער צייטונג און ער ווערט אַנטשלאָפן.

אויסמיידן אז דער זון זאָל ניט דערזען ווי דער אלטער שלאָפט, טרעפט זעלטן. ער ווייס שוין דעם פּאָטער׳ס שוואכקייט און האַלט שטענדיג אויף אים אן אויג. ווי נאָר ער דערזעט, אז דער אלטער פאַלט אריין אין א דרעמל, וואקסט ער באַלד אויס לעבן אים און נעמט אים וועקן.

— טאַטע... — וועקט ער דעם פּאָטער מיט אן אומצופרי־דענער מינע. — שלאָף ניט... גיי ארויף אין הויז, אז דו ביסט מיד.

ליפּמאן טוט זיך א כאפּ ווי אן אָפּגעבריטער.

— איך שלאָף ניט. — פּרואווט ער זיך פארענטפערן אביסל צעטומלט — איך זיץ אזוי...

— דו שלאָפסט יאָ. — טרעט דער זון ניט אָפּ. — איך זע דאָך... ס׳האָט א פּנים פון חוזק, אז דו זיצסט אין רעסטאָראַן און שלאָפסט. און אז איך זאָג דאָס דיר, הערסטו ניט...

ליפּמאן פילט זיך קליין און פארשעמט אין דעם זונ׳ס אויגן, ווען ער כאפּט אים ביי דעם „פארברעכן״. עס נעמט אים אין אזעלכע מינוטן דורך דאָס זעלבע שפּל׳דיגע געפיל, וואָס ער האָט געהאט אין יענעם טאָג, ווען עס איז אים ארויסגעפאַלן די טאַץ מיט די טעלער פון די הענט.

פון נאָכאמאָל איינדרעמלען איצט איז שוין נישטאָ וואָס צו

רעדן. ער איז שוין אן אויסגעניכטערטער, א צערודערטער. ער שטופט דאן נערוועז אריין די צייטונג אין איינע פון זיינע קע־שענעס, לאָזט זיך ביים ארויסגיין העלפן אָנטאָן דעם אויבער־ראָק פון איינעם פון די אָנגעשטעלטע, און געפינט א שטיקל פאר־לייכטערונג אין דעם, וואָס ער לאָזט דעם באדינער איבער א „טיפ"...

* * *

אין אַ טאָג ווען ליפמאן האָט זיך ניט וואו אהינצוטאָן, גייט ער אויך באזוכן אביסל זיין טאָכטער.

ליפמאן האָט זיין טאָכטער ליב און נאָך מער האָט ער ליב אירע קינדער — די אייניקלעך. די טאָכטער האָט אָבער אים ניט ליב. ער זאָגט ניט, אז די טאָכטער האָט אים פיינט, ער ווייס אָבער, אז קיין אָנגעלעגטער גאַסט איז ער ניט ביי איר. זי טרייבט אים, חלילה, ניט ארויס אז ער קומט, און זי פרעגט זיך אויף אים ניט נאָך, אז ער קומט ניט. א ברוגז אזא ביי איר.. זי איז ברוגז אויפן טאָטן אַלעמאַי ער האָט פיליפ'ן איבערגעגעבן דעם רעסטאָראַן מיט דער גאנצער באלעבאטישקייט, און איר, דער טאָכטער, האָט מען אפילו קיין „צעבראָכענעם" טעלער ניט איבערגעלאָזט...

איבערהויפט פארדריסט איר דער רעסטאָראַן. ביי יעדער גע־לעגנהייט צערעדט זי זיך פון דעם און ווארפט אויף דעם פאָטער די אומגערעכטיקייט וואָס מ'איז געגן איר באגאנגען.

— אפילו ווען די מאמע, עליה השלום, האָט געלעבט, איז פיליפ אויך אלעמאָל געווען דאָס אויבערשטע פון שטויסל — רעדט זי מיט פארדרוס — אַלץ האָט מען ארייגעשטופט אין פיליפ'ן.

דער פאָטער טראכט אָפט פון דעם און גיט צו, אז אינגאנצן אומגערעכט איז זי ניט, די טאָכטער זיינע. זי איז אויך זיין קינד און האָט אויך רעכט אויף דער ירושה. ער האָט אָבער אנדערש ניט געקענט. דער זון איז אַלע יאָרן געווען מיט אים צוזאמען, האָט אים געהאָלפן אין די ביזנעס, און ער האָט זיך כשר פארדינט, אז דער רעסטאָראַן זאָל בלייבן ביי אים. דאָס איז דער נדן וואָס ער האָט דעם זון געגעבן. די טאָכטער האָט איר נדן אויך באקומען. און דעם רעסטאָראַן דארף זי גאָרניט. זי האָט אן אייגענעם דעליקא־טעסען סטאָר און מאכט זיך א גאנץ פיינעם לעבן.

ער קען דאָס אָבער דער טאַכטער ניט געבן צו פאַרשטיין. און יעדעס מאָל, וואָס ער קומט צו איר, פאַרשטערט זי אים דאָס קאָפּ פאַרגעניגן וואָס ער וואָלט געהאַט.

ער מוז זיך אָבער דאָך פון צייט צו צייט אריבערכאַפּן אביסל צו דער טאָכטער.

אויפן וועג קויפט ער אַלעמאָל א גרויס שטיק שאָקאָלאַד פאַר זיין אינגסטן אייניקל און איידער ער קומט נאָך רעכט צו צו דער טאָכטער׳ס טיר, זוכט ער שוין דאָס אייניקל פון וויטן.

דאָס איז א זיבן־יאָריגער בחור׳ל, וועלכן ער טרעפט מייסטנס ארומשטיפן אין דרויסן ארום סטאָר, און צווישן דעם זיידן מיט דעם אייניקל ווערט א שמחה׳דיגע באַגעגעניש. דער קליינער חברה־מאַן ווייס שוין, אז זיין „גרענד־פּאַ״ קומט קיינמאָל ניט מיט ליידיגע הענט און ער וואַרט אפילו ניט ביז דער „גרענד־פּאַ״ וועט אים אליין געבן דאָס וואָס ער האָט אים געבראַכט. זיין קליין, פלינק הענטל כאַפּט זיך באַלד אריין אין דעם זיידנ׳ס טיפער קעשענע, ער טוט נאָך פלינקער א צי ארויס דאָס שטיק שאָקאָלאַד און פליט מיט דעם אריין צו דער מוטער מיט א גדולה.

די טאָכטער איז דוקא ניט צופרידן פון די נאַשערייען, וואָס דער פאָטער ברענגט דעם קינד. זי איז אים מוחל די „טובה״... זי האָט פיינט, אז דאָס קינד שטאָפּט זיך אָן דערמיט.

און זי גיט טאַקע באַלד א זאָג צום אַלטן א צערודערטע:

— כ׳האָב דיר שוין וויפיל מאָל געבעטן זאָלסט אים ניט ברענגען קיין שאָקאָלאַד, און דו טוסט זיך דיינס. ער פרעסט זיך אָן, דערנאָך דאַרף איך אים גיבן אן אָפּפיר־מיטל...

— עס וועט אים גאָרניט שאַטן — שמייכלט דער פאָטער גוטמוטיג און זעצט זיך שווער אוועק אין א ווינקל ביי אַ טישל. — איך קום אמאָל צוגיין און ברענג אים א שטיקל שאָקאָלאַד, איז דאָס ביי אים א גאַנצער יום־טוב.

נאָך מער קען די טאָכטער ניט פאַרטראָגן ווען דאָס זונדעלע אירס ווערט מיט דעם זיידן א גאַנצער מחותן און נעמט קאָמאַנדעווען איבער דער סטאָר מיט זיין שטעקן. דאָס איז ביי איר נאָך ערגער ווי די שטיקער שאָקאָלאַד. און אָפּרייסן דעם קליינעם חברה־מאַן

פון זיין „גרענד־פּאַ׳ס״ גלאַטן שטעקן, מיט וועלכן עס איז אַזוי גוט א שפּיל צו טאָן, איז ניט גרינג. ווי נאָר דער אַלטער זעצט זיך אַוועק, איז זיין שטעקן באַלד ביי דעם אייניקל אין די הענט און ער נעמט מיט אים מאַכן קונצן. ער רייט אויף אים ווי אויף א פערד, ער פאַרמעסט זיך צו מאַכן אים שטיין אַליין אויף זיין קליין איידל הענטל.

די מוטער ווערט פון דעם נערוועז יעדעס מאָל ווען איר „באָנ־דיטעל״ טוט א הויב אויף דעם שטעקן אין דער הויך, דאַכט זיך איר, אַז אָט פאָרט ער אריין מיט דעם שטעקן אין א שפּיגל און צעטראַס־קעט דעם שפּיגל אויף שטיקלעך.

— טו מיר אַ טובה און נעם ביי אים צו דעם שטעקן! — גיט זי שוין א זאָג צום פאָטער מיט גאַל — וועסט זען, אַז ער וועט באַלד צעטראַסקען אַ שפּיגל...

* * *

אַמאָל, אַז דער טאָכטער איז גוט אויפן האַרצן, איז זי צום פאָ־טער אביסל ווייכער. זי איז אים בכבד מיט א גלאָז טיי, זי פרעגט אים אַמאָל אפשר וועט ער עסן א קאָרנד־ביף סענדוויטש, און זי נעמט זיך צייט צוריידן מיט אים עטלעכע ווערטער.

אממייסטן צערעדט זי זיך פון די ביזנעס און טוט שוין אייב־וועגס א פרעג:

— ווי גייען עפּעס די ביזנעס ביי פיליפּ׳ן?

— פיין! — ענטפערט ליפּמאַן, זאָגנדיג דעם אמת — ער טוט זייער גוטע ביזנעס, פיליפּ.

דער ענטפער צערודערט באַלד דער טאָכטער׳ס איופגעלייגטקייט און זי ענטפערט אויפן חשבון פון אירע אַלטע קריוודעס:

— פאַרוואָס זאָל ער נישט טאָן קיין גוטע ביזנעס, אַז ער האָט אריינגענומען אזא רעסטאָראַן?... פיליפּ׳ן איז זיין ביזנעס אָנגע־קומען אביסל גרינגער ווי מיר... עס איז אים אריינגעפאַלן א גע־בראָטענע טויב אין מויל אריין...

און באַלד לייגט זי צו נאָך שאַרפער:

— אפילו דער מאַמעס זילבערנע לייכטער זיינען געבליבן ביי „אים״. אַלץ האָט מען אריינגעשטופּט אין פיליפּ׳ן...

זי וואָלט זייער געוואָלט, אז דער פאָטער זאָל איר כאַטש אוועק־
געבן דער מוטער׳ס זילבערנע לייכטער, וועלכע שטייען ביי אים
אין צימער.

ליפּמאַן וואָלט דאָס גערן געטאָן. ער האָט שוין אפילו דער
טאָכטער ניט איינמאָל געגעבן זיין וואָרט, אז די לייכטער זיינען
אירע. ער וויל אָבער אז דערווייל זאָלן נאָך די לייכטער שטיין ביי
אים.

פאַרוואָס? דאָס קען ער אפילו דער אייגענער טאָכטער נישט
דערקלערן. ער ווייסט נאָר, אז כל זמן ער לעבט, וויל ער האָבן
רבקה׳ס לייכטער לעבן זיך. די לייכטער זיינען ביי אים טייער.
די פרייטאָג־צו־נאַכטן שטעלט ער אין די לייכטער אריין אָנגעצונדענע
ליכט און ס׳איז אים פון דעם גוט אויפן הארצן. עס דערמאָנט אים
אָן זיין רבקה׳ן...

און יעדעס מאָל ווען די טאָכטער דערמאָנט די לייכטער, בליצט
אויף אין זיין מוח רבקה. און ער ענטפערט מיט אַן אומעטיגן
שמייכל:

— אז איך וועל שטאַרבן, מיין קינד, וועל איך גאָרנישט מיט־
נעמען מיט זיך... איך וועל אַלץ איבערלאָזן...

— וואָס דאַרפסטו עפּעס רעדן פון שטאַרבן? — כאַפּט אונטער
די טאָכטער מער פון יוצא וועגן — איך ווינטש דיר מיטן גאַנצן
האַרצן, זאָלסט זיין געזונט און שטאַרק, און דערלעבן ביז הונדערט
מיט צוואַנציק יאָר. ניט מער, אז איך דערמאָן זיך אָן דער מאַמע׳ס
לייכטער, פאַרדריסט מיך אביסל. איך קען שוין זען, אז די לייכטער
וועלן בלייבן ביי פיליפּ׳ן... מיר קומט גאָרנישט!... אפילו א צע־
בראָכענעם טעלער האָט מען מיר פון דער מאַמען נישט געגעבן...

נאָך אַזעלכע רייד און אָנצוהערענישן גייט ליפּמאַן אַלעמאָל
אַוועק פון דער טאָכטער מיט אַ שווער האַרץ. דעם גאַנצן וועג
אהיים גייט ער מיט שווערע נאָכלעסיגע טריט.

אין אזא פאַל קען זיך ליפּמאַן ניט איינהאַלטן און גייענדיק פון
דער טאָכטער מוז ער זיך אויף אַ ווײַלע אריינכאַפּן צו זיין אַלט־
באַקאַנטן בוטשער, קאַפּלאַן.

מיט דעם דאָזיגן קצב האָט ליפּמאַן געהאַנדלט כמעט אַלע יאָרן

וואָס ער האָט אין דער געגנט געהאַט זיין רעסטאָראַן.

קאַפּלאַן געפינט זיך נאָך איצט אויך אין דער זעלבער געגנט, און ליפמאַן וואָלט זייער געוואָלט אז זיין פיליפּ זאָל איצט אויך ביי אים קויפן פלייש פאַרן רעסטאָראַן. ער קען דאָס אָבער ביי דעם זון נישט פּועל׳ן. פיליפּ האָט אַ טענה, אז ער האָט אַ פּלאַץ וואו ער קריגט פלייש ביליגער ווי ביי קאַפּלאַנען.

דער פאָטער ליידט פון דעם, וואָס ער האָט מער קיין ברעקל דעה נישט אין געשעפט. יעדעס מאָל ווען ער באַגעגנט זיך מיט דעם קצב, פילט ער זיך שולדיג און האָט זיך ניט מיט וואָס צו פאַרענט־פערען.

— איר פאַרשטייט, מיין פריינט — טוט ער אָפּט שפּל׳דיג אַ זאָג צו דעם קצב — מען זאָגט אַ גלייכוואָרטל: אַן אָקס האָט אַ לאַנגן צונג און קען קיין שופר נישט בלאָזן... פיליפּ איז מיין קינד און איך מוז שווייגן...

דער גוטמוטיגער קצב מאַכט אָבער אַלעמאָל צו קליין געלט דעם אַלטנ׳ס פאַרדרוס. ער גיט דעם געוועזענעם רעסטאָראַטאָר אָפּ כבוד, ווי ער וואָלט נאָך איצט אויך געווען זיינער אַ קאַסטאָמער. אַמאָל, אין די ליידיגע בייטאָגן, ווען ליפמאַן גייט פאַרביי זיין קראָם און קומט נישט אריין, קלאַפּט ער אים אָן אין פענסטער און רופט אים.

ליפמאַן גייט דאַן מיט פאַרגעניגן אריין. ער זעצט זיך דאַן באַקוועם אוועק פּנים אל פּנים מיט זיין אַלט־באַקאַנטן קאַפּלאַנ׳ען און די צוויי מענטשן רעדן זיך דורך ווי אַ פּאָר אַלטע גוטע פריינט.

אין דער צייט קומט אויך אָפּט צו אַביסל בראַנפן וואָס קאַפּלאַן איז דעם אַלטן מכבד; מען טרינקט לחיים, מען וואַרפט אריין אַ גלייכווערטל...

און ער נעמט זיך אַראָפּריידן אביסל פון הארצן. ער באַקלאָגט זיך, ווי מאָדנע אייגענע קינדער זיינען; ער האָט אָפּגעהאָרעוועט אַ וועלט, פאַרזאָרגט יעדעס קינד מיט אַלץ וואָס ער איז געווען בכוח, און איצט, איז דער טאַטע ביי זיי אַן איבעריגער מענטש. קיינער דאַרף אים נישט. קיינער וויל אים נישט... דער זון קוקט אויף

אים קרום און די טאָכטער טראָגט אויף אים א כעס, אַלעמאַי ער גיט איר נישט אוועק דאָס „גרויסע" פארמעגן וואָס די מוטער האָט איבערגעלאָזט.

— וואָס דארפט איר מער — זאָגט ער צום סוף מיט ביטער־קייט, — זי ווייסט, די טאָכטער מיינע, אז עס שטייען נאָך ביי מיר אין צימערל מיין רבקה׳ס זילבערנע לייכטער, וואָלט זי געוואָלט איך זאָל איר כאָטש די לייכטער אוועקגעבן. אפילו דאָס קישן אויף וועלכן איך שלאָף וואָלט ביי איר רעכט געווען פון מיר אַוועקצונע־מען... און אַלץ מיט טענות, מיט בייזקייט... זי קען אפילו נישט פארטראָגן אז איך קום צוגיין און ברענג אמאָל דעם קינד אירן א שטיקל שאָקאָלאַד. עס קומט ביי איר אויס, אז פונקט מיין שטיקל שאָקאָלאַד וועט דעם קינד פארשאַטן... „כאַזעריי", הייסט דאָס ביי איר... באשר דער מאַמעס לייכטער ווילט זיך איר — איר פאר־שטיים?

און דער אַלטער לאָזט ארויס אַ טיפן זיפץ...

# דער מאַנטל האָט גערעדט

שוין עטלעכע טעג, אַז ביי די רעלקינס האַלט אָן אַ ברוגז און ס׳איז נאָך ביי זיי אַפילו ניט קיין סימן פון אַן איבערבעט. דאָס ברוגז׳ן זיך איז שוין ביי דעם פאָר־פאָלק אַן איינגעוואָרצלטע געוואוינהייט: מען צעווערטלט זיך איבער אַ קלייניקייט און עס קומט אַרויס אַ פאַר׳עקשנ׳טער ברוגז. ביידע האַלטן זיך פאַר גערעכטע, און דאָס איבערבעטן קומט בלויז דאַן, ווען אין הויז טרעפט עפּעס אַ צופאַל, איבער וועלכן מען קען זיך ניט העלפן און מען מוז אָנהויבן צו רעדן.

דערווייל עסן מאַן און ווייב ביי איין טיש. מען שלאָפט אויף איין געלעגער און דער ברוגז האַלט אָן.

דאָס מאָל איז דער ברוגז אַרויסגעקומען צוליב אַ נייעם מאַנטל, וואָס די מיסעס רעלקין האָט זיך היינטיגן ווינטער געגרייט צו קויפן. זי האָט אָבער געוואָלט קויפן עפּעס „רעכטס״ — אַ מאַנטל כאָטש פאַר אַ הונדערט דאָלער.

— ווייניגער ווי פאַר הונדערט דאָלער קען איך קיין לייטישן מאַנטל ניט קויפן — און קיין שמאַטע וויל איך ניט.

געריכט האָט זיך די מיסעס רעלקין היינטיגן ווינטער גאָר אויף אַ פוטער־מאַנטל. רעלקין האָט אויף דעם געגעבן אַ האָפענונג נאָך פאַראַיאָרן. „אויב ביזנעס וועט זיך פאַרבעסערן — האָט ער איר געזאָגט — קויף איך דיר קומענדיגן ווינטער זיכער אַ פוטער־מאַנטל״..

פון קויפן היינטיגן ווינטער אַ פוטער־מאַנטל, איז אָבער ניט געווען וואָס צו רעדן. ביי רעלקינ׳ען האָבן זיך די ביזנעס ניט פאַרבעסערט, און עס איז אים אַפילו שווער געווען צו קויפן פאַר זיין פרוי אַ געוויינלעכן מאַנטל; יעדנפאַלס, ניט פאַר קיין הונדערט דאָלער.

— קענסט פאַר פופציג דאָלער אויך קריגן אַ פיינעם מאַנטל — האָט ער איר געפּרואוווט איינרעדן — ווען ביזנעס וואָלט געווען גוט, וואָלט געווען עפּעס אַנדערש...

— איך וויל ניט קיין שמאַטע! — האָט אים די פרוי איבער־געשלאָגען מיט ביטערקייט — איך קויף ניט יעדן טאָג קיין מאַנטל, און איך וויל ניט אויסקוקן ווי אַ שלעפּערקע! האָסט דאָך מיר צוגע־זאָגט אַ פוטער־מאַנטל!...

דער סוף איז געווען, אַז דווקא אין די טעג פון ברוגז האָט זיך מיסעס רעלקין אוועקגעלאָזט אין אַ דעפּאַרטמענט סטאָר צוזאַמען מיט איר אַ קוזינע און געקויפט אַ מאַנטל. דער עיקר איז געווען, וואָס זי האָט דעם מאַנטל געקויפט אויף אַ „סעיל", און גאָר ביליג. אַ פינף־און־אַכציג דאָלערדיגן מאַנטל פאַר פיר־און־דרייסיג דאָלער מיט פינף־און־ניינציג סענט... דאָס איז אַ מאַנטל, פונקט ווי זי האָט געוואָלט.

א חוץ דער קוזינע, האָט די מיסעס רעלקין אין יענעם טאָג אויך געוויזן דעם מאַנטל אַ פּאָר פון אירע שכנים, וועלכע וואוינען מיט איר אויפן זעלבן שטאָק, און אַלע זיינען געווען אַנטציקט. זי האָט פאַר די באַקאַנטע אפילו ניט געזאָגט דעם אמת, וויפיל דער מאַנטל קאָסט. עס האָט געהייסן, אַז זי האָט באַצאָלט דעם פולן פּרייז — פינף־און־אַכציג דאָלער, און זיי האָבן דאָס אויך געהאַלטן פאַר ביליג.

— פינף־און־אַכציג דאָלער איז גאָר קיין געלט ניט פאַר אַזאַ מאַנטל — האָט איר איין פרוי געזאָגט — דער מאַנטל איז אַ מציאה הונדערט...

אינגאַנצן צופרידן איז נאָך אָבער מיסעס רעלקין איצט אויך ניט געווען. דער הויפּט־מבין האָט באַדאַרפט זיין איר אייגענער מאַן, רעלקין. זי האָט שטאַרק פון איר מאַנ'ס געשמאַק, און אַז „ער" וועט זאָגן, אַז דער מאַנטל געפעלט אים, איז דאָס ביי איר וויכטיגער ווי אַלעמענס מבינות.

אָבער ווייזן היינט רעלקינ'ען דעם מאַנטל, ליגט אַ גרויסער שטיין אין וועג — דער ברוגז... זי וועט די ערשטע ניט אָנהויבן צו אים רעדן, ווען מען „ברענט" זי אפילו...

דערווייל איז איר גאַנצע האָפענונג געלעגן אין דעם מאַנטל

גופא. זי האָט דעם מאַנטל מיט א כיוון אויפגעהאנגען ביים סאַמע אריינגאַנג פון שלאָף־צימער אין זיין גאנצן פארנעם, און ווען רעלקין איז אהיימגעקומען, האָט זי פון אים ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג. עס האָט זיך איר געדאכט, אז אַט דערזעט ער דעם מאַנטל, און ער הויבט אָן רעדן.

עס איז אָבער געווען אנדערש. רעלקין האָט דעם מאנטל דוקא ניט דערזען. אָדער אפשר האָט ער אים יאָ באַמערקט, און זיך געמאכט ניט ווויסנדיג. יעדנפאַלס, איז ביי אים היינט די וועטשערע דורכגעגאנגען ווי אלעמאָל אין א צייט פון ברוגז — אָן לשון. נאָכן עסן האָט ער מיט דעם זעלבן ברוגז'ן שווייגן פאר־רויכערט א ציגאַר, אָנגעטאָן די ברילן און זיך פאררוקט אין א ווינקל מיט א צייטונג אין די הענט...

דער פרוי גייט אָבער פשוט אין לעבן... אונטער אלע אומשטענ־דען מוז היינט רעלקין זען דעם מאַנטל. אָפּלייגן קען זי דאָס ניט. אויב דער מאַנטל וועט אים ניט געפעלן ווערן, קען זי נאָך מאָרגן צוריקקריגן דאָס געלט, אָדער אומבייטן אויף אָן אנדערן. אזוי האָט מען איר געזאָגט אין קראָם — ניט שפּעטער ווי ביז מאָרגן...

זי שטייט ווי אויף שפּילקעס און זי קאָן זיך קיין עצה ניט געבן. בלויז איין וואָרט, ווען רעלקין רעדט איצט, וואָלט שוין געווען גוט... ער שווייגט אָבער, און זי וועט אויך ניט אָנפאנגען די ערשטע. זי איז קיינמאָל ניט געווען די ערשטע אים איבערצובעטן, און זי וועט דאָס איצט אויך ניט טאָן.

עס איז איר אָבער מיט אמאָל איינגעפאלן א זאך, וואָס האָט זי דאָך ארויסגעראטעוועט פון דער שווערער לאגע. זי האָט זיך דערמאָנט. עס טוט איר ווי די האַנט...

אויף דער האַנט ליידט שוין די מיסעס רעלקין א לענגערע צייט. דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט, אז דאָס איז „ניוראַלדזשיע". אז עס כאַפּט איר אָן, איז דער ווייטאָג גרויס...

איצט האָט איר דער ווייטאָג אפילו גיט געארט. עס האָט איר נאָך געפרייט...

אינמיטן וואַשן דאָס געשיר האָט עס איר א „כאַפּ" געטאָן... מיט די נאסע הענט און פארקאשערטע ארבל האָט זי זיך באלד גע־

מוזט א זעץ טאָן אויף א שטול און זי האָט זיך געגומען דרייען אין אזלעכע „יסורים״, אז רעלקין וואָלט באדארפט זיין א גזלן צו בלייבן גלייכגילטיג.

— וואָס איז?... — איז ער צו איר צוגעקומען א דערשלאָגענער.

— די האנט... — ענטפערט די „ליידנדע״ קוים פון „ווייטאָג״ — מיט אמאָל האָט עס מיך אָ כאפּ געטאָן...

— איך וועל דיר איינשמירן די האַנט מיט אביסל „לינימענט״, ווילסט?...

אפילו ווען ס׳איז נויטיג, האָט די מיסעס רעלקין אויף פיינט דעם לינימענט ווי דעם טויט. ערשטנס, איז דאָס א שמירעכץ, וואָס ברענט ווי א פייער, און, צווייטנס, האָט דאָס עפּעס אזא משונה׳דיגן גערוך, אז מען קען עס ניט פאַרטראָגן.

און זי ענטפערט מיט דעם כלומר׳שטדיגן „ווייטאָג״:

— וואַרט נאָך אונטער מיט דעם לינימענט... עס קען זיין, אז עס וועט מיר אפשר אָפּלאָזן...

עס לאָזט איר טאקע באלד אביסל אָפּ און זי זאָגט שוין פרייער:

— דאָס בין איך אליין שולדיג... דאָס האָב איך זיך היינט מסתמא צוגעקילט ארונטערפאָרנדיג דאון־טאַון... עס איז היינט גראָד געווען אן אויספארקויף אויף מאַנטלען, טראכט איך: איך וועל צו־פאָרען א קוק טאָן... אזוי... אָט דאָרט הענגט ער, דער מאנטל, וואָס איך האָב געקויפט. דער סוף וועט זיין, אז איך וועל אים נאָך אפשר מוזן צוריקגעבן. מיר דאכט זיך, אז ער פּאַסט מיר גאָרניט...

באַלד איז שוין דער מאַנטל ביי רעלקינ׳ען אין די הענט, און ער זאָגט מיט א גוטמוטיגן פאַרוואור:

— אז דו האָסט געזען, אז דער מאַנטל פּאַסט דיר ניט, פאַר־וואָס האָסטו געקויפט? מעסט אָן, וועל איך א קוק טאָן.

— איך ווייס גאָרניט, צי איך וועל איצט דעם מאנטל קענען אָנמעסטן — ענטפערט זי קרעכצנדיג — אוי, די האנט וועט מיך טרייבן פון דער וועלט...

פונדעסטוועגן טוט זי זיך אָן א כוח, און, מיטן מאַנ׳ס הילף, ציט זי קוים, קוים דאָך אויף זיך ארויף דעם בגד.

— דער מאַנטל ליגט אויף דיר ווי צוגעשניטן! — געפינט ניט

רעלקין קיין שום חסרון — ס׳איז א שיינער מאנטל, ווי גאָלד, און דו דארפסט אים ניט איבערבייטן.

זי האַלט איין איר פרייד, און זי פרעגט מיט אן אומשולדיגער מינע:

— ס׳איז ניט אביסל צו־ברייט?...

— א האָר אויך ניט.

— און דער קאָלנער געפעלט דיר? איך קען נאָך אומבייטן אויף אן אנדער קאָלנער.

— דארפסט גאָרניט איבערבייטן — פארזיכערט איר דער מאן.

פון דעם פרייז איז רעלקין גאָר געוואָרן נתפעל:

— ביליג ווי באָרשטש! — האָט ער א זאָג געטאָן, א צופרי־דענער — אין מיינע אויגן איז דאָס נאָך שענער ווי א פוטערנער מאנטל.

— א פוטערנער מאנטל איז אביסל שענער — לאָזט זיך דאָס ווייבל ניט איינרעדן — כ׳האָב היינט געזען אין סטאָר פוטערנע מאנטלען, וואָס פארכאפן אזש דאָס אויג...

— אז ס׳וועט קומען די צייט, וועסטו נאָך האָבן א פוטערנעם מאַנטל אויך — גיט איר דער מאן א האָפענונג — זאָל נאָר ווערן א ביסל בעסער די צייט...

— זאָג מיר בעסער ניט צו — געפעלט ניט דער פרוי איר מאנ׳ס צוזאָג — כ׳האָב שוין געזען, וואָס עס קומט ארויס פון דיינע צוזאָגעכצן...

עס האָט קיין סך ניט געפעלט, עס זאָל איצט ביי דעם פּאָר־פאָלק ווידער קומען צו א שארפן איבעררייד. דערצו האָט אָבער ניט דערלאָזט דער מאנטל, וואָס די מיסעס רעלקין האָט איצט אויף זיך געטראָגן.

ס׳איז איר איצט געווען אזוי גוט אויפן הארצן, אז עס האָט זיך איר גאָרניט געגלוסט דעם מאנטל אויסצוטאָן. אלע צימערן זיינען איצט צוליב דעם מאנטל געווען באלויכטן, און וואו נאָר א שפיגל, איז די פרוי געשטאנען און זיך באקוקט.

# אַ מאַמע

געבויגן פון עלטקייט, מיט טיפע קאַרבן אויף איר פּנים, שטייט זי ביים סאַמע אַריינגאַנג פון אַ סאַבוועי און איר קול ציטערט מיט געבעט:

— קויפט א פעיפער, גוטע מענטשן; פאַרדינט אַ מצוה...

די פרוי איז נאָך ניט אַזוי אַלט ווי זי קוקט אויס. דאָס האָט זיך אויף איר אַרויפגערוקט די עלטער ערשט אין דעם איינעם יאָר, זינט עס האָט איר געטראָפן דאָס אומגליק.

אַ גרויס אומגליק האָט איר געטראָפן. זי האָט איין־איינציגן זון, וועלכער איז געווען איר גאַנצער שפייזער, האָט מען גענומען און אים פאַרשיקט אויף צען יאָר אין טורמע.

די אַלטע ווייס אפילו ניט אַקוראַט, ווען און ווי אַזוי דאָס האָט געטראָפן. זי ווייס נאָר, אַז פּלוצלונג, ווי אַ דונער וואָלט פון ערגעץ געקומען — האָט מען אים אין אַ שיינעם פרימאָרגן אוועקגענומען פון הויז און מער האָט זי אים ניט געזען.

פאַרוואָס? — פאַר גנבה. מען האָט איר געזאָגט, אַז איר מאָרי מיט עפּעס נאָך איינעם פון זיינע חברים, זיינען באַגאַנגען אַ גנבה...

די מוטער וואָלט געשוואָרן ביי א ספר תורה, אַז דאָס איז ניט אמת. זי איז ביי זיך זיכער, אַזוי ווי עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, אַז מען האָט איר קינד אומזיסט און אומגישט פאַר־שיקט.

בשום אופן קען איר מוח ניט באַנעמען, אַז איר מאָרי זאָל קענען טאָן אַזאַ זאַך. ווען ער וואָלט געווען אַ שלעכט קינד און געגאַנגען אין שלעכטע וועגן, וואָלט זי דען ניט געזען? ער איז דאָך שטענדיג געווען לעבן איר. זי האָט דאָך געזען מיט אירע אייגענע אויגן ווי ער איז יעדן טאָג אהיים געקומען אַ פאַרשמיר־טער פון דעם גאַראַדזש, וואו ער האָט געאַרבעט, און יעדן סענט

וואָס ער האָט פאַרדינט האָט ער דאָך איר, דער מאַמען, אָוועקגעגעבען...

— עס איז מיר א בושה אין פנים און א ווייטאָג אין הארצן — רעדט זי אָפט מיט טרערן. — ער איז דאָך מיר געווען אזוי געטריי, אַז מענטשן האָבן מיך מקנא געווען. ווי אַן אויג אין קאָפּ בין איך דאָך ביי אים געווען...

די אַלטע איז כמעט ווי זיכער, אַז ווען זי וואָלט ניט געווען אזוי פאַראָרימט, וואָלט זי נאָך איצט אויך געקענט איר זון ראַטעווען. דער לאָיער האָט איר אויך געזאָגט אז מען וואָלט געקענט. און זי האָט שוין אפילו ווען דעם געהאט געמאכט אַן אָנהויב. יעדעס ברעקל פון איר באַלעבאָטישקייט האָט זי צוליב דעם פארקויפט. אַלע מלבושים וואָס מאַרי האָט איבערגעלאָזט. זיין גאָלדן זייגערל מיטן רינגל וואָס ער האָט געהאט... עס איז אָבער געווען ניט מער ווי אַן אָנהויב. עס דארף קאָסטן א סך מער, און אַן געלט וויל איר קיינער ניט העלפן.

וואו איז איצט איר היים?

די אַלטע שעמט זיך אפילו צו ברענגען אויף די ליפּן צו וואָס פאַר אַ לעבן זי איז איצט געקומען.

אין א ווינקל פון אן ענגן פינסטערן צימערל שטייט א בעטל, לעבן בעטל אַ בענקל — דאָס איז איר היים. זי האַלט זיך אויף ביי אַן אָרימער פאמיליע טאקע אין דעם זעלבן הויז וואו זי האָט געוואוינט פריער, און עפּעס אַ סאָסייעטי צאָלט פאר איר יעדע וואָך עטלעכע דאָלער.

זי, די אַלטע אליין, קריגט פון די עטלעכע דאָלער אפילו קיין סענט ניט. מען גיט איר בלויז דאָס וואָס די סאָסייעטי האָט געהייסן — יעדן טאָג אַביסל געקעכץ און דאָס ווינקל מיטן געלעגער.

אין דעם אָרים שטיבל ווערט דער אַלטער בלויז ליכטיג איין מאָל אַ חודש, ווען זי באַקומט פון איר מאַרי׳ן אַ בריוו.

ווי ליכטיגע שטערן שיינען פאר איר די ווערטער וואָס מאַרי שרייבט. „טייערע מאַמע״, פאַנגט ער אָן יעדן בריוו...

די בריוו ליגן ביי איר פאַרזיכטיג פאַרפּאַקט און פארבונדן

אונטערן קישן פון איר צוקאָפּנס, און זי היט זיי ווי אַ טייערן אוצר.

אַז זי וואָלט כאָטש איין מאָל געקענט פאָרן אַהין וואו איר מאַרי געפינט זיך און אים זען, וואָלט זי מער גאָרניט געוואָלט. און זי האָפט אַז אינגיקב וועט יז דאָס קענען באַווייזן. צוליב דעם איז זי דאָס טאַקע געוואָרן אַ פאַרקויפערין פון צייטונגען. און וויפיל עס דאַרף קאָסטן דאָס פאָרן אַהין, ווייס זי שוין אויך. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט און אויסגעפונען אַקוראַט: — פופצן דאָלער, האָט זי באַרעכנט. אַ צען דאָלער, האָט מען איר געזאָגט, דאַרף קאָסטן דאָס פאָרן, און כאָטש פינף דאָלער וועט זי מוזן איבערלאָזן מאַרי׳ן.

אין אָוונט ווען זי זיצט אין דער היים אויף איר בעטל, ציט זי אַרויס פון איר בוזים אַן אויפגעגייט בייטעלע מיט אַ בענדל, וואָס הענגט ביי איר אויפן האַלז, און ציילט פאָרזיכטיג איבער וויפיל זי האָט שוין פון די צייטונגען אָפּגעשפּאָרט.

פון פופצן דאָלער איז נאָך אָבער ווייט. זי האָט נאָך אפילו קיין צען אויך ניט. זי האָפט אָבער, אַז זי וועט האָבן. זי זאָל נאָר זיין בכוח צו פאַרדינען...

קיין סך כוח האָט זי שוין אָבער ניט. איבערהויפּט פילט זי דאָס אין די פיס. אַז זי קומט אין אָוונט אַהיים, פילט זי ערשט וואָס פאַר אַ צרה׳דיגע פיס זיינען ביי איר געוואָרן. וואו זי גיט אַ ריר, טוט וויי... און דער אָטעם איז שוין ביי איר אויך ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין. אפשר צען מאָל מוז זי זיך אָפּשטעלן ביז זי קריכט אַרויף דעם באַרג טרעפּ.

שכנים וועלכע ווייסן וואָס פאַר אַ לייטישע באַלעבאָסטע די אַלטע איז ערשט מיט אַ יאָר צוריק געווען, קוקן אויף איר מיט רחמנות.

— אַז אָך און אַז וויי וואָס די פרוי האָט דערלעבט — שאָקלט מען אומעטום מיט די קעפּ — אויף אַלע שונאים געזאָגט אַזאַ עלטער מיט אַזאַ לעבן.

זי גיט זיך אָבער ניט אונטער, די צעווייטאָגטע מאַמע. די פרימאָרגנס מעגן זיין ווי קאַלט און רעגנדיג, אפילו אין אַ זאַווערוכע, האָט נאָך קיין מאָל ניט געטראָפן זי זאָל מיט איר פּעקל

# ש ר י פ ט ן

צייטונגען ניט קומען אין צייט צו דער סאָבוועי.
מיט דעם כוח פון איר אומגליקלעכן מאַרי׳ן שטייט זי דאָרט;
מיט דער גאָלדענער האָפענונג, אז זי וועט אים אין קורצן פאָרן
זען. זי וועט אים מוזן זען...
און איר קול ציטערט נאָך טיפער:
— קויפט א פעיפער, גוטע מענטשן; פאַרדינט א מצוה...

# פאַרשפּעטיגטע ליבע

די ליבע צווישן מרימ׳ען און בערנאַרד׳ן האָט זיך אָנגעהויבן ווען זיי זיינען נאָך כמעטביידע געווען קינדער. זיי זיינען גע־בוירען און אויפגעבראַכט געוואָרן אין איין שטאָט, געוואוינט אויף איין גאַס, געגאַנגען אין איין שולע און פון קינדווייז אָן איז ביי זיי געוואָרן אַ צוגעבונדנקייט פון פאַרליבטע.

אין מרים׳ס זכרון איז נאָך ביז היינטיגן טאָג ווי איינגע־קריצט יענע זומערדיגע פאַרנאַכטן, ווען זי פלעגט זיך טרעפן מיט בערנאַרד׳ן ערגעץ אויף אַ געהיימען שמאָלן וועג, הינטערן שטאָט. און עס איז ניט געווען אַזוי גרינג אין יענער צייט צו טרעפן זיך מיט אַ געליבטן אויג־אויף־אויג. זייער שטאָט איז געווען אַ קליינע און אַ פרומע און די קלענסטע אומפּאַרזיכטיקייט פון אַזאַ טרעפן זיך איז געווען פאַרבונדן מיט אַלע שרעקן פון דער וועלט. די שרעק איז אָבער געווען אַ זיסע, אַן אומפאַרגעסלעכע.

מער ווי אַלץ האָט מרים ניט פאַרגעסן דעם לעצטן טאָג, ווען זי, שוין אַן אַכצן יאָריגע, האָט געמוזט פאָרן קיין אַמעריקע און לאָזן בערנאַרד׳ן אין דער היים. איבערהויפּט געדענקט זי דעם לעצטן פאַרנאַכט ווען זיי האָבן זיך געזעגנט... יענער פאַרנאַכט איז געבליבן אין איר זכרון, ווי איינגעקריצט...

— מרימ׳ל — האָט דאַן בערנאַרד צו איר גערעדט אין צי־טערניש — איך וויל זאָלסט וויסן, אַז כאָטש מיר האָבן ניט גע־שריבען קיין תנאים, זיינען מיר חתן־כלה... איך האָף, אַז אין קורצן וועלן מיר זיין צוזאַמען... און זאָג מיר צו, אַז דו וועסט מיר שרייבן אָפטע בריוו.

מרים וואָלט זיך אפשר געשעמט פאַר אימיצן צו דערציילן, אַז כאָטש עס איז שוין אָוועק פינף און צוואַנציג יאָר פון יענער

צייט, ליגן נאָך ביי איר אַלע בריוו, וואָס בערנאַרד האָט איר אַמאָל געשריבן.

גאַנצע צוויי יאָר איז דאָס בריוו שרייבן ביי זיי אָנגעגאַנגען. אַלע קלוגע רייד און ליבע־אויסדרוקן, וואָס בערנאַרד האָט פאַרמאָגט, האָט ער אַריינגעשריבן אין די בריוו צו זיין מרים׳ען. אויך האָט ער אין יעדן בריוו איר פאַרזיכערט, אַז ער ציילט די טעג און די שעה׳ן, עס זאָל שוין קומען דער גליקלעכער טאָג ווען זיי וועלן זיין צוזאַמען.

אפילו דער לעצטער בריוו זיינער איז געווען פול מיט ליבע.

בערנאַרד איז אָבער צו מרים׳ען קיין אַמעריקע, קיינמאָל ניט געקומען. ער האָט ניט געקענט קומען. אַליין אַ פאַרצויגענער בן יחיד פון אַ רייכער היים מיט אַ טאַטן פון אַן אייגענער לעדער־פאַבריק, האָט מען אים געהיט מיט טויזנט אויגן. פון לאָזן דעם בן־יחיד פאָרן קיין אַמעריקע האָט אפילו קיין רייד ניט געקענט זיין. נאָך מער זיינען טאַטע־מאַמע געוואָרן פאַרציטערט, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט אין ווען דער זון זייערער האָט זיך פאַרליבט. מרים איז ביי זיי געווען ניט מער ווי אַ פשוט׳ע שניידער־מיידל, פון אַ קבצנישער משפחה. און אַזאַ שידוך האָבן זיי ניט געקענט דערלאָזן..

גאָר גרינג האָט זיך דער פאַרליבטער בערנאַרד ניט אונטער־געגעבן. ער האָט זיך אין אָנפאַנג געמאַכט הארץ און זיך אַנטקעגן געשטעלט מיט עקשנות. עס איז אויך געקומען צו געוויין. איינ־מאָל האָט ער אפילו געסטראַשעט, אַז אויב מען לאָזט אים ניט פאָרן צו מרים׳ען קיין אַמעריקע, גייט ער זיך טרינקען.

עס איז אָבער צו קיין שלעכטס ניט געקומען. מען האָט דעם „פאַרטשאַדעטן" זון ביסלעכווייז אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ די אַלע איינרעדענישן און גאָר אינגיכן האָט מען אים חתונה געמאַכט מיט אַן אַנדערע.

ערשט איצט — אין פינף און צוואַנציג יאָר אַרום — אין דער דאָרטיגער שווערער צייט, וואו מען איז ניט זיכער געווען מיטן לעבן, האָט בערנאַרד געמוזט איבערלאָזן די לעדער־פאַבריק, וואָס ער האָט גע׳ירש׳נט פון זיין פאָטער און ער האָט זיך מיט זיין הויזגעזינט קוים געראַטעוועט קיין אַמעריקע.

— וואָס מאַכט מרים? — האָט ער באַלד נייגעריג אַ פרעג גע־

טאָן זיין לאַנדסמאַן, וועלכער האָט אים געהאָלפן קומען אהער — איך וואָלט וועלן האָבן איר אַדרעס...

ווען בערנארד וואָלט געקומען קיין אַמעריקע אינגאַנצן מיט צוויי יאָר צוריק, וואָלט ער נאָך מרים׳ען געפונען ניט קיין פאַרהיי־ראַטע.

עס וואָלט אפשר געווען ניט ריכטיג צו זאָגן, אַז בלויז בערנארד איז געווען די אורזאַך וואָס מרים איז פאַרבליבן אַ פאַרעלטערטע מיידל. אַ טיפן ריס האָט ער אָבער דאָך איבערגעלאָזט אין איר האַרצן. כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז ס׳איז אַ פאַרפאַלענע זאַך, אַז זי קען בערנארד׳ן מער ניט האָבן, איז די שענסטע צייט פון איר יוגנט אַוועק אין בענקשאַפט נאָך אים. עס האָט שוין אפילו ניט גע־האָלפן וואָס זי האָט זיך שפּעטער געגומען אין די הענט אַריין און זיך דוקא יאָ געסטאַרעט צו געפעלן אַנדערע. עס איז אָבער געווען אומזיסט. עס האָט זיך בשום אופן ניט געקלעפּט צו איר קיין יונ־גערמאַן. און וואָס ווייטער עס האָט זיך מרים׳ען ניט איינגעגעבן צו קריגן קיין חתן, אַלץ שטאַרקער האָט זיך אין איר געוועקט די בענקשאַפט צו בערנארד׳ן.

מרים וואָלט שוין אינגאַנצן זיך אַנטוישט אין דעם געדאַנק וועגן חתונה־האָבן, ווען ניט אַ צופאַל. דער צופאַל איז געקומען דורך אירער אַ שוועסטער, וועלכע איז פּלוצלונג געשטאָרבן און איבער־געלאָזט אַן אַלמן מיט צוויי קליינע קינדער. במילא איז שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז באַלד, פון דעם ערשטן טאָג נאָך דער שוועסטער׳ס טויט, האָט שוין מרים ניט געקענט אָפּטרעטן פון דער שוועסטער׳ס הויז און געמוזט נעמען די קינדער אונטער איר שוץ. עס האָט גאָר אַנדערש ניט געקענט זיין. זי האָט די קינדער אַלעמאָל ליב געהאַט, ווי זיי וואָלטן געווען אירע אייגענע, און איצט האָט זי זיך צו זיי געפילט נאָך מער צוגעבונדן.

מרים זאָגט ניט, אַז מיט דעם וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם שוואָגער, האָט זי זיך געמאַכט פאַר אַ קרבן. קיין גליק האָט דאָס איר אָבער ניט געבראַכט. אַלס שוואָגער איז איר דער שוועס־טער׳ס מאַן געווען סימפּאַטיש, אָבער דער געדאַנק, אַז זי לעבט איצט מיט דעם זעלבן מאַן, וועלכער האָט געלעבט מיט איר שוועסטער,

לאָזט איר ניט רוען. עס צופּט איר אין האַרצן. עס איז איר דערווידער יעדע נאָענטקייט מיט אים. זי האָט אָבער אַנדערש ניט געקענט. זי וואָלט זיך קיינמאָל ניט געקענט מוחל זיין, אַז אַ פרעמדע פרוי זאָל ווערן די שטיף־מאַמע פון דער שוועסטער׳ס צוויי קינדער, וועלכע זיינען אַזוי איינגעבאַקן אין איר האַרצן...

* * *

בערנאַרד האָט ניט געהאַט קיין געדולד לאַנג צו וואַרטן. ווי נאָר ער האָט זיך דערוואוסט וואו מרים וואוינט, איז ער געלאָפן צו איר.

עס איז געווען אַ רירנדער מאָמענט פון זייער ערשטן טרעפן זיך. ביידע, בערנאַרד און מרים, זיינען אויף דער מינוט שטיין געבליבן ווי עס וואָלט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיי דער אָטעם.

— מרים... — האָט בערנאַרד דער ערשטער אַ מורמל געטאָן, שלינגענדיג זי מיט די אויגן. ער האָט ניט אָפּגעלאָזט איר האַנט און צוגעגעבן ווי אין חלום: — די זעלבע מרים...

יאָ, עס איז געווען די זעלבע מרים, נאָר מיט פינף און צוואַנציג יאָר שפּעטער... אויך אויף בערנאַרד׳ן האָט זיך איצט אַ היפּש ביסל אָנגעזען די צאָל יאָרן, וואָס ער האָט אויף זיך געטראָגן. מרים האָט אים קוים דערקענט. אָנשטאָט דער יונגער איין־און־צוואַנציג יעריגער בחור׳ל, וועלכער האָט שטענדיג געלעבט אין איר זכרון מיט זיין גאַנצער יוגנטלעכער צאַרטקייט, איז איצט געשטאַנען פאַר איר אַ צעוואַקסענער פוללייביגער מאַן מיט אַ היפּש ביסל גרויע האָר אויפן קאָפּ, און מיט אַ פּנים וואָס האָט דערציילט פון פיל איבערלעבונגען...

עס איז אָבער דאָך געווען בערנאַרד...

— זיץ — האָט זיך מרים גערויטלט און אים אָנגעוויזן אַ שטול

— אויף אַזאַ גאַסט האָב איך זיך גאָרניט גערעכנט.

בערנאַרד האָט זיך געזעצט און געזאָגט מיט אַן אומעטיגן שמייכל:

— אַ סך זאַכן קומען אומגעריכט. איך ווייס ניט צי דו וועסט מיר גלויבן, אָבער דער אמת איז, אַז דער איינציגער וואונטש איז ביי מיר געווען איך זאָל דיך נאָך אַמאָל זען...

ביי מרים׳ען זיינען פייכט געוואָרן די אויגן.

פון דעם טאָג אָן איז בערנאַרד געוואָרן ביי מרים׳ען אָן אָפטער איינגייער. מרים׳ס הויז איז ביי אים געוואָרן ווי א צווייטע היים. אָפטמאָל זיצט ער ביי איר שעה׳ן לאַנג און אַלעמאָל האָט ער איר עפּעס אנדערש צו דערציילן פון זייער אַלטער היים. און מרים׳ען ווערט קיינמאָל ניט לאַנגווייליג צו זיצן און אויסהערן וואָס בערנאַרד דערציילט. אַלע קוואַלן פון אירע יונגע יאָרן עפענען זיך פאַר איר.

מרים איז געוואָרן אַן אַנדערע זינט בערנאַרד איז געקומען. דער גאַנג פון איר גאַנצן לעבן האָט זיך געביטן. זי איז פאַראינטערע־סירט צו זיין בעסער אָנגעטאָן, זי גיט זיך מער אָפּ מיט איר באַלע־באַטישקייט. כאָטש די היים פון דער שוועסטער פאַרמאָגט אַלע נויטיגע זאַכן פון א פיינער ווירטשאַפט, האָט איצט מרים אָנגעהויבן צו געבן דער היים מער אייגענעם געשמאַק. ניטאָ דער טאָג, אַז אין איר הויז זאָל זיך ניט באַווייזן עפּעס אַן נאָדער באַצירונג. אַלערליי טשיקאַווע זאַכעלעך האָבן זיך איצט גענומען אַנטפּלעקן פון איר אייגענעם פאַרפאַקטן קופערט, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט. קליינע ראָמאַנטישע לאַנדשאַפטן אין העלע זומערדיגע קאָלירן האָבן זיך גענומען באַווייזן אויף די ווענט; א מאָדערנע פיגור פון א פאַר־ליבטען פּאָרל אויף א ווינקל־טישל. אויף די פענסטער העלע פאַר־ביגע פאָרהאַנגען געוועבט אין דורכזיכטיגע פאַנטאַסטישע פיגורן.

די אַלע זאַכן האָבן זיך אָנגעזאַמלט ביי מרים׳ען נאָך פון יענער צייט, ווען בערנאַרד האָט איר געשריבן הייסע ליבע־בריוו... יעדעס מאָל ווען זי האָט עפּעס דערזען וואָס איר איז געפעלן, האָט זי דאָס געקויפט און באַהאַלטן אין איר קופערט, מיט דער שטילער האָפענונג, צו באַשיינען מיט דעם איר היים... איר נייע היים, וואָס זי וועט האָבן מיט בערנאַרד׳ן...

דער טאָג ווען מרים האָט דערוואַרט בערנאַרד׳ן איז ביי איר א שטילער יום־טוב. שטילערהייט טראַכט זי צו עפּעס א פיינעם מאָלצייט פאַר אים; זי באַקט אַליין אויס א היימיש געבעקס, וואָס איז געפּילט מיט ניס און מיט ראָזשינקעס. אפילו ווײַן שטייט ביי איר אויפן טיש ווען בערנאַרד קומט.

מרים טוט דאָס זיכער ניט מיט דעם געדאַנק אַריינצוציען בער־נאַרד׳ן אין א נייעם ראָמאַן. עס פעלט איר אפילו ניט איין צו

טראכטן איצט פון אזעלכע זאכן. עס איז איר בלויז גוט פון דעם, וואָס זי זעט לעבן זיך דעם זעלבן בערנארד׳ן, וועלכן זי האָט אמאָל אזוי ליב געהאט און מיט וועלכן עס איז פארבונדן די שענסטע צייט פון איר יוגנט...

נאָך טיפער דערפילט מרים יענעם ציטער, ווען בערנארד קומט אמאָל צו איר אין א בייטאָג ווען זי איז אליין אין הויז. זי זיצט דאן מיט אים אויג אויף אויג ביים טיש מיט כיבוד און עס שעפּט זיך ניט אויס קיין רייד. דער גאנצער פּלאָנטער פון זייער איבערגעריסענעם ראָמאן עפנט זיך איצט אויף.

כאָטש מרים האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך די שענסטע צייט פון איר יוגנט אין ליידן און אין בענקשאַפט נאָך איר בערנארד׳ן, האָט זי איצט צו אים קיין שום טענות ניט. זי וואָגט אפילו ניט צו מאכן אים דעם קלענסטן פאָרוואורף. עס איז איר גוט פון דעם וואָס זי דערקענט אין בערנארד׳ס רייד און האלטן זיך, אז עס טליעט נאָך אפילו איצט אויך אין אים א באהאלטן פייערל צו איר.

עס האָט נאָך ניט געטראָפן אז ער קומט צוגיין זאָל ער זיך ניט צערעדן פון אמאָל... פון זייער געהיימען טרעפן זיך אין די זומערדיגע פארנאכטן; פון דער פרייד און בענקשאפט, וואָס ער האָט געהאט פון אירע בריוו...

— עס גלויבט זיך עפּעס ניט, אז ס׳זיינען שוין אוועק אזוי פיל יאָרן — האָט ער איר איינמאָל געזאָגט מיט אראָפּגעלאָזענע אויגן, ווי ער וואָלט זיך פארשעמט — מיין בעסטער פארגעניגן פלעגט זיין אוועקצוגיין פארנאכט איינער אליין אויף יענעם וועג און לייענען דיינע בריוו...

ביי מרים׳ען האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן, זי איז געוואָרן מיטגעריסן פון זיינע רייד און זיך אָנגערופן מיט אן אורמעטיגען שמייכל:

— ווערסט אפשר לאכן פון מיר, אָבער ס׳איז דער אמת: — ביי מיר ליגן נאָך אַלע דיינע בריוו, וואָס דו האָסט מיר געשריבן...

— איך האָב דיינע בריוו ניט געקענט דערהיטן — האָט בערנארד געענטפערט פארשולדיגט — דאָס איז אַלץ געווען דערפאר, ווייל כ׳האָב זיך מיט קיין זאך ניט געהאט אין די הענט. דיינע

בריוו זיינען ביי מיר אזוי לאנג געלעגן, ביז מיין מאמע האָט זיי אויסגעפונען און פארברענט...

עס קומט צו א לייכטן איבעררייד און מרים זאָגט מיט א גוט־מוטיגען פאָרוואורף:

— פונדעסטוועגן האָסטו דורך די אלע יאָרן אפילו ניט געפונען פאר וויכטיג צו לאָזן זיך הערן אמאָל מיט עטלעכע ווערטער.

— איך האָב געוואָלט — פארענטפערט זיך בערנארד — כ'האָב דיר אלע מאָל געוואָלט שרייבן און ניט געקענט. איך האָב געפילט, אז וואָס איך וועל דיר שרייבן וועט ניט פאסן. פשוט דערפאר, ווייל איך האָב ניט געהאט פאר דיר מיט וואָס זיך צו פארענטפערן... מיין איינציגער וואונטש איז נאָר געווען, איך זאָל דיך נאָך אמאָל קענען זען...

דערנאָך, אז דער געוועזענער געליבטער האלט ביים אוועקגיין, באגלייט אים מרים ביז צו דער טיר און וויל ניט אנדערש נאָר ער זאָל איר זאָגן גענוי וועלכן טאָג ער וועט ווידער קומען.

— קום גאָר דעם זונטיק צו אונז אויף מיטאָג — פארכאפט זי אים דעם וועג נאָך איידער ער האָט צייט זיך צו בארעכענען — הערסט בערנארד, איך וויל זאָלסט זונטיק קומען...

אפילו אז בערנארד איז אויף דער מינוט ניט זיכער צי ער וועט קענען קומען פונקט זונטיק, זאָגט ער איר צו. ער מוז איר צוזאָגן.

און קיינער ווייס ניט, אז שטילערהייט טראָגט זיך איצט מרים אַרום מיט אלע ליכטיגע פייערלעך פון א פרוי, וועלכע איז פאר־ליבט. א שטיל פארשפעטיגט געזאנג טראָגט זיך איצט אין איר הארצן...

# 4. די פאַרלאָזענע

# די פּאַרלאָזענע

זונטיק אַרום צוועלף אַזייגער שטייט שוין די זיבן־יאָריקע פרידע לעבן איר הויז אָן אויסגעפּוצטע, אַ זונטאָגדיקע און וואַרט אויף איר פּאַפּאַ.

דאָס איז אַ פּאַפּאַ, וועלכער קומט זען זיין טעכטערל בלויז פון זונטיק צו זונטיק, און ניט ערגעץ אַנדערש ווי נאָר לעבן הויז, אויפן „סטופּ".

אויבן, וואו פרידע וואוינט מיט איר מוטער, קומט דער פאָטער ניט אַרויף. די טיר איז פאַר אים אַ פאַרמאַכטע. ער האָט די טיר אַליין פאַרמאַכט און עס איז שווער צו זאָגן, אויב ער וועט זי נאָך אַמאָל עפענען. עס איז אים איצט גוט דאָ וואו ער איז — מיט יענער...

אַן אַלטע געשיכטע. ער איז אַוועק פון זיין געזעצלעכער פרוי און האָט ליב איצט אַן אַנדערע. דאָ, אין זיין פריערדיקער היים איז פאַר אים אַלץ פאַרפרעמדט, און דאָרט, מיט יענער שיינט די זון. אַ נייע זון איז פאַר אים איצט אויפגעגאַנגען . . . דאָס איינציקע וואָס ליגט נאָך אין אים איינגעוואָרצלט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין פריערדיקער היים, איז די ליבע צום קינד, צו זיין פרידע־לעבן... יעדן זונטיק מוז ער זי קומען זען.

— קומענדן זונטיק וועל איך ווידער קומען — זאָגט ער דער טעכטערל אַלע מאָל צו — הערסט, פרידעלע? זאָלסט וואַרטן...

שלעכט איז איצט נאָר איר — פרידעלע׳ס מוטער. זי האָט דעם מאַן אירן נאָך אַלץ ליב. ניט אַזוי די ליבע, ווי די באַליידי־גונג... די דערנידערונג, וואָס ער האָט זי פאַרביטן אויף אַן אַנדע־רער... אָט דער געפיל שטעכט און ברענט איר אין האַרצן. אַן אַנדערע אויף איר אָרט וואָלט אין אַזאַ פאַל אויפגעהויבן אַן עפנטלעכן טומל. זי וואָלט געפאָדערט... זי קען אַזאַ זאַך ניט טאָן.

וואָס זאָל זי פֿאָדערן? ליבע?... ווי קען זי פֿאָדערן אַ זאַך, וואָס ער קען איר מער ניט געבן... געלט? דאָס גיט ער איר סיי־ווי־סיי. ער קען זיך דערלויבן און גיט איר נאָך מער וויפֿיל זי דאַרף. טאַקע דורכן קינד שיקט ער איר יעדן זונטיק אַרויף איר וועכנטלעכן געהאַלט... וואָס־זשע בלייבט איר איצט צו טאָן? מיט וואָס קען זי פֿאַריכטן דאָס וואָס איז ביי איר צעבראָכן געוואָרן?... זי טראַכט אָפּט פֿון דורכרעדן זיך וועגן דעם מיט יענער, מיט דער קאָנקורענטקע. זי וואָלט דאָס געקענט גרינג באַהויפּטן ווען זי וויל. זי זעט אָבער פֿאָראויס, אַז עס וועט פֿון דעם גאָרניט אַרויסקומען. זי וועט זיך בלויז מאַכן קליין און יענע וועט בלייבן די זיגערין. די פֿאַרלאָזענע זעט און ווייס, אַז זי האָט אַנטקעגן יענער ניט מיט וואָס צו קאָנקורירן. זי וועט אפֿשר געווינען מיט אירע טענות, מיט אירע גערעכטע אַרגומענטן, אָבער רייד און אַרגומענטן האָבן אין אַזאַ פֿאַל אַ קנאַפּע ווערט. זי זעט און פֿילט בלויז איין זאַך — יענע האָט ביי איר צוגענומען דעם מאַן און איבערגעלאָזט אַ שלאַנג אין האַרצן.

און דער ווייטאָג איז אַ טיפֿער, אַ שניידיגער...

דער איינציגער פֿאָדים אויף וועלכן עס הענגט נאָך דאָס לעצטע שטיקל האָפֿענונג איר'ס, איז דאָס קינד. עס דוכט זיך איר אַלץ, אַז מיט דעם כּוח פֿון קינד וועט נאָך אפֿשר ווערן אַנדערש. דורך דער ליבע צום קינד, וועט ער זיך נאָך, אפֿשר, באַרעכענען און קומען צוריק.

און יעדעס מאָל, ווען פֿרידעלע דאַרף אַרונטערגיין טרעפֿן דעם פֿאָטער, גיט זיך די מוטער די גרעסטע מי, אַז דאָס טעכטערל זאָל אויסקוקן וואָס שענער, וואָס ליבער. אַפֿילו אין די סאַמע לעצטע מינוטן, ווען דאָס קינד שטייט שוין פֿאַרטיק אַרונטערצוגיין, געפֿינט נאָך די מוטער אַלץ עפּעס צו פֿאַרריכטן אויף איר. זי בינדט איר איבער די בענדלעך פֿון די שיך, גלייכט אויס דעם גרויסן זיידענעם שלייף, וועלכער איז איצט איינגעבונדן אין פֿרידעלעס האָר ווי אַ פּאָר אויפֿגעשטעלטע פֿליגלען. זי וואָלט עפּעס געוואָלט, אַז דער פֿאָטער זאָל איצט, אין דעם טעכטערל'ס אויסגעפּוצטקייט, אויך זען זי, די מוטער... עס זאָל אים עפּעס דערמאָנען... עס זאָל זיך כאָטש

אויף איין ווייַלינקע עפּעס אַ ריר טאָן ביי אים אין האַרצן...

— זאָלסט ניט פאַרלירן דאָס געלט, וואָס דער פּאַפּאַ וועט דיר געבן — זאָגט זי אָן דעם קינד אין דער לעצטער מינוט — הערסט פרידעלע?...

דער אָנזאָג כאַפּט זיך ביי איר אַרויס גלאַט אין דער וועלט אַריין. דאָס געלט ליגט איר איצט אַפילו ניט אין זין. זי זאָגט דאָס פּשוט דערפאַר, ווייל עס איז איר גוט פון דעם, וואָס דאָס קינד גייט איצט צום פאָטער, וואָס זי וועט אים זען, וואָס זי וועט זיין אין זיין נאָענטקייט... ווען עס וואָלט געווען אַ מעגלעכקייט, וואָלט זי איצט מיט דעם קינד איבערגעשיקט צום פאָטער די גאַנצע בענק־שאַפט אירע; דאָס גאַנצע צעבראָכענע לעבן אירס...

פרידעלע ווייס אָבער ניט, וואָס ביי איר מוטער אין האַרצן קומט פאָר, און זי פליט אַרויס פון הויז אין איר אויסגעפּוצטקייט ווי אַ יונגער הירש. זי בענקט אויך נאָך איר פאָטער אין די טעג ווען ער קומט ניט, אָבער איצט האָט זיך די בענקשאַפט אָפּגערוקט אין אַ זייט און זי וואַרט אויף איר פּאַפּאַ מיט איר גאַנצער קינדערישער פרייד. גליקלעכע, אַ שטראַלנדיגע... זי ווייס שוין פאָראויס, וואָס עס וועט זיין ווען איר פּאַפּאַ וועט קומען. צוערשט וועט ער זי אַ סך מאָל קושן, דערנאָך וועט ער איר געבן אַ שאַכטל מיט קענדי, אָדער עפּעס אַ שיינע שפּילצייג, און נאָך דעם וועט ער זי נעמען אין די מואוויס.

פרידעלע וואָלט געוואָלט, אַז דער זונטיק מיט די אַלע גוטע זאַכן זאָל זיך ציען און ציען. אָבער ווי אויף להכעיס, דאַכט זיך איר, אַז די צייט לויפט היינט נאָך שנעלער ווי אַלע מאָל. עפּעס איידער זי קוקט זיך אום, איז שוין נאָך אַלעמען. דער פאָטער שטייט שוין ווידער מיט איר לעבן הויז און שוין איילט ער זיך אָט אָוועקצוגיין.

— גיי נאָך ניט אַוועק, פּאַפּאַ — פּרוּווט זי אים אַלע מאָל אויפהאַלטן. — קום אַרויף אין הויז... פאַרוואָס קומסטו ניט מער אַריין אין הויז...

— אַמאָל וועל איך אַרויפקומען — ענטפערט דער פאָטער פון יוצא וועגן — ווען איך וועל ניט זיין אַזוי פאַרנומען...

פרידען געפעלט ניט דער ענטפער און זי זאָגט אביסל קאַפּריז־נע:

— אמאָל! — אלע מאָל זאָגסטו אמאָל, און קומסט קיינמאָל ניט אין הויז אריין?

ווען דער פאָטער וואָלט זיך ניט אזוי געאײלט, וואָלט אים נאָך איצט דאָס טעכטערל געשטעלט א סך פראגן. ער האָט אָבער קיין צייט ניט, און פון זיין איילן זיך ווערט שוין דאָס טעכטערל אליין אויך צעטומלט. עפּעס איידער וואָס־ווען, קושט ער זי שוין ווידער, דערלאנגט איר ווידער דאָס פּעקעלע געלט פאר דער מוטער — און אויס. דער פּאפּא איז שוין ווידער נישטאָ...

פרידעלען איז גאָרניט גוט, ווען איר פּאפּא גייט אוועק. זי בענקט. עס ווילט זיך איר וויינען. זי טרייסט זיך אָבער מיט דעם, וואָס עס וועט באלד ווידער זיין זונטיק און איר פּאפּא וועט ווידער קומען.

און גייענדיג אויף די שטיגן נעמט זי שוין באצייטנס רעכענען און ציילן אויף די פינגער, וויפיל טעג עס איז נאָך היינט ביז קו־מענדיגען זונטיק. „מאָנטיק, איינס, דינסטיק, צוויי"...

אָממייסטן פארפלאָנטערט זי זיך, און קען קיינמאָל ניט כאַפּן אַקוראַט די געבויע צאָל. זי כאַפּט זיך דאַן אויף גיך אריין אין הויז און טוט באלד א פרעג דער מוטער א פארסאָפּעטע:

— מאָ, וויפיל טעג איז פון היינט ביז זונטיק?

— זעקס.

זעקס טעג איז איצט פאר פרידען א גאנצע אייביקייט. זי וואָלט בעסער געוואָלט, אז איר פּאפּא זאָל זיין אין הויז אלע טאָג. אָבער אלע טאָג קומט ער ניט און פון דעם גאנצן פּלאָנטער איז אין פרידעלעס יונגן מוח'ל אָפּגעדרוקט איין געדאנק — אז איר פּאפּא קומט אין הויז ניט דערפאר, ווייל ער איז ברוגז מיט דער מאמען.

און זי טוט טאקע באלד א פרעג:

— מאָ, — פארוואָס איז דער פּאפּא ברוגז מיט דיר?...

— ער איז ניט ברוגז, — וויל איר די מוטער פארגרינגערן.

און כדי דאָס טעכטערל זאָל מער ניט שטעלן אזעלכע פראגן, הויבט זי איר אָן צו פאררעדן מיט אנדערע זאכן. זי באטראכט די

קענדי, אָדער דאָס שפּילעכל וואָס פרידע האָט ארויפגעבראכט פון פאָטער, פרעגט זי אויס וואָס זי האָט געזען אין די מואוויס און ענ־דיגט נייגעריג:

— און וואָס האָט ער דיר עפּעס געזאָגט, דער פאפא?

— ער גאָרנישט געזאָגט — מאכט דאָס טעכטעריל אן אומע־טיג פנים. — איך אים געפרעגט, פארוואָס ער קומט ניט אין הויז, ער געזאָגט „אמאָל וועט ער קומען", און קומט ניט...

און זי לייגט צו נאָך ערנסטער:

— פארוואָס קומט דער פאפא קיינמאָל ניט אין הויז? — ער וועט מער קיינמאָל ניט קומען?

— אפשר — מאכט די מוטער אין איר גאנצער צעקלעמטקייט — אפשר...

און פרידעלע זעט קיינמאָל ניט ווי די מוטער אירע פארדוקט זיך שטילערהייט ערגעץ אין א באהאלטן ווינקעלע און באגיסט זיך מיט טרערן.

# זיין געוועזענע היים

זונטיק איז ביי גאָלדמאַנ׳ען אַ טאָג פון אָפּקומעניש. אין דעם טאָג קומט אים אויס ארויפצוקומען אין זיין געוועזענער היים און זיך טרעפן אויג־אויף־אויג מיט דער זעלבער פרוי, מיט וועלכער ער האָט אָפּגעלעבט פופצן יאָר אלס מאַן־און־ווייב.

גאָלדמאַן וויל זיך אַלץ איינרעדן, אז דאָס גאַנצע ארויפקומען זיינס אַהין איז נאָר צוליב דעם קינד, וואָס איז מיט דער מוטער פארבליבן, צוליב דעם צוועלף־יעריגן עדי, וועלכן ער האָט אזוי ליב און וועלכער דערפרייט זיך אזוי מיט זיין קומען. ער ווייסט, אָבער, אליין, אז דאָס איז ניט מער ווי אַן איינרעדעניש. ער וואָלט גע־קאָנט גרינג אויספירן, אז עדי זאָל צו אים קומען. ער וויל דאָס, אָבער, אליין ניט. ער וואָלט זיך שוין, דאכט זיך, אין די זונטיקן ניט געהאט וואו אהינצוטאָן, ווען ער גייט אהין ניט ארויף. עס דאכט זיך אים שטענדיג אויס, אז טראָץ דעם וואָס ער איז שוין מיט דער פרוי דריי יאָר אָפּגעזונדערט, איז נאָך די אמת׳ע היים זיינע אַלץ דאָרט.

ביי גאָלדמאַנען אין קעשענע ליגט נאָך אפילו א שליסל פון יע־נער וואוינונג. אז ער קומט ארויף, קלאַפּט ער אפילו ניט אָן. ער שליסט אויף די טיר און קומט אריין פונקט ווי אמאָל.

אָפּטמאָל טרעפט אז ער קומט ארויף און דאָס זונדעלע איז גאָר נישטאָ. ער איז פארהאַוועט ערגעץ אין גאס מיט זיינע חברים און פארגעסט אמאָל אינגאנצן, אז היינט קומט זיין פּאַפּאַ. דער פאָטער אָבער איז שוין צו דעם אויך צוגעוואוינט.

ער האָט צייט אונטערצוּוואַרטן און איז שוין אויף דעם אַלע־מאָל צוגעגרייט מיט א צייטונג אין קעשענע. אין דער צייטונג פארטיפט ער זיך נאָר דאַן, ווען ער טרעפט אין הויז זי, די פרוי.

מען איז ניט ברוגז, אָבער חבר אויך ניט. אז ס׳קומט אויס, ריידן זיי אפילו צוזאמען. אָבער מייסטנס באַציט זיך דאָס ריידן וועגן קינד. ווייטער זיינען זיי פרעמד און אז גאָלדמאַן קומט אריין, סטאַרעט ער זיך אפילו אויסצומיידן צו טרעפן זיך מיט איר בליק. און די צייטונג העלפט אים דאָן אמבעסטן ארויס.

מיט די אויגן אין דער צייטונג, הערט ער פון דעסטוועגן און זעט דאָך אַלץ וואָס זי טוט. ער זעט ווי זי מאכט זיך פארטיג ביים שפיגל, ווי זי פוצט זיך אויס. עס איז, אָבער, ניט זיין עסק. די פרוי איז אים א פרעמדע, און ער וויל אפילו ניט טראכטן פון איר.

לאַנג קומט אים דאָן סיי ווי סיי ניט אויס צו האָבן זי אין זיין אָנוועזנהייט. עס האָט זיך שוין אזוי אויסגעארבעט, אז ווי נאָר ער קומט ארויף, גייט זי אוועק. א שטיק צייט נאָך זייער פאנאַנדערגיין זיך, פלעגט גאָלדמאַנען דאָס אוועקגיין אירס אַלע מאָל א שניט טאָן אין הארצן. ער האָט זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אז זי, פעני, וועלכע ער האָט אמאָל אזוי משונה׳דיג ליב געהאַט און מיט וועלכער ער האָט אָפּגעלעבט אזוי פיל יאָרן, זאָל דאַרפן אוועקגיין פונקט ווען ער קומט. דעמאָלט איז, אָבער, געווען אַנדערש. דעמאָלט איז נאָך געלעגן באַהאַלטן אין אים די גאַנצע אָנגעווייטאָגטע וואונד פון דעם טיפן ריס, וואָס איז געקומען אין זיין פאמיליען־לעבן. יעדע קלייניקייט האָט אים נאָך דאָן געגריזשעט ווי א וואָרים. ער האָט ניט געקענט פארטראָגן וואָס זי פוצט זיך, וואָס זי גייט. יעדעס מאָל ווען ער האָט זי דערזען אַן אויסגעפוצטע, האָט זיך אים געדאַכט אז זי ווערט שענער, אינגער... ער האָט אַלעמאָל געוואָלט וויסן וואו זי גייט, מיט וועמען זי גייט, און וואָס מער ער האָט פון דעם געטראַכט, אַלץ טיפער האָט דער וואָרים געפרעסן, געגריזשעט...

איצט אָבער איז שוין אַלץ איבערגעברענט, אויסגעלאָשן. איצט אז ער קומט ארויף, וואָלט ער שוין אַליין וועלן זי זאָל וואָס גיכער אוועקגיין. ער קען ניט פארטראָגן וואָס זי קלייבט זיך אזוי לאַנג, עס ווערט אים פון דעם ענג. ער פילט זיך ווי אן איינגעפּרעסטער. אָפטמאָל דאַכט זיך אים אויס, אז זי טוט דאָס מיט א כיון. זי נעמט זיך אומיסטן צייט, כדי ער זאָל קוקן אויף איר; ער זאָל זען

ווי שיין און יונג זי איז נאָך. אָבער דאָס אַרט אים אויך ניט. ער קוקט זיך סיי ווי סיי ניט אום. ער איז אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דער צייטונג, און ביז זי גייט ניט אַוועק, גיט ער זיך אפילו ניט קיין ריר.

אַז דאָס זונדל איז נאָך ביז איצט ניט אַרויפגעקומען, ווערט דעם פאָטער אַביסל פּריקרע. צו דער צייטונג האָט ער מער קיין געדולד ניט, נעמט ער אַרומגיין איבער דער וואוינונג ווי אַ שאָטן, און פילט אַ צופרידנהייט פון דעם וואָס זינט ער איז אָפּגעזונדערט פון דער פרוי, איז דאָ נאָך קיין זאַך ניט געענדערט געוואָרן. אַלץ דאָסזעלבע ווי ער האָט איבערגעלאָזט. די זעלבע צימערן, די זעלבע מעבל... אויס געוואוינהייט גייט ער אַרום פון צימער צו צימער, האַלט אין איין באַקוקן זיין געוועזענע באַלעבאַטישקייט און געפינט אַלעמאָל עפּעס מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען. דאָ שטעלט ער איבער אַ שטול, דאָרט אַ פיגורל, גלייכט אויס ערגעץ אַ פאַרהאַנגל אָדער אַ טיש־טוכעל. אַמאָל טרעפט, אַז ער דערזעט אויף אַ שטיקל מעבל אַ לייכ־טען „דעמעדזש״, פאַרדריסט דאָס אים, און ער פּרוּווט דאָס באַלד פאַרריכטן. אַז דאָס פאַרריכטן גיט זיך אים ניט איין, ערגערט דאָס אים נאָך מער, און ער ווערט אין כעס אויפן קינד. ער איז זיכער, אַז דאָס איז דעם זונדעלעס אַרבעט. עדי האָט שוין מסתמא עפּעס געמלאכה׳ט מיט אַ מעסער און געמאַכט דעם „דעמעדזש״...

די הויז־זאַכן זיינען גאָלדמאַנען ליב נאָך דערפאַר, ווייל דאָס איז פאַרבונדן מיט זיין „אַמאָל״... יעדער געגנשטאַנד שטייט פאַר אים ווי אַ שטומער עדות פון דעם געוועזענעם; פון זיינע פופצן יאָר, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט מיט פעני׳ן... זיין יוגנט, איר יוגנט...

מער פון אַלץ ציט אים דאָן צו דעם זייגער. דער זילבער זיי־גער, וואָס איז זיי אַמאָל געגעבן געוואָרן אַלס חתונה־מתנה. אַז ער איז אַליין אין הויז, קען ער ביי דעם זייגער אָפּשטיין אַ צייט. ער ציט אים אָן, אויב מען דאַרף, שטעלט אָן די ווייזערס פּונקט אויף דער זילבער צייט מיט זיין זייגערל, און אַז דער זייגער קלינגט, דערמאָנט דאָס אים אַלעמאָל אָן איר, אָן פעני׳ן... ער געדענקט נאָך ווי פון אַלע זייערע חתונה־מתנות איז איר אַמבעסטן געפעלן געוואָרן דער זייגער. יענע צייט שטייט אים נאָך ווי פאַר די אויגן. ס׳איז

ביי זיי ערשט נאָך דער חתונה, די אָוונטן אין זייער נייער היים זיי־נען שטילע, רואיגע. זיי זיצן צוזאַמען אין זייער שטילער פארליבט־קייט, און דער זייגער קלינגט... אמאָל איז שוין עלף, אמאָל צוועלף... און פעני האָט אזוי ליב דעם קלאנג. זי פלעגט זאָגן: „דער זייגער קלינגט פונקט ווי דער גלאָק פון ערגעץ א ווייטן קלויסטער״... און ווי ליב זיי האָבן זיך דאן געהאט...

דאָס איז, אָבער, אלץ געווען יענע פעני, פון אמאָל. מיט דער איצטיגער קערט ער זיך ניט אָן...

# אַ טאַטע מיט אַ זון

שוין אַ פּאָר וואָכן, אַז ביי שלמה׳ן אין שאַפּ גייט אָן אַ סטרייק. דער סטרייק איז אַ פּאַרביטערטער, אַ פּאַר׳עקשנ־טער. די איינגעשפּאַרטקייט ביי דעם באַלעבאָס איז אַזאַ שאַרפע, אַז ער לאָזט זיך אַפילו ניט רעדן וועגן שליכטן דעם סטרייק. ער האָט בלויז איין טענה: ער האָט ניט קיין אַרבעט און ער דאַרף ניט קיין יוניאָן.

די סטרייקער ווייסן אָבער, אַז אין שאַפּ אַרבעט מען יאָ. מען אַרבעט מיט סקעבס, און די סקעבס ווערן באַוואַכט פון געדונגענע בויאַנעס.

דאָס זיינען ביטערע יונגען, די געדונגענע חברה. עס איז גע־נוג, אַז אַ סטרייקער זאָל מאַכן דעם קלענסטן פּרוּוו אָפּצושטעלן אַ סקעב, און ער איז ניט זיכער מיטן לעבן.

דאָס שטעלט אָבער דעם סטרייק ניט אָפּ. פאַרקערט, נאָך יעדן איבערפאַל צעפלאַקערט זיך אין די סטרייקער נאָך מער דער קאַמף.

באַהאַנגען מיט שילדן, שפּאַנען זיי טאָג־איין, טאָג־אויס אַרום זייער שאַפּ און זיי שטעלן די סקעבס צום שאַנד־קלאָץ מיט די שרייענדיגע אויפשריפטן.

יעדער טראָט פון אַ פּיקעט קלאַפּט, דאַכט זיך, אויס דאָס שענדלעכע וואָרט ווי מיט אַ האַמער: „סקעבס!... סקעבס״!...

איינער פון די פּיקעטס איז אויך שלמה דער פּרעסער, אָדער „ר׳ שלמה״, ווי מען רופט אים אין שאַפּ. דאָס איז אַ איד שוין אין די זעכציגער, מיט אַ באָרד, וואָס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אַ רב. אַ שיינע, אַ לאַנגע, גרויע באָרד.

ר׳ שלמה איז שוין אַן אַלטער יוניאָן־מאַן, און יעדעס מאָל, ווען אין זיין שאַפּ ווערט באַגאַנגען עפּעס אַן עולה געגן אַן אַרבעטער,

קאַכט ער אויף, ווי ער וואָלט גאָר געווען דער אינגסטער... ער בייזערט זיך, ער פּראָטעסטירט.

דער איצטיגער סטרייק האָט אים גאָר ארויסגעבראַכט פון די כלים. ער שרעקט זיך אפילו ניט אָפּ פאַר די „שטארקע", וועלכע דרייען זיך ארום שאַפּ. יעדעס מאָל, ווען איינער פון די פּיקעטס ווערט באַפאַלן פון אַזאַ חברה־מאַן, איז שלמה דער לעצטער צו אַנט־לויפן. אָפטמאָל קומט ער צוהילף דעם באַפאַלענעם ארבעטער, און ער שטעלט זיך אפילו אַנטקעגן:

— שלאָג! — ווערט ער דאַן אַ צעקאָכטער און שטופּט זיך דווקא מיט דער גרויער באָרד דעם בויאַן אין פּנים אריין — לאָמיר זען, דו זאָלסט שלאָגן!...

איינמאָל האָט מיט דעם אַלטן פּרעסער געטראָפן עפּעס, וואָס האָט אים אינגאַנצן צעטרייסלט. ווען ער איז אין איינעם פון די טעג געקומען צו הילף אַ באַפאַלענעם סטרייקער, איז ער שטיין גע־בליבן פּנים אל פּנים מיט איינעם פון די געדונגענע לאָבוסעס, און ער האָט דערזען פאַר זיך זיין אייגענעם זון... זיין סעמקען...

אַז דאָס זונדעלע זיינס איז קיין לייט ניט, ווייס שוין דער פאָ־טער פון לאַנג. שוין אַ לענגערע צייט, אַז דער תכשיט איז אַוועק פון דער היים, און מ'ווייס אפילו ניט, וואו ער איז אַהינגעקומען. אַלץ, וואָס דער פאָטער ווייס, איז אַז זיין סעמקע האָט זיך געריסן צו ווערן אַ „פּראַיז־פייטער".

איצט האָט שוין דער טאַטע געזען, אויף וואָס זיין „בענאָק" האָט זיך „ארויפגעארבעט"...

ער קוקט דעם קדיש גלייך אין פּנים אריין, און פילט, אַז ער ווערט פאַר'סמ'ט שוין פון דעם אליין, וואָס ער זעט אים.

— האָסט געקראָגן אַ פיינעם דזשאָב, מיין זון!... — זאָגט דער פאָטער מיט ביטערקייט און לאָזט פון זיין זון ניט אראָפּ די אויגן — נו, דערלאַנג שוין מיר אויך מיט עפּעס איבערן קאָפּ... האַק מיר אויס די אויגן, צעברעך מיר אַ האַנט...

— דו גיי בעסער אַוועק פון דאַנען! — שלאָגט אים דער זון איבער מיט עזות — גיי אוועק, זאָג איך דיר!

דער פאָטער פילט, ווי מען וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט פייער.

ער קען אפילו ניט הערן, וואָס דער כל־בו׳ניק רעדט צו אים. ער רוקט זיך בלויז צו נעענטער צו אים, קלאַמערט זיך איין מיט איין האַנט אין לאַץ פון זיין ראָק. די אנדערע האַנט פארביילט ער אין א פויסט און ער זאָגט מיט איינגעהאַלטענער רציחה:

— זאָג נאָר, תכשיט מיינער, דו ווייסט וואָס דו טוסט?... ווייסט, אז דו שלאָגסט אומשולדיגע סטרייקער? איך וויל, דו זאָלסט מיר ענטפערן, ענטפערן!

און מיט דעם גאנצן כוח, וואָס ער האָט איצט פארמאָגט, האָט ער דעם יונג אריינגעלאָזן די פויסט אין פנים אריין.

עס זיינען באלד אָנגעלאָפן נאָך „שטארקע" און עס האָט קיין סך ניט געפעלט, מ׳זאָל איצט דעם טאטן דער׳הרג׳ענען.

סעמקע האָט אָבער ניט דערלאָזט.

— לעט הים גאָ! — האָט ער אלעמען אָפגעשטופט — לעט הים גאָ! — האָט ער געשריען.

אין דעם טומל און גערודער האָט אפילו קיינער ניט געוואוסט, אז דאָ איז פאָרגעקומען א באגעגעניש פון א טאטן מיט א זון. מ׳האָט געוואוסט בלויז איין זאך: שלמה דער פרעסער האָט היינט באזיגט אַ געננסטער.

אין לאָקאַל פון דער יוניאָן איז דער אלטער פרעסער יענעם אָוונט געווען דער העלד פון טאָג. מ׳האָט אים געמאכט קאָמפּלי־מענטען, מ׳האָט זיך געגרויסט מיט אים. דער שאַפּ־טשערמאַן האָט אפילו געפונען פאר נויטיג צו באגריסן אים אין נאָמען פון אלע סטרייקער.

— הורא פאר ר׳ שלמה׳ן! — האָט א דונער געטאָן פון אלע אָנוועזנדע — הורא!

ר׳ שלמה׳ן האָט דער כבוד געשטאָכן אין הארצן. ניט קיין כבוד איז דאָס ביי אים געווען, נאָר א חרפה, א ווילסטער בזיון... אלץ וואָלט ער זיך אויף זיין סעמקען געקענט ריכטן, אָבער ניט אז ער וועט ארויף אויף אזא וועג... א סטרייקברעכער געוואָרן... זיין איי־גענער זון, א סטרייק־ברעכער... און פונקט צו זיין שאַפּ איז ער געקומען...

* * *

## ש ר י פ ט ן

אויף מאָרגן האָט דער אַלטער שלמה ווידער אָנגעהאנגען אויף זיך דעם „שילד” מיט דער סטרייק־אויפשריפט, און ער האָט זיך ווידער אוועקגעלאָזט פּיקעטן דעם שאַפּ.

עס איז שוין אָבער ניט דער זעלבער שלמה. א צעבראָכענער מענטש איז ער היינט, א דערשלאָגענער. די נעכטיגע פּאסירונג נאָגט און בייסט אים אין הארצן, ווי א שלאנג... אפילו פאר זיין אייגן ווייב קען ער דאָס ניט דערציילן. זי וואָלט דאָס ניט אריבער־געטראָגן, ווען זי דערוויסט זיך פון דעם...

ער שפּאַנט ארום אהין און צוריק מיט דעם אויפגעהאנגענעם שילד אויף זיך, און אין מוח ארבעט ביי אים בלויז איין געדאנק: טאָמער וועט זיך דאָ דער זון זיינער ווידער באווייזן, וועט זיך גיסן בלוט...

דער זון האָט זיך שוין אָבער מער ניט באוויזן און שלמה האָט שוין געפילט ווי דער סטרייך איז געוואונען...

# דער פּרינץ־אַלבערט

אַלע זעקס זין און טעכטער, מיט וועלכע די ראַבינאָוויטשעס האָבן באַשאָנקען די וועלט, האָבן געלאָזט וויסן זייערע אַלטע טאַטע־מאַמע, אַז מען גייט פאַר זיי פּראַווען אַ גאָלדענע חתונה.

— ווי געפעלט דאָס דיר עפּעס? — האָט דער אַלטער ראַבינאָוויטש פריידיק אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב — זיי גייען דאָך אונז ערשט מאכן פאַר חתן־כלה...

— זאָלן זיי מאכן — האָט די אַלטע געענטפערט מיט א שמייכעל אויף איר צעקנייטשט פּנים — אַז מיר זיינען ווערט געווען ביי גאָט דאָס צו דערלעבן, זאָלן זיך די קינדער פרייען.

— פופציג יאָר אַוועקגעלאָפן — האָט דער אַלטער געזאָגט א ביסל פאַרבענקט, א גלעט־טוענדיג זיין ווייסע באָרד, אויף וועלכער עס איז שוין אפילו קיין איין שוואַרצע האָר נישטאָ — ווי זיי האָבן דאָס אזוי אינזינען, די חברה אונזערע...

— ס'איז בריליאַנטן, ניט קיין קינדער — האָט די אַלטע צוגעגעבן מיט מוטערלעכן שטאָלץ — דאָס טעלערל פון הימל וואָלטן זיי אונז צוגעטיילט...

ווען די אַלטע טאַטע־מאַמע וואָלטן געפאָלגט זייערע גוטע קינדער, וואָלטן זיי געקענט האָבן א פיל שענערע היים, ווי די אָרימע דריי צימערלעך, וואָס זיי באַוואוינען אויף דער איסט־סאַיד. די קינדער, וועלכע מאכן אַלע א פיין לעבן, בעטן זיך ביי זיי. יעדער זון אָדער טאָכטער וואָלט מיט פאַרגעניגן געוואָלט אז די אַלטע טאַטע־מאַמע, וועלכע זיינען שוין וויט אַריבער די זיבעציג, זאָלן אויף דער עלטער וואוינען מיט זיי: אין זייערע בייע אַפּאַרטמענטס, אין די שיינע לופטיגע געגנטן.

דאָס פּאָר פאָלק לאָזט זיך אָבער ניט צורעדן צו דעם. איבער־הויפּט דער פאָטער. ס'איז אים, זאָגט ער, גוט דאָ וואו ער איז.

דאָ, אויף דער איס־סאַיד, איז אַלע יאָרן געווען זיין היים; ער האָט דאָ זיין שול, זיינע אַלטע באַקאַנטע. עס איז אים נאָענט און היימיש די גאַנצע גאַס אויף וועלכער ער וואוינט. אפילו דאָס אַלטע אָפּגעניצטע ביסל מעבל, וואָס זיין היים פאַרמאָגט, איז אים ליב. די קינדער וואָלטן דאָס אַלטע מעבל שוין לאַנג ארויסגעוואָרפן און אריינגעשטעלט נייע. זיי בעטן זיך ביי אים, ער זאָל זיי דאָס לאָזן טאָן. דער פאָטער לאָזט אָבער קיין זאַך ניט רירן פון אָרט. עס איז זיין אַלטע היים און עס איז אים גוט פון דעם וואָס ער האָט פאַר די אויגן די אַלע זאַכן, וועלכע האָבן זיך געעלטערט צוזאַמען מיט אים. יעדע קליינינקייט וואָס איז פאַרבונדן מיט זיין אַמאָל איז אים ווי איינגעבאַקן אין הארצן. עס איז ביי אים טייער.

ביי ראַבינאָוויטש'ן אין קליידער־שראַנק הענגט נאָך אפילו דער זילבער פרינץ אַלבערט, וואָס ער האָט נאָך מיט פופציג יאָר צוריק געטראָגן, ווען ער איז מיט זיין זלאַטען געשטאַנען אונטער דער חופה.

פון די אַלע קליידער, וואָס ראַבינאָוויטש האָט אין די פופציג יאָר געהאַט, האָט ביי אים דער פרינץ אַלבערט פאַרנומען דעם אויבן־אָן. צווישן אַלע זיינע מלבושים איז דער פרינץ אַלבערט געווען דער איינציקער, וואָס איז ביי אים געהאַנגען פאַרהילט און באַהאַלטן אין א ווייסן ליילעך ווי אין א קיטל.

וואָס עלטער דאָס מלבוש איז געוואָרן, אַלץ מער האָט דאָס דער אַלטער געשאַנעוועט. צוערשט האָט ער דעם „פרינץ" געטראָגן פון שבת־צו־שבת, דערנאָך פון יום־טוב צו יום־טוב, און גאָר שפּע־טער, בלויז צו א געהויבענער שמחה.

אַלע זעקס חתונות, פון זיינע זעקס אויסגעגעבענע קינדער, האָט ראַבינאָוויטש באַשיינט מיט זיין פרינץ אַלבערט.

מיט דער גאַנצער אָפּגעהיטקייט האָט זיך אָבער דאָס מלבוש געטאָן דאָס זייניגע. פונקט ווי זיין באַלעבאָס ראַבינאָוויטש, האָט אויך דער פרינץ אַלבערט ביסלעכווייז גענומען ארויפציען אויף זיך די עלטער. פון שוואַרץ האָט ער גענומען ווערן גרין; אויף די ברעגן אין סאַמע פראָנט האָט זיך גענומען באַווייזן אַן אויסגעריבנקייט, ווי אַ דין ווייס שנירעלע. אויך האָט זיך ארויפגעכאַפּט אויף אים א

גלאַנץ, וואָס וויפיל זלאַטע האָט זיך ניט באמיט דעם גלאַנץ צו פאַר־טרייבן, האָט ניט געהאָלפן.

די הויזן, וועלכע האָבן צו דעם פּרינץ אַלבערט באַלאַנגט, האָבן גאָר געהאַט אַ קורצן עלטער. זיי האָבן קוים דערלעבט די ערשטע צוויי חתונות פון די ראַבינאָוויטשעס קינדער. עס איז דאַן געווען אַ רחמנות צו קוקן ווי ראַבינאָוויטש האָט שפּעטער געמוזט צונויפפּאָרן דעם פאַר־יתומ׳טן ראָק מיט אַ פּאָר הויזן, וועלכע האָבן זיך גאָרניט געפּאַסט צו זיין אַריסטאָקראַטישן שניט.

דער פּרינץ אַלבערט גופא האָט אָבער צוליב דעם אפילו אַ האָר ניט פאַרלוירן ביי זיין באַלעבאָס דעם ווערט. ער איז נאָך ביי אים טייערער געוואָרן. און יעדעס מאָל ווען דעם אַלטן איז אויסגעקומען אָנצוטאָן דאָס בכבוד׳יגע מלבוש, האָט ער זיך געפילט געהויבן.

— מען דאַרף אַרויסנעמען דעם פּרינץ אַלבערט פון קלאָזעט און אים אַביסל אָפּפרישן — פלעגט ער דאַן אַ זאָג טאָן צום ווייב מיט אַ מינע ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס זייער אַן ערנסטער זאַך.

און אַז זלאַטע האָט גענומען דעם בגד אין אירע הענט אַריין, האָט זי געצייגט וואָס זי קען. זי האָט דעם ראָק צעלייגט אויפן טיש אין זיין גאַנצער לענג, אויסגעבאַרשט און אויסגעטרייסלט פון אים יעדעס שטויבעלע, זי האָט אים לאַנג געפּאַרעט און געפּרעסט מיט אַן אָנגעגליטן פּרעס־אייזן אויף אַ נאַסן האַנטוך; און אַז איר אַלטער האָט דערנאָך אָנגעטאָן אויף זיך דאָס ריינע מלבוש, האָט זי אַליין אויך הנאה געהאַט.

— אַלץ דאַרף זיך דאָס זייניגע, — פלעגט זי דאַן זאָגן, באַ־טראַכטענדיג איר אויסגעפּוצטן מאַן פון אַלע זייטן — דאַכט זיך, שוין ניט קיין ביי מלבוש, און אַז מען פרישט דאָס אָפּ, באַקומט עס אַן אַנדער פּנים.

— אַ גוט שטיקל סחורה, בלייבט גוט אפילו אַז ס׳איז אַלט — האָט ראַבינאָוויטש געענטפערט אַביסל גדלות׳דיג. — איך ווייס ניט צי מען קריגט נאָך היינט אַזאַ גוט שטיקל סחורה...

אויך איצט, צו דער גאָלדענער חתונה, האָט דער אַלטער אַנ־דערש ניט געטראַכט ווי אויסצופּוצן זיך אין זיין אַמאָליגן פּרינץ־

אלבערט. כאָטש עס איז נאָך געווען גענוג צייט ביז צו דער שמחה, האָט אים זיין זלאַטע געמוזט פאָלגן און זיך נעמען אָפּפּרישן דאָס מלבוש מיט א גאנצער וואָך פריער.

עס איז שוין אָבער ניט געווען וואָס צו נעמען אין די הענט אריין. ווען די אלטע האָט ארויסגענומען דעם פרינץ אלבערט פון זיין ווייסער באהעלטעניש, איז געווען א שרעק אויף אים צו קוקן. ער איז געווען ווי איינגעטונקען פון אלע זייטן מיט מיאוס׳ע, גרויע מאָל־פלעקן און צעלעכערט ווי א זיפּ. גאנצע שטיקער זיינען פון דעם מלבוש געפאלן.

— האָסט שוין ניט קיין פרינץ אלבערט — האָט די אלטע א זאָג געטאָן צום מאן מיט א פּנים, ווי אימיצער וואָלט געשטאָרבן, — אינגאנצן צעפרעסן געוואָרן...

דער אויסגעדינטער פרינץ אלבערט איז איצט געלעגן צעלייגט אויפן טיש אין זיין גאנצן אומעט, און געקוקט אויף זיין אלטן באַ־לעבאָס, ווי ער וואָלט זאָגן צום לעצטן מאָל: „אויס... אָט דאָס איז דער סוף!״...

— דאָס ביסטו שולדיג — האָט דער אלטער דאן געמאכט זיין זלאטען א שטילן פאָרוואורף — האָסט געוואוסט, אז כ׳האָב שוין דאָס מלבוש לאנג ניט געטראָגן, האָסטו עס באדארפט אמאָל אויס־לופטערן...

אָבער פאַרפאַלן!

— זאָל קיין גרעסערער אומגליק ניט טרעפן — האָט זלאטע געפונען א טרייסט־וואָרט פאר איר מאן — א מענטש לעבט אויך ניט אייביג...

* * *

ביי דער גאָלדענער חתונה איז דער אלטער פאָטער געזעסן אין סאַמע אויבן־אָן מיט זיין „כלה״ זלאַטע, און איז געווען אָנגעטאָן אין פיל שענערן און רייכערן פרינץ אלבערט, וואָס די קינדער האָבן פאר אים באזאָרגט. עס איז פאר אים געווען א גרויסע פרייד און פאר־געניגען וואָס אלע זיינע זעקס זין און טעכטער האָבן זיך פארזאמלט

ארום אים; אלע שניר און איידימס, אייניקלעך און אור־אייניקלעך... ער האָט ניט געוואוסט וועמען פריער צו ענטפערן אויף די לחיימס מיט די מזל־טובס, וואָס מען האָט אים פון אלע זייטן געהאלטן אין איין ארייַנשרייַען אין זייַנע אויערן. ער האָט אליין ניט געוואוסט, אז ער האָט, קיין עין הרע, אזא גרויסע משפחה, און מען וועט פאר אים מאַכן אזא געהויבענעם יום־טוב...

די שמחה פון דער גאָלדענער חתונה איז אָבער ביי דעם אלטן ניט געווען פארפולט צוליב א „נאַרישקייט". עס האָט אים בשום אופן ניט געקענט ארויס פון קאָפּ יענער פרינץ אלבערט... עס האָט אים עפּעס גענאָגט אין הארצן...

— הער א מעשה — האָט ער זיך ניט געקענט אייַנהאלטן און א פּאָר מאָל געמוזט פאר אימיצן דערציילן פון דער סיבה — אזויפיל יאָרן האָב איך דאָס מלבוש אָפּגעהיט, און מיטאמאָל איז פון דעם געוואָרן א תל... כ'האָב ניט געגלויבט מייַנע אייגענע אויגן, ווען כ'האָב דאָס דערזען. אינגאַנצן „צעגאַנגען"...

— זאָל שוין זייַן גענוג צו רעדן פון דעם — האָט אים די כלה איבערגעשלאָגן אין איר יום־טוב'דיגער געהויבנקייט — זאָל קיין גרעסערער אומגליק ניט טרעפן. א מענטש לעבט אויך ניט אייביג...

פאר ראבינאָוויטש'ן איז דאָס אָבער געווען א קנאַפּע טרייסט. פּונקט הייַנט וואָלט ער נאָך געוואָלט זייַן אָנגעטאָן אין דעם זעלבן פרינץ אלבערט, וואָס ער האָט געטראָגן אמאָל... צו זייַן ערשטער חתונה... צו דער אמת'ער...

# אַ שדכנ'טע

(מאָנאָלאָג)

אין אַ גראָסערי סטאָר קומט אריין אן עלטערע אידענע איינ־געהילט אין א שאַל ביז איבערן קאָפּ און נעמט רעדן צום באלעבאָס:

„העלאָו, מיסטער פיינשטיין! וואָס מאַכט איר עפּעס? איך גיי פארביי און זע, אז איר זייט גראדע ניט „ביזי". טראכט איך: מען דארף גאָר אריינגיין זען וואָס מיסטער פיינשטיין טוט עפּעס?...

„ווי פילט איר זיך אין געזונט? אָלרייט? נו, א דאנק גאָט. היינטיגע צייטן אַבי דער אויבערשטער העלפט מען איז געזונט, איז שוין גוט. איך טראכט ניט איינמאָל: וואָס, אומשטיינס גע־זאָגט, איז דער מענטש אינגאנצן ווערט אָן דעם ביסעלע געזונט? אז אייער פרוי, עליה השלום, האָט געלעבט, פלעגט זי נעבעך ניט איינמאָל זאָגן צו מיר: „איר זעט, רבקה, ווען אימיצער קומט צו גיין און זאָגט: גיב אוועק פון זיך דאָס לעצטע העמד און דו וועסט געזונט ווערן, וואָלט איך דאָס געטאָן"... אַי האָט זי נעבעך גע־וואָלט לעבן! ווער ווייס נאָך אזוי פיל וויפיל איך... גלייך ווי זי שטייט מיר פאר די אויגן, א גוטן זכות זאָל זי טראָגן.

„און וואָס טוען עפּעס די קינדערלעך אייערע? די בידנע יתומים'לעך, נעבעך! אַי, די מאַמע, די מאַמע!...

„אודאי איז דאָס א גרויסער ווייטאָג, אָבער וואָס קען מען טאָן? דאָס וואָס די ערד דעקט צו, מוז פארגעסן ווערן. איר, פון אייער זייט, האָט נעבעך גענוג געטאָן. עס איז עפּעס געווען איין זאך וואָס אייך איז שווער געווען פון איר'ט וועגן? האָט מען געיאָגט „יוראָפּ", איז געווען יוראָפּ; איז דער פראָפעסאָר, איז יענער פראָפעסאָר... עס קאָן זיין ווען ניט די אָפּעראציע וואָלט זי נאָך אפשר געווען געלעבט. ווער קען וויסן?... אָט קום איך איצט גראד פון אן אָרט, האָט נעבעך אויך דאָרט געטראָפן אזא

אומגליק. דאָרט האָט דאָס געטראָפן מיטן מאַן, ניט דאָ געדאכט. האָט אויך געהאט עפּעס א צרה אינעווייניג... א רחמנות איז נעבעך נאָר אויף דער יונגער אלמנה מיטן קינד וואָס איז איבער־געבליבן. כאָטש, אַן איר שאַדן אויף מיר געזאָגט, וואָס פעלט איר, קיין עין הרע? זי האָט זייער א פיינע גראָסערי און געלט... הלואי פארמאָג איך דאָס. פון דער „לאַדזש" אליין וואו דער מאַן אירער האָט באלאנגט, האָט זי אָפּגענומען אפשר פופצן הונדערטער... און א ווייבל, ווען איר קוקט איר אָן, בלוט און מילך! א שיינע, אַ יונגע. ווען איר טוט אויף איר א קוק איז עפּעס ווי אויף א שיינער רויז...

„איך מיין, אז איר מוזט זי אפשר קענען. ס'איז אויף הענרי סטריט... עס איז עפּעס אויסגעקומען צו־רייד, האָט זי מיר גע־זאָגט, אז זי קאָן אייך גראָד... פון דער משפחה אירער האָט איר געוויס געהערט. זי קומט ארויס פון די הורוויץ'עס. אין דער היים האָבן די הורוויץ'עס גאָר געשפּילט א גרויסע ראָליע. ר' וועלוועלע הורוויץ, ר' הירש לייב הורוויץ... לויטער רבנים און עשירים...

„וואָס דארפט איר מער — עס איז נאָך כמעט ניט געווען אריבער די שלושים, האָט מען איר שוין אָנגעהויבן רעדן שידוכים; פּשוט מען שלאָגט איר אָפּ די טירן. זי קלייבט אָבער... און גלויבט מיר, זי מעג קלייבן. אפילו א רב'ס א זון וואָלט זיך אויך ניט באַדארפט מיט איר שעמען.

„איך מיין דאָס אנטקעגן דעם, ווי מען זאָגט אמאָל: דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. וואָס קען מען וויסן? עס קען אמאָל זיין, אז עס איז אפשר באַשערט, אז איך זאָל גאָר זיין דער גוטער שליח...

„וואָס זאָגט איר, מיסטער פיינשטיין? עס וואָלט אייך איינ־געגאַנגען?...

„האָ? איך הער ניט... וואָס זאָגט איר? איר האָט שוין גאָר חתונה געהאַט? ווען?...

„וואָס האָט זיך מיר גע'חלומ'ט די נאַכט און יענע נאַכט, זאָל

אויסגיין צו מיינע שונאים׳ס קעפ! האסטו געזען אזוינס? ער האט שוין געכאפט און חתונה געהאט!״

זי טוט א האסטיגן צי די שאל איבערן קאפ און גייט ארויס מיט א שווערן זיפץ:

— אי א וועלט, א וועלט היינט איז! דא קען מען יא זאגן: ווי איז טאקע נעבעך נאר דעם וואס ליגט אין דר׳ערד!... ער האט שוין געכאפט און חתונה געהאט — פע!

# בינע די סאַרווערין

א שבת בייטאָג.

ביים שיין פון דעם קליינעם פיר־שויבן פענסטער, זיצט בינע די סאַרווערין, מיט איר אלטן צעבלעטערטן טייטש־חומש אויפן שויס, די פיס אונטערגעשפּאַרט אויף א פוס־בענקעלע, און לייענט די סדרה. זי זיצט אן איינגעהויקערטע מיט די טיפע קורצזיכטיגע אויגן צווישן די אותיות, מיט איר שבת׳דיגער געבלימטער פאַטשיילע אויפן קאָפּ, און דורך דער שטילקייט פון דעם שטיבל טראָגט זיך איר האלב־הייזעריגער קול:

„ויאמר משה אל ד׳, און משה האָט געזאָגט צו גאָט; איך וועל גיין אין דיינע וועגן און היטן דיין געבאָט און די משפטים פון דער הייליגער תורה, וואָס דו האָסט געגעבן צו מיר און צו כל ישראל”...

דאָס שטיבל איז א קליינס, און ענגס, אָבער יעדעס ווינקעלע לויכט מיט ריינקייט און זויבערקייט פון בינעס בריה׳שע הענט. איר בעט מיט די פּוכקע בעטגעוואַנט איז ריין און זאָרגפעלטיג פארבעט. דאָס טישל אין שכנות מיטן בעט איז באדעקט מיט א קלאָרן שבת טישטוך, און בולט׳ער פון אלץ פינקלט מיט גלאַנץ אין זייער פריי־שער אויסגעפוצטקייט — בינעס צוויי מעשענע לייכטער. די לייכ־טער שטייען איצט ווי צוויי שטומע עדות פון איר נעכטיגן ליכט־בענטשן און גיבן צו דעם שטיבל א באזונדערן שבת׳דיגן חן.

אין דעם דאָזיגן שטיבל איז שוין בינע ווי איינגעוואַקסן פון כמה יאָרן. דאָ האָט זי אויסגעלעבט אירע יאָרן מיט איר מאַן אהרן לייב און דאָ האָט זי אויסגעהאָדעוועט איר איינציגן זון יאָסעלע.

איצט איז זי אליין. אהרן לייב איז שוין לאנג אויפן עולם האמת און איר יאָסעלע איז שוין פון יאָרן אין אמעריקע.

מער ווי א בילד איז דער אלטער פון איר זון ניט פארבליבן. דאָס בילד האָט ער איר געשיקט נאָך גאָר אין די ערשטע יאָרן פון זיין אוועקפאָרן. אזא שיינער, אזא יונגער... עס איז שוין א סך יאָרן אין דעם... און לויט דער מוטער׳ס חשבון איז שוין איצט איר יאָסעלע אליין אויך א מאַן אין די יאָרן... און אין איר זכרון לעבט

נאָך אָבער דער זון מיט דעם זעלבן יונגן אויסזען ווי אויפן בילד, און ער הייסט נאָך ביי איר אַלץ מיט דעם פארצויגענעם נאָמען: „יאָסעלע".

דאָס בילד הענגט אויף דער וואנט איבער דער אלטער'ס בעט, און יעדעס מאָל, ווען זי טוט אויף דעם א קוק, טוט איר א ריס אין הארצן. וואס טויג איר דאָס בלויזע שטיקל פאפיר?... אמאָל פלעגט איר כאָטש דער זון אָפט שרייבן. איצט דאָס אויך ניט. בלויז איינמאָל אין יאָר שיקט ער איר צו א „שנה טובה". די וואונטש־קארט איז ביי איר זייער טייער, אָבער נאָך טייערער וואָלט ביי איר געווען, ווען יאָסעלע שרייבט איר עטלעכע ווערטער...

אין שטעטל איז שוין פון לאנג באקאנט, אז יעדעס מאָל ווען אימיצער פאָרט קיין אמעריקע, מוז בינע זיין פון די ערשטע, וועלכע קומט צולויפן מיט איר בקשה: למען השם מען זאָל זיך דאָרט זען מיט איר יאָסעלען.

— איך פארלאנג חלילה ניט פון אים ער זאָל מיר שיקן געלט — זאָגט זי אלעמאָל אָן מיט דעם זעלבן נוסח — איך וויל נאָר וויסן: פארוואָס קומט עס מיר, ער זאָל אָן מיר אזוי פארגעסן...

עס איז אָבער אלעמאָל געבליבן ביים אלטן. דער זון איז דאָרט פארדרייט מיט זיין אייגן לעבן און מער ווי א שנה־טובה האָט ער דער „אַלטער" ניט געשיקט.

ווען אהרן לייב איז געשטאָרבן האָט ערשט בינע דערזען ווי עלנט זי איז. דער אלטער האָט איר איצט מער אויסגעפעלט ווי דער זון. זי בעט, חלילה, ניט אויף זיך דעם טויט, אָבער בלייבן איינע אליין אויף דער עלטער, איז גאָרנישט גוט. „איי־נער איז קיינער", פלעגט זי זאָגן.

אָבער דער „וואָס לעבט אייביג", פירט זיין וועלט, און בינע, וועלכע איז ניט מער ווי א „זינדיגע אידענע", טאָר אים קיין דעות ניט זאָגן...

ווען אהרן לייב איז געשטאָרבן, איז ער שוין געווען א זקן פון אריבער אכציג. דאָס איז געווען א קורץ־געוויקסיגער איד מיט א גרוי בערדל, א שניידערל פון גוי'שע קאָצעבייקעס. דאָס שניי־דעריי איז אָבער געווען ביי אים מער א צייט־פארטרייב ווי א פר־

נסה. ער פלעגט מער זיצן איבערן תהילים ווי ארבעטן. בינע איז געווען די גאנצע פרנסה־געבערין...

אז די אלטע פאלט אמאָל אריין אין א דרימל בעשת'ן לייענען די סדרה, דאכט זיך איר נאָך איצט אויך אויס, אז איר אהרן לייב זיצט דאָס ביים טישל מיט די לייכטער און שאָקלט זיך איבערן תהילים... ניט איין מאָל וואָלט זי געקענט שווערן, אז זי האָט אפילו אין שלאָף געהערט אהרן לייב'ס זינגענדיג קול...

עס איז אָבער ניט מער ווי א חלום. עס איז שוין שיינע עטלע־כע יאָר, אז אהרן לייב איז נישטאָ, און זי, בינע, איז שוין אויך ווייט אריבער די אכציג.

אין יענער צייט האָט מען שוין געקענט הערן, ווי נייגעריגע ווייבער פרעגן זיך איבער:

— וויפיל, א שטייגער, קען שוין אזא אידענע ווי בינע, אלט זיין?

יונגע ווייבלעך פלעגן אפילו אויף טשיקאַוועס פארציען דעם שמועס מיט בינע'ן אליין.

ביי בינע'ן האָט מען אָבער אזא זאך קיינמאָל ניט געקענט ארויסבאקומען. ווען איר אהרן לייב איז געשטאָרבן, האָט זי טאקע געוואָלט גיין צוזאמען מיט אים, אָבער איצט, אז גאָט שענקט איר יאָרן און זי לעבט, האָלט זי ניט פאר קיין גוטן סימן צו דערציילן ווי אלט זי איז...

זי טוט דאן בלויז א שמייכל מיט די לעצטע עטלעכע ציין, וואָס זי האָט נאָך אין מויל, און ענטפערט אויף איר גלייכגילטיגן שטייגער:

— כ'האָב א נדר געטאָן, מיין קינד, אז ביז הונדערט יאָר, זאָל איך קיינעם ניט דערציילן ווי אלט איך בין. און אז איך וועל האלטן ביי הונדערט, וועל איך אלעמען דערציילן, און דיר אודאי...

חוץ דער רבי'צין פון שטעטל, איז בינע מיט אלעמען אויף „דו". און זי איז פולקאָם בארעכטיגט אויף דעם. עס איז איר שטאָט מיט אירע מענטשן. א גאנצער דור מיט חתונות און „שמחות", פון קינדער און קינדס־קינדער, איז דורכגעגאנגען דורך אירע הענט. קיינער וואָלט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן א חתונה אין שטעטל אָן בינע דער סאָרווערין.

## ש ר י פ ט ן

* * *

אין דעם טאָג פון א חתונה איז בינע גאָר אן אנדערע, אן אויפגעלעגטע, א יום־טוב׳דיגע. ס׳איז איר חתונה מיט אירע מחות־נים. איר קאָפּ איז דאן ארומגענומען מיט א פרייטאָגדיגער הויב, די ארבל פארקאטשעט ביז איבער די עלנבויגנס, און אירע מאָגערע הענט מיט די שארפע בלויע אָדערן לויפן ביי איר ארבעט ווי א קוועקזילבער. זי קנעט און פלעכט אליין די גרויסע, בכבוד׳יגע חתונה־קוילטשן און שאַבט און האַקט די פיש, שניידט און פאָדעט ארום די פליישן פון די פעטע געגנז און הינער... עס קען זיין די רייכסטע חתונה, מוז אלץ דורכגיין דורך אירע הענט.

עס איז נאָך גאָר פרי, און איבער דער חתונה־שטוב טראָגן זיך שוין די געשמאקע ריחות פון בינע׳ס מאכלים. עס רייצט שוין באַ־צייטענס דעם אַפעטיט, דעם ריח פון די פרישע געפעפערטע פיש; דער שארפער באַ׳טעמ׳טער קנאָבל גערוך פון דעם פעטן און זאפ־טיגען געבראָטנס.

וואָס ווייטער אין טאָג אריין, ווערט ארום דער סאָרווערין אלץ טומלדיגער. מען רעדט הויך, מען שרייט; און צוזאמען מיט דעם טומל, שפילן שוין אין דער צווייטער שטוב די קלעזמער. די טענער פון די פריילעכע חתונה־טענץ רייסן זיך אריין אין קיך, מישן זיך צונויף מיט דעם קלאַפּן פון א קאטשעלקע, וועלכע ארבעט איבער א גרויסן בלאַט לאָקשן, און מיט דעם שארפן קלינגען פון א מעשענעם שטויסל, מיט וועלכן בינע צעשטויסט אין איילעניש ניס מיט צוקער פאר אירע געבעקסן.

דאָס שפילן פון די קלעזמער טרייבט בינע׳ן נאָך מער אונטער. עס כאפּט זי ארום א הייסער שטראָם און זי נעמט ערשט איצט ווייזן וואָס זי קען. פון איילעניש האָט זיך שוין אפילו פאררוקט ביי איר אביסל דאָס הייבל אויף א זייט און עס קוקט ארויס א שטיקל פון איר נאַקעטן קאָפּ מיט די גרויע געשאָרענע האָר.

בינע קוקט זיך אָבער איצט ניט אום אויף אזעלכע קלייניקייטן. זי האָט ניט קיין צייט...

עס דאכט זיך איר אלץ, אז זי וועט נאָך, חלילה, ניט פאַספּייען

פאַרטיג צו ווערן אין צייט און זי נעמט זיך בעטן אויפן קול ניט וויסנדיג אליין ביי וועמען:

— קינדערלעך, מיינע געטרייע, זאָל מיר אימיצער אָפּשיילן עט־לעכע מאַנדלען; עס וועט דאָך שוין באַלד זיין דאָס באַדעקנס!...

זי איילט זיך טאַקע, אָבער אין דער זעלבער צייט זינגט די אַר־בעט אונטער אירע הענט. די פיש מוזן ביי איר „אַרויסשפּיגלען" פון דעם פאַן, דאָס געבראָטנס דאַרף זיין „טעם גן־עדן" און דער לעקעך — געבאַקן „ווי אויף דער זון"...

יעדעס מאָל ווען זי נעמט אַרויס אַ געבראָטענעם לעקעך פון אויוון, שיינט זי פון גליק. זי האַלט דאָס שטיק געבעקס אין די הענט ווי עפּעס אַ טייער שטיק צירונג און זאָגט אַנקוועלנדיג צו זיך אליין:

— אַזאַ שיין מזל אויף די קינדער, ווי שיין דער לעקעך איז אַרויסגעקומען...

די חתן־כלה הייסן דאָך ביי איר „די קינדער". ס'איז אירע קינדער. בינע איז געווען ביי דער שמחה פון זייער געבוירן און איצט איז זי ביי זייער חתונה...

ביי דער חופּה גופא קען בינע קיינמאָל ניט זיין, אפילו אַז זי וויל. די חופּה קומט מייסטנס פאַר לעבן דער שול און אויף דער סאַרווערין ליגט ערשט אַ גאַנצער באַרג מיט אַרבעט.

דערפאַר זעט זיך בינע שטאַרק אַרויס, ווען מען קומט פון דער חופּה. זי טאַנצט דאַן אַנטקעגן מיט די קוילישן... דאָס איז שוין אַ מנהג אין שטעטל פון אייביג אָן, און בינע האָט אויף דעם די חזקה.

ווי נאָר די סאַרווערין דערהערט דעם ערשטן סיגנאַל אַז מען „קומט", טוט עס זי אַ צי ווי אַ כשוף. אַזוי ווי זי שטייט און גייט — מיט דעם הייבל אויפן קאָפּ און מיט די פאַרקאַטשעטע אַרבל, טוט זי אַ כאַפּ די קוילישן און לאָזט זיך מיט זיי אַוועק ביז אַ שטיק אין וועג אַריין.

ס'איז אַ ליכטיגער זומער אָוונט; דער הימל אַ ריינער, אַן אויס־געשטערנטער. די כלי־זמר שפּילן דעם פריילעכן הילכיגן חופּה־טאַנץ, די פלעמלעך פון די אָנגעצונדענע ליכט און שטורקאַצן אין די מחותנים'ס הענט, פלאַקערן און לייכטן מיט יום־טוב'דיגער ליכ־

טיקט — און בינע טאַנצט אַנטקעגן די מחותנים...

בינע האָט שוין אויף דעם איר אייגנאַרטיקן טאַנץ. די צוויי גרויסע געראָטענע חתונה־קוילישן ליגן דאָן אין אירע אָרעמס מיט פרומער פייערלעכקייט, און אירע פיס פלעכטן און דריידלען א טענצל, פונקט ווי זי פלעכט און דריידלט מיט די הענט אירע געראָטענע לעקעכלעך און קוילעטשלעך.

די חתן־כלה מיט די אונטערפירער באַוועגן זיך מיט פרומע לאַנגזאַמע טריט און בינע לאָזט ניט אָפּ דעם טאַנץ ביז צום הויז. זי טאַנצט אַנטקעגן מיט „הינטער־פיסלעך" און „פאָדער־פיסלעך" און יעדער קנייטש פון איר פנים איז אָנגעגאָסן מיט פרייד און ליכ־טיקייט ווי זי וואָלט איצט אויסגעגעבן איר אייגן קינד.

— אין א מזל׳דיגער שעה! — טאַנצט זי און ווינטשט צו אין דער זעלבער צייט — אין א מזל׳דיגער שעה!...

דאָס באַצאָלטס וואָס בינע קריגט פון א חתונה איז ביי איר א זייטיגע זאַך. זי דאַרף ניט קיין סך און וויפיל זי פאַרדינט איז פאַר איר גענוג. זי קוקט אפילו ניט וויפיל מען גיט איר. זי נעמט צו דאָס פאַרדינסטל ניט געציילט, פאַרשטופּט דאָס אויף גיך אין א קע־שענע פון איר אונטער־קלייד און איז מער צופרידן פון דעם וואָס די שמחה מיט דער פרייד איז דורכגעפירט געוואָרן מיט איר הילף.

ביי אן אָרימער חתונה נעמט בינע אינגאַנצן קיין געלט ניט. זי האַלט דאָס פאַר א גרויסער מצוה און וועט ניט נעמען ביי אזא חתונה באַצאָלט. ווען מען שטופּט איר אפילו דאָס געלט אין די הענט אריין.

— עס איז ביי מיר פונקט אזוי חשוב, ווי דו וואָלסט מיר באַ־צאָלט, — פלעגט זי דאַן זאָגן צו דער מחותנת׳טע מיט א שמייכל. — וועסט מירצשעם חתונה מאַכן נאָך א קינד, וועל איך שוין ביי דיר אָפּנעמען מיטאמאָל...

צו אזעלכע מצוות איז ביי איר אויך פאַררעכנט געוועזן דאָס, וואָס זי פלעגט אָפּט ביי א לייטישער חתונה אָפּשפּאָרן אביסל פון די גוטע געקעכצן און „מחיה" זיין מיט דע מאַן אָרימער פאַמיליע. זי האָט אוועקגעשטעלט אָן א זייט עטלעכע חלקים פיש, א פערטל עוף, א שטיק חלה. עס האָט געהייסן, אז דאָס נעמט זי מיט אהיים פאַר

זיך, אָבער בינע האָט געוואוסט פון אזעלכע, וועלכע באַנוציקן זיך אין דעם מער פון איר.

אויף מאָרגן האָט זי ערשט די אַלע זאכן לײַטיש צעטײלט אין באַזונדערע כלים, פאַרפּאַקט און פאַרוויקלט אין א האַנטוך און בשתיקה אַוועקגעלאָזט זיך מיט דעם ערגעץ דורך א הינטער־געסל, צו א געפּאַלענער באַלעבאָסטע.

— כ׳האָב דיר געבראַכט צו פאַרזוכן א שטיקל געבראָטנס פון מײַן נעכטיקער חתונה — פּלעגט זי אַרײַנקומען אַן אויפגעלייגטע מיט דעם פּעקל ווי זי וואָלט דער גויטבאַדערפטיקער געבראַכט כּיבוד — מען האָט קײן עין הרע אזוי פיל אָנגעקאָכט און אָנגעבאַקן, כאָטש נעם און מאַך נאָך א חתונה...

אויף בינען האָט מען טאַקע געזאָגט, אַז זי איז אָנגעשטאָפּט מיט מצוות.

פרומע ווײַבער פון איר גלײַכן האָבן זי אַזש מקנא געווען.

— זי גרייט זיך אָן, זי גרייט זיך אָן... — פלעגט אַזא אײ־דענע שאָקלען מיטן קאָפּ. — בינע וועט שוין מירצשעם, איבער הונ־דער יאָר, ניט קומען „אַהין״ מיט ליידיגן...

בינע האָט שוין געהאַט דערגרייכט א גאָר טיפע עלטער און איז נאָך אַלץ געווען אַ סאַרווערין. אָבער כאַפּן אמאָל א חתונה־טענצל איז איר שוין געווען שווער. זי האָט שוין ניט געקענט... עס האָבן איר שוין ניט געדינט ניט די פיס און ניט דער אָטעם, מיט די קוליטשן איז זי נאָך אָבער איצט אויך אַנטקעגן געגאַנגען. אַז די פיס האָבן זיך איר מער ניט געהויבן צו טאַנצן, איז זי כאָטש יוצא געווען מיט א פרומען צעשאָקלען זיך, ווי זי וואָלט יאָ געטאַנצט...

— אוי, קינדערלעך טײַערע, — פלעגט זי דאַן ליב האָבן א זאָג צו טאָן צום גראַם: „וואו נעמט מען יענעם וואָגן, מען זאָל קענען די יונגע יאָרן דעריאָגן...

נישטאָ אַזא וואָגן...

געווי וויפיל בינע איז אַלט געווען, האָט מען נאָך איצט אויך ניט געוואוסט. עס איז אָבער געקומען א צײַט, ווען זי האָט דעם סוד אַליין אַרויסגעגעבן. זי האָט שוין דאַן קענטיק מער קיין מורא ניט געהאַט פאַר אַן עין הרע, און געהאַלטן וואָרט, ווי זי האָט אמאָל אַלעמען צוגעזאָגט...

## שריפטן

— יאָ, קינדערלעך מיינע, — האָט מען שוין אָפּט געקענט הערן פון איר — הונדערט יאָר, האָט מיר שוין גאָט ברוך הוא געשענקט...

אויף א סך אזעלכע געשענקטע יאָרן האָט זיך שוין די זקנה ניט געריכט. עס האָט שוין דאן ביי איר געהייסן, אז זי קלייבט זיך אין „וועג אריין"... אָדער: „עס וועט זי שוין באלד א רוף טאָן דער „שמש"...

אז מען האָט נאָך אמאָל, ערגעץ ביי א חשוב'ער שמחה, דורכ־אויס געוואָלט, אז בינע זאָל זיין די סאָרווערין, פלעגט זי ענטפערן מיט א שמייכל:

— אז דער שמש וועט מיר נאָר אָנקלאפּן אין פענסטער און מיך ניט א רוף טאָן אין וועג אריין, וועל איך מיט גאָט'ס הילף קומען...

דער „שמש" האָט נאָך אָבער אזוי גיך ניט געקלאפּט, און בינע'ס עלטער האָט זיך פארצויגן ביז איבער הונדערט יאָר...

# איינזאַם

פרייטאָג, איז ביי שרה־מלכה׳ן דער ערגסטער טאָג אין דער וואָך. פרייטאָג פילט זי, אַז זי איז ניט מער די זעלבע באַלעבאָסטע ווי אַמאָל: אַז זי איז ניט מער ווי אַן אַלטע, איינזאַמע אידענע, וואָס האָט אפילו צו קיינעם אַ וואָרט ניט אויסצורעדן.

אמת, קיין טענות צום רבונו של עולם האָט זי, חלילה, ניט דער־פאַר. פאַרקערט, זי דאַנקט און לויבט נאָך „זיין ליבן נאָמען" וואָס זי האַלט אַזוי ווייט. ניט מער, אַז זי נעמט אַ טראַכט טאָן, וואָס פאַר אַ באַלעבאָסטע זי איז אַמאָל געווען און וואָס זי איז איצט, ווערט איר אַביסל אומעטיג אויפן האַרצן.

פאָרט, זי זאָל ניט זינדיגן, געבאַלעבאַטעוועט איבער אַ גע־זינדעל פון זעקס מענטשן: זי מיט איר לייבלען, עליו השלום, און אירע פיר קינדער, זאָלן געזונט זיין, געפירט אַ הויז, אויף אַלע אירע ליבע געזאָגט. און אַלץ איז אין אירע הענט געלעגן: אי דאָס באַ־לעבאַטישקייט, אי די קינדער׳ס פאַרדינסטן... און חתונה געמאַכט אירע קינדער האָט מען מיט דער פולער האַנט, מיט כבוד: קיין שום קינד האָט זיך, חלילה, אויף איר ניט געהאַט צו באַקלאָגן. יעדעס קינד האָט זיך זיין נדן געקראָגן; יעדעס קינד זיין אויסשטייער — און לעבט אייך בשלום אין גאָט׳ס וועלט.

— אָפּגעטאַנצט דעם לעצטן טאַנץ, שרה־מלכה — האָט לייבל געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווען זיי האָבן די אינגסטע טאָכטער אויסגעגעבן.

— דאָס לעצטע פייגעלע פון דער נעסט אַרויסגעלאָזט — האָט שרה־מלכה צוגעזיפצט.

און די אַלטע האָבן געווישט די טרערן. נאָר געזינדיגט, חלילה, האָט מען ניט.

— געלויבט דער אויבערשטער — האָט זיך לייבל געטרייסט

## שריפטן

— וואָס מיר זיינען ווערט געווען דאָס צו דערלעבן.

— איך דאנק דיר און ליב דיר, גאָטעניו, פאר דיין חסד! — האָט אויך שרה־מלכה צוגעגעבן.

און שטיל האָבן טאטע־מאמע פון זייערע קינדער נחת געשעפט, און שטיל, פאר זיך, זייער באַלעבאַטישקייט געפירט.

און די אלטע שרה־מלכה וואָלט אזוי געקענט אָפּלעבן אירע יאָרן אין נחת און אין פרייד, ווען גאָט וואָלט פּלוצלונג איר לייבלען פון דער וועלט ניט צוגענומען.

— אַצינד, מאַמעניו, וועסטו זיין ביי מיר! — האָט יעדעס קינד באַזונדער איר גענומען בעטן — ס׳וועט דיר גאָרנישט פעלן, מאַ־מעניו, מען וועט דיך האלטן ווי אַן אויג אין קאָפּ...

— וויפיל עס איז דיר נאָר באַשערט צו לעבן, מאַמעניו — האָט די אינגסטע טאָכטער זיך געבעטן מער פון אַלע — וויל איך, דו זאָלסט זיין ביי מיר. מיט יעדן ביסן וועל איך זיך מיט דיר טיילן... איבער אַלעמען וועסטו ביי מיר די באַלעבאָסטע זיין.

שרה־מלכה אָבער האָט ניט געוואָלט.

— איר זייט ביי מיר אַלע טייער, מיינע ליבע קינדערלעך! — האָט די אַלטע מאמע געענטפערט — איך האָב אייך אַלע ליב; — נאָר זיין וויל איך מיר באַזונדער. וויפיל עס איז מיר נאָך אָנגע־צייכענט פון „אויבן" צו לעבן, וויל איך מיר זיין א באַלעבאָסטע פאר זיך.

האָבן די קינדער פאר דער אַלטער מאמען אַן עקסטרע צימער געדונגען, און שרה־מלכה איז א באַלעבאָסטע פאר זיך.

פירט זיך די אַלטינקע איר באַלעבאַטישקייט פונקט אויף דעם זעלבן שטייגער, ווי ווען איר לייבל האָט געלעבט. שטייט אויף אין דער פרי, ראַמט זי זיך צו איר צימער, טוט אָן איר שייטל און גייט מיט קוישל אין גאַס איינקויפן.

צו גיין יעדן פרימאָרגן מיטן קוישל אין גאַס, איז שוין ביי דער אַלטער אזא געוואוינהייט אַז אפילו זי האָט ניט וואָס צו קויפן, ציט עס איר עפּעס ווי אַ מאַגנעט.

זי גייט ארום מיט איר קוישל אויפן האַנט פון איין פּושקאַרט צו דער צווייטער, באַטראַכט יעדע סחורה באַזונדער, קוקט זיך איין

אויף די „מציאות" וואָס מען פאַרקויפט און בלייבט יעדעס מאָל שטיין לעבן אַן אַנדער פושקאַרט, ווי זי וואָלט זוכן עפּעס צו קויפן.

— וואָס קויפט איר עפּעס, מיסעס־לעבן? — נעמען די פּעדלער זי פאַרוואַרפן מיט פראַגן — פרישע אייער, גוטע ציבעלעס ביליג...

שרה־מלכה אָבער ענטפערט ניט. טוט בלויז אַ צי מיט די אַקס־לען, און גייט זיך ווייטער.

— נישטאָ פאַר וועמען... — טוט זי דערביי ניט איינמאָל אַ לייכטן זיפץ.

אַנדערש אָבער פילט שרה־מלכה דאָנערשטאָג. דאָנערשטאָג איז ביי איר אַ טאָג פון באַלעבאַטעווען, אַ טאָג פון פאַרען זיך. אין דעם טאָג שיקן געוויינלעך אַלע קינדער צו דער אַלטער מאַמען געלט, זי זאָל פאַר זיי אַלע נויטיגע זאַכן אויף שבת באַזאָרגן.

גייט שרה־מלכה אַרום מיטן קויש פון איין פושקאַרט צו דער צווייטער, קוקט נאָך, מעשה באַלעבאָסטע, וועלכע סחורה ס'איז בע־סער, און באַזאָרגט פאַר יעדן קינד וואָס יעדע דאַרף.

איבערהויפּט האָט זי אַ באַזונדערן פאַרגעניגן, ווען זי קומט אַריין צו איר אַלטן, באַקאַנטן קצב.

— ווי טייער לייזט איר טשיקן? — גיט זי אַ פרעג דרייסט — איך דאַרף האָבן עטלעכע גוטע טשיקנס, און באַלד גיט זי צו, אַז פליייש דאַרף זי אויך...

און אַהיים גייענדיג מיט די גרויסע „חלקים" פליייש, פילט זי, אַז איצט איז זי ניט די געוויינלעכע, איינזאַמע שרה־מלכה, אַז זי פאַרנעמט עפּעס איצט אַן אַנדער פּלאַץ אין לעבן, — זי איז איצט יענע אָנגעזעענע באַלעבאָסטע וואָס געווען...

אַזוי איז שרה־מלכה דעם גאַנצן דאָנערשטאָגדיגן טאָג באַ־שעפטיגט אין פאַרען זיך: מאַכט כשר דאָס פליייש, פּאַקט איין יע־דע סחורה באַזונדער, און אַז אַלץ איז פּינקטלעך באַזאָרגט, קומען צוגיין אירע אייניקלעך, און די אַלטע באַבע שיקט יעדן קינד, מיט אַן אייניקל, דעם חלק.

דער ערגסטער טאָג אָבער איז פאַר שרה־מלכה'ן פרייטאָג. ניט אַזוי דער טאָג, ווי דער פרייטאָג־צו־נאַכטס. פרייטאָג־צו־נאַכטס

פילט זי, אז זי איז עפּעס אַן איבעריגע, אַן איבערגעבליבענע...

זי זיצט דאַן אָנגעטאָן אין אירע שבת׳דיגע מלבושים און וואַרט ביז דער „שכן״, ביי וועמען זי וואוינט אין אַ צימערל — וועט פונם דאַווענען קומען, זי זאָל אים הערן קידוש מאַכן.

איר גאַנץ צימער איז דאַן ווי אין אַ הייליגער שטילקייט פאַר־וויגט. אויפן ווייס־באַדעקטן טיש פינקלען צנועה׳דיג די בענטש־ליכט פון די פריש־אָפּגעפּוצטע לייכטער. איבערגעדעקט אונטער אַ רויט־געבלימטן טישטעכל, ליגן אַ פּאָר חלות; אין מיטן שטייט אַ פלעשל ראָזשינקע וויין, — אַלעס איז אָנגעגרייט לכבוד שבת: אַלץ זעט אויס ווי עס וואָלט וואַרטן, דער באַלעבאָס זאָל אויף דעם אַ ברכה מאַכן.

פאַרשיידענע דעראינערונגען שווימען דאַן אַרויף אין שרה־מלכה׳ס מוח, שווימען אַרויף און באַשאַפן פאַר איר יענע שיינע פרייטאָג־צו־נאַכטן, יענע פריילעכע שבתים... זי זעט איר לייבלען, אירע קינדער, אַלע זיצן מיט דרך ארץ אַרום טיש, אַלץ זעט אויס פריילעך, שבת׳דיג, און איבער אַלעמען איז זי די באַלעבאָסטע — זי די באַלעבאָסטע און איר לייבל דער באַלעבאָס...

אַ טיפע בענקשאַפט נעמט איר האַרץ אַרום, און אַ טיפע מרה־שחורה לייגט זיך אויף איר נשמה.

פאַרטיפט אין אַזעלכע איבערלעבונגען, זיצט שרה־מלכה אַזוי לאַנג ביז זי דערהערט, אַז דער שכן איז שוין פונם דאַווענען גע־קומען.

זי טוט דאַן אַ טיפן זיפץ, הויבט זיך אויף, גיסט אָן אַ קידוש־גלעזל מיט וויין, און שטעלט זיך דערמיט הינטער דער טיר קידוש הערן.

ווי אַן אויטאָמאַטישע פיגור זעט דאַן די איינזאַמע זקנה אויס, זי שטייט, שאָקלט זיך, זאָגט שטיל נאָך וואָרט פאַר וואָרט, און אין אירע אויגן נעמט בלישטשען אַ טרער נאָך אַ טרער.

# אין א קעלער

אין א ווינקל פון א טיפן קעלער זיצט ברוך דער קוילן־מאַן אויף אן אלטער צעקרימטער קאנאפּע און קוקט אריין אין א צייטונג.

עס איז שפּעטלעך אין אָוונט און דאָס ווינקל וואו ער זיצט איז באלויכטן פון א חלב׳ן ליכטל וואָס איז צוגעשמאָלצן צו אן איבער־געקערטן פרוכט־קעסטל. דאָס פלעמל פון דעם מאָגערן ליכט איז אן אָרימס, א שוואכס, און קוקט אויס ווי עס וואָלט זיך געשראָקן פאר דער אייגענער שיין.

אין דעם מאטן ליכט שווארצט זיך אן אָנגעשאָטענער הויפן קוילן וואָס פארנעמט כמעט א האלבן קעלער. אין א ווינקל גליט און שטיקט זיך אן אָנגעהיצט אייוועלע וואָס שלאָגט מיט רויכיגער וואַרימקייט, און ער, ברוך, קוקט דאָ אויס מיט זיין אויסגעשמירטן קוילן־פּנים און שווארצע אויסגעהאָרעוועטע הענט, ווי ער וואָלט פון די קוילן ארויסגעוואקסן.

אין דער דאָזיגער געגנט געפינט זיך שוין דער קוילן־איד אפשר צוואנציג יאָר. ווען ער איז געקומען אהער צו דעם קוילן־קעלער, איז ער נאָך געווען א יונגערמאן מיט א שווארץ בערדל, מיט יונגע כוחות און מיט א האָפענונג אין הארצן, אז אינגיכן וועט ער אריבערברענגען אהער זיין ווייב מיט די צוויי קינדער וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין יוראָפּ.

ער האָט דאָן געהאט אויף וואָס צו האָפן, דער קוילן־איד. עס זיינען געווען אנדערע צייטן אין יענע יאָרן. אין דער געגנט האָט מען נאָך דאן ווייניג געוואוסט פון „סטים־היט״, און ער, ברוך, האָט אליין צוגעשטעלט קוילן. צוויי ארויסהעלפער האָבן דאן ביי אים געארבעט. אן א שיעור זעק מיט קוילן פלעגט ביי אים יעדן

טאָג ארויסגעטראָגן ווערן פון קעלער. אין די אָוונטן פלעגט אים אזש שווינדלען פאר די אויגן, ביז ער האָט איבערגעציילט די שווערע בייטלען מיט געלט, וואָס ער האָט דורכן טאָג איינגעלייזט.

פינף הונדערטער האָט ער שוין געהאט אָפּגעשפּאָרט אין דער באנק. עס האָט שוין געהאלטן דערביי, אז אָט נעמט ער ארויס דאָס געלט און שיקט נאָכן ווייב מיט די קינדער.

עס האָט אָבער געטראָפן אן אומגליק: פונקט אין יענע טעג האָט זיך צוגעמאכט די באנק און ער האָט פארלוירן ביז א סענט.

ביי ברוכ׳ן אין בוזים קעשענע ליגט נאָך ביז היינטיגן טאָג דאָס באנק־ביכל זיינס מיט די פארלאָרענע פינף הונדערטער... אין די אָוונטן, ווען ער זיצט אליין אויף דער אלטער צעקרימטער קאנאַפּע, נעמט ער ארויס דאָס דינע ביכעלע וואָס איז שוין שווארץ און צע־קנייטשט פון אלטקייט, קוקט מיט אומעט אויף זיין אָוועקגעראַבע־וועטער האָרעוואניע, און ווארט אויף א נס; אפשר וועט זיך נאָך די באנק עפענען, אפשר וועט ער נאָך קענען ארויסקריגן כאָטש עפּעס פון זיין געלט...

צוליב דעם קויפט ער דאָס יעדן טאָג א צייטונג און זוכט...

ברוך געדענקט, אז אין אָנפאנג האָט די צייטונג וואָס ער לייענט, געראָד א סך געשריבן פון דער צוגעמאכטער באנק. מען האָט געגעבן האָפענונג, אז די דעפּאָזיטאָרס וועלן נאָך צוריק קריגן אויסגעצאָלט זייער געלט; מען האָט גערופן מיטינגען. ער, ברוך, פלעגט אויך גיין צו די מיטינגען...

עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט מיט גארנישט. נישטאָ קיין באנק און עס איז נישטאָ ביי וועמען צו מאָנען... אפילו די צייטונג דערמאָנט שוין פון דעם אויך מער קיין וואָרט ניט.

ברוך האָט נאָך אָבער אלץ ניט פארלאָרן די גאנצע האָפענונג. ער זוכט נאָך אלץ אין „פּייפּער" וואָס ער לייענט.

יעדן אָוונט זיצט ער לאַנג ביים טונקעלן שיין פון דעם אָנגע־צונדענעם ליכטל, דער קאָפּ מיט די אויגן טיף אריינגעטאָן אין דער צעעפנטער צייטונג און ער זוכט, טאָמער וועט ער עפּעס דערזען וועגן זיין באנק... אפשר...

עס איז אים גאָרניט גוט אויפן הארצן, דעם קוילן־איד. דאָס ערגסטע איז ביי אים די אומעטיגע בריוו וואָס ער קריגט פון דער היים. די בריוו שרייבן אים שוין איצט די קינדער זיינע. די קינדער זיינע זיינען דערוואקסענע און זיי שרייבן שוין פאַר דער מוטער אויך.

אזעלכע פיינע בריוו, אזעלכע פארשטענדלעכע... אין יעדן בריוו שרייבן זיי: „ליבער טאטע, מיר קענען דיר אזוי פיל ניט ארויסשרייבן ווי מיר וואַרטן מיט בענקשאַפט אויף דעם גליקלעכן טאָג צו הערן פון דיר די גוטע בשורה, אז דו שיקסט נאָך אונז״...

פון די בריוו שטעלט זיך דעם פאָטער אַלעמאָל טרערן אין די אויגן. ער וואָלט אוודאי געוואָלט האָבן די קינדער מיט דער מוטער לעבן זיך. אָבער וואו זאָל ער נעמען געלט צו שיקן נאָך זיי? אפילו די עטלעכע דאָלער, וואָס ער שיקט זיי, פון צייט צו צייט, קומט אים אויך אָן מיט בלוטיגן שווייס. עס קאָסט אים גענוג געזונט ביז ער פאַרדינט איצט אַ דאָלער. אין די מערסטע הייזער פון דער געגנט, האָט מען איינגעפיקסט סטים. און דאָ וואו מען הייצט זיך אליין, זיינען פאַראַן מער קוילן־לייט ווי קאָסטאָמער. מען פאַרלויפט דעם וועג, מען רייסט איינער פון צווייטן דעם ביסן פון מויל...

:: :: ::

אין דער צייט, ווען דער קוילן־איד זיצט פארטיפט אין דער צייטונג, קומט אריין הירשקע דער שוסטער.

דאָס איז ברוכ׳ס שותף צום קעלער. פון די איצטיגע ביזנעס וואָלט דאָס דעם קוילן־איד געווען א גאנצער בארג אויפן קאָפּ, ווען ער דאַרף אליין צאָלן צען דאָלער א מאָנאט דירה־געלט. און ביי דעם שוסטער איז דאָס א ווילדע מציאה: פאַר די פינף דאָלער זיצט ער זיך מיט זיין ווארשטאטל אין סאמע אויבן־אָן ביים קעלערפענסטער און האָט אויך דאָ זיין געלעגער.

הירשקע דער שוסטער איז א סך אינגער פון ברוכ׳ן, און געזינטער אוודאי. ער איז א קרעפטיגער, ברייט־פּלייציגער יונג מיט

א פּאָר שווערע פאַרהאָרעוועטע הענט, א פעט געגאָלט פּנים און מיט א פּאָר גלאַנציגע לויפנדיגע אויגעלעך, וואָס אז זיי דערזעען א שיין ווייבל, צינדן זיי זיך ביי אים אָן מיט א פייערל ווי נאָך א שטאַרקן טרונק בראַנפן.

הירשקע האָט אויך אמאָל איבערגעלאָזט ערגעץ א ווייב. ער האָט שוין אָבער לאַנג פאַרגעסן אָן איר. קיין קינדער האָט ער מיט איר ניט געהאַט און ער ווייס אפילו ניט צי זי לעבט. ער טראַכט ניט פון איר און וויל ניט טראַכטן. עס איז אים גוט אָן איר...

אז הירשקע האָט אַרבעט, זיצט ער ביים וואַרשטאַטל מיט בחור׳שער אויפגעלייגטקייט און די אַרבעט ברענט ביי אים אונטער די הענט. ער זינגט זיך צו אידישע טעאַטער לידלעך, רויכערט איין סיגאַרעט נאָכן צווייטן און זיין קאָפּ איז פול בלויז מיט איין זאַך: ער וואָלט זייער געוואָלט חתונה האָבן מיט דער ווייבל פון דער אַנטקעגנדיגער קענדי־סטאָר.

דאָס ווייבל פון אַנטקעגן איז א מיטל־יעריגע אַלמנה, וועלכע מאַכט א פיין לעבן פון איר קענדי־סטאָר. זי פאַרמאָגט אויך עט־לעכע הונדערט דאָלער, וואָס איר פאַרשטאָרבענער מאַן האָט אי־בערגעלאָזט, און זי זוכט א שידוך.

הירשקע ווייס דאָס אַלץ און עס ציט אים צו דער אַלמנה, ווי א מאַגנעט. אפשר צען מאָל אין טאָג וואַרפט ער פון זיך אַרונטער דעם לעדערנעם פאַרטוך און לויפט אין קענדי־סטאָר. ער קויפט דאָרט זיינע סיגאַרעטס, טרינקט אָפּט א גלאָז סאָדע.

זיין איילנדיג אַריינלויפן אין קענדי־סטאָר איז אַלעמאָל, ווי עס וואָלט ביי אים געווען א רענדל א מינוט. ער האָט קיין צייט ניט. ער שטייט ווי אויף שפּילקעס.

— פּליז, מיסעס ווילקין, — גיט ער א זאָג אין זיין איילעניש, — גיט מיר א פּעקל סיגאַרעטס און לאָמיך אַנטלויפן,

— וואָס איז אזוי די איילעניש? — דערלאַנגט אים דאָס ווייבל די סיגאַרעטס און שמייכלט מיט איר צוציענדן חן־גריבעלע אויפן פּנים, — אזוי „ביזי״ זענט איר?...

— אַלץ הייסט „ביזי"! — ענטפערט הירשקע מעשה ביזנעסמאַן, — איך בין אַזוי פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, כאָטש צערייס זיך! זאָל איך קרענקען אויב איך האָב נאָך היינט צייט געהאַט צו עסן.

דערפאַר נעמט ער זיך צייט אין די אָוונטן. דעמאָלט קומט ער אַריין אין קענדי־סטאָר אַן אַנדערער הירשקע — אַן אויסגעפּוצטער, אַן אַרומגעוואַשענער. די פּעטע באַקן זיינען ביי אים פריש גע־ראַזירט און פאַרשאָטן מיט פּודער. ער טראָגט זיין שבת'דיגן „האָליז־טוך" וואָס זעט זיך שטאַרק אַרויס מיט רויטע און גרינע פּאַסן, און די שיך זיינען אויסגעפּוצט מיט אַ שאַרפן גלאַנץ. אַזאַ גלאַנץ אויף אַ פּאָר שיך קען, דוכט זיך, נאָר אַרויסקומען פון הירשקע'ס הענט.

אין אַזאַ צייט האַלט ער זיך אויף פרייער מיט איבעריגע עט־לעכע סענט, וואָס ער גיט דער אַלמנה צו לייזן. ער קויפט צוויי פּעק־לעך סיגאַרעטס מיט אַמאָל, נעמט אַ שטיקל קענדי, און אָנשטאָט אַ געוויינלעכער גלאָז סאָדע, הייסט ער זיך איצט געבן אַ גלאָז „מאָל־טעד".

טרינקענדיג די „מאָלטעד", לאָזט ער פון דער פרוי די אויגן ניט אַראָפּ. ער סטאַרעט זיך צו געפעלן איר מיט קלוגע רייד, מיט אַ גלייכווערטל, אויף זיין שטייגער, און שלינגט זי מיט דעם גלאַנציגן פּייערל אין זיינע לויפנדיגע אויגעלעך...

וואָס מער ער קוקט אויף דער אָנציענדער אַלמנה, אַלץ מער זעט ער, וואָס פאַר אַ ליכטיגע זון עס וואָלט פאַר אים אויפגעגאַנגען ווען דאָס ווייבל האָט מיט אים חתונה.

אַ שוך־סטאָר! — גיט אים אין אַזעלכע מינוטן מיטאַמאָל אַ קלאַפּ אין קאָפּ. — באַלד וואָלט ער זיך געעפנט אַ שוך־סטאָר, ווען ער האָט מיט דער ווייבל חתונה. און טאַקע דאָ אויף דעם זעלבן בלאָק וואָלט ער דעם סטאָר געעפנט. ער אין אַ שוך־סטאָר, און זי — אין קענדי־סטאָר...

— איר זענט אַ טייערע פרוי! — מאַכט ער דאַן דער אַלמנה אַ קאָמפּלימענט מיט אַ בחור'שן שטעל, — מען דאַרף זיין אַ מבין אויף אַזאַ פרוי ווי איר זייט... מיט גאָלד צו גלייך, ווי איך בין אַ איד!...

פון קענדי־סטאָר קומט הירשקע אַלעמאָל אַרויס אַ צעוואָרימטער, אַ פרייליכער. עס איז אים דאָן אַזוי גוט אויפן האַרצן, אַז ווען ער קומט דערנאָך אַרונטער אין קעלער און טרעפט ברוכ׳ן זיצן פאַר־טיפט איבער דער צייטונג, קוקט ביי אים דער קוילן־איד אויס ווי עפּעס אַ מענטש פון אַ טויטער וועלט.

ער ווייס שוין, אַז ברוך זוכט אין דער צייטונג „זיין" פאַרמאַכטע באַנק און ער מאַכט דאָס גאַנצע זוכעניש צו קליין־געלט.

— פאָלג מיך, ברודערקע, און הער אויף צו זוכן, ווייל דו וועסט גאָרניט געפינען! — טוט ער דאָן ברייטלעך אַ זאָג מיט לצנות — וועסט שוין אַזוי זען דיין געלט פון דער באַנק, פּונקט ווי איך קען איצט זען פּאַריז! ס׳איז אַ געשטאָרבענע באַנק! זאָג אָפּ קדיש און פאַרגעס!

— דיר איז גרינג צו רעדן, — ענטפערט ברוך, — איך וועל שוין אין אַמעריקע נאָכאַמאָל קיין פינף הונדערטער ניט „אָפּסייפן"... ווען איך האָב איצט דאָס געלט, בין איך אַ גליקלעכער מענטש. איך וואָלט דאָ געקענט האָבן מיין ווייב מיט די קינדער און וואָלט זיך, אפשר, אויף די עלטערע יאָרן ניט באַדאַרפט וואַלגערן דאָ אין קעלער ווי אַ הונט...

— לאָך זיך אויס! — דרשנ׳ט הירשקע ווייטער אויף זיין שטייגער, — עס וואָלט דיר נאָך געווען ערגער ווי איצט. מיינסט ס׳איז עפּעס אַ שפּילעכל היינטיגע צייטן, אַז מ׳דאַרף אויפהאַלטן אַ פאַמיליע מיט צימערן און מיט אַלע שוואַרצע יאָרן? פון וואַנען וועסטו נעמען געלט אויף די אַלע זאַכן? פון דיינע גרויסע פאַר־דינסטען?... עטלעכע דאָלער שיקסטו זיי דאָרט אַלעמאָל — גוט! זאָלן זיי דאָרט זיצן געזונטערהייט און דו זיץ דאָ... זעסטו — טוט ער זיך איינצייטיג פריידיג אַ כאַפּ — אַז גאָט העלפט, אַז מ׳קען האָבן אַזאַ ווייב ווי די אַלמנה פון קענדי סטאָר — אָט דאָס איז גוט! דאָס איז אַי אַ ווייב און אַי פּרנסה... מען דאַרף זיין אַ מבין אויף אַזאַ ווייבל... מיט גאָלד צוגלייך איז זי, ווי איך בין אַ איד!... הלואי וויל זי מיט מיר חתונה האָבן, כאַפּ איך זי מיטביידע הענט...

— נו, פאַרוואָס זעסטו ניט עס זאָל עפּעס זיין פון דעם? —

פרעגט דער איד שוין מיט פארשלאָפענע אויגן אין דער צייטונג.

— עס וועט זיין! — כאפּט הירשקע אונטער מיט א פרישן פייערל אין זיינע לויפנדיגע אויגעלעך — וועסט זען, ברודערקע, אז עס וועט זיין! און א שוך־סטאָר וועל איך נאָך אויך האָבן. וועסט זען, אז טאקע דאָ אין דעם זעלבן בלאָק וועל איך שטיין מיט א שוך־סטאָר!...

ער רעדט אזוי לאנג ביז דער מידער קוילן־איד הויבט אָן דרימלען. ביסלעכווייז לאָזט זיך זיין קאָפּ מיטן גרויען בערדל אלץ טיפער אראָפּ איבער דער צעעפנטער צייטונג, און ער פאלט ענדלעך אריין אין א שווערן שלאָף.

א צעווארימטער פון זיינע צעשפּילטע פאנטאזיעס, נעמט זיך הירשקע אויך באלד פארטיג מאכן צום שלאָפן. ער נעמט פאָרזיכטיג אראָפּ פון זיך די יום־טוב׳דיגע בגדים, מאכט צורעכט זיין געלעגער און זינגט זיך דערביי שטיל צו דאָס באקאנטע לידל:

„אוי, מיידל, מיידל, מיידל,
איך האָב דיך אזוי ליב,
אוי, מיידל, מיידל, מיידל,
איך גיי פאר דיר אין גרוב . . . ״

# ער לעבט נעבעך אין שרעק

(הומאָרעסקע)

עס כאַפּט מיך אָן אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן און דערציילט מיר אַזאַ געשיכטע:

„עס קען זיין, אַז איר וועט אפשר פון מיר לאַכן, ביי מיר אָבער איז דאָס אַ גאַנץ ערנסטע זאַך.

אַרויסגעקומען איז דאָס פונם נייעם איטאַליענישן אַרבעטער, וועלכן מיין באַרבער־באָס האָט אין די לעצטע פּאָר וואָכן אָנגע־שטעלט. איך אַרבעט ביי איין „טשער" און יענער ביים צווייטן.

איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז מיר איז דער דאָזיגער בעל־מלאכה באַלד ניט געפעלן. דאָס איז פון די סאָרט ספּאָרטלער, וועלכע האַל־טען זיך אין איין פּוצן. יעדעס ברעקעלע מוז אויף אים זיין אָפּ־געטאָקט, אויסגעצאַצקעט ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַרויס פון אַ פּרעס.

אויסגעפּוצטע יונגעלייטלעך טרעפט מען אין אונזער פאַך אַ סך. דאָס איז שוין אַזאַ מלאכה וואָס פאָדערט מען זאָל זיך האַלטן ריין, זויבער — אָבער אַזאַ מין קאָקעט האָב איך נאָך ניט געזען. דאָס לאָזט אויף זיך ניט פאַלן קיין שפּרענקעלע. נאָר דאָס ליגט ביים שפּיגל, און נאָר דאָס האַלט זיך אין פּוצן, פּונקט ווי אַ מיידל... פון די שייינקע... פון די טעקעלעך... אַ פיגורעלע האָט ער אַ דינס, אַ בויגיגס, די פינגער־נעגל שטענדיג מיט אַ פרישן אָפּגעטאָקטן גלאַנץ, און דאָס געגנעלע זיינס איז עפּעס ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן אויף ספּרונזשינעס, גרינג, לפּוטיג... דערצו איז ער נאָך אַ בחור׳ל מיט אַנדערע מעלות, אַ טענצער, אַ מאַנדאָלין־שפּילער...

ביי מיין באַלעבאָס האָט דער נייער בעל־מלאכה גאָר אויסגענו־מען. איבערהויפּט האָט ער ביי אים שטאַרק נושא חן געווען מיט

דער מאַנדאָלין. כדי דער באַס זאָל זען וואָס פאַר אן אוצר ער האָט אין אים דערטאַפּט, האָט ער אים באַלד גענומען צייגן, אַז ער קען אפילו אויסשפּילן אידישע שטיקלעך אויך. מיט די אויגלעך מער אויפן באַס ווי אויף דער מאַנדאָלין, האָט ער אים באַלד געגעבן א שפּיל אויף „א בריוועלע דער מאַמען", האָט זיך דערביי אליין געשמייכלט מיט דעם מיידלשן שמייכעלע און אלס צוגאָב געגעבן אן ענדיג אָפּ מיט „חתן כלה מזל־טוב"...

דאָס באַלעבעסל מיינס, אויף וועלכן מען קען בלויז זען א פריילעכע מינע אין די טעג ווען עס איז שטאַרק „ביזי", האָט איצט גאָר אָנגעקוואָלן. ברייטער ווי לענגער איז ער געוואָרן. ביים „חתן־כלה מזל־טוב" האָט ער אזש א פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעפּלאַצט א נחת׳דיגער:

— האָסט געזען א באַנדיט? אלע אידישע שטיקלעך שפּילט ער דאָך אויס!

און צום שפּילער האָט ער צוגעלייגט מיט אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

— יו אָלרייט, דזשאַני, יו פּלעי פיין!

פאַר דעם קאָמפּלימענט האָט זיך דזשאַני צעלאַכט מיט דעם גאַנצען מויל ציין, און דעם צופרידענעם באַלעבאָס באַלוינט מיט נאָך אן איבערראַשונג. ער האָט אים גענומען אויסצימבלען דעם „אלי אלי".

איך בין גראָד ניט אזוי שטאַרק צעפּלאַמט פון זיין שפּילן. איך האָב שוין געהערט אביסל גרעסערע שפּילערס פון אים. מיין „באַס" מאַכט אָבער פון אים א גאַנצן צימעס. אז ער צערעדט זיך פון דזשאַנ׳ס שפּילן וואָלט מען געקענט מיינען, אז דאָס איז כאָטש א צווייטער מישא עלמאַן. אויף דעם חשבון איז שוין פון דעם יונג ניט איינצוזיצן אין סטאָר. נאָר דאָס זיצט מיט דער מאַנדאָלין אין האַנט און נאָר דאָס רימפּלט. ווער שמועסט אז ער דערשפּירט עפּעס א שיין מיידל אָדער א ווייבל, איז שוין גאָר ניט צום אויס־האַלטן. פאַר א אידיש מיידל ווערט ער פשוט א פאַרצאַפּלטער. ער דערשמעקט דאָס באַלד ווי א קאַץ פוטער און עס לאָזט אים שוין ניט איינזיצן. באַלד גיט ער זיך א פוץ צו דעם שוואַרצן לאָק אויפן שטערן, גיט א כאַפּ די מאַנדאָלין, און ער שטייט שוין ביים פענסטער

ווי א שאָטן. מיט א צימבלען, מיט א גנבה׳שן קוקן צום סטוף... פון די ריכטיגע פאַרשווינדלעך...

נאָר מיינע ביזנעס איז דאָס ניט. דאָס וואָס ער חנ׳דלט זיך צו פרויען, דאָס ארט מיך געוויס ניט. איך בין חלילה אויף אזעלכע זאכן ניט אייפערזיכטיג. איך בין א פארהייראטער מאן און מיין פרוי איז מיר ליבער און טייערער ווי טויזנטער אנדערע.

און דאָ קום איך צום סאמע תוך. איך האָב געגומען באמערקן, אז דער חברה־מאן זוכט שוין מיין פרוי אויך צו געפעלן....

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס עפּעס באלד אין א פּאָר טעג ארום, נאָך זיין אָנקומען צו אונז ארבעטן. אין דער צייט, ווען ער איז אזוי געזעסן און געצימבלט אויף דער מאנדאָלין, איז גראד צוגעקומען צום סטאָר מיין ווייבל מיטן קינד.

מיין שפרה׳לע, דארפט איר וויסן, איז א פרוי, וואָס ס׳איז נישטאָ קיין סך אזעלכע. עס האָט נאָך ניט געטראָפן איך זאָל ערגעץ ארבעטן, און זי זאָל כמעט יעדן טאָג ניט צוקומען אביסל אין דרויסן פארן סטאָר מיך זען. אז איך האָב צייט ארויסצוגיין פאר דער טיר מיט איר אביסל פארברענגען, איז גוט; טאָמער ניט איז זי צופרידן מיט דעם וואָס זי גייט בלויז פארביי מיטן קינדער־וועגעלע און זעט מיך פון דערווייטן.

איר קענט פארשטיין, אז איר צוקומען איז מיר אוודאי און אוודאי טייער. עס איז זיך, חלילה, ניטאָ מיט וואָס צו שעמען אז מען האָט ליב א ווייב. פון דעם קינד אליין קומט מיר שוין צו א שטיק געזונט, ווען איך זע עס. איך האָב א צוויי־יעריג מיידעלע, און ווען איר גיט אויף איר א קוק, איז דאָס שיין ווי די זון. די מוטער אויס׳ן אויג... איך מיין זיך אסור צו בארימען, אָבער דעם אמת מעג מען זאָגן. ווען איר קענט מיין ווייבל וואָלט איר געזען אז איך רעד ניט פון וועג. א שיינע, וואָס שיין הייסט. אלס מיידל איז זי גאָר געווען א פארשוין. יונגע לייט האָבן זיך אויסגע־לאָזט פאר אירע טריט...

אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. איך וויל בלויז דערציילן, ווי עס קען זיך אמאָל צו א מענטשן געבן א טשעפּע צו עפּעס א שווארץ

יאָר און אים פאַרפאָלגן ווי א בייזער וואָרים. איך מיין דאָס טאַקע אנטקעגן דעם איטאַליענער. ווי איך שטיי אזוי פאַר דער טיר לעבן מיין שפרה׳לען, באמערק איך ווי דער יונג שטייט שוין ביים פענסטער מיט דער מאַנדאָלין אין האַנט און לאָזט שוין פון איר ניט אראָפּ קיין אויג...

איך זאָג ניט, אז א קוק טאָן אויף א פרוי איז שוין דאָס גאנצע פאַרברעכן. איך בין אויך ניט קיין צדיק אין אזעלכע זאכן. דאָ אָבער איז מיר דער קוק זיינער גאָרניט געפעלן. עפּעס א גנבה׳שער קוק איז דאָס געווען. א זשוליקישער... די מאנדאָלין ארבעט ביי אים אין די הענט אויף די העכסטע טענער און די צוויי שווארצע אויגלעך זיינע שפריצן מיט פונקען... פשוט, ער שרייט דורך זיי ארויס צו מיין ווייבל, אז זי געפעלט אים. זי זאָל קוקן אויף אים... זי זאָל הערן ווי ער שפּילט...

איר קענט זיך פאָרשטעלן, אז מיין שפרה׳לעס שטיין לעבן מיר איז מיר שוין איצט ניט געווען אזוי שטארק צום הארצן. עס וואָלט געווען געזינטער ווען זי קומט ניט צו, ווען זי האָט ניט פאַר די אויגן דעם תכשיט מיט דער מאנדאָלינקע... איבערהויפּט האָט מיר נאָך א קלאַפּ געטאָן אין הארצן וואָס זי האָט זיך צו דעם שפּילן צוגעהערט מיט אזא אויפמערקזאמקייט. עפּעס האָט זיך איר גאָר ניט געגלוסט אוועקצוגיין.

צולעצט גיט זי מיר נאָך אזא זאָג:

— דו ווייסט, סעם, ער שפּילט זייער שיין אויף דער מאַנדאָלין... איר פארשטייט? זי האָט שוין דערשמעקט אז ער שפּילט שיין...

ווען דאָס וואָלט זיך געענדיגט בלויז מיט דעם איינעם מאָל — אַרט דאָס מיך ווי די וואנט. האָט ער געשפּילט, האָט ער געקוקט. איז אָבער די צרה וואָס דאָס ווידערהאָלט זיך כמעט יעדעס מאָל ווען זי קומט צו. ווי נאָר ער דערזעט זי, איז ער באלד ביים פענסטער, ווי א טייוול! נאָר דאָס קוקט מיט די צוויי באנדיטישע אויגן, און נאָר דאָס קערט וועלטן מיט דער מאַנדאָלין. און דוקא אויף די העכסטע טענער, א פייער זאָל אין אים אריין!

צו קיין שלעכטס איז נאָך אפילו ביז איצט ניט געקומען. איך

האָב אָבער מורא, אז עס קען יאָ קומען, און וואָס מען טוט, הויב איך ניט אָן צו וויסן. זאָגן מיין פרוי, אז זי זאָל מער ניט צוקומען, קאָן איך ניט. איך וועל זיך זיכער פארפלאָנטערן און דערנאָך נאָך האָבן ביי איר א פּנים פון חוזק. וואָס פאר א תירוץ קען איך איר זאָגן? פארוואָס זאָל זי עפּעס פּלוצלונג אויפהערן צוצוקומען?...

אוועקגיין, ווידער, פון דעם פּלאַץ קען איך אויך ניט. איך אר־בעט שוין דאָ אַ שטיק צייט און פון א „סטעדי" פּלאַץ לאָזט זיך ניט אזוי גרינג אוועקגיין. אָבער לאָזן עס זאָל זיך אזוי אוועקציען אין דער לאַנגער באַנק אריין, טאָר איך אויך ניט. איך ווייס וואָס איך רעד... איך זע קלאָר ווי דער טאָג, אז דער חברה־מאַן האָט אויף איר אַן אויג...

אמת, איך ווייס גאַנץ גוט, אז מיין פרוי איז מיר געטריי, און איך האָב ניט וואָס צו מורא האָבן. אין דערזעלבער צייט לעב איך אָבער דאָך אין שרעק. קיין מלאך איז זי פאָרט ניט. וואָס־זשע, ביי אזא חברה־מאַן איז א גרויסע זאַך ער זאָל איר פארדרייען א קאָפּ?... ווייניג הערט מען זיך אָן פון אזעלכע זאַכן? ווי שטאַרק איך זאָל אין איר ניט גלויבן, כאַפּט זיך דאָך אמאָל אריין אין מיר א שטיקל חשד.

די לעצטע טעג ווייס איך שוין גאָרניט וואו איך בין אין דער וועלט. ניט איינמאָל דאַכט זיך מיר אויס, אז זי קומט שוין גאָר ניט צום סטאָר זען מיך — נאָר אים, דאָס באַנדיטל... זי האָט שוין דערשמעקט אז ער האָט אַן אויג אויף איר... עס לאָזט זי שוין ניט רוען די מאַנדאָלינקע... אין דעם אָנקוקן פון זיין שפּילן דערקען איך דאָס.

וואָס דאַרפט איר מער? אָט האָט איר א לעבעדיגן פאַקט: די וואָך איז עפּעס אויסגעקומען צו רייד, גיט זי מיר פּלוצלונג א זאָג:

— דו ווייסט, סעם, דו וואָלסט דיר באַדאַרפט קויפן א מאַנדאָ־לין און זיך אויך אויסלערנען שפּילן.

איר הערט שוין וואו עס האַלט?... זי וויל שוין איך זאָל זיך אויך קויפן א מאַנדאָלין...

נו, ווייס איך ניט וואָס איך רעד? זע איך ניט, אז עס דרייט זיך שוין דאָ א גאַנצער ראָד?...

ווען דאָס וואָלט ניט געווען קיין איטאַליענער, וואָלט שוין אזא חברה־מאַן ניט געפּראַוועט מיט מיר אַזעלכע שטיק. איך שרעק זיך ניט איבער פאַר אַזעלכע פאַרשוינען. איך קען שלאָגן אַזעלכע דריי ווי ער. אָבער גיי הויב זיך אָן מיט אַ „לאָקש". דאָס קען זיך עפּעס האַלטן ווי אַ מענטש? ער קומט אַריין אין דער רציחה, נעמט ער און כאַפּט צו מיר אַ מעסער...

איך וואָלט אומיסטן געוואָלט איר זאָלט אַמאָל אין אַ בייטאָג פאַרבייגיין אונזער סטאָר, ווען מיין פּרוי קומט צו, וואָלט איר געזען, אַז איך רעד ניט פון וועג. פּשוט אַ מלאך המות גייט מיר נאָך הינ־טער די פּלייצעס. אַ טייוול מיט אַ מאַנדאָלין אין האַנט...

קיין זאַך האָט זיך מיר אַזוי ניט איינגעגעסן אין די ביינער, ווי די מאַנדאָלין. אַז איך דערזע די מאַנדאָלין, גיט זיך אַזש אַ מיש אין מיר דאָס בלוט. און נאָר דאָס באַראַבאַנעוועט און נאָר דאָס לאָזט ניט לעבן. דאָס צימבלען זיינס גרילצט מיר שוין אין די אויערן ווי עפּעס אַ בייזער זשוק...

היינט אין דער פרי האָב איך שוין זיכער געמיינט, אַז עס וועט צווישן אונז זיין אַ געשלעג. אַ העזה פון אַ שגץ — גאַנץ פרי, עס איז נאָך אין סטאָר אַפילו קיין הונט ניט געווען — ער זיצט שוין און רומפּלט מיר אין קאָפּ אַריין.

עס האָט מיך אַזוי אַרויסגעבראַכט פון געדולד, אַז איך האָב זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן און געמוזט אַ געשריי טאָן:

— איט'ס ענאַף! איט'ס ענאַף! פּלעי טאַמאַראָו, פּלעי!

איך בין געווען זיכער, אַז אָט גיט זיך שוין אין אים אַ צינד אָן דאָס בלוט. אָן דעם גזלנ'ישן קוק זיינעם האָב איך דאָס דערקענט... אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אָבער געמאַכט, אַז ער איז ניט אין כעס. כלומרשט האָט ער מיר נאָך חבר'יש אַ קלאַפּ געטאָן אי־בער דער פּלייצע און געזאָגט מיט זיין גנבה'ישן שמייכעלע:

— וואַצעמעטער? יו נאָ לייקע מיין מיוזיק?...

די גוטסקייט זיינע האָט מיך פּשוט צעררייצט ביז גאָר. ווען איך קען אים אין דער מינוט דערלאַנגען אַזא פּלעם איבער דעם אויסגע־צאַצקעטן פּנימ'ל, וואָלט איך געווען דער גליקלעכסטער מענטש.

## שריפטן

ווען ער טרעט כאַטש אָפּ און הערט זיך שוין אויף צו מיר צו טשעפּען, איז — כאַפּט אים דער טייוול! ניין, טענה'עט ער מיר דוקא אין פּנים אריין מיט דעם זשוליקישן שמייכעלע און צימבלט מיר דוקא אין די אויערן אריין דעם „חתן־כּלה מזל־טוב"... מיך ברענט ווי א פייער און ער שפּילט... עפּעס ווי ער וואָלט מיך נאָך אומיסטן גערייצט: ווי ער וואָלט מיר נאָך אומזיסטן געוויזן אז ער נעמט מיך אויף זיכער...

וואָס טויג אייך די טענות, ער איז מיר אזוי לאנג געקראָכן אין די ביינער אריין, ביז איך האָב א ריס געטאָן פון אים די מאַנדאָלין, א שמיץ געטאָן זי אָן דר'ערד און בין ארויסגעלאָפן פון סטאָר.

איצט דריי איך זיך ארום, און עס הויבט זיך מיר אזש דער מוח. פון פארלירן דעם פּלאץ האָב איך קיין מורא ניט. איך בין דאָרט אָן אלטע האנט, און ווען איך קום צוריק איז גאָר ניט. שלעכט איז נאָר וואָס איך האָב דאָ צו טאָן מיט אָן איטאליענער... איר פאר־שטייט, ס'איז פּשוט א געפאר... איך בין זיכער, אז ווי נאָר ער דער־זעט מיך, כאַפּט ער צו מיר א מעסער...

# 5. אלערליי

# די סטרייקערין

אַ היפּשע צאָל סטרייקנדע ארבעטס־מיידלעך האָבן זיך פאַרזאַמעלט אין א מיטינג־לאָקאַל, אויסגעשטעלט זיך אין איין ריי, און יעדע באַזונדער באַקומט איצט אויסגעצאָלט פון זייער „טשערליידי" סטרייק־בענעפיט...

אין דער ריי געפינט זיך אויך ביילקע, אָדער די קליינע בעקי, ווי אירע מיטארבעטערינס רופן זי — אַ מיידל פון א יאָר זיבעצן, מיט אַ צארט באַ׳חנ׳ט פּנים, פון וועלכן עס קוקן ארויס א פּאָר נאַאיווע קינדערשע אויגן.

פאר דער יונגער סטרייקערין איז דער היינטיגער טאָג דער ביטערסטער וואָס זי האָט די גאנצע צייט פון סטרייק איבערגעלעבט.

ביז היינט איז פאר אירע אַלטע טאַטע־מאַמע, ביי וועמען זי איז די איינציגע שפּייזערין, געווען אַ סוד אז זי סטרייקט. באַלד ווי זי איז ארונטער פון שאפּ, האָט זי באַשלאָסן, קיין זאך זיי ניט צו דערציילן; זיי דארפן ניט וויסן אז זי סטרייקט... און געוואָלט האָט זי דאָס אויספירן ניט אזוי אויס מורא צו זיי, ווי צוליב זייער אייגענער טובה: אַלטע מענטשן, זאָלן זיי זיך ניט ערגערן; זאָלן זיי ניט האָבן צו איר קיין טענות...

און די יונגע ברויט־געבערין האָט זיך אָפּגעמאכט א פּלאַן, וועלכען זי האָט ביז איצט דורכגעפירט אויפן פאָלגנדן אופן:

די גאנצע צייט וואָס זי איז אין סטרייק, האָט זי יעדן טאָג פארבראכט צוזאמען מיט איר מיט־סטרייקערינס, און אז ס׳איז געקומען ענדע וואָך, האָט זי ארויסגענומען, אָן אימיצנס וויסן, א טייל פון אירע אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע דאָלער, וואָס זי האָט געהאט אין דער באַנק, און אהיים געבראכט אירע עלטערן „פּיידע", פּונקט ווי זי וואָלט געארבעט...

די וואָך, אָבער, האָט זיך אַלץ געענדיגט! מאָרגן דאַרף זי אהיים ברענגען איר וואָך פאַרדינסט און זי האָט ניט... פון איר אָפּגע־שפּאָרטען פאַרמעגן האָט זי שוין דעם לעצטן דאָלער אַרויסגענומען...

שטייט דאָס פאַרצווייפלטע אַרבעטס־מיידל אין דער ריי פון אירע סטרייק־חבר׳טעס און קוקט זיך אַרום מיט שטומע, זשעדנע בליקן; וואַרט צו באַקומען איר סטרייק־בענעפיט...

אָבער וואָס פאַר אַ באַדייטונג וועט פאַר איר האָבן די קליינע סומע וואָס זי וועט קריגן?... וואָס וועט זי פריער דערמיט טאָן? און זי באַשליסט אין געדאַנק, אַז ביים נעמען דעם בענעפיט, וועט זי בעטן דער „טשערליידי" אפשר איז מעגלעך אַז אַ חוץ דעם זאָל זי איר אויסבאָרגן נאָך אַ פּאָר דאָלער... זי וועט איר דערציילן דעם גאַנצן אמת... און זי וועט דאָס געוויס פאַר איר טאָן...

ביי דעם באַשלוס האָט עפּעס די סטרייקערין אַרומגענומען אַ מאָדנער געפיל, אַ געפיל פון שרעק... פאַרוואָס זי שרעקט זיך, האָט זי אַליין ניט געוואוסט. מיט דער „טשערליידי" איז זי דאָך, דאַכט זיך, אזוי גוט באַקאַנט — אפילו אַן אמת׳ע חבר׳טע אירע... צו־זאַמען מיט איר אַ לאַנגע צייט אין איין שאַפּ געאַרבעט... ווען זי וואָלט וועלן קען זי איר אפילו איצט אַרויף טאָן צו זיך...

דער לעצטער געדאַנק האָט ביילקען געמאַכט פילן באַדייטנד דרייסטער און מוטיגער, אָבער ווי נאָר זי האָט דערהערט אויסרופן איר נאָמען, האָט איר ווידער באַהערשט דאָס פריערדיגע געפיל, די זעלבע שרעק... צוקומענדיג צו דער „טשערליידי" זיינען אַלע ווערטער, וואָס זי האָט זיך אָפּגעמאַכט איר צו זאָגן, אויף אַמאָל צעשוואומען געוואָרן אין איר מוח.

— ענטשולדיגט — האָט זי גענומען שטאַמלען מיט אַ גע־צוואונגענער דרייסטקייט — איך וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געטאָן... אָבער איצט... בלויז אויף אַ קורצער צייט... כ׳וועל אַרבעטן וועל איך אָפּגעבן... וואָס קען איך טאָן?... שוואַכע טאַטע־מאַמע... איך... איר וועט זען...

מער האָט די פאַרביטערטע ניט געקענט רעדן. די לעצטע ווער־טער זיינען איר געבליבן שטיין אין האַלז, און די יונגע שפּייזערין האָט זיך צעכליפּעט אין אַ שטילן, פאַרשעמטן געוויין...

# „אַ קעראַסינקע"

היימי מיט זיין פרוי בעסי האָבן אָפּגעגעסן „סאַפּער" און זיך, ווי אימער, געזעצט שפּילן אַ „קעראַסינקע" — די איינציגע „גיים", מיט וועלכער דאָס פּאָר פאַלק אַמוזירט זיך כמעט יעדן אָוונט, זייט זיי זיינען פאַרהייראַט.

הייסן הייסט עס ביי זיי ניט מער ווי אַ צייט־פאַרטרייב. אָנ־פאַנגס, דאָס הייסט אין די ערשטע פּאָר מאָנאַטן נאָך זייער חתונה, פלעגן זיי שפּילן גלאַט אַזוי זיך, ניט אין געלט, חלילה. איצט אָבער שפּילט מען צו צוויי־דריי סענט, אָדער העכסטנס צו ניקלס אַ „גיים".

נאָר דאָס איז ניט וויכטיג. דערהויפּט איז דאָ דער אינטערעס די אַמוזירונג. און אַמוזירן אַמוזירט זיך היימי אַמבעסטן. אַ באַזונדערן פאַרגעניגן האָט ער, ווען ער געווינט ביי זיין בעסי'ן די גאַנצע פּאָר סענט, און קען זיך מיט איר אַ רייץ טאָן. מיינען מיינט ער דערביי אפילו גאָרניט, נאָר אַז זי בלייבט זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענער נאָז, האָט ער דאַן ליב אויף איר צו קוקן; עפּעס דאַכט זיך אים אויס, אַז ער האָט זי דאַן פיל ליבער ווי געוויינלעך.

זיצט דאָס פּאָר פאַלק פאַרטיפט אין שפּילן. היימי, אַ פריי־לעכער, און בעסי, שוין אַן אָנגעבלאָזענע... זי האָט שוין כסדר דריי מאָל פאַרשפּילט...

— לאָמיר שפּילן צו ניקל אַ גיים! — גיט בעסי אַ זאָג מיט קוראַזש, מישנדיג די קאָרטן מיט אַ נערוועזער שנעלקייט.

— אַהאַ! — מאַכט היימי מעשה העלד — הייסט עס, דו גייסט מיך שוין גאָר נעמען אויף זיכער? נו, אַ ניקל אויפן טיש!...

— ס'איז אָלרייט — ענטפערט בעסי גלייכגילטיג, און נעמט

שוין געבן קאָרטן — כ׳וועל שוין איינשטעלן, אַ סך בין איך דיר שולדיג?

— דאָס גייט ניט! — האַלט זיך היימי ביי זיינס — א גולדן פיש, געלט אויפן טיש!...

— און אַז ניט? — וויל זיך די פרוי ניט אונטערגעבן — האָסטו א ברירה ניט צו שפילן...

— אָבי דו פארשטייסט כאָטש — שמייכלט דער מאן — וואָס דען, איך וועל שפילן אויף „טראַמבע״?...

— טייערער תכשיט מיינער — ווארפט אויף אים בעסי א שארפן בליק — איך וועל אנטלויפן מיטן ניקל?...

און רעדנדיג די ווערטער, נעמט זי ארויס פון איר בוזים אַ צוזאמענגעבונדן טיכל, נעמט פון דאָרט ארויס א ניקל, און לייגט עס מיט כעס אוועק אויפן טיש.

היימי קוקט זיך צו און אויף זיין פנים ליגט אויסגעגאָסן אַ מינע פון איבערלעבער צופרידנהייט.

— אַלץ איינס האלסטו שוין ביים קניפל — קען ער זיך ניט איינהאלטן פון א וויצל טאָן זיך — נעם שוין טאקע פאַר איין וועג ארויס נאָך עטלעכע ניקעלעך... פארשטייסט? ווי א זאך מאכט זיך, וועסטו דיר כאָטש איינשפאָרן אָן ארבעט...

— נעוועער מיינד — ווערט שוין די פרוי אָנגעצונדן — דו מאַך זיך נאָר ניט פאר אזא העלד! זאָלן מיינע שונאים אזוי לעבן, און איך ניט, אויב דו הויבסט אָן צו קענען שפילן א ריכטיגע „קעראָסינקע!״

— ווי־זשע קומט עס — פרעגט שוין היימי סאַרקאַסטיש — וואָס דו האַלסט עפּעס אין איין פארשפּילן?...

אויף דער פראגע גיט שוין בעסי ניט קיין ענטפער. אירע ליפּן פארציען זיך בלויז אין אן איינגעהאַלטענעם כעס, און מען זעצט פאַר די שפּיל.

— כדי ס׳זאָל זיין היימלעכער אין שטעטל — וויצלט זיך היימי, ארויסציענדיג איינע פון זיינע קאָרטן — נעם איך מיר דערווייל אריין אָטאָ דאָס קעניגל.

— זאָל זיין די קווין! — נעמט די פרוי אויך אריין אַ קאָרט.

— אַ פוינטל! — גיט היימי ראַפּטום אַ וואָרף אַ קאָרט אויפן טיש.

— אַ פוינט? — חזר׳ט איבער די פרוי, ארײַנקלערנדיג אין אירע קאָרטן — אויב אַ פוינט, בילד איך א צענטל.

— אַ צענטל? — טוט זיך היימי אַ כאַפּ מיט פרייד — אויב איצט נעם איך ארײַן דאָס גוטע ענטל מיטן פוינט, און קענסט שוין א צענטל ביסטו דאָך אַ פאַרטיגע... דאָרט האָב איך געהאט צוויי־און־צוואנציג? — נעמט ער ציען די ווערטער מיט א גמרא־ניגון — אָנגרייטן א פריש ניקעלע...

·· — זאָל איך שטארבן, אויב דו האָסט איצט געוואונען! — נעמט זיך שוין בעסי קאָכן אן אויפגערעגטע — זאָל איך ניט דערלעבן ביז מאָרגן!...

און מיט אימפּעט גיט זי זיך א וואָרף צום צוזאמענגעלייגטן קופּקעלע געלט, וואָס ליגט לעבן מאַנ׳ס זייט, און צווישן פאָר פאַלק ווערט א רייסערײַ.

— ניט ביי מאָטיען! — פאַרטיידיגט היימי, כאַפּנדיג זיין געווינס — ניט ביי מאָטיען!...

בעסי ווערט נאָך מער אויפגערעגט, און נעמט שוין פאר כעס שרייען מיט טרערן:

— אוי, די האַנט! דער רוח זאָל דיר נעמען, לאָז מיך אָפּ די האַנט!...

זי גיט דערביי מיט רוגזה אַ ריס די האַנט, בלייבט זיצן די האָר האלב צעשויבערט, און ווישט די אויגן מיט אן אייגנגעהאַל־טענעם געוויין.

— כאַפּט! — ברומט שוין היימי אויך אביסל אויפגערעגט, און שארט דערביי א פארסאָפּעטער צוזאמען דאָס געלט פונם טיש — כ׳האָב איר אָנגעגרייט צו כאַפּן! עס נויט דיך דען אימיצער זאָלסט שפּילן, אז דו קענסט ניט?...

— איך בין ניט געווען קיין „געמבלערקע״, קען איך ניט שפּילן! — ברעכט בעסי אויס מיט א שטאָך־וואָרט.

די ווערטער טרעפן היימי׳ן ווי גליענדע שפּיזן. קיין שום וואָרט קאָכט אים ניט אזוי אויף דאָס בלוט, ווי אז זי שטעכט אים מיטן

וואָרט „געמבלער״. און וויפיל מאָל ער האָט זיך שוין ביי איר געבעטן: בעסי, פאַרגעס וואָס ס׳איז געווען... בעסי, אויב דו ווילסט ס׳זאָל צווישן אונז זיין א גוט לעבן — וויל איך ניט הערן פון דיר אזעלכע שטעך־ווערטער... און זי, וואָס עפּעס — „געמבלער!״...

— נאָ! — גיט היימי מיט אמאָל א צעקאַכטער א וואָרף דאָס געלט איבער דער שטוב — נאָ! כאַפּט דיך א שוואַרצער יאָר מיטן געלט צוזאַמען!

— געמבלער! — ברומט ער אומגייענדיג איבערן צימער אָן אָנגעצונדענער — איך וועל דיר אמאָל געבן א געמבלער, אז ס׳וועט דיר וויסט און פינסטער ווערן אין דיינע אויגן! ווערסט מיך דער־נאָך מעגן גיין פאַרקלאָגן פאַרן טאַטן דיינעם, דעם שנאָרער!...

בעסי זיצט מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און שווייגט. זי ווייסט, אז רעדן איצט א וואָרט איז פּונקט ווי צו גיסן אויל אויף א פייער. זי ווייסט, אז זי איז באַגאַנגען א פעלער און זי טאָר קיין וואָרט ניט רעדן.

זיצט בעסי, וואַרפט פון צייט צו צייט אַרום זיך פאַר׳גנב׳עטע בליקן, און, באַמערקנדיג, אז היימי איז א ווײַלע געבליבן שטיין פאַרטראַכט ביים פענסטער, הויבט זי זיך אויף און, שנעל ווי א בליץ, פאַרשווינדט איר קליינער קערפּער אין שלאָף־צימער.

היימי, באמערקנדיג, אז בעסי איז שוין אוועק פון זיינע אויגן, נעמט ער פאַרזיכטיג צונויפקלייבן דאָס צעשאָטענע געלט, נעמט געלאַסן צוזאַמען די קאָרטן, און לייגט זיך שוין היינטיגע נאַכט שלאָפן אין פראָנט־רום אויף דער זאָפע.

ביז שפּעט אין דער נאַכט ליגט היימי אויף דער זאָפע און אויף זיינע אויגן נעמט זיך קיין שלאָף ניט. עפּעס פילט ער, ווי ער וואָלט היינט באַגאַנגען א שרעקלעכן פאַרברעכן. ערשט איצט שווימט פאַר אים קלאָר אַרויס די גאַנצע פּאַסירונג; ערשט איצט באַרעכנט ער זיך ווי נאַריש ער איז זיך באַגאַנגען. וואָס איז? ער האָט מיט איר גע־שפּילט א שטיקל קעראָסינקע! און צוליב וועמען שפּילט ער, ווען ניט צוליב איר? זי האָט געוואָלט צוכאַפּן ביי אים די פּאָר סענט?... איז וואָס? א חילוק זיינס אָדער אירס? פּונקט ווי מען וואָלט נעמען פון איין קעשענע און אַריינלייגן אין דער צווייטער. און דערפאַר

האָט ער דאָס באַדאַרפט אַזוי צודריקן איר דאַרע האַנט מיט זײַנע צוויי געזונטע לאַפּעס, און אָנפאַלן אויף איר מיט אַזאַ כּעס...

היימי דערפילט אין דער מינוט אַ טיפע חרטה און עס נעמט אים אויף זײַן ווײַבל שטאַרק ווי טאָן דאָס האַרץ.

— אויס קאָרטן! — בליצט אים דורך אַ געדאַנק — אויס שפּיל!... נאָ מאָר!

ער הויבט זיך אויף, גייט מיט האַסט צו צום טיש, טוט אַ נעם די קאָרטן און שליידערט זיי מיט כּעס אַרויס דורכן פענסטער.

ער זעצט זיך אָן אויפגערעגטער צוריק אויף דער זאָפע, און שווערט, אַז מער טאָר קיין קאָרט אין זײַן הויז ניט אַרײַנקומען — אויס!...

ער פּרוּווט זיך צוריק לייגן, נאָר עפּעס לאָזט אים ניט דאָס האַרץ. עפּעס נעמען זיך אים איצט מישן אַזעלכע טרויעריגע מחשבות... ער זעט, דאַכט זיך, ווי בעסי'ס האַנט, וועלכע ער האָט אַ דריק געטאָן, איז פּלוצלונג געשוואָלן געוואָרן, און בעסי ליגט דאָרט אין שלאָף־צימער און וויינט, קרעכצט... און די קרעכצן שניידן עפּעס אַזוי זײַן האַרץ...

און ווי אָן אָפּגעבריטער פון גליענדן אײַזן, טוט ער זיך מיט אימפּעט אַ הויב אויף, און גייט מיט שנעלע אָבער שטילע טריט אַרײַן אין שלאָף־צימער.

אין שלאָף־צימער איז שטיל. עס הערט זיך קוים דאָס שטילע אָטעמען פון דער פרוי, וועלכע ליגט אויפן בעט אין אַ רואיגן שלאָף.

דורכן אײנציגן האַלב פאַרהאַנגענעם פענסטער, שפּאַרט זיך פון גאַס אַרײַן אַ מאַטער, גרויער שײַן, וועלכער שניידט דורך די געדיכטע פינסטערניש. אַלעס איז שטיל און רואיג; אַלעס זעט אויס אין דער געהיימניספולער שטילקייט, ווי אײַנגעהילט אין באַוועגונגס־לאָזע שטיקער שאָטנס.

היימי בלײַבט פאַרזיכטיג שטיין בײַם בעט, בויגט זיך אָן מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם; לייגט שטיל צו דעם אויער, און עס גיט אים עפּעס אַ צי אין האַרצן... עפּעס דאַכט זיך אים, אַז זײַן

מ. אַדערשלעגער

בעסי אָטעמט איצט פיל שוואַכער ווי געוויינלעך...

בעסי! — נעמט ער זי וועקן, ווי ניט מיט זיין קול—בעסינקע!...

און איידער בעסי עפנט נאָך די אויגן, קלאַמערט זי היימי פעסט ארום מיט די הענט, עסט זיך איין אין אירע ליפּן, און קושט אָן אויפהער...

# א שפּיל אין ברוגז

דער עטלעכע־און־צוואַנציג יעריגער פּיליפּ, וועלכער איז אין זיין ווייבל פאַרליבט איבער די אויערן, איז אין יענעם אָוונט אַהיים געקו־מען פון זיין באַשעפטיגונג מיט דער זעלבער אויפגעלייגטקייט ווי אלע מאָל — א צופרידענער, אַ פאַרליבטער.

נאָך איידער ער האָט ארונטערגענומען פון זיך דעם מאַנטל, האָט ער זיך מיט זיין ווייבל וואַרים צעקושט, ער האָט פאָטערלעך געקושט דאָס איינציגע קינד וואָס ער האָט שוין מיט זיין סערע׳ן, און זיין פּנים האָט געשטראַלט פון גליק.

די פרייד האָט אָבער היינט ביים יונגן באַלעבעסל לאַנג ניט אָנגעהאלטן. ווי נאָר ער האָט ארונטערגענומען פון זיך דעם מאַנטל און איז אריין אים אויפהענגען, אין שלאָף־צימער, האָט ער דאָרט אַנטדעקט א זאַך, וואָס האָט אים באלד צעשרויפט. ער האָט דערזען, אז דאָס שיינע טעצעלע, וואָס שטייט אויפן דרעסער, אין וועלכן זיין סערע האַלט אירע האָר־נאָדלען, איז אָנגעשאָטן מיט אַשעס און צוזאמען מיט די אַשעס ליגט אַן אָפּגעלאָשן שטיקל סיגאַר.

דאָס איז געווען אַ שטומער עדות, וואָס האָט פּיליפּ׳ן קלאָר און דייטלעך באוויזן, אז דאָ אין צימער איז היינט געווען א מאַן, וואָס האָט גערויכערט אַ סיגאַר.

ער האָט דאָס אַנדערש ניט געקענט אויסטייטשן שוין דערפאַר אַליין, וואָס ער, פּיליפּ, רויכערט ניט קיין סיגאַרן, און זיין סערע אודאי ניט.

אַ מאָדנע זאַך...

אויף דער מינוט האָט דאָס פּיליפּ דוקא געפּרואווט נעמען לייכט. ער האָט שוין זיין ווייבעלע שיעור א פרעג געטאָן מיט שפּאַס, פון ווען אָן זי האָט אָנגעהויבן רויכערן סיגאַרן...

עס איז אים אָבער באַלד איבערגעגאַנגען דער חשק. דאָס טע־צעלע מיט די אַשעס האָט צו שטאַרק געשטאָכן די אויגן. ער זאָל די געשיכטע אַזוי גרינג קענען דורכלאָזן. ער האָט דאָס געוואָלט אויספאָרשן אָן איבעריגע רייד און אָן חכמות, מיט שכל, מיט פאָר־זיכטיקייט, אַזוי, אַז סערע זאָל זיך אפילו אַ האָר ניט אָנשטויסן, אַז ער האָט עפּעס אַ פאַרדאַכט.

און ער טוט איר טאַקע באַלד אַ פרעג, ווי ער וואָלט, חלילה, גאָרניט געמיינט:

— זאָג נאָר, סערע, היינט איז אימיצער געווען ביי אונז אין הויז?

— היינט? — פרואווט זיך סערע דערמאָנען, — ניין. וואָס איז, האָסט היינט אימיצן דערוואַרט?

— איך ווייס... — האָט פיליפּ ניט וואָס צו ענטפערן — כ׳האָב געמיינט אפשר האָט דאָ אימיצער געפרעגט אויף מיר וועגן ביזנעס...

אויף וויפיל סערע האָט געוואוסט, איז היינט ביי זיי אין הויז געווען בלויז איין מענטש. דאָס האָט אָבער ניט קיין שייכות מיט איר מאַן און זי האָט ניט געפונען פאַר נויטיג דאָס אים צו זאָגן. דאָס איז געווען דער פלאָמבער, וועלכער האָט היינט אין זייער שלאָף־צי־מער פאַרריכט דעם ראַדיאַטאָר.

. . . דאָס איז זיינע אַשעס. אין דער צייט פון זיין אַרבעט האָט ער גערויכערט אַ סיגאַר און אויף אַ גאַנץ אומשולדיגן אופן אָפּגעשאָטן די אַשעס אין יענעם טעצעלע.

דער צערודערטער פיליפּ ווייס אָבער פון גאָרניט און דער פאַר־דאַכט אויף זיין סערען וואַקסט אין אים פון מינוט.

אין דעם ענטפער וואָס סערע האָט אים געגעבן, אַז ס׳איז היינט קיינער ניט געווען אין הויז, האָט ער גאָר געזען אַ שלעכטן סימן. זי האָט אים ניט געזאָגט דעם אמת... ער זעט דאָך: וואָס הייסט, ס׳איז קיינער ניט געווען אין הויז? און די אַשעס מיט דעם שטיקל סיגאַר? אַליין אַריינגעפלויגן דורכן פענסטער?...

פון איינזיצן אויף אַן אָרט האָט איצט ביי אים קיין רייד ניט געקענט זיין. עס האָט אים געשלעפּט ווי אַ מאַגנעט, — און אַלץ צום שלאָף־צימער. ער האָט געשפּאַנט מיט נערוועזע טריט אַרויס

און אריין, ער האָט דאָרט אַלע ווײַלע אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. עפּעס ווי ער וואָלט ניט געגלויבט זײַנע אייגענע אויגן, איז ער יעדע פּאָר מינוט ווידער שטיין געבליבן לעבן דרעסער און ווידער אַמאָל באַקוקט דאָס פאַרדעכטיגע ביסל אַשעס מיט דעם פאַרלאָשענעם שטיקל סיגאַר וואָס האָט אין זײַן קאָפּ אָנגעמאַכט אַזאַ פּלאָנטער.

אָבער מיט זײַן גאַנצער באַהאַלטנקייט און שווײַגן, האָט זײַן ווײַבעלע סערע ענדלעך דאָך דערשמעקט וואָס איר מאַן קוועטשט. דאָס אָפּטע אַרומפּאַדען זײַנס אין שלאָף־צימער ביים דרעסער האָט געצויגן איר אויפמערקזאַמקייט.

זי האָט דערזען די אַשעס, דערמאָנט זיך אָן פּלאָמבער און עס האָט זיך איר געוואָלט לאַכן.

דאָס פרײַלעכע און שטיפערישע ווײַבעלע סערע מאַכט זיך אָבער ניט וויסנדיק און אײַלט זיך נאָך דערווײַל ניט אַרויסלאָזן די קאַץ פון זאַק. עס געפעלט איר די שפּיל זאָל זיך ציען אַביסל לענגער. אויב איר פיליפּ האָט שוין יאָ אויף איר אַזאַ פאַרדאַכט, האָט זי געטראַכט, זאָל ער כאָטש אַביסל „טאַנצן"...

און פּונקט אין דער מינוט ווען פיליפּ האָט זיך געדרייט אַרום דרעסער אין זײַן פאַרטשאַדעטקייט, האָט זי אים אין אײַלעניש אַ רוף געטאָן:

— פיליפּ, קום, לאָמיר אָפּעסן, איך בעט דיך, איך וויל נאָך הײַנט גיין זען אַ פּיקטשע.

ביים סאַפּער זיצט פיליפּ ווי אַ נעכטיגער. עס ווילט זיך אים גאָרניט עסן. ער האָט קיין אַפּעטיט ניט. צום פאַרשפּײַז האָט ער זיך אַפילו ניט צוגערירט. פון די געפּרעגלטע פיש וואָס סערע האָט הײַנט אויף וועטשערע, האָט ער בלויז געגעסן אַ קליין שטיקל און פאַרטיק. דאָס איז זײַן סאַפּער.

— וואָס איז דער מער, וואָס דו עסט עפּעס ניט, פיליפּ? — ווערט דאָס ווײַבעלע כלומרשט ערנסט — האָסט דאָך אַלע מאָל אַזוי ליב פיש... פילסט עפּעס ניט גוט?...

— איך בין אָלרײַט, — ענטפערט דער צעטראָגענער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן — כ'האָב אָבער עפּעס הײַנט קיין אַפּעטיט ניט.

— דערציייל מיר ניט, אז דו האָסט ניט קיין אפעטיט — מאכט סערע מיט א בייזערל — האָסט זיך שוין היינט מסתמא אָנגעגעסן ערגעץ מיט סאַלאַמי.

— זאָל זיין סאַלאַמי — איז פיליפ גלייכגילטיג — עס ליגט מיר טאקע דעם גאנצן טאָג קיין אנדערע זאכן ניט אין זינען ווי נאָר צו עסן סאַלאַמי.

ער פארטיפט זיך אין א צייטונג און זוכט א וועג ווי אזוי ארויסצובאקומען פון סערע'ן דאָס וואָס ער וויל אזוי שטארק וויסן. אָבער אין דער זעלבער צייט זאָל זי זיך ניט אָנשטויסן, אז ער פאר־דעכטיגט עפּעס.

ער זיצט איבער דער צייטונג און זיין קאָפּ איז ווי א מיל. אַ גאנץ צעטל מיט פארערער, וועלכע סערע האָט אמאָל געהאט, לויפט אים איצט דורך אין געדאנק. ער ווייס, אז סערע איז געווען א מיידל וואָס אלע האָבן ליב געהאט, מען האָט זיך געריסן איבער איר.

פיליפ קען איינעם, וועלכער האָט צוליב סערע'ן נאָך ביז היינט ניט חתונה געהאט. בוירנסטיין הייסט ער. פיליפ קען זיך מיט דעם דאָזיגן בוירנסטיין זייער גוט. ער טרעפט אים נאָך איצט אויך, פון צייט צו צייט, דאון טאון. סערע'ן דערציילט ער דאָס אָבער זעלטן. ס'איז ניט נויטיג זי זאָל דאָס וויסן.

איצט אָבער וואָלט ער דווקא געוואָלט זי זאָל דאָס יאָ וויסן. דאָס קאָן אים איצט אַ סך העלפן.

ער דערמאָנט זיך, אז ער האָט טאקע בוירנסטיינ'ען ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק געטראָפן און ער פּרואווט ווידער פארוואַרפן א נעץ.

— ווייסט וועמען איך האָב די וואָך געטראָפן? — טוט ער מיט אמאָל א זאָג, קוקנדיג אין דער צייטונג.

— וועמען?

— בוירנסטיינ'ען...

— טאָקע? — ווערט סערע א צעשטראָלטע — וואָס מאכט ער עפּעס? ער האָט זיך כאָטש נאָכגעפרעגט אויף מיר?

— ער איז אלרייט — מורמלט פיליפ ווי מיט א האלב מויל — ער האָט דיך געשיקט א גרוס.

סערע האָט איצט ניט קיין מינוט צייט. זי איילט זיך צו די מאָוויס און וואָלט וועלן וואָס גיכער פאַרטיג ווערן. דערווייל שוועבט זי ארום איבער די צימערן ווי א ווינט, א צעפּלאַמטע, און אויפגעלייגטע. זי דערמאָנט זיך ווידער אין בוירנסטיינ'ען און זאָגט מיט דערזעלבער אויפגעלייגטקייט:

— אַזוי, האָסט געזען בוירנסטיינ'ען! מ'וואָלט אים באדאַרפט אמאָל איינלאַדן צו אונז. הערסט, פיליפּ, וועסט אים זען, זאָג אים ער זאָל ארויפקומען...

זי פאַרשווינדט אויף גיך אין שלאָף־צימער און שטעלט זיך אָפּביים שפּיגל פון דרעסער.

פיליפּ וואַקסט אויך באַלד אויס אין שלאָף־צימער. ער פאַר־רוקט זיך אין א ווינקל מיטן פּנים אין דער צייטונג און כאַפּט יעדע ווײַלע א פאַר'גנב'עטן קוק צי סערע זעט די אַשעס.

סערע זעט נאָך אָבער דערווייל גאָרניט. זי איז איצט פאַרנומען מיט זיך. זי ברענגט אין אָרדענונג אירע שוואַרצע געלאָקטע האָר, וועלכע צעפאַלן איבער איר קאָפּ מיט יוגנטלעכער פרישקייט. זי לאָזט פלינק לויפן דעם פּאָודער־פּאָף אויף איר שיינעם דינעם האַלז. זי שטעלט קאָקעטיש אָן איר קליין חנ'עוודיג מיילכל אַנטקעגן שפּיגל, פאַרבט פאַרזיכטיג צו אירע רויטע ליפּלעך, וועלכע ווערן נאָך רויטער; מיט א שוואַרצער פּענסיל גיט זי א פיר אויף די שוואַר־צע איידעלע ברעמעלעך, וועלכע ליגן אויסגעצויגן איבער אירע אויגן ווי א פּאָר שוואַרצע דינינקע זיידן־שנירלעך.

פיליפּ זעט דורכן שפּיגל ווי שיין און רייצנד זיין פרוי איז, און ער וואָלט ניט וועלן זי זאָל איצט גיין אין די מאָוויס. ווען ער קען אויך מיטגיין, איז עפּעס אַנדערש. ער קען אָבער ניט, צוליב דעם קינד. איינער מוז בלייבן אין הויז. און אז סערע זאָל גיין אליין וואָלט ער ניט וועלן. ניט היינט... ער גלויבט גאָרניט, אז זי גייט איצט אין די מאָוויס. ער וועט שווערן, אז זי האָט גאָר היינט מיט אימיצן אן אַפּאָינטמענט. מיט... יאָ, אפשר טאקע מיט בוירנסטיינ'ען...

און ער באַשליסט אין דער מינוט, אז ער מוז ארויסקומען מיט רייד אָן פאַרשטעלטקייט. ער מוז וויסן וואָס דאָ קומט פאָר! ווער

איז דאָ היינט געווען אין הויז און ווער האָט גערויכערט סיגאַרן!
ער מאַכט זיך הארץ און טוט מיט אמאָל א זאָג:
— הער, סערע, אפשר וואָלסטו היינט ניט געגאַנגען אין די מואוויס?
— וואָס איז?
— איך האָב זיך דערמאָנט, אז איך האָב נאָך היינט ערגעץ אַן אַפּאָינטמענט וועגן ביזנעס.
סערע דערשפּירט באַלד, אז דאָס האָט אַלץ א שייכות מיט די אַשעס און זי זאָגט כלומרשט מיט א פאַרוואָרף:
— וואָס האָסטו זיך עפּעס ערשט דערמאָנט אַן דיין „אַפּאָינט־מענט"? פונקט איצט, אז איך בין פאַרטיג ארונטערצוגיין, גייסטו אויך!
— ס'איז ניט אינגאַנצן דער אַפּאָינטמענט — פרואווט דער דערשראָקענער מאַן ענדלעך ארויסקומען מיט לשון — איך וויל, זאָלסט זיין אין הויז צוליב נאָך עפּעס... איך דאַרף זיך מיט דיר דורכרעדן וועגן עפּעס א וויכטיגן ענין... פאַרשטייסט, ס'איז אזוי...
ערשט איצט טוט זיך סערע א כאַפּ מיט א קוויטשיקל:
— סאַם נוירוו! פונקט אין דער טעצעלע וואו איך האַלט מייַנע האָר־נאָדלען, איז אים אויסגעקומען אַנצו'חזר'ן מיט אַשעס!
— ווער?...
— דער פלאָמבער... ער האָט דאָ היינט פאַרריכט דעם ראַדיאַ־טאָר, האָט אים אנדערש ניט געפּאַסט נאָר אַנצוּוואַרפן די אַשעס אויפן דרעסער! סאַם נוירוו!
פיליפ האָט איצט געמוזט ארויסנעמען אַ טיכל און אָפּווישן דעם שווייס וואָס האָט אויף אים ארויסגעשלאָגן.
עס איז אים אזש געוואָרן הייס פון דעם שווערן שטיין וואָס האָט זיך פון אים אראָפּגעקייקלט.
ניט אומזיסט האָט ער באַלד א פרעג געטאָן זיין פרוי:
— עפּעס א שיינע פּיקטשע, וואָס עס שפּילט זיך היינט?
— איך ווייס ניט! — ענטפערט סערע דווקא מיט א ברוגז'ל — ס'איז א פּיקטשע, וואָס איך האָב געוואָלט זען און זי שפּילט זיך

היינט אין דער „נעיבאָרהוד" צום לעצטן מאָל.

— טאַ גיי! — איז פּיליפּ מער ניט דאגעגן — באלד ווערסטו אין כעס. דער אַפּאָינטמענט איז ניט אזא וויכטיגער. איך קען אים אָפּלייגן אויף מאָרגן.

סערע האָט אפילו ניט א פּינטל געטאָן מיט אן אויג פון דער גאנצער סצענע. זי האָט זיך רואיג ארויסשפּאצירט פון הויז, האָט פיין פארבראכט ביי דער מואווי און נאָך מער הנאה געהאט פון דעם „טריל" וואָס איר פּיליפּ האָט איר היינט פארשאפט.

# איז זי געווען שולדיג?

די געשיכטע האָט מיר דערציילט א מענטש, מיט וועלכן איך האָב זיך באַגעגנט אויפן וועג צום וועלדל...

דאָס איז געווען אין א צייט, ווען איך האָב פארבראכט אין די בערג אויף מיין זומער־וואַקאַציע. איך פלעג דאן ליב האָבן אויפצו־שטיין וואָס פריער, אין די שיינע, זוניגע פרימאָרגנס, און זיך איינער אליין אוועקלאָזן אויף אַ לאַנגן שפּאציר.

דער אנגענעמסטער גאַנג איז ביי מיר געווען אויף א שמאָל וועגעלע, וואָס איז געלעגן ניט ווייט פון אונזער פאַרם און האָט זיך אויף א געהיימניספולן אופן אריינגעשלענגלט אין א שטילן, פאַר־חלומ׳טן וועלדל.

די ניט לאַנג אויפגעגאנגענע זון, דער לויטערער מאָרגן־הימל, דער וואלד מיט די ווילדערנישן, פון וועלכע עס טראָגט זיך אזא אנגענעמע מאָרגן־פרישקייט — דאָס אלץ ציט עפּעס מיט א באַזונ־דערען רייץ, מיט שטומען, באהאלטענעם צויבער.

אין יענער צייט האָב איך זיך כמעט יעדן אין דער פרי אָנגע־הויבן צו באגעגענען אויף דעם זעלבן וועג מיט עפּעס א געהיימניס־פולען מענטשן. דאָס איז געווען א יונגער מאן פון א יאָר עטלעכע און דרייסיג, וועלכער איז ערשט אין די לעצטע עטלעכע טעג געהאט געקומען טאקע צו אונז אויפן פאָרם.

איך האָב אים א פּאָר מאָל באמערקט שטיין איינער אליין אין וועלדל ווי א צעדולטער. און יעדעס מאָל איז ער געשטאנען אויף איין און דעם זעלבן אָרט: ערגעץ לעבן א ווילדן קוסט און געקוקט, גע־קוקט... זיין בליק איז געווען אן אומעטיגער, א פארצאָרנטער. עס איז לייכט געווען צו דערקענען, אז דאָס אָרט דערמאָנט אים אָן עפּעס

וואָס טוט אים שרעקלעך ווי; וואָס רופט ביי אים אַרויס אַ טיף בענ־קען...

עס האָט ניט לאַנג גענומען און איך האָב זיך מיט אים באַקענט. ער איז בטבע געווען אַ שווייגנדיגער און אַ פאַרטראַכטער. אַז ער האָט גערעדט, האָט מען געקענט זען ווי דאָס מויל רעדט און די אויגן מיטן מוח זיינען ערגעץ אַנדערשוואו.

מיין באַקאַנטשאַפט איז אים קענטיק געפעלן. מיר האָבן זיך כמעט יעדן אין דער פרי אָנגעטראָפן אויף דעם זעלבן וועג און דאָס איינציגע, מיט וואָס איך האָב אים געקענט פאַראינטערעסירן און אָי־בערייסן זיין פאַרטראַכטקייט איז געווען, ווען איך האָב פאַרקניפּט אַ געשפּרעך וועגן פּרויען. דעמאָלט האָט ער מיר געשענקט זיין פולע אויפמערקזאַמקייט און האָט מיר ביסלעכווייז דערציילט זיין געשיכ־טע.

— איר זעט אָט דאָס וועלדל? — האָט ער געצייגט מיטן פינ־גער — אָט דאָרט צווישן די שטומע בוימער איז אַמאָל אוועקגערויבט געוואָרן פון מיר דאָס שענסטע און ליבסטע, וואָס איך האָב פאַר־מאָגט...

— דאָס איז געווען מיט פינף יאָר צוריק — האָט ער נאָך אַ קורצן שווייגן פאַרגעזעצט — אין גאַנצן דריי חדשים נאָך אונזער חתונה. איך האָב זי דאַן געשיקט אויף עטלעכע וואָכן אַהער. טאַקע דאָ אויף אונזער פאַרם... ווען זי איז אָפּגעווען אַ צוויי וואָכן בין איך זי געקומען באַזוכן. איך האָב געוואָלט, אַז מיין באַזוך זאָל פאַר איר זיין אַ שטיקל איבערראַשונג און האָב אַפילו ניט געלאָזט וויסן, אַז איך קום. איך בין דאַן געווען אַזוי פאַר׳שיכור׳ט פון ליבע צו איר, אַז פון יעדער קלייניקייט האָב איך געזוכט צו מאַכן פאַר איר אַ פאַרגעניגן.

די גאַנצע צייט פון דער רייזע האָב איך זיך געפילט ווי אַ גליק־לעך אינגל. אַלץ, דאָס קלאַפּן פון די רעדער, דאָס טומלען פון דעם לאָקאָמאָטיוו, די פאַרביילויפנדיגע פעלדער — אַלץ האָט גערעדט צו מיר פון איר, פון מיין חנה׳לען: „באַלד וועסטו זיך מיר איר טרעפן, באַלד וועסטו זי זען״...

אויב איר זייט געווען אַמאָל פאַרליבט, דאַרפט איר דאָס פילן.

דאָס זײַנען, דאַכט זיך, די שענסטע מאָמענטן פון לעבן. דאָס אינ־טערעסאַנטסטע דערבײַ איז, אַז דאָס וואָס איך האָב זי אַזוי פיבע־ריש געליבט האָט אבסאָלוט ניט געהאַט צו טאָן מיט איר שײנקייט. פאַרקערט, זי איז גאָר קיין שײנע קײנמאָל ניט געווען. מען קען זאָגן, אַז ביים ערשטן בליק אויף איר האָט זי ניט געמאַכט קיין באַ־זונדערן אײַנדרוק. זי איז געווען ניט קיין הויכע, א טונקעלע מיט א פאַרריסן נעזל און אויפן סאַמע האַלז האָט זי געהאַט א שוואַרצן פלעק...

נאָר דער גאַנצער רייץ איז געלעגן אין אירע גרויע, גוטמוטיגע אויגן, וואָס האָבן געקוקט כמעט ווי ביי אַ קינד, און אין דעם אומפאַרגעסלעכן, נאַאיוון שמייכל, וואָס זי האָט פאַרמאָגט.

אָט די צוויי חנ׳ען האָבן מיך פאַרברענט פון ליבע צו איר. עס איז גענוג געווען איך זאָל זיך בלויז באַגעגענען מיט אירן א בליק, אָדער מיט דעם פאַר׳כשופ׳טן שמייכעלע און איך האָב געפילט, אַז זי ציט מיר די נשמה אַרויס. עפּעס ווי א גרויס קינד איז זי געווען. עס איז געלעגן אין איר אַזוי פיל ווייכקייט, אַזוי פיל קינדערישער אמת...

איך בין געווען אַזוי גליקלעך מיט מײַן פאָרן צו איר, אַז איך האָב א פּאָר מאָל אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענסטער פון דער לויפנדער באַן און זיך צעזונגען אויפן קול. איך האָב זיך געהאַלטן אין איין פאָרשטעלן פאַרשיידענע ערטער פון אונזער ערשטן באַגע־גענען זיך און געוואָלט, אַז די איבערראַשונג זאָל זײַן וואָס אינטע־רעסאַנטער. דאָ, דאַכט זיך מיר, אַז איך פאַרלויף הינטן אַרום ערגעץ צו דער וועראַנדע וואו זי שטייט, און איך פאַרמאַך איר אומגעריכט די אויגן... דאָ טרעף איך זי א שלאָפנדע אויפן העמאַק... אמבעס־טען האָב איך זי געוואָלט טרעפן אַליין ביי זיך אין צימער. דאָרט וואָלט איך זי אומגעשטערט געקענט האַלטן לאַנג אין מײַנע אָרעמס און זיך אָנטרינקען מיט די ערשטע קושן וויפיל מײַן האַרץ וואָלט גע־גלוסט...

ווען איך בין אָנגעקומען, האָב איך מײַן חנה׳לען ניט געטראָפן, ניט אויף דער וועראַנדע, ניט אין העמאַק און ניט אין איר צימער. מען האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז ניט לאַנג צוריק ערגעץ אוועק מיט

א קאָמפּאַניע.

עפּעס א קליין מיידעלע האָט מיר אָנגעוויזן, אז זי האָט געזען ווי זי איז, דאכט זיך, אוועק אָט מיט דעם וועג, וואָס פירט צום וועלדל...

א רואיגער, מיט די שענסטע דערוואַרטונגען, האָב איך זיך אַרויפגעלאָזט אויף דעם וועג. עס איז געווען א שיינער וואַרימער נאָכמיטאָג און יעדע מינוט אָן חנה׳לען איז מיר געווען א שאָד...

אויפן וועג האָב איך מיין חנה׳לען ניט געטראָפן. איך האָב ניט באַגעגנט קיין שום לעבעדיג נפש. עס האָבן בלויז געזשומעט און געטומלט די באהאַלטענע פעלד־זשוקעס און ערגעץ אין שאָטן, אויף א לאָנקע האָב איך באַגעגנט ליגן עטלעכע זאטע בהמות, מיט גע־שפּאַנטע בייכער, וועלכע האָבן תמ׳עוואַטע געקוקט אין דער וועלט אַריין.

איך בין שוין געהאט אָפּגעגאַנגען א שטיק אין וועלדל אַריין און קיינעם ניט געזען. עס איז געווען שטיל. עס האָט מיך אפילו אָנגעהויבן צו פאַרדריסן, וואָס איך האָב אומזיסט אָנגעלייגט אזוי פיל וועג.

נאָר דאָ האָט עפּעס פּאַסירט: איך האָב פּלוצלונג דערהערט ווי ערגעץ פון צווישן די נאָענטע ווילדענישן האָט זיך פאַרטראָגן א קורצער הוסט און באַלד נאָכדעם עפּעס אן אָפּגעריסענער שעפּטשען...

ניט איינמאָל טראַכט איך, אז ניט אנדערש ווי נאָר דער טייוול אליין האָט מיך דאַן אַריינגעפירט אין סאַמע גיהנום אַריין. עס איז דאָך אזוי קלאָר... שטעלט זיך פאָר, ניט האָבנדיג אויף קיין זאך דעם מינדסטן פאַרדאכט, בין איך פּשוט אויס ריינער, אומשולדיגער נייגעריקייט, צוגעגאַנגען צו א קוסט און א קוק געטאָן דורך די צווייגן.

און דאָרט, הינטער יענעם קוסט, האָב איך דערזען מיין פרוי אין די אָרעמס פון א פרעמדן מאַן...

איך בין בטבע אָ מענטש, וואָס אין דער גרעסטער אויפרעגונג קען איך זיין קאַלט און אויסגערעכנט ווי א מאַשין. דאָ אָבער איז מיר אוממעגלעך געווען זיך צו קאָנטראָלירן. איך בין עפּעס אין דער קורצער ווײַלע, ווי פאַרלוירן מיין שכל, געבליבן אָן א קאָפּ, אָן גע־

דאַנקען. איך האָב עפּעס בלויז געפּילט א שטיקל צופרידנהייט, וואָס קיינער פון זיי האָט מיך כאָטש ניט באמערקט און פול מיט שאנדע פאר זיך אליין בין איך צוריקגעלאָפן ווי א ווילד געוואָרענער...

קיין שלעכטס האָב איך אייגנטלעך דאָרט ניט געזען. איך האָב בלויז באמערקט ווי איר קאָפּ איז געלעגן אָנגעשפּארט אויף זיין אקסל און זי האָט זיך געלאָזט פון אים לאסטשען. אָבער דאָס איז געווען גענוג צו מאכן אין מיר א גאנצע איבערקערעניש. איך האָב באלד גענומען טראכטן פון דאָס ערגסטע און בין געווען ווילד פון דעם, וואָס מען רופט „אייפערזוכט"...

איך האָב זיך ענדלעך אָנגעטאָן א כוח צו זיין וואָס רואיגער און געוואָלט בלויז איין זאך — עס זאָל איצט געשען עפּעס א נס... איך האָב געוואָלט, אז חנה׳לע זאָל פּלוצלונג אָנקומען דורך גאָר אן אנדערן וועג מיט א קאָמפּאניע און איך זאָל זיך אינגאנצן האָבן אָפּגענארט...

אַך, ווי גוט, ווי גוט דאָס וואָלט געווען...

עס איז אָבער בלויז געווען א פּוסטע פאנטאזיע. איך בין געשטאַנען ניט ווייט פון פּארם ווי א געניטער דעטעקטיוו און געווארט...

חנה איז אָנגעקומען מיט דעם זעלבן וועג און מיט דעם זעלבן באגלייטער, וואָס איך האָב דערוואַרטעט...

ווען מיר האָבן זיך באגעגנט, איז אויף איר ניט געלעגן דער קלענסטער פּארדאכט. אויף די אקסלען האָט ביי איר געהאנגען איר בלוי סוועטערל, וואָס האָט איר צוגעגעבן א באזונדערע רואיקייט, און פּונקט אזוי רואיג און געלאסן האָט אויסגעזען דער מאַן. דאָס איז געווען א מענטש, וואָס ביז היינטיגן טאָג איז ער מיר פארבליבן פרעמד. אין פארגלייך מיט מיר האָט ער אויסגעקוקט צו זיין באַדייטענד העכער און שטארקער. אויף וויפיל איך בין באקאנט אין דער וועלט פון פרויען, איז ער נאָך מיין מיינונג געווען פון דעם סאָרט מענער, וואָס פרויען ציען באַזונדערס פּאָר, נאָר דערפאר, ווייל זיי זיינען שטארק און האָבן אין זיך עפּעס א מין שטאָלצע, פארגליווערטע שווייגעדיקייט...

אלץ וואָס האָט געהאט א שייכות מיט מיין אומדערוואַרטעטן

קומען איז פון איר זייט געווען אזוי נאטירלעך און פול מיט ווארימ־קייט, אז אין דעם מאָמענט איז מיר אפילו דורכגעלאָפן א געדאנק, אז אפשר מאך איך א טעות... אפשר האָב איך גאָר דאָרטן געזען ניט זי...

אַזאַ געדאַנק קען זיך אָבער נאָר ארייַנרייסן אין א צייט פון דער טיפסטער פארצווייפלונג. די פאלשקייט האָט דאָך מיר אזוי אָפן געשטאָכן די אויגן...

מער ווי אלץ האָט מיך איצט געררייצט דער בלויער סוועטער, וואָס איז אזוי אומשולדיג געהאנגען אויף איר. דאָס מלבוש האָט נאָך עפּעס מער צעבלאָזן אין מיר דאָס פייער... איך האָב געגעוי געדענקט, אז ווען איך בין געשטאנען הינטערן קוסט, האָב איך באַ־מערקט ווי דער סוועטער איז געלעגן א שטיק ווייטער פון זיי, ווי אוועקגעשליידערט... אזוי, דאכט זיך, קען א זאך נאָר אוועקגע־לייגט ווערן אין א מאָמענט פון פאר׳שיכור׳טער צעטראָגנקייט...

דאָס דאָזיגע מלבוש האָט מיך איצט געררייצט ווי עפּעס א שטו־מער פארביסענער עדות: „אלץ איז אמת... זי האָט דיך אָפּגענארט"...

ווען מיר זייַנען צוגעקומען צום הויז, האָט זיך דער חברה־מאַן באַלד אָפּגעטראָגן.

— ווער איז דער יונגערמאן? — האָב איך זי געפרעגט מיט געמאכטער גלייכגילטיקייט, באַלד ווי ער איז אוועק.

איך האָב אויף איר באַלד באמערקט די ערשטע סמנים פון שרעק.

— א באקאנטער — האָט זי עפּעס ווי פון א חלום געקוקט אויף מיר מיט די קינדערשע אויגן און געשמייכלט מיט דעם נאַאיוון שמייכעלע — מיר האָבן זיך דאָ באקענט מיט אים פון א צווייטן פארם... ער איז זייער אן אינטערעסאנטער...

און איך פיל ווי די אויגן מיט דעם שמייכעלע מאכן מיר משוגע... זי איז דאָך מייַנע... איך ווער דאָך פארברענט פון ליבע צו איר...

נאָר אין דעם סאמע גיהנום פון ליבע וואָלט איך איר געוואָלט אָנטאָן די ערגסטע יסורים. דערשטיקן! אָפּרייסן איר מיט די

ציין א שטיק פּנים... זי איז דאָך פאַלש, זי האָט דאָך מיך מיאוס אָפּגענאַרט...

און מיט א שמייכל וואָס האָט מיך אליין געשטאָכן, האָב איך אָנגענומען איר אָרעם און געפילט, אז דאָס איינציגע שטיקל היילונג וואָס קען איצט פאַר מיר זיין, איז צופירן זי ביז צו יענעם אָרט, דאָרט הינטערן קוסט...

מיר קומט פאָר אז קיין ערגערע שטראָף האָט פאַר איר ניט געקענט זיין. ווי נאָר מיר זיינען ארויפגעקומען אויף דעם וועג, האָט זי זיך עפּעס אָנגעהויבן מאָדנע טוליען צו מיר און וואָס נעענטער מיר זיינען געקומען צום וועלדל, אלץ שווערער איז איר געוואָרן דער גאַנג. עס האָט זי געצויגן צוריק, ווי עפּעס א שטומע באַשעפעניש, וואָס דערפילט דאָס אָנקומען פון א שטורעם...

— צו וואָס גייען מיר אזוי ווייט? — האָט זי זיך באמיט צו מאכן א פרייע מינע — עס פאנגט זיך דאָך שוין אָן דער וואלד...

— מיר וועלן באלד גיין צוריק — האָב איך זיך אָנגעטאָן א כוח צו זיין וואָס רואיגער — נאָך אַביסעלע...

און דאָס פארשאָלטענע אָרט, וואָס האָט זיך ווי א וואָרים איינגעגעסן אין מיין מוח, קומט אלץ נעענטער און חנה ווערט אלץ אומרואיגער, נערוועזער.

איך האָב זי רואיג צוגעפירט פּונקט צו יענעם אָרט און זי געפרעגט ווי א קאלטער אויסגערעכנטער גזלן:

— דו ווייסט, חנה, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען?...

זי איז באלד געוואָרן אן אנדערע. א צעבראָכענע, אן אומגליקלעכע...

— איך ווייס אליין ניט... — האָט זי געשטאמלט שוין ניט מיט איר קול — איך בין ניט שולדיג...

און דאָס גאנצע פּנים אירס האָט עפּעס אין דער רגע באקומען אן אויסדרוק ווי ביי אן אומשולדיג קינד, וואָס האָט פּלוצלונג צעבראָכן עפּעס און ווייס אליין ניט פון וואנען דאָס איז געקומען...

איצט איז שוין ביי מיר ניט געווען דער קלענסטער צווייפל, אז זי איז באגאנגען דאָס ערגסטע... דאָס פארברעכן איז פאַר מיר געלעגן פון אויבן־אויף...

— דו שוייג בעסער! — האָב איך זי ניט געלאָזט אפילו אויס־ריידן קיין וואָרט — דו ביסט אן אויסגעלאָסענע! א פארשמיר־טע... איך האָב דאָך אליין געזען ווי דו ביסט געלעגן אין זיינע אָרעמס...

און גייענדיג צוריק האָט זי שוין קוים געפלאָנטערט מיט די פיס. זי איז געגאנגען ווי א צעמישטע. ווי א שיכור'ע...

— פאַק איין די זאכן. מיר פאָרן אהיים...

זי האָט געפאָלגט ווי א קינד. זי האָט גאָרניט געזאָגט, גאָר ניט געפרעגט. שטיל, ווי זי וואָלט שוין ניט געהאט איבער זיך קיין שום דעה, האָט זי אויסגעפירט מיין באפעל.

דאָס אלץ איז ביי איר צוגעגאנגען ווי עפּעס א שטומע, פינס־טערע פאַרבארייטונג צו א שווערער שטראָף...

מיט א שעה שפּעטער האָבן מיר פארלאָזט דעם פאָרם.

דעם גאַנצן וועג אהיים זיינען מיר געזעסן אָפּגעזונדערט, ווי פרעמדע. איך בין געזעסן ווי א באגראָבענער ערגעץ אין א ווינקל און האָב זי געקענט זען בלויז פון ווייטן.

עס האָט זי קיין רגע ניט געלאָזט איינזיצן רואיג. זי האָט געצופּט אויף זיך די קליידער, געבראָכן די הענט... דערנאָך האָב איך באמערקט ווי זי האָט זיך אין דער שטיל צעוויינט.

איך האָב ניט געהאט צו איר קיין פונק פון רחמנות. איך האָב זי פיינט באקומען...

ווען מיר זיינען אהיים געקומען איז זי אנידערגעפאלן אויף דער זאָפע און עס איז זי שוין שווער געווען צו דערקענען...

— איצט האָט זיך אלץ געענדיגט — האָב איך זי ווידער גע־נומען פארפאָלגן — איך האָב איצט דאָס רעכט דיך ארויסצויאָגן פון הויז ווי אן אלערלעצטע...

— איך בין דאָס ווערט — האָט זי ווידער גענומען שטאמלען אין איר גאנצער געפאלנקייט — אָבער איך בין ניט שולדיג. איך האָב אליין ניט געוואוסט צו וואָס דאָס קען פירן... איך האָב זיך ערשט דאָרט מיט אים באקענט... איך בין ניט שולדיג...

איך בין זיכער, ווען איך וואָלט אין יענער מינוט געווען אבי־סעלע געלאסענער, וואָלט קיין זאך ניט געשען, און איך וואָלט אפשר

איצט ניט געווען אזוי אומגליקלעך. זי האָט זיך דאָך אזוי געבעטן... איך האָב דאָך ניט מער באדארפט ווי רעדן מיט איר א גוט וואָרט...

איך האָב דאָס אָבער ניט געטאָן. איך בין אַלץ געוואָרן ווילדער, ברוטאלער...

— דו ביסט ניט שולדיג, האָ?... — בין איך שטיין געבליבן לעבען איר ווי אן אויספאָרשער — און דאָס וואָס איך האָב אַליין געזען?...

און איך האָב זיך א וואָרף געטאָן צו איר ווי א ווילדע חיה.

זי האָט ניט ארויסגעוויזן דעם קלענסטן ווידערשטאנד. אין דער צייט ווען איך בין שוין געווען אזוי נאָענט מיט מיין ווילדן איבערפאל, האָט זי אויסגעשטעלט אויף מיר די קינדערשע אויגן און אויסגעשטרעקט דעם האלז ווי זי וואָלט זיך געבעטן: דערשטיק.

דעמאָלט ווייס איך שוין ניט וואָס מיט מיר איז געווען. איך ווייס נאָר, אז אָנשטאָט צו טאָן איר שלעכטס, האָב איך זיך, ווי ניט מיט מיין ווילן, איינגעגעסן אין אירע ליפן און זי געקושט מיט א פיבערישן באגער.

איך האָב זי דאָך אזוי געליבט, זי איז דאָך מיר געווען אזוי איינגעבאקן אין הארצן!...

— פארוואָס האָסטו מיך אָפּגענארט? — האָב איך צוזאמענגעבראָכן לעבן איר מיט א געוויין — מיר האָבן דאָך ערשט אָנגעהויבן צו לעבן אויף דער וועלט...

פון אויפרעגונג בין איך באלד ארויסגעלאָפן פון הויז און בין אוועק צו אירע עלטערן. איך האָב געפילט ווי איך וואָלט זיך איצט, געהאלטן אין טרינקען און זיך געוואָלט אָנכאַפּן כאָטש אין א שטרוי.

און דעמאָלט איז געשען דאָס אומגליק... ווען איך בין, אומגעפער מיט א שעה שפעטער צוריקגעקומען, האָב איך שוין חנה׳לען ניט געטראָפן... — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

פון דעמאָלט אָן, ווי נאָר עס קומט אין דער צייט, שלעפּט עס מיך אַהער ווי א מאגנעט. פרעגט, וואָס קום איך? איך ווייס אַליין ניט. מיר דאכט זיך אַלץ אויס, אז קומענדיג אהער, וועל איך נאָך

## ש ר י פ ט ן

אפשר פאָרט אמאָל אָנטרעפן דעם וואָס האָט מיין לעבן אזוי רואי־נירט... קיין נקמה זוך איך ניט. מיר איז איבערהויפּט שווער פאָראויסצוזאָגן ווי איך וואָלט אין אזא מאָמענט געהאנדלט. איך וואָלט נאָר געוואָלט קלאָר ווערן אין איין זאך: וואָס פאר א מין פלאָנטער איז דאָ געווען? פארוואָס האָט זי זיך אזוי געהאלטן אין איין בעטן, אז זי איז ניט שולדיג? זי האָט זיך דאָך אזוי געבעטן...

איז זי געווען שולדיג?...

איך ווייס ניט, יענער איז ניטאָ...

בלויז איין עדות איז דאָ פאר מיר פארבליבן פון יענעם ביטערן טאָג. דאָס איז דער שטומער קוסט... עס רייסט אין הארצן און איך מוז אהער קומען...

# א זומערדיגע ליבע

אין די קנאַפּע צוויי וואָכן זינט דאָס יונגע ווייבל שורלי איז אין דאָרף, האָט זי זיך היינט צום ערשטן מאָל געלאָזט איינרעדן, אנטיילצונעמען אין די „עקסערסאיז״ לעקציעס וואָס ווערן דאָ אין האָטעל אלע פרימאָרגן געגעבן. זי וואָלט דאָס נאָך היינט אויך ניט געטאָן ווען ניט דער אטלעטישער דירעקטאָר, טעדי, וועלכער איז אזוי צוגעשטאנען צו איר.

ניט אזוי גרינג קען א פרוי ביי זיך פּועל'ן צו האלטן זיך פון וויטן פון אזא בחור ווי טעדי. דאָס איז א יונג וואָס שלעפּט צו זיך ווי א מאגנעט; א וואָלף וואָס שלינגט פרויען. דעם גאנצן טאָג גייט ער ארום אין א פּאָר דינע, קורצע הייזקעס וואָס דעקן אים צו ניט מער ווי די לענדן, אָן אַ העמד, און דער ברוינהויטיגער קערפּער זיינער איז ווי אויסגעהאַמערט פון קופּער. א הויכער, א שיינער. יעדער מוסקול פון זיין זון־פארברענטן לייב איז אָנגעגאָסן מיט קראפט און שטייפקייט פון זיינע אטלעטישע איבונגען. נאָך מער ציט ער צו מיט זיינע קויל־שווארצע פינקלענדיגע אויגן, וועלכע זיינען פול מיט ראָמאַנטישן ברען. עס איז גענוג, אז א פרוי זאָל בלויז איינמאָל דערפילן אויף זיך זיינע אויגן, און זי ווערט אן אָפּגעבריטע.

זעלטן אז אימיצער פון די האָטעל־געסט זאָל זיך אין די פרי־מאָרגנס ניט באטייליגן אין טעדי'ס גימנאַסטיקע. איבערהויפּט פרויען. פון דער אינגסטער ביז דער עלטסטער אידענע, שטייען זיי אין זוניגן דרויסן ווי די זעלנער ארום זייער קאָמאַנדיר און מאכן נאָך יעדן בויג און פּאָזע פון טעדי'ס אַקראָבאַטישע באוועגונגען. אלעמענס אויגן קלעפּן צו אים. ס'איז הייס, די זון ברענט, אָבער נאָך הייסער און פלאמיגער איז פאר זיי טעדי.

— וואָן, טו! — פארהילכט ער דעם דרויסן מיט זיין קלינגענ־

דיג קול — וואָן, טו, טהרי!

אויך דאָס יונגע ווייבעלע שוירלי האָט דאַן פון דעם שיינעם אַטלעטישן דירעקטאָר ניט אַראָפּגענומען די אויגן. כאָטש זי האָט אין די איבונגען אליין קיין אנטייל ניט גענומען, איז זי געשטאַנען און צוגעקוקט פון ווייטן. זי האָט געשלונגען מיט די אויגן יעדן בויג און באַוועגונג פון זיינע שטייפע אויסגעהאַמערטע גלידער און באַוואונדערט וואָס פאַר אַ העלדישער יונג אַט דער טעדי איז, וואָס פאַר א שיינער...

אָבער צופיל טראַכטן פון א יונגנמאַן דערפאַר, וואָס ער איז א שיינער און באַ׳טעמ׳טער, האָט זי ניט געוואָלט. איר אייגענער מאַן איז ביי איר געווען וויכטיגער און שענער פון צען אַזעלכע טעדיס. און ווערן אַ שילערין פון זיינע איבונגען האָט זי אויך ניט געוואָלט. עס איז איר ניט געווען אינטערעסאַנט. עס איז איר בלויז געלעגן אין זינען איר דריי־יעריג קינד, וואָס זי האָט מיט זיך גע־האַט, און איר מאַן, פון וועלכן זי האָט יעדן טאָג באַקומען א בריוו. זי האָט זיך בכלל געהאַלטן פון ווייטן פון די אַלע שפּילערייען און אַרומלויפעכישן. זי איז געקומען אין דאָרף אריין זיך אָפּרוען און האָט זיך ניט געקענט דערלויבן צו פאַרלירן וואָג. זי וואָלט גיכער באַדאַרפט צוקריגן עטלעכע פונט.

טעדי איז דעם ווייבעלע נאָכגעגאַנגען ווי א שאָטן. זי האָט גע־קענט זיצן פאַרוקט, ווער וויס וואו, האָט ער זי אויפגעזוכט. אין גראָז, אויף דער הוילער ערד, האָט ער זיך אוועקגעזעצט לעבן איר אין זיין פאַרברענטער נאַקעטקייט און געשאָטן מיט ראָמאַנטישע רייד, מיט קאָמפּלימענטן.

זי איז אים אויסערגעוויינלעך געפעלן געווען, דאָס דאָזיגע ווייבעלע מיט דעם בלאָנדן געלאָקטן קאָפּ האָר. ניט נאָר אים, נאָר ווער עס האָט אויף איר א קוק געטאָן. זי האָט געצויגן צו זיך מיט איר חן, מיט איר שטילן, צניעות׳דיגן האַלטן זיך.

טעדי׳ן האָט דאָס געצויגן ווי אַ כשוף. פון אַלע ליבעס וואָס ער האָט שוין אין זיין לעבן געהאַט מיט פרויען, האָט אים נאָך קיין שום פרוי ניט אויפגערודערט מיט אַזאַ הייסן באַגער ווי דאָס שטילע, חנ׳עווידיגע ווייבעלע. עס האָט אים גערייצט איר שווייגע־

דיקייט, איר האַלטן זיך פון ווייטן פון זיינע איבונגען. קיינעם האָט ער נאָך מיט אזא היץ ניט געגעבן צו פארשטיין די וויכטיקייט פון קערפּערלעכע איבונגען ווי איר. די שענסטע ווערטער, וואָס ער האָט פארמאָגט, האָט ער אריינגעפלאָכטן אין זיינע רייד. אַלע פייערלעך פון א פארליבטן האָבן זיך צעשפילט אין זיינע שווארצע פינקלענ־דיגע אויגן.

שוירלי האָט געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס ער האָט ארויסגע־רעדט. דער יונג האָט איצט אויסגעקוקט אין אירע אויגן נאָך שע־נער און באַ׳טעמ׳טער ווי אַלעמאָל.

— איך האָב ניט געוואוסט, אז איבונגען איז אזא גוטע זאך — האָט זי זיך פארענטפערט אביסל שעמעוודיג פון איר צוריקגעשטאָ־גענקייט אין אזא וויכטיגן ענין — איך וועל אפשר מאָרגן אויך אָנ־פאנגען. דער אמת איז, אז איך וואָלט ניט געוואָלט פארלירן קיין וואָג... איך וואָלט גיכער באדארפט צוקריגן עטלעכע פונט...

— דאָס איז א טעות וואָס א סאך מענטשן מאכן — האָט טעדי אָפּגעשלאָגן איר באהויפּטונג — פון איבונגען פארלירט מען ניט, נאָר מען געווינט. איר זעט — האָט ער אָנגעשפּאנט א מוסקול פון זיין האַנט וואָס איז געוואָרן הארט און גרויס — אָט דאָס געווינט מען פון איבונגען; געזונטע, פארהארטעווטע מוסקולן.

שוירלי האָט אויף טשיקאַווע אַ דריק געטאָן מיט אירע דינע, צארטע פינגער דאָס אָנגעצויגענע שטיק פארהארטעוועטקייט און באוואונדערט זיין כוח.

— ווען מיין מאן האָט אזעלכע מוסקולן וואָלט איך פאר אים מורא געהאט — האָט זי געזאָגט מיט א שטיפערישן קוק.

טעדי האָט זיך צעלאכט מיט אַלע זיינע ווייסע ציין.

— איר ווייסט — האָט ער איינצייטיג א זאָג געטאָן — איר קוקט אויס אזוי יונג, אז מיר לייגט זיך ניט די צונג צו רופן אייך „מיסעס״...

— איר קענט מיך רופן שוירלי, אז איר ווילט — האָט דאָס ווייבל געענטפערט אָן צערעמאָניע — איך בין אַליין אויך ניט גע־וואוינט צו הערן, אז מען רופט מיך „מיסעס״. אַלע מיינע באקאנטע רופן מיך ביים ערשטן נאָמען.

— שוירלי... — האָט טעדי שטיל איבערגע׳חזר׳ט איר נאָמען מיט א טאָן פון א פארליבטן — דער נאָמען פאסט זיך פונקט פאר איך... שוירלי...

* * *

אויף מאָרגן אין דער פרי איז שוין שוירלי געשטאנען גלייך מיט אלע מיידלעך און ווייבלעך אונטער טעדי׳ס קאָמאַנדע און גע־מאכט איבונגען.

אָנגעטאָן אין איר געפאסטן שווים־קאָסטיום, וואָס האָט אויסגע־גלעט אלע רונדקייטן און קנייטשן פון איר דין געפאָרעמטן פרויען־קערפער, האָט טעדי בלויז זי געזען. ער האָט שוין קיין אַנדערע ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט א חוץ שוירלי׳ן. אלע קונציגע דריידלעך און בויגענישן וואָס ער האָט געהאט אין זיין רעפערטואר, האָט ער איצט געוויזן. מען האָט אים גאָרנישט געקענט נאָכיאָגן, אזוי פלינק און געשיקט האָט ער געוואָרפן און געבויגן זיינע גלידער. פונקען האָבן געשפריצט פון זיינע שווארצע אויגן.

— וואָן, טו, טהרי! — האָט זיין קול העכער ווי אַלעמאָל פאר־הילכט דעם דרויסן — וואָן, טו, טהרי!

שוירלי׳ן האָבן די איבונגען אזוי פארמאטערט, אז זי האָט זיך דערנאָך געמוזט אוועקלייגן אויפן גראָז אָפּרוען. זי איז געלעגן מיט פארמאכטע אויגן, די דינע בלייכע הענט פארלייגט אונטער איר געלאָקטן קאָפּ און האָט אויסגעקוקט ווי א פאר׳חלש׳טע. א בלאסע, א פארסאָפּעטע, אַן אויסגעמאטערטע.

טעדי האָט שוין פון איר ניט אָפּגעטראָטן. ער האָט איר צוגע־בראכט א קאלטע גלאָז וואסער, געוווישט איר פנים מיט א קלאָר ווייסן טיכל. ער האָט געטריבן א פאר׳עקשנ׳טע פליג פון איר שטערן, וואָס נאָך יעדן מאָל אָפּטרייבן איז זי ווידער צוריקגעקר־מען.

שוירלי האָט גאָרנישט געפילט אזוי שלעכט ווי טעדי האָט גע־מיינט. זי האָט באלד געעפנט צו אים אירע בלויע אויגן און גע־שמייכלט מיט איר חנ׳עוודיגן שמייכעלע, מיט אירע געדיכטע ווייסע ציינדלעך.

זי האָט איצט געוואָלט וויסן נאָר איין זאַך: צי ווערט מען אַלע־מאָל אַזוי מיד, אַז מען מאַכט איבונגען, צי ניט?

— ניין — האָט איר טעדי פארזיכערט — בלויז אין אָנפאַנג פאַלט דאָס אביסל שווער. שפעטער פילט מען דאָס אפילו ניט.

זי האָט פאַרמאַכט ווידער די אויגן און זי זאָגט אין מידקייט:

— איך טראַכט: ווען מיין מאַן זעט ווי פארמאטערט איך בין, וואָלט ער אויף מיר געווען אמת אין כעס...

— איך ווייס ניט ווי מען קען אויף אייך זיין אין כעס... — האָט טעדי גענומען ציען זיין ראָמאַנטישע סטרונע — סיידן אייער מאַן זעט ניט וואָס פאַר א פרוי ער פאַרמאָגט...

שוירלי האָט זיך אויף דעם קאָמפּלימענט ניט וויסנדיג געמאכט, ווי ניט זי מיינט מען. פונקט ווי פריער איז זי ווידער געלעגן אין איר מידער פאָזע מיט פארמאכטע אויגן ווי אין שלאָף, און ניט גע־ענטפערט א וואָרט.

טעדי האָט ווידער א טרייב געטאָן פון איר די בייזע פליג און פלוצלונג דרייסט אָ זאָג געטאָן:

— זאָגט דעם אמת, שוירלי, וואָס וואָלט געווען ווען עס קומט צו גיין א יונגערמאַן און זאָגט אַז ער איז אין אייך פארליבט?...

— גאָר נישט, — האָט שוירלי געענטפערט אין איר רואיקייט און אפילו ניט געעפנט די אויגן; — ער וואָלט געבליבן ביים זאָגן... מיין מאַנ׳ס ליבע איז ביי מיר טייערער פון אלע ליבעס אין דער וועלט...

זי האָט זיך ביי די ווערטער געמוזט אויפזעצן און א קוק טאָן צום קינד וואָס איז געלעגן לעבן איר אין קינדער־וועגעלע. כאָטש דאָס קינד איז געלעגן אין א רואיגן שלאָף, האָט זיך איר געדאכט, אַז עס וועקט זיך, אַז ס׳איז ניט רואיג. דאָס איז געווען איר איי־גענע צערודערטקייט וואָס האָט זיך אין איר געריסן. עס איז איר איצט געווען אי גוט, איז שרעקעדיג. עס האָט איר געקלאַפּט אין הארצן ווי עס וואָלט זיך גערוקט אויף איר אַ שטורעם פון וועלכן זי מוז אנטלויפן.

זי איז אָבער פון דעם שטורעם ניט אנטלאָפן.

נאָך אין דעם זעלבן אָוונט איז זי מיט טעדי׳ן געזעסן אין א

שיפל און דורכגערייזט מיט אים די גאנצע לענג און ברייט פון דעם דערבייאיגן טייך. זיי זיינען די גאַנצע צייט געזעסן פּנים צו פּנים ווי אין א טיפן סוד וואָס קיינער אין דער וועלט טאָר ניט וויסן. ער, ארבעטנדיג מיט די רודערס וואָס האָט שארף און בולט גע־שפּאנט די שטייפע קרעפטיגע מוסקולן פון זיינע ברוינע נאַקעטע הענט, און זי, מיט דעם גאנצן רייץ און חן פון איר יוגנט, איז גע־זעסן מיט א שרעק אין הארצן. זי האָט זיך ערשט איצט בארעכנט אז זי האָט זיך ניט באדארפט לאָזן איינריידן פון טעדי׳ן צו שווימען מיט אים אליין אויף א שיפל. כאָטש זי האָט ניט געזען אין דעם קיין פארברעכן, האָט זי זיך געפילט שולדיג קעגן איר מאַן, וואָס היב־טער זיינע פּלייצעס לאָזט זי זיך וואוילגיין מיט אן אנדערן. אויך האָט איר שטארק באַאומרואיגט דאָס קינד וואָס זי האָט געלאָזט אליין שלאָפנדיג אין איר צימער. ווי זיכער זי איז געווען אז דאָס קינד כאפּט זיך זעלטן אויף אין דער צייט, האָט זיך איר געדאכט, אז פונקט איצט האָט זיך דאָס יאָ אויפגעכאפּט. עס וויינט, עס שרייט מאַמע... און ווי אויף להכעיס איז איצט אויפן טייך געווען אזוי צויבערלעך, אז עס וואָלט איר ניט נמאס געוואָרן ארומצושיפן זיך אפילו ביז אין דער פרי.

מיט דער גאנצער שרעק און שווערקייט וואָס איז איר געלעגן אויפן הארצן, איז זי געזעסן אין שיפל ווי אין א כשוף. זי האָט שוין ניט געדענקט די צייט ווען זי האָט געזען אזא שיינע ליכטיגע זומער־נאכט מיט אזא לויטערן אויסגעשטערנטן הימל. פון אלע זייטן האָט עפּעס אנדערש געצויבערט און געוועקט אין איר א בענקשאפט. נאכטיגע פויגל סווישטשערייען האָבן זיך געטראָגן פון די ווילד־באוואקסענע ברעגן, זשאבעס האָבן געקוואקעט, פונקען פון גלי־פלי־געלעך האָבן זיך געצונדן אין דער לופט...

נאָך שענער און צויבערלעכער פון אלץ איז פאר איר געווען טעדי. ווי א ליכטיגער פייערדיגער זייל איז ער פאר איר געזעסן; א פאר׳חלום׳טער, א פארטראכטער. אין זיין יעדן ריר האָט זי געזען ווי פארליבט ער איז אין איר, ווי ערליידט...

דאָס פארגעניגן אויפן טייך איז איר אָבער ניט באקומען. די שרעק מיט דער שווערקייט וואָס איז איר געלעגן אויפן הארצן האָט

איר אויף א מינוט ניט אָפּגעלאָזט. כאָטש די לופט איז געווען וואַרים, אָן דעם קלענסטן בלאָז פון א ווינטל, איז איר געווען קאַלט. זי האָט זיך געהאַלטן אין איין הילן אין דעם לייכטן בלויען סוועטער, וועלכער האָט נאָכלעסיג געהאַנגען אויף אירע שמאָלע אַקסלען מיט ליידיגע אַרבל. זי האָט אַביסל ענגער פאַרבונדן אונטער איר האַלז דאָס פאַרביגע דריי־עקיגע טיכל וואָס זי האָט געטראָגן אויפן קאָפּ מיט דעם זעלבן קנייטש און קניפּ ווי עס טראָגן רוסישע פּויערטעס.

זי איז געוואָרן אַלץ אומרואיגער. זי האָט שוין געוואָלט זיין צוריק ביים ברעג לעבן קינד...

— לאָמיר זיך אומקערן צוריק — האָט זי מילד א קוק געטאָן אויף איר באַגלייטער אין איר אומגעדולדיקייט — איך בין אומרואיג צוליב מיין קינד...

טעדי האָט געפאָלגט.

ביים אַרויסגיין פון שיפל האָט זיך שוירלי אַביסל דערשראָקן. ווי נאָר זי האָט א שטעל געטאָן א פוס האָט זיך דאָס שיפל א בויג געטאָן און זי האָט זיך געמוזט אָנכאַפּן מיט ביידע הענט אָן טעדי׳ן.

פאַר דעם פאַרליבטן אַטלעט איז דאָס געווען א זיסער מאָמענט. די נאָענטקייט פון דער פרוי האָט אים אָנגעצונדן מיט אַלע פייערן פון איר ווייבלעכקייט. די הייסטע ליבעס־ווערטער, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָבן זיך איצט געגומען רייסן פון אים.

איך האָב אייך משוגה׳דיג ליב, שוירלי! — האָט ער זי מיט אַמאָל פאַרטרונקען אין זיינע אָרעמס מיט דעם גאַנצן פלאַקער פון פאַרליבטקייט — איך בין משוגע פאַר אייך!...

מיט דער עטלעכע און צוואַנציג יעריגער שוירלי האָט אַזוינס ניט געטראָפן אפילו ווען זי איז געווען א מיידל. זי האָט ניט געהאַט ווען צו פירן ליבעס. איר איינציגער ראָמאַן איז געווען מיט איר אייגענעם מאַן. מיט אים האָט זי זיך געגומען אַרומפירן ווען זי איז קוים זעכצן יאָר אַלט געווען, מיט אים האָט זי זיך געליבט און מיט אים האָט זי חתונה געהאַט, און אפילו איצט, אין איר העכסטער צעררודערטקייט, ווען דער פאַרליבטער האָט זי געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, איז איר מאַן געשטאַנען פאַר איר ווי אַן אייזער־נע וואַנט. זי האָט אפילו ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז טעדי זאָל איר

א קוש טאָן. זי האָט זיך געוועדט, געריסן זיך פאַרשטעלט מיט דער האַנט זיין מויל.

— טעדי — האָט זי זיך געבעטן אין איר אויפרעגונג, כאָטש זי האָט געפילט דעם טיפסטן תענוג פון זיין נאָענטקייט — לאָז מיך אָפּ... איך בעט אייך...

אזוי צעטומלט איז זי געוואָרן, אז זי אָט אפילו ניט געוואָלט, אז טעדי זאָל זי דערנאָך צופירן ביז צום הויז. זי איז אנטלאָפן פון אים. זי איז אוועק מיט אַ ציטערניש אין הארצן, ווי עס וואָלט איר נאָכגעלאָפן עפּעס א גרויס אומגליק.

:: :: ::

גאָרנישט מיט דעם זעלבן מוט ווי אלע מאָל, איז טעדי אויף מאָרגן געשטאַנען ביי זיינע איבונגען. עס האָט אים געפעלט שוירלי. אָן איר אָנוועזנהייט איז ביי אים די גאנצע שפּיל צוגעגאַנגען אָן טעם. זיינע גלידער האָבן זיך ניט געהויבן מיט דער זעלבער פלינקייט און קונציגן בויגן זיך; עס האָט זיך ניט געהערט דער פריילעכער אָפּקלאַנג פון זיין קול, וואָס האָט אלע מאָל אזוי פאַר־הילכט דעם דרויסן. עס איז אים געווען לאַנגווייליג. ער האָט שוין געוואָרט אויף דער מינוט פאַרטיג צו ווערן מיט די לעקציעס ער זאָל קענען זען שוירלי׳ן.

שוירלי׳ן איז אפילו ניט איינגעפאלן צו באטייליגן זיך היינט אין די „גימנאַסטיקס". כאָטש דער יונג איז איר א מינוט ניט ארויס פון געדאנק, האָט זי זיך אָנגעטאָן א כוח אים אויסצומיידן. כדי ניט צו טרעפן זיך מיט אים באלד אין דער פרי אויג אויף אויג, איז זי היינט שפּעטער ווי אלע טאָג ארויס פון איר צימער און שפּע־טער פון אלעמען געגעסן איר פרישטיק. זי האָט געגעסן ערשט דאן ווען טעדי איז געווען פאַרנומען מיט זיינע איבונגען.

מיטן קינד ביי דער זייט איז זי איצט געזעסן אין דרויסן פאַר דער טיר פון דער באַנגאַלאָו, וואו ס׳איז געווען איר צימער, ווייט פון דעם גאנצן טומל, און געטראכט בלויז פון איין זאך: אז דאָס

בעסטע וואָלט געווען ווען זי פאָרט אוועק פון דאנען. זי האָט גע־פילט און געזען, אז זי האָט אים שוין אָפּגענארט. צום ווייפלטן מאָל האָט זי זיך געהאלטן אין איין אויפוואַרפן, אז זי האָט זיך ניט גע־טאָרט לאָזן איינרעדן פון טעדי׳ן, צו גיין מיט אים אליין אויף א שיפל...

פון פאָרן אהיים איז אָבער ניט געווען וואָס צו רעדן. ערשטנס איז זי געקומען אהער אויף א גאנצן זומער, און צווייטנס וואָלט זי גאָר פאר איר מאן קיין תירוץ ניט געהאט. ערשט דעם לעצטן „וויק־ענד" איז דאָ געווען איר מאן און זי האָט אפילו א וואָרט ניט דערמאָנט פון אהיים פאָרן. פאַרקערט: זי האָט אים דערציילט ווי צופרידן זי איז דאָ, ווי פיין מען באהאנדלט זי, און דער עיקר, ווי פיין זייער קינד האָט זיך דאָ אין דער קורצער צייט פאַפּראַוועט.

זי האָט זיך אָבער דערטראכט צו א בעסערן פּלאן: זי וועט אוועקפאָרן אין אן אַנדער פּלאץ: זי האָט גראָד אזא פּלאץ וואו זי איז שוין דאָרט איינמאָל געווען און איז אויך געווען צופרידן. און דאָס קען זי דורכפירן זייער גרינג. זי דארף בלויז אָפּרופן אויפן טעלעפאָן און מען וועט באלד קומען נאָך איר...

אזוי זיכער איז זי געוואָרן מיט איר באַשלוס, אז זי איז באַלד אריין אין איר צימער און גענומען זוכן אין איר האנט־בייטל דעם אַדרעס וואו זי וויל פאָרן.

עס וואָלט אפשר אלצדינג צוגעגאנגען ווי זי האָט געוואָלט, ווען עס וואָלט זיך ניט באוויזן לעבן איר טעדי. פונקט ווען זי האָט געהאלטן אין זוכן דעם אדרעס איז ער אָנגעלאָפן...

ער האָט אפילו רעכט ניט אָפּגעכאפּט דעם אָטעם, טעדי, ווען ער איז פארטיג געוואָרן מיט זיינע אַטלעטישע לעקציעס. ער איז באלד געלאָפן זוכן שוירלי׳ן.

אַ פארסאָפּעטער, מיט דער גאנצער היץ און צעגליטקייט פון זיין קערפּער, איז ער צו איר געקומען.

שוירלי׳ן האָט א קלאַפּ געטאָן אין הארצן.

— איך פאָר אוועק — האָט זי אים באלד פארכאפּט דעם וועג

מיט אנגעשטרענגטער זיכערהייט — מיין מאַן וויל איך זאָל אהיים קומען...

און כדי טעדי זאָל זען, אַז דאָס איז ביי איר ניט קיין שפּאַס, האָט זי געעפנט איר קופערט און פאַר אים אין די אויגן שוין באַ־צייטענס גענומען פּאַקן די זאַכן.

ביי טעדי׳ן האָבן זיך אראָפּגעלאָזט די הענט. ער האָט באַלד דערזען, אַז דאָס איז זיין שולד און עס האָט אים אינגאַנצן צערו־דערט.

— איך האָף, אַז איר פאָרט ניט אוועק צוליב מיר... — האָט ער גענומען רעדן ווי אַ שולדיגער, קוקנדיג אויף איר מיט רחמנות.

— פאַרוואָס עפּעס צוליב אייך? — האָט זיך שוירלי אַ כאַפּ געטאָן אין איר צערודערטקייט — איר האָט מיר קיין שלעכטס ניט געטאָן...

— איך ווייס אַליין ניט — האָט טעדי ווייטער גערעדט אין פאַרצווייפלונג — באַלד ווי איר זענט נעכטן פון מיר אוועק, האָב איך דערקענט אַז איר זענט אויף מיר אין כעס...

שוירלי האָט זיך געדרייט אַרום איר קופערט ווי אין אַ טומאַן. יעדעס מאָל, ווען זי האָט דאָרט עפּעס אַוועקגעלייגט, האָט זי דאָס צוריק אַרויסגענומען און געזוכט עפּעס אַנדערש. זי האָט ניט גע־וואוסט וואָס זי טוט, וואו זי איז ערגעץ אין דער וועלט. עס איז איר געפאַלן פון די הענט.

טעדי׳ס רייד און זיין אומעטיקייט האָבן זי נאָך מער צעטומלט. זי האָט אויף אים רחמנות געהאַט. זי האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אַן אומעטיגן.

— איר רעדט ווי אַ קינד — האָט זי אים געענטפערט אין איר צעטראָגנקייט, ווי זי וואָלט וועלן געפינען פאַר אים אַ טרייסט — איך בין אויף אייך ניט אין כעס... איר האָט זיך טאַקע נעכטן אַביסל צופיל דערלויבט, אָבער עס איז מיין שולד מער ווי אייערע. אַ פרוי, וועלכע האָט ליב איר מאַן, טאָר זיך ניט דערלויבן קיין פאַר־געניגנס מיט אַנדערע. איך האָב אינגאַנצן ניט באַדאַרפט גיין מיט אייך זיך שפּילען...

טעדי׳ן איז פון די רייד נאָך אומעטיגער געוואָרן. ער האָט אין זיין פארצווייפלונג געזוכט א שטיקל טרייסט אין דעם וואָס ער האָט כאָטש געמוזט אַנעמען איר האנט. ער האָט די האנט אירע גע־גלעט און געצערטלט ווי דאָס וואָלט ביי אים געווען דער זיסטער און אפשר דער לעצטער גליקלעכער מאָמענט אין זיין לעבן...

— איך וואָלט זיך דאָס קיינמאָל ניט פארגעבן, ווען איך ווייס אז איך האָב אייך באליידיגט — האָט ער, האלטנדיג איר האָנט, גענומען רעדן מיט א קול, ווי די גאנצע וועלט וואָלט פאר אים פינסטער געוואָרן — איך קען אייך אזוי פיל ניט ארויסזאָגן ווי איך פיל איצט...

און פונקט ווי נעכטן האָט ער איצט ווידער אויפגעברויזט מיט דעם פלאקער פון זיין פארערונג.

— פאָרט ניט אוועק, שוירלי! — האָט ער זי מיטאמאָל איינ־געקלאמערט צו זיך אין זיין אָנגעצונדנקייט — איך וועל עס ניט פארטראָגן.

שוירלי האָט זיך איצט קוים געוועדט. זי האָט זיך ניט געקענט ווערן. זי איז איצט געווען זיינע מיט אלע פלאמען פון איר אָנ־געצונדענער יוגנט...

# זיין שענסטע ליבע

הערי וועקסלער וואוינט אין די בראָנקס, האָט דאָרט זיינע געשעפטען, און עס קומט אים זעלטן אויס צו זיין אויף דער איסט סאַיד. אז ער קומט אָבער אמאָל יאָ אין יענער געגנט — מוז ער פאַרבייגיין עסעקס סטריט און כאָטש א קוק טאָן אויף דעם הויז וואו ס׳האָט אמאָל געוואוינט אסתר.

וועקסלער איז שוין ניט קיין יונגערמאַנטשיק; ער איז שוין אליין א פאָטער פון דערוואקסענע קינדער און די געשיכטע מיט אסתר׳ן איז שוין אלט פינף און צוואנציג יאָר. ביי וועקסלער׳ן אין זכרון און אין הארצן ליגט נאָך אָבער די גאנצע געשיכטע איינגעקריצט און באהאלטן ווי א שטילער צויבער.

אין דער דאָזיגער אלטער, פיר־גאָרנדיגער געביידע, האָט זיך אמאָל צווישן אים און אסתר׳ן אָפגעשפילט זיין ערשטע ליבע.

— אָט דאָ האָט אמאָל געוואוינט אסתר! — טוט אים אלע מאָל א קלאפ אין הארצן, ווען ער גייט פארביי יענע הויז. — אויפן דריטן שטאָק, צו דער זייט, האָט זי געוואוינט...

אסתר האָט דאן געוואוינט מיט איר מוטער אין אָרימע פיר צימערלעך. הערי וועקסלער האָט ביי זיי געוואוינט אלס „באָרדער".

הערי געדענקט נאָך אפילו דעם טאָג ווען ער איז אהין ארויפגעקומען דינגען דעם צימער. שיעור, שיעור, וואָלט ער דעם צימער אינגאנצן ניט גענומען.

דער הויפט אָפהאַלט איז געווען דער פרייז.

אסתר׳ס מוטער האָט פאר דעם צימער געוואָלט פינף דאָלער א מאָנאַט, און ער האָט געגעבן פיר; און פון דעם צימער גופא איז ער אויך ניט נתפעל געוואָרן. דאָס איז געווען א קליין צימערל מיט איין

פענסטער. און דאָס איינע פענסטער איז אויך פאַרשטעלט געווען פון א וואַנט. עס איז אָבער געווען בעסער ווי די קוואַרטיר וואָס ער האָט געהאַט פריער. דאָרט האָט ער אויך געצאָלט פיר דאָלער און האָט ערשט געשלאָפן אין קיך אויף אן אויפגעשטעלט בעטל. דאָס בעטל איז געווען האַרט ווי א שטיין, און ביז האַלבע נאַכט האָט אין דער הויז גערודערט ווי אין א מיל.

אָבער מער ווי פיר דאָלער האָט ער פאַר דעם צימערל ניט גע־קאָנט צאָלן. עס איז אים דאָס אויך שווער געווען. ער האָט ניט געהאַט פון וואַנען. ער איז דאַן אינגאַנצן געווען א יאָר אין אמערי־קע און האָט געאַרבעט ערגעץ אין אן אָרימער וויסטער „שאָפּקע" ביי העמדער, און קוים פאַרדינט זעקס דאָלער א וואָך.

— אויב איר ווילט פיר דאָלער, קאָן איך אייך שוין באַצאָלן.

— איז שוין הערי געווען פאַרטיג צום גיין.

דעמאָלט איז אָנגעקומען אסתר.

אויפן ערשטן בליק וואָלט מען אויף דער ניינצן יעריגער אסתר קיינמאָל ניט געקענט זאָגן אז זי איז א שיינע. זי איז געווען א מיידל פון מיטעלן וואוקס, מיט שמאָלע אַקסלען, א דין לענגלעך פנים, ווי אָפּגעבערענט פון דער זון, און א פאַררִיסן נעזל.

עס איז אָבער אויף אסתר'ן געלעגן א חן וואָס האָט געצויגן טויזנט מאָל מער ווי א פנים מיט די שענסטע שטריכן; עס האָט עפּעס אויסגעקוקט ווי דאָס נעזל מיט די שוואַרצע אויגעלעך וואָס זי האָט פאַרמאָגט, וואָלטן אויף איר פנים געהאַט קיין אנדערע אַר־בעט ווי צו שפּרייטן מיט חן.

**דערזעענדיג דעם פרעמדן מאַן, האָט זי באַלד, אָן ווערטער, אָנ־געשטעלט אויף דער מוטער די שוואַרצע אויגעלעך מיט דעם פאַר־ריסענעם נעזל און די מוטער האָט אויף דעם באַלד געענטפערט:**

— דער יונגערמאַן וויל דינגען דעם צימער, האָב איך זיי גע־לאָזט פאַר פינף דאָלער — גיבן זיי בלויז פיר.

— אז ס'איז ווערט פיר, איז ווערט נאָך א דאָלער — האָט אסתר צום ערשטן מאָל א שמייכל געטאָן צו הערי'ן מיט דעם פאַרריסענעם נעזל — עס איז א גאַנץ פיינער צימער פאַר דעם געלט.

— עס קען זיין — האָט זיך הערי אביסל פאַרשעמט און איז רויט געוואָרן. — איך קען אָבער מער ווי פיר דאָלער ניט צאָלן.

ארויסגעלאָזט האָט מען אָבער ניט.

— אָלרייט, מאמע, — איז אסתר געווען די לעצטע צו שליסן דעם מסחר — זאָל שוין זיין פיר דאָלער. מען וועט שוין ניט גליק־לעך ווערן מיט דעם דאָלער.

:: :: ::

הערי וואָלט דאַן אפילו ניט גע׳חלומ׳ט אז צווישן אים און אסתר׳ן וועט שפּעטער ווערן א הייסע ליבע. ער איז דאַן אינגאַנצן אַלט געווען איין און צוואַנציג יאָר; א שטילער, שעמעוודיגער בחור. איבערהויפּט האָט זיך זיין שעמעוודיקייט ארויסגעוויזן צו פרויען. ווי נאָר א מיידל האָט צו אים אויסגערעדט א וואָרט, האָט ער באַלד ניט געהאַט וואו אהינצוטאָן די אויגן און איז געוואָרן רויט איבער די אויערן.

אַ חוץ דעם האָט זיך גאָר צו אסתר׳ן איצט גע׳שדכנ׳ט אן אנדערער.

דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געאַרבעט ביי קלאָוקס, א גוטער פאַרדינער, און ארויפגעקומען איז ער שוין דאַן אין הויז צוויי מאָל א וואָך — מיטוואָך און שבת. א ספּאָרטישער בחור — אן אויסגעפּוצטער פון קאָפּ ביז צו די פיס, ווי ער וואָלט ארויס פון א פּרעס. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער שטאַרקער גלאַנץ פון זיינע לאַקירטע שיך, דאָס בלישטשען פון א פּאָר גאָלדענע רינ־גען אויף זיינע פינגער, און מער פון אלץ האָט ארויסגעשריען פון אים זיין שווערער גאָלדענער „זייגער און קייט״, וואָס ס׳האָט דע־מאָלט געהייסן מיטן ענגלישן טיטל „וואָטש ענד טשעין״... די גאָל־דענע קייט איז ספּאָרטיש געהאַנגען און געבלישטשעט אויף זיין וועסט אין צוויי טיילן, און אין מיטן פון דער קייט האָט ערשט געהאַנגען א פיר־עקעדיגער „לאָקעט״ מיט אן איינגעפּאַסטן דימענ־

טעל, וואָס האָט נאָך מער געבלישטעט.ביים קלענסטן ריר, האָט זיך דער נאָכהענגער א באָמבל געטאָן און דאָס דימענטל האָט ארויס־געלאָזט פון זיך א פייערל ווי א בליץ.

הערי האָט זיך געפילט קליין און שפל׳דיג אין פארגלייך מיט דעם ספּאָרט. ער איז דעם בחור מקנא געווען.

אָבער מער פון אלץ איז ער אים מקנא געווען, וואָס ער קריגט אזא מיידל ווי אסתר פאר א כלה. ער האָט זיך צו אסתר׳ן ערשט איצט געגומען צוקוקן און עס האָט זיך אים געדאכט, אז קיין שע־נערע פון איר איז ניטאָ אויף דער וועלט.

אממייסטן האָט ער ניט געקאָנט אָפּרייסן פון איר די אויגן אין די פרימאָרגנס. זיי פלעגןביידע אויפשטיין אין איין צייט צו דער ארבעט, האָבן זיך געוואשן אין זעלבן „סינק״, דערנאָך זיינען זיי ביידע געזעסן ביים טיש און געטרונקען קאווע.

אסתר איז אלעמאָל געווען די ערשטע אויפצושטיין און האָט אלץ געטאָן פאר זיך אליין. זי האָט זיך אליין געמאכט ברעקפעסט, צורעכט געמאכט און פארפּאקט אין א פּעקל איר „לאָנטש״ וואָס זי האָט זיך יעדן טאָג מיטגענומען אין שאפּ.

הערי האָט נאָכגעקוקט איר יעדע באוועגונג און אלץ וואָס אסתר האָט געטאָן, האָט ארויסגעזונגען פאר אים פון אירע הענט. עפּעס איידער ער האָט זיך ארומגעקוקט איז שוין אלץ געווען אָפּ־געטאָן, און אסתר איז שוין געזעסן ביי דער קאווע א פארטיגע צו גיין, אן אויסגעפּוצטע, א שמעקעדיגע. אויף איר שווארץ־חנ׳עוו־דיגען פנים ליגט נאָך א פרימאָרגנדיגע רויטלעכע בלאסקייט; די שווארצע אויגן טיף און לויטער און די טונקל־ברוינע האָר אירע זיינען פארקאמט אין מיטן מיט אזא גלייכן, דינינקן שרונט, ווי עס וואָלט ביי איר אויפן קאָפּ געלעגן אויסגעצויגן א גלייך זיידן פאָדימל.

הערי׳ן האָט זיך געדאכט, אז ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען א מיידל מיט אזעלכע שיינע האָר און אזוי שיין פארקאמט.

באזונדערס האָט אים געצויגן ווי א כשוף, וואָס די האָר האָבן זיך ביי איר פון ביידע זייטן אזוי חנ׳עוודיג ארונטערגעלאָזט אין צוויי גלייכע פולע טיילן און נאָך חנ׳עוודיגער באהאלטן אונטער

זיך אסתר׳ס אויערן. עס איז עפּעס געווען, ווי די אויערן וואָלטן געשפּילט מיט אים אַ שטילע באַהעלטעניש. עס האָבן זיך מיט אים בלויז ווי געריצט אַ פּאָר ראָזע לעפּלעך אין וועלכע עס האָבן געשטעקט און געבלישטשעט צוויי קליינינקע גאָלדענע אויערינגלעך.

„אסתר׳ל" האָט זי שוין דאַן ביי אים געהייסן.

— אסתר׳ל — פלעגט ער איר דאַן אָפט זאָגן — איר דאַרפט זיך ניט באַמיען צו געבן מיר יעדן אין דער פרי קאַווע.

פאַר די פיר דאָלער, וואָס ער האָט געצאָלט פאַר דעם צימער, האָט אים קיין קאַווע ניט געקומט. אסתר האָט אָבער געוואָלט, אַז ער זאָל אין דער פרי מיט איר יאָ טרינקען קאַווע.

— ס׳איז אָלרייט — האָט זי אים אַלע מאָל געענטפערט אין איר איילעניש — ס׳איז אַ גאַנץ קליינער באַטרעף און איר קענט יעדן אין דער פרי טרינקען אַ קאָפּע קאַווע.

צו דער קאַווע פלעגט זי אים אפילו צורוקן אַ קוכן אויך. צום קוכן האָט ער זיך אָבער זעלטן צוגערירט. עס איז אים געווען פּריקרע צו נעמען עפּעס, וואָס קומט אים ניט און ער האָט זיך אַלעמאָל אַרויסגעדרייט מיט דעם זעלבן תירוץ, אַז ער עסט קיינמאָל ניט אַזוי פרי. ער קען ניט עסן אפילו ווען ער וויל.

דערפאַר האָט די קאַווע ביי אים געהאַט אַלע טעמים.

— איר מאַכט זייער גוטע קאַווע, אסתר׳קע — פלעגט ער זיך דאַן אָפט אַרויסכאַפּן מיט אַ קאָמפּלימענט.

און ער האָט דאַן די קאַווע געטרונקען צוזאַמען מיט אסתר׳ן. ער האָט זי געשלונגען מיט די אויגן, מיטן האַרץ.

:: :: ::

אין אָנפאַנג האָט זיך הערי אַליין געסטאַרעט אַרויסצושלאָגן זיך אסתר׳ן פון קאָפּ. ער האָט גענומען צו הילף זיין אָרימע לאַגע, זיינע עלטערן אין אייראָפּע, וועלכע וואַרטן אויף זיין הילף. ער האָט געזען קלאָר ווי דער טאָג, אַז אפילו אין בעסטן פאַל, ווען אַלץ זאָל זיין גוט און פיין, האָט ער אויך ניט אויף אסתר׳ן וואָס צו

## מ. אַדערשלעגער

האָפן. ווי אַזוי? זי האָט דאָך אַ חתן.

דער „חתן" האָט הערי'ן נאָך מער צערודערט. ער איז זיכער געווען, אַז צווישן אסתר'ן און דעם יונגנמאַן גייט אָן אַ הייסע ליבע, און ס'האָט אים געגריזשעט ווי אַ וואָרים. יעדעס מאָל ווען דער ספּאָרט איז אַרויפגעקומען, האָט דאָס אים געקאָסט געזונט. ער פּלעגט זיך דאַן פאַרוקן אין זיין צימערל אַ פאַרבענקטער, אַן אומעטיגער, און האָט ערשט איצט דערפילט ווי אסתר איז אים איינגעבאַקן אין האַרצן.

:: :: ::

קיין הייסע ליבע איז נאָך אָבער דערווייל ביי אסתר'ן מיט דעם חתן ניט געווען. דער אמת איז, אַז הערי איז איר שוין דאַן שטילערהייט געלעגן אין זינען.

אסתר איז אָבער געווען אַ מיידל, וועלכע האָט אין אַזעלכע זאַכן געהאַט איבער זיך אַ קליינע דעה. אין אַנדערע ענינים האָט מען זיך טאַקע צו איר צוגעהערט, — ווען ס'האָט אָבער געהאַלטן ביי אַ שידוך, האָט די מאַמע געהאַט איבער איר די גאַנצע מאַכט.

ניט אומזיסט פּלעגט די מוטער אָפט איר זאָגן אַ צעקאָכטע:

— איך וואָלט שוין אַמאָל געוואָלט זען ווער עס געפעלט דיר!

די מוטער האָט געהאַט פאַרדרוס וואָס אסתר איז אַזאַ איבערקלייבערקע, און האָט שוין געהאַט אַלע סמנים אַז די טאָכטער אירע קלייבט זיך שוין צו פאַרבלייבן אַן אַלטע מויד.

זי האָט זיך אָבער דערוואַרט.

— אַ גאָלדענער יונגערמאַן — פּלעגט זי אַ זאָג טאָן וועגן דעם חתן — ער פאַרשיינט די הויז אַז ער קומט אַרויף. קיין בעסערן האָט זי זיך גאָרניט געוואונטשן, אַ שיינער, אַ גוטער, און דער עיקר, אַ גוטער פאַרדינער.

אסתר'ן האָט שוין אָבער געצויגן צו הערי'ן.

זי קאָן אָבער דער מאַמען אַזאַ זאַך ניט זאָגן, ווען עס קערט זיך איבער די וועלט.

ש ד י פ ט ן

עס וואָלט זיך געטאָן חושך ווען אסתר זאָגט וועגן דעם א וואָרט. עס איז געווען געגוג זי זאָל אמאָל פאר דעם יונגנמאן בלויז געפינען א גוט וואָרט, און די מאמע וואָלט זי דערפאר איינגע־שלונגען.

זי האָט באלד א קוק געטאָן אויף דער טאָכטער א צעקאָכטע.

מיט דעם קוק איז דאן פאר אסתר׳ן געווען מער וואָרעניש ווי די מאַמע וואָלט פאר איר געהאלטן א גאנצע דרשה.

אסתר האָט שוין אָבער דאן סיי ווי סיי געטראכט מער פון העריי׳ן ווי פון יענעם.

:: :: ::

עס וואָלט דאן קיינעם ניט געקענט איינפאלן, אז דאָס, וואָס אסתר פוצט זיך אויס אין די אָוונטן, איז דאָס מער צו געפעלן העריי׳ן ווי דעם חתן.

העריי קומט מייסטנס פון דער ארבעט שפעטער פון אסתר׳ן; און איידער ער קומט, שטייט שוין אסתר אויפן „סטופ" און ווארט צו קענען כאפן מיט אים א שמועס די מאמע זאָל ניט וויסן.

ביי אסתר׳ן איז שוין נאָכן סאפער און זי שטייט איצטער אין דרויסן פאר דער טיר מיט מיידלשער לייטישקייט. אן אויסגעפוצטע, אויף אירע אקסלען רוט מיט זומערדיגער לייכטקייט א פארביג שאלכל, באהאנגען מיט פרענזלעך, די האָר פריש פארקעמט מיט דעם גלייכן דינעם „פעדעמיל" אין מיטן, מיט די קליינינקע אויער־רינגלעך וואָס בלישטשען אזוי שטיל און רייצנדיג פון אונטער אירע באהאלטענע אויערן, און קיינער וייס ניט וועגן וואָס זי שטייט דאָ איצט און אויף ווען זי ווארט...

אז העריי קומט אָן, האָט זי שוין פאר אים א פּאָר פארטיגע ווערטער מיט וואָס צו פארטשעפען און שטעלט אים אלעמאָל אָפּ מיט אזעלכע פראגן:

— איר קומט ערשט איצט פון דער ארבעט?

אָדער:

— וואָס לויפט איר אזוי?

הערי פלעגט טאקע דאן פון דער ארבעט מער לויפן ווי גיין. ער האָט נאָך ניט געהאט דעם קלענסטן באגריף וואָס אסתר טראכט וועגן אים, און ער האָט נאָך איר געבענקט יעדע מינוט פון טאָג. ער האָט שוין קוים דערווארט דעם אָוונט ער זאָל זי כאָטש קענען זען. לויפנדיק פלעגט ער זיך אויף גיך ארייננכאפן ערגעץ אין א רעסטאָראַן, וואו ער האָט געקראָגן א ביליגן סאפער, האָט אין איי־לעניש א קוק געטאָן אויף זיך אין שפיגל, צי זיינע האָר מיט דעם קראוואט זיינען אין אָרדענונג, און איז ווייטער געלאָפן.

איינמאָל האָט אים אסתר אָפגעשטעלט מיט אזא פראגע:

— זאָגט נאָר, הערי, איר האָט שוין געגעסן סאפער? — מיין מאַמע האָט היינט געקאָכט פאר אַ נאָווינע עפּעס א היימיש מאכל, האָט מען פאַר אייך אויך געלאָזט צו פאַרזוכן.

— איך דאנק אייך זייער, אסתר׳קע — איז דער פארליבטער באלד רויט געוואָרן. — אָט נאָר וואָס האָב איך געגעסן.

אסתר׳ן געפעלט זיין רויט־ווערן און נאָך מער וואָס ער רופט זי „אסתר׳קע”. זי ווייזט דאָס אָבער ניט ארויס און זאָגט ווי מען וואָלט איר אָנגערירט דעם כבוד:

— כ׳האָב באלד געוואוסט, אז איר וועט דאָס זאָגן. אלעמאָל זאָגט איר אזוי. מען דארף ניט זיין אזוי פרעמד, אז מ׳וואוינט אין א הויז, איז וואָס איז דאָ אזוינס, אז מען איז אייך אמאָל מכבד מיט עפּעס?...

— אויפן ערנוואָרט, אסתר׳קע, אז איך קען ניט — האלט ער זיך פאר איר אין איין פארענטפערן און גלעט איר דערביי אינסטינק־טיוו די האנט — גלויבט מיר, אָט, נאָר־וואָס קום איך פון סאפער.

דערפאר האָט זיך שוין דער שעמעוודיגער בחור ניט געקענט ארויסדרייען פון אסתר׳ן אויף מאָרגן אין דער פרי פון ניט־עסן א זעמעלע צו דער קאווע.

אסתר האָט דאָס זעמל אליין צעשניטן, באשמירט מיט פוטער און נאָך צוגעלייגט א שטיקל לאקס.

— קיין לאקס וועל איך זיכער נישט עסן — האָט זיך הערי

געפּרוואווט ארויסדרייען כּאָטש פון שטיקל לאַקס — אז איך עס קיין מאָל ניט אזוי פּרי.

— עסט, עסט — האָט אים אסתּר צוגעגעבן אפּעטיט — א זעמל מיט א שטיקל לאַקס הייסט ניט געגעסן.

:: :: ::

אויף מאָרגן איז צווישן דעם פּאָרל ווידער פאָרגעקומען א שטי־קעל אמפּערן זיך. אסתּר האָט פאַר הערי׳ן אויך געמאַכט א פּאָר „סענדוויטשעס" מיטצונעמען אין שאַפ, און הערי האָט בשום אופן ניט געוואָלט עס נעמען און זיך געאַמפּערט.

— נעמט, נעמט — האָט אים אסתּר געשטופּט דאָס פּעקעלע אין די הענט אריין — ס׳איז א קליינער באַטרעף... איר מעגט נעמען.

— איך וועל ניט נעמען ווען איר גילט מיך אָפּ! — האָט זיך הערי גע׳עקשנ׳ט און זיך צו דעם פּעקעלע אפילו ניט געוואָלט צורירן — אסור, אויב איך וועל נעמען, אסתּר׳קע.

ער האָט שוין גערעדט אביסל צו־הויך, און כאָטש די מוטער איז נאָך געשלאָפן אין איר שלאָף־צימער ווייט פון קיך — האָט אסתּר דאָך געהאַלטן די נשמה אין די הענט, טאָמער דערהערט זי דאָרט עפּעס.

— ש־ש־ש... — האָט זי דעם עקשן א ריר געטאָן מיט דער האַנט איבערן מויל — רעדט ניט אזוי הויך... וואָס איז דאָ אזוינס, אז איך גיב אייך א פּאָר סענדוויטשעס?...

אסתּר האָט סיי ווי סיי ארויסגעפירט. זי האָט אים דאָס פּע־קעלע ענדלך, ווי מיט גוואַלד אריינגערוקט אין קעשענע.

זיי זיינען דאַן ביידע גלייך ארויס פון הויז, און צום ערשטן מאָל זיינען זיי ביז אַ שטיק אין וועג אריין צוזאַמען געגאַנגען צו דער ארבעט.

הערי גייט לעבן אסתּר׳ן זייט ביי זייט און עס זינגט אין אים דאָס גליק. ס׳איז א זומערדיגער פרימאָרגן; עס שיינט די זון, און נאָך שענער שיינט פאַר אים אסתּר. עס איז אים איצט בלויז

ניט צום הארצן זיין אייגענע וואַכעדיקייט. זיין ניט־לייטישער הולך. זיינע שיך האָבן איצט אין זיינע אויגן אויסגעזען שרעקלעך, אָבער נאָך ערגער האָט אים אויסגעזען די אָנגעפּאַקטע קעשענע מיט די סענדוויטשעס.

ווען ער קען איצט פּטור ווערן פון דעם פּעקל, וואָלט ער זיך מחיה געווען. די אָנגעפּאַקטע קעשענע שלעפּט זיך אים נאָך ביי דער זייט ווי א הויקער, און לאָזט אים ניט אָנהאַלטן דעם גלייכן גאנג מיט אסתר׳ן. עס פּלאָנטערן זיך ביי אים די טריט. אסתר׳ס פיס הויבן זיך ווי אין טאַנץ און ער גייט ווי אויף שטאָלצן.

אסתר זעט אָבער אויף איר באַגלייטער ניט קיין חסרונות. פאַרקערט: זי זעט, אז ער איז א גאַנץ שיינער יונגערמאַן, אז ער האָט שיינע אויגן, א שיינע נאָז, און אז ער איז כמעט מיט א גאַנצן קאָפּ העכער פון איר.

— כ׳האָב גאָר ניט געוואוסט, אז איר זענט אזא הויכער — האָט זי דאַן אזוי שטיפעריש א קוק געטאָן אויף אים מיט איר גאַנצן חן.

זי האָט זיך אפילו אין יענער מינוט אויף א ווײַלע אָפּגעשטעלט און אים צורעכט געמאַכט דעם קראַוואַט, וועלכער איז ביי אים ניט געווען אין אָרדענונג. — זי האָט פיינט, אז א בחור טראָגט א קראַוואַט פאַררוקט אין בויבעריק.

הערי פילט די לויפנדיגע באַרירונג פון אסתר׳ס גרינגע פינגער אונטער זיין האַלז און זיין פנים ווערט באַדעקט מיט רויטקייט:

— איך בין זיכער, ווען אייער חתן זעט דאָס, וואָלט ער געהאָט אויף אייך אביסל פאַראיבל...

— דערווייל האָב איך נאָך ניט קיין חתן — ענטפערט אסתר, — איך בין נאָך דערווייל ניט אזוי פאַרליבט אין יענעם, אז ער זאָל זיין מיין חתן.

זיי זיינען פונקט דאַן צוגעקומען צו א ראָג, וואו זיי האָבן ווייטער צוזאַמען ניט געקענט גיין און האָבן זיך געמוזט פונאַנדערגיין אויף באַזונדערע וועגן.

## ש ר י פ ט ן

:: :: ::

פאר דעם פארליבטן הערי האָט דאָס אַליין, וואָס אסתר האָט אים מיט איר אייגן מויל פארטרויט אזא זאך, אז זי האָט יענעם ניט ליב, האָט אים אלע ווײַלע ווי א ברי געטאָן דער געדאנק:

„און וואָס האָט זיך איר פלוצלונג פארגלוסט אויסצוגלייכן מיר דעם קראוואט?... ווי מאָדנע — אין מיטן גאס האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און פארריכט מיין קראוואט“...

אסתר׳ס נאָענטקייט האָט אים שוין אין יענעם טאָג ניט אָפּגעלאָזט אויף א מינוט. ער האָט ניט אויפגעהערט צו פילן די לייכטע באַרירונג פון אירע פינגער אונטער זיין האלז: די שמעקעדיגע פרישקייט פון איר פנים, פון די האָר, די אויערן־לעפּלעך מיט די בלישטשענדיגע אויערינגלעך, וואָס האָבן אזוי חנ׳עוודיג ארויסגעקוקט פון זייער באהעלטעניש.

אלץ האָט אין יענעם טאָג געשטראַלט און געזונגען פאר אים מיט אסתר׳ן.

אסתר׳ל...

:: :: ::

אין דעם זעלבן אָוונט איז שוין דאָס פּאָרל געזעסן זייט ביי זייט אין א נאָענטן פארק און האָבן געהאט פון וואָס צו רעדן.

ס׳איז א ווארימער זומער־אָוונט, מיט אַן אויסגעשטערנטן הימל; אין דער לופט בלישטשען און פארשווינדן גלי־פליגעלעך; עס שמעקט מיט געשניטענעם גראָז, מיט בליאונגען.

די גאנצע ריידערקע איז איצט אסתר. זי זיצט אין איר פארנאַכטיגער אויסגעפוצטקייט, דאָס פּנים מיט די אויגן צו הערי׳ן, און האָט אים אלע ווײַלע עפּעס צו דערציילן.

זי פארטשעפּעט אליין ווידער א וואָרט פון דעם „חתן“ און זאָגט ווי אַן טעם:

— מיין מאמע איז זייער פארליבט פאר מיר אין דעם בחור,

וואָס קומט ארויף צו אונז.

און איידער הערי האָט צייט עפּעס צו ענטפערן, זאָגט זי כמעט מיט א בייזער שטימע:

— זאָגט דעם אמת, הערי, איר וואָלט גענומען א מיידל פאר א כלה, ווען איר האָט זי ניט ליב?

— „נעווער!״ — ענטפערט הערי אויף זיין נייעם „אידיש״־לשון — קורץ און פעסט.

אסתר וואָלט וועלן, אז הערי זאָל איר אויך עפּעס דערציילן. עס וואָלט זיך איר וועלן וויסן א סך זאַכן פון אים, און מער פון אלץ — פארוואָס ער איז שטענדיג אזוי פארטראכט און אומעטיג.

— איך בין ניט אומעטיג — לאָזט דער פארליבטער אראָפּ די אויגן.

— איר זענט יאָ אומעטיג — וויל אסתר ניט גלויבן — מען דערקענט דאָס אָן אייער פּנים...

עס לויפט איר דורכ עפּעס אַ פאַרדאַכט און זי טוט פּלוצלונג שטיפעריש א זאָג:

— אפשר האָט איר אין דער היים איבערגעלאָזט א מיידל נאָך וועלכער איר בענקט...

— אפשר. — ווערט הערי רויט.

דער „אפשר״ כאפּט זיך אריין אין אסתר׳ן ווי א שפּיזל.

עס לאָזט זי ניט רוען. זי וויל וויסן דעם אמת.

זי לייגט צו איר האנט צו זיינער און נעמט זיך בעטן מיט קינדישן קאַפּריז:

— זאָגט דעם אמת, הערי... איך וויל דאָס וויסן...

די ווערטער נעמען הערי׳ן דורך ווי א הייסער שטראָם.

ער ציט דאן צו אסתר׳ס האנט צו זיך און זאָגט מיט א קלאַפּן אין הארצן.

— איך האָב קיינעם ניט איבערגעלאָזט אין דער היים, אסתר׳ל. מער קיין רייד איז איצט ניט געווען נויטיג.

## ש ר י פ ט ן

אסתר׳ס קאָפּ מיט איר גאַנצן ווען איז באַלד געלעגן איינגעקלאַמערט אין הערי׳ן מיט דער גאַנצער קראַפט און שטורעם פון אַן ערשטער ליבע.

ער האָט געקושט אירע ליפּן, די אויגן — יעדעס טיילכל פון איר פּנים.

— אסתר׳ל — האָט ער אין יענע מינוטן כמעט געוויינט פון גליק — מיין אסתר׳ל...

:: :: ::

פון דאַן אָן איז צווישן דעם פּאָרל געוואָרן אַ שטילע, באַהאַלטענע ליבע. אין דער פרי גייען זיי צוזאַמען צו דער אַרבעט, און אין אָוונט — דער פּאַרק. אסתר׳ס מוטער ווייס ניט דערפון. זייערע באַגעגענישן אין פּאַרק זיינען שוין אַזוי אָפּגעמאַכט, אַז די מוטער זאָל ניט חושד זיין.

שלעכט איז בלויז אין די אָוונטן ווען עס קומט אַרויף דער חתן און אסתר מוז זיין אין הויז.

זי זיצט דאַן ווי אויף שפּילקעס. זי פאַרברענגט, כלומרשט, מיט דעם בחור — אָבער אין קאָפּ ליגט איר הערי. עס איז איר ענג: זי וואַרט שוין אויף דער מינוט דער חתן זאָל אוועקגיין.

איינמאָל האָט זי זיך אפילו אָפּגעזאָגט אַרונטערצוגיין מיט דעם יונגנמאַן אין אייז־קרים פּאַרלאָר, ווען ער האָט זי איינגעלאַדן.

— טהענקס — האָט זי אים געענטפערט מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל. — איך פיל איצט גראָד ניט ווי צו עסן אייז־קרים. אַן אַנדערש מאָל...

ווען דער יונגערמאַן איז אוועק האָט איר די מאַמע באַלד גענומען אויפן פאַרהער:

— האָסטו מורא געהאַט אַרונטערצוגיין מיט אים האָבן אייז־קרים?

— עס ווילט זיך מיר היינט ניט קיין אייז־קרים — ענטפערט אסתר אביסל קאַפּריזנע.

— אפילו אז דו ווילסט ניט, האָסטו אויך באַדאַרפט מיט אים אַרונטערגיין — האָט איר די מוטער פאַרגעבן. — ער מיינט דען דווקא אייז־קרים, ער האָט מסתמא געוואָלט גיין מיט דיר אביסל אויף א שפּאַציר.

— וועט ער גיין אַן אַנדערש מאָל!

דער מוטער געפעלט ניט דער ענטפער און זי קען שוין אַזאַ זאַך אַזוי גרינג נישט דורכלאָזן.

— כ'האָב זייער ליב, אַז דו נעמסט מיר געבן אַזעלכע ענטפערס, — טוט זי אויף דער טאָכטער א פאַרדעכטיגן קוק, — וואָסזשע, דו ביסט נאָך געדעכטער? אַז מען האָט שכל, דאַרף מען אַזאַ זאַך אַליין פאַרשטיין. האָסטו געזען! דער באַי וויל אביסל אַרונטערגיין, דערציילט זי אים, אַז זי וויל נישט קיין אייז־קרים. דאָס איז דאָך א באַליידיגונג פאַר אַזאַ באַי.

— האָב קיין מורא ניט, — האָט שוין אסתר נישט געקענט פאַרטראָגן, — ער וועט זיך, חלילה, נישט באַליידיגן. און טאָמער יאָ, איז אויך א קליינער אומגליק...

עס האָט קיין סך נישט געפעלט, אַז אסתר זאָל זיך שוין אין יענער מינוט אַרויסכאַפּן מיט א פולן מויל, אַז דער באַי געפעלט איר נישט, און עס אַרט איר ניט, ווען ער קומט אינגאַנצן ניט אַרויף.

אָבער דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט, איז אויך געווען גענוג.

— שווייג בעסער! — האָט איר די מוטער באַלד אונטערגעהאַקט די פליגלען, — שטיק שלאַק!

— — — — — — — — — — — —

הערי איז אין אַזעלכע אָוונטן אודאי ניט געווען פריילעך. אין דער צייט ווען „יענער" איז געווען אין הויז, אָדער איז אַרונטערגעגאַנגען אמאָל מיט אסתר'ן אויף א שפּאַציר, האָט ער זיך ניט געקענט געפינען קיין אָרט. ער פלעגט דאַן זיצן פאַרשטופּט אין זיין צימערל און עס איז אים געווען ביטער ווי גאַל.

דערווייל האָט אסתר ליב הערי'ן און זי קען אפילו אַזאַ אָוונט,

ווי היינט, אויך נישט דורכלאָזן אים נישט צו זען. זי מוז אים כאַטש א קוש טאָן. זי זוכט זיך שוין אין דעם אָוונט אָפּ עפּעס אָן ארבעט מיט וואָס צו פארשפּעטיגן זיך מיטן גיין שלאָפן; און ווען זי איז זיכער, אז די מאַמע שלאָפט שוין, איז זי באלד לעבן הערי׳ן.

— אסתר׳ל — וויל דאן הערי וויסן בלויז איין זאך, — ווי אזוי קענט איר גיין מיט יענעם, אז איר האָט אים נישט ליב?...

— איך וועל לאנג מיט אים נישט גיין. איר וועט זען, הערי.

זי נעמט אים דאן ארום מיט דעם גאנצן פלאקער פון איר ליבע און רעדט נאָך הארציגער, מיט ליידנשאפט:

— איר וועט זען, הערי... איך האָב ליב א י י ך... א י ר וועט זיין מיין חתן... דו וועסט זיין מיין חתן... זאָג מיר אויך „דו"...

:: :: ::

עס איז אָבער נישט געווען ווי אסתר האָט געוואָלט.

אסתר׳ס מוטער האָט ביסלעכווייז גענומען עפּעס חושד זיין. זי האָט געוואָלט וויסן וואו די טאָכטער אירע קומט־אַהין אין די אָוונטן אויף גאנצע שעה׳ן.

— זאָג נאָר, אסתר׳ל — האָט זי איינמאָל א פרעג געטאָן, ווען די טאָכטער איז שוין אהיים געקומען אביסל צו־שפּעטלעך פון פּארק — אפשר וואָלט איך אויך געמעגט וויסן וואו דו גייסט ארום אזוי שפּעט?

— וואו האָב איך צו גיין, — האָט אסתר געענטפערט, ווי עס וואָלט גאָרניט געווען, — איך בין געווען ביי דזשעני׳ן.

דזשעני איז געווען אסתר׳ס א חבר׳טע, וועלכע האָט געוואוינט אינגאנצן מיט עטלעכע בלאָק ווייטער, און אסתר פלעגט טאקע אין די אָוונטן גיין בלויז מיט איר.

אָבער ניט איצט. איצט האָט זי געהאַט הערי׳ן.

פאר דער מאַמען האָט זי אָבער קיין בעסערן תירוץ ניט געפונען.

דער אמת איז אָבער ארויסגעקומען ווי בוימאויל אויפן וואסער. זי האָט אויסגעפונען אז אסתר איז שוין צו איר חבר׳טע ניט

## מ. אַדערשלעגער

געגאַנגען.

אין אַן אַנדער צייט וואָלט אפשר די מוטער אַזאַ זאַך גאָר גרינג דורכגעלאָזט. זי איז געווען זיכער, אַז אסתּר וועט אויף קיין שלעכטע וועג נישט גיין, און זי קען האָבן ערגעץ נאָך אַ חבר׳טע. אָבער איצטער, אין אַ צייט ווען עס קומט אַרויף אַ יונגערמאַן און עס האַלט ביי אַ שידוך — וויל זי טאַקע וויסן אַקוראַט וואו זי גייט און מיט וועמען זי גייט, בפרט אַז אסתּר האָט איר ערשט נעכטן אַליין געזאָגט, אַז זי איז געווען ביי דזשעני׳ן...

אסתּר׳ן וואָלט זיך דאַן אפילו נישט גע׳חלום׳ט, אַז שטילערהייט קוקט איר שוין די מאַמע נאָך מיט טויזנט אויגן, און אַז איינמאָל אין אַן אָוונט וועט איר די מאַמע בגנבה נאָכגיין ביז צום פּאַרק.

עס איז געווען מאָדנע, ווי פּונקט אין דער מינוט, ווען אסתּר האָט זיך דאָרט, ווי אַלע מאָל, געטראָפן מיט הערי׳ן — איז איר די מאַמע אויסגעוואַקסן פאַר די אויגן, ווי אַ וואַנט.

קיין איבעריגע רייד האָט איצטער די מוטער ניט גערעדט און נישט געקענט רעדן. זי האָט שוין געזען...

— קום שוין אַהיים, מיין טייערע טאָכטער, — האָט זי בלויז אומעטיג אַ זאָג געטאָן און נאָך אומעטיגער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט זאָגן: „טיילסט מיר צו נחת, מיין קינד״...

אסתּר האָט, אפנים, אין יענער מינוט געוואָלט צייגן פאַר הערי׳ן, אַז זי שרעקט זיך ווייניג איבער פאַר דער מוטער, זי האָט געענטפערט:

— וואָס איז דאָ אַזוינס? איך טאָר נישט גיין אין פּאַרק?...

עס איז אָבער נישט געווען וואָס צו הערן. די מאַמע וואָלט זי אפשר אַהיים געשלעפּט ביי די האָר, ווען זי גייט נישט באַלד מיט איר.

אויף הערי׳ן איז איצטער געווען מער רחמנות ווי אויף אסתּר׳ן. די מאַמע מיט דער טאָכטער זיינען אַוועק און ער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. עס וואָלט ביי אים רעכט געווען, ער זאָל שוין אפילו אַהין היינט מער נישט אַרויפגיין איבערנעכטיגן. ער האָט

דאָס אָבער ניט געקענט ביי זיך פועל׳ן צוליב אסתר׳ן.

:: :: ::

געשלאָגן האָט מען אסתר׳ן, חלילה, ניט, אָבער די רייד, וואָס די מאמע האָט פאר איר אוועקגעלייגט, זיינען געווען ערגער ווי פעטש. צוערשט, פארוואָס האָט איר אסתר געזאָגט א ליגן מיט דזשעני׳ן? דערנאָך האָט זי געוואָלט וויסן, וואו איז איר קאָפּ מיטן שכל, צו ווערן א „שמעלקע״ מיטן באָרדער, דעם „האָלעדריזניק״.

זי וויל אליין נישט אסתר׳ן אָפּעסן אזויפיל דאָס הארץ און זי פּרואווט רעדן צו איר מיט גוטן:

— איך פרעג דיך, האָסטו שכל? עס קומט ארויף אזא גאָלדענער יונגערמאַן, נעמסטו און פארדרייסט זיך דעם קאָפּ מיט עפּעס א האָלעדריזניק. ווער איז ער און וואָס איז ער?... ער האָט דאָך אפילו ניט א פּאָר לייטישע הויזן אויף זיך. ער איז דאָך נאָך א גרינהאָרן.

אסתר קען שוין נישט פארטראָגן וואָס די מאמע מאכט הערי׳ן אזוי צו גאָרנישט און זאָגט דוקא געוואגט:

— ס׳איז אָלרייט. ער געפעלט מיר טויזנט מאָל בעסער ווי דיין „גאָלדענער״ יונגערמאַן...

די ווערטער כאַפּן־אָן די מוטער ביים הארצן.

— שווייג בעסער! — טוט זי שוין ווידער א געשריי מיט גאַל,

— זאָלן מיינע שונאים אזוי וויסן פון זייער געזונט און לייב און לעבן, ווי דו ווייסט וואָס דו רעדסט!

די מאמע איז ניט קיין גזלנ׳טע און מיינט זיכער נישט קיין שלעכטס. זי וויל, אז איר קינד זאָל זיין גליקלעך. לויט איר איי־גענעם באַגריף זעט זי אָבער, אז די טאָכטער וויל זיך מאַכן אומ־גליקלעך.

און ס׳איז איר ביטער ווי גאַל, דער מאמען. אסתר׳ס רייד האָבן זי אזוי צענומען, אז עס כאַפּט איר אזש אָן אַ געוויין.

— ווערסט מיך טרייבן פון דער וועלט מיט דיינע גענג!

# מ. אַדערשלעגער

:: :: ::

ווען הערי איז אַרויפגעקומען, איז שוין געווען נאָך די טענות און נאָך דעם געוויין.

עס איז אָבער פאַר אים אויך געבליבן אַ היפּש ביסל פּולווער.

ווי נאָר ער איז אַריין אין זיין צימערל, איז אים די מוטער באַלד אויסגעוואַקסן הינטער די פּלייצעס און געזאָגט אָן שום צערעמאָניעס:

— יונגערמאַן, איר וועט אַזוי גוט זיין זיך זען אַן אַנדער צימער און זיך אַרויסקליבן.

— וואָס איז? — איז הערי רויט געוואָרן און זיך דאָך ניט געוואָלט פאַרלירן, — מיט וואָס האָב איך זיך דאָס ביי אייך אַזוי פאַרזינדיגט?

— איר האָט זיך מיט גאָרנישט פאַרזינדיגט, — ענטפערט די פרוי טרוקן, — איר זייט אַ גאַנץ וואוילער יונגערמאַן, נאָר מיר דאַרפן דעם צימער פאַר זיך.

און כדי דער „חכם״ זאָל נישט מיינען, אַז מען קען איר פאַרבלענדען די אויגן, האָט זי טאַקע באַלד אַ זאָג געטאָן מיט אַ פולן מויל:

— איך פרעג אייך: אַזוי טוט אַן אָנשטענדיגער יונגערמאַן?

— איר זעט, אַז אַ באַי קומט אַרויף צו מיין טאָכטער און עס האַלט ביי אַ שידוך — קומט איר צוגיין און נעמט איר פאַרדרייען דעם קאָפּ?

ער שטייט מיט אַ האַרץ פול מיט ווייטאָג און האָט זיך ניט מיט וואָס צו פאַרענטפערן. ווען ער וואָלט איצטער געווען כאָטש אין אַביסל אַלייטישערן צושטאַנד, ווי ער איז, וואָלט ער שוין אסתר׳ן נישט אָפּגעלאָזט. ער וואָלט זיך אַנטקעגן געשטעלט מיט זיין גאַנצן כוח. ער וואָלט געזאָגט פריי און אָפן, ווי משוגע־ליב ער האָט אסתר׳ן, ווי אסתר האָט אים ליב...

אָבער מער ווי זיין ליבע צו אסתר׳ן פאַרמאָגט ער נישט און האָט זיך נישט מיט וואָס אַנטקעגנצושטעלן. ער ווייס נאָר, אַז אין

פארגלייך מיט „יענעם" איז ער ביי אסתר׳ס מוטער א גאָרנישט, א גרינער, אַן אָרימער נע־ונד׳ניק, וואָס קאָן קוים צאָלן פיר דאָלער א חודש פאר „לאָזשי".

די איינציגע, וועלכע וואָלט זיך איצטער באדארפט אנטקעגנ־שטעלן, איז געווען אסתר. זי איז אָבער דאן אינגאנצן געווען ביי דער מאמען אין די הענט און נישט געהאט דעם מוט אפילו דאָס מויל צו עפענען.

זי זיצט די גאנצע צייט פארשטופט אין פראָנט־צימער א פאר־ווייִנטע, א צעטומלטע און יעדעס וואָרט, וואָס די מאמע טענה׳ט דאָרטן איין מיט הערי׳ן, שטעכט איר אין הארצן.

אסתר וואָלט זיך אין יענע מינוטן אלץ געקענט פאָרשטעלן, נאָר ניט אזא זאך — אז הערי וועט כאפן און נאָך אין דעם זעלבן אָוונט ארויסקלייבן זיך פון זיי.

עס איז אָבער דאָך אזוי געווען.

דער באליידיגטער הערי האָט שוין אפילו אין דעם הויז קיין מינוט לענגער אויך ניט געקענט זיין.

ער האָט גאנץ גיך ארויסגעשלעפט פון אונטערן בעט זיין טשע־מאָדאן, אָן אָרדענונג צונויפגעפאקט זיין ביסל אָרימקייט און איז געווען פארטיג צום גיין.

ערשט דאן איז צוגעקומען אסתר.

— איר וועט נישט גיין, — האָט זי זיך געפרואווט שטעלן אים אין וועג מיט פרישע טרערן אין די אויגן, — ניט איצטער וועל איך אייך לאָזן גיין, הערי... וואָס טוט זיך דאָ?...

זי האָט א קוק געטאָן אויף אים מיט איר גאנצער פארליבט־קייט און עס האָט ערשט איצטער אויפגעקאָכט אין איר דאָס הארץ:

— הערי! — — —

עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן.

— איך קען דאָ מער ניט זיין, — האָט הערי קוים ארויסגע־שטאַמעלט, — איך קען נישט...

ער האָט אפילו די פּאָר ווערטער אויך ניט געקענט ארויסזאָגן. ער איז ארויס מיט א געוויין אין זיך, א באליידיגטער, א פאר־

## מ. אַדערשלעגער

שעמטער, א נידערגעשלאָגענער.

:: :: ::

נאָך יענעם אָוונט האָט זיך נאָך הערי ווידער געזען מיט אסתר'ן. ער האָט זיך נאָך מיט איר עטלעכע מאָל געטראָפן, גייענדיג צו דער ארבעט; ער איז נאָך אַ פּאָר מאָל געווען מיט איר אין פּארק.

איינמאָל האָבן זיי אפילו געגומען רעדן פון אנטלויפן. זיי וועלן ביידע אוועק ערגעץ אין אן אנדער שטאָט; זיי וועלן צוזאמען ארבעטן, צוזאמען זיך צו עפּעס דערשלאָגן און וועלן זיך אייביג ליב האָבן.

עס איז אָבער געווען נישט מער ווי יונגע פאנטאזיעס, וואָס האָט צו גאָרניט געפירט — ניט הערי האָט געהאט מיט וואָס צו לויפן, און ניט אסתר איז געווען פון די מיידלעך, וואָס וואָלט אזוי גרינג אנטלאָפן.

און עס האָט זיך געענדיגט מיט דעם, מיט וואָס א סך אזעלכע ליבעס ענדיגן זיך — מיט א בענקעניש אין הארצן.

:: :: ::

עס זיינען אוועק יאָרן.

הערי וועקסלער האָט שוין לאנג חתונה געהאט און איז שוין איצט אליין א פאָטער פון דערוואקסענע קינדער; אָן אסתר'ן האָט ער נאָך אָבער אלץ נישט פארגעסן.

ער געדענקט גענוי דאָס הויז מיט דעם נומער, וואו אסתר האָט געוואוינט, און יעדעס מאָל, ווען ער גייט דאָרטן פארביי, טוט אים א קלאפּ אין הארצן:

— אָט דאָ אין דעם הויז האָט אמאָל געוואוינט אסתר...

וועקסלער האָט שוין דורך דער צייט געוואוינט אין פארשיידענע ווייטע געגנטן און עס פלעגט אים אויסקומען צו זיין אויף דער

איסט סאַיד אַמאָל אין א יובל. אָבער אז ער איז געקומען, האָט ער געמוזט זיין אויף עסעקס סטריט, און א קוק טאָן אויף יענער געביידע, כאָטש אסתר האָט שוין דאָרטן לאנג נישט געוואוינט.

אָפטמאָל פלעגט אים אפילו אָנכאַפּן צו אסתר׳ן א בענקשאַפט. ער האָט כאָטש געוואָלט וויסן וואו זי געפינט זיך, ווי קוקט זי אויס, מיט וועמען האָט זי חתונה געהאַט...

ער האָט אָבער קיינמאָל גאָרנישט געקענט אויסגעפינען וועגן איר. די איינוואוינער פון יענעם הויז האָבן זיך שוין דורך דער צייט אפשר צוואנציג מאָל געביטן און וועמען צו פרעגן האָט ער נישט געהאַט.

דער איינציגער לעבעדיגער שפּור, וואָס איז נאָך אין דעם הויז פארבליבן פון יענער צייט, איז געווען אן אלטע, אָפּגעלאָזענע קלײנינג־סטאָרקע מיט א געלער אידישער אויפשריפט אויפן פענסטער: „מאָררים קרינסקי׳ס קלינינג און פּרעסינג״.

ביי וועקסלער׳ן איז די דאָזיגע סטאָרקע געבליבן ווי איינגעקריצט אין זיין זכרון נאָך פון דער צייט ווען ער האָט געוואוינט ביי אסתר׳ס מוטער. איבערהויפּט די גרויסע געלע אותיות אויפן פענסטער. ער וואָלט שוין, דאכט זיך, די געלע אויפשריפט דערקענט אפילו אין דער פינסטער.

עס איז נאָך איצטער געשטאנען די זעלבע סטאָרקע מיט דער זעלבער געלער אויפשריפט און מיט דעם זעלבן באַלעבאָס, וועלכער האָט געהייסן „מאָררים קרינסקי״, — אן עלטערער איד מיט א גרויפארשוירן בערדל און א פּאָר גרויסע, קיילעכדיגע ברילן אויף די אויגן.

וועקסלער האָט מיט דעם דאָזיגן קלינער קיינמאָל קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ער האָט אים בלויז געדענקט פון זען, פון דעם „אַמאָל״...

צוליב דעם „אַמאָל״ איז אים איצט די סטאָרקע מיט דעם אלטן ליב געוואָרן. ער איז דאָרטן ביסלעכווייז געוואָרן ווי אן אייגענער מענטש. די סטאָרקע מיט דעם אלטן איז ביי אים געווען ווי א לעבעדיגער גרוס פון איר, אסתר׳ן.

פון צייט צו צייט פֿלעגט ער אפילו דעם אלטן ברענגען אביסל ארבעט אזש פון די בראָנקס — א סוט צום קלינען אָדער פּרעסן, א פּאָר הויזן.

ער האָט געקענט זיין ווי פארנומען, האָט ער זיך גענומען צייט צו פארציען מיט דעם אלטן א שטיקל שמועס — און פון וואָס ער זאָל נישט ריידן, האָט ער געמוזט ארויפקומען אויף דעם, אז עס פארדריסט אים זייער, וואָס ער קען ניט אויסגעפינען וואו עס גע־פינט זיך די פאמיליע, ביי וועלכער ער האָט אמאָל אין דעם הויז געוואוינט.

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אז דער אלטער האָט די פאמיליע זיכער געמוזט קענען און פלעגט אים העלפן דערמאָנען זיך.

— פיינשטיין איז געווען דער נאָמען — פלעגט ער דאן א זאָג טאָן מיט א נייגעריגן קוקן צום אלטן, — א מאמע מיט א טאָכ־טער זיינען זיי בלויז געווען... די מוטער איז געווען אן אלמנה...

דער אמאָליגער שכן האָט אפילו יאָ עפּעס געדענקט א פאמיליע מיט אזא נאָמען, אָבער מער ווי דער „עפּעס" איז ביי אים נישט געבליבן. מאלע וויפיל מענטשן האָבן שוין אין דעם הויז איבער־געוואוינט...

דעם נייגעריגן וועקסלער'ן וואָלט זיך, אָבער, געוועלט, אז דער אלטער זאָל זיך יאָ דערמאָנען.

עס גייט אים אין לעבן. ער שטייט דאן א פארבענקטער מיט די אויגן צום דרויסן, צום סטוף, און טוט פלוצלונג ווידער א זאָג:

— די טאָכטער האָט איר זיכער געמוזט קענען. א מיידל געווען מיט א פארריסענעם נעזל... א שווארץ־חנ'עווודיגע, אָט דאָ אויפן סטוף פלעגט זי אָפט שטיין...

:: :: ::

ווען וועקסלער איז מיט א צייט שפּעטער צוגעקומען צו דער סטאָרקע, איז שוין דער אלטער אויך ניט געווען. — א ליידיגע

סטאַר. דאָס פענסטער מיט דער אויפשריפט איז פאַרשלאָגן מיט ברעטער און פון דער גאַנצער געביידע שלאָגט מיט קעלט. און אָפּ־געליידיגט הויז אָן א לעבעדיגן מענטש — פוסט.

דער גאַנצער באַלק הייזער שטייט איצט אין אזא צושטאַנד, פוסט, — פאַרטיג צום אַרונטעררייסן.

די ערשטע הייזער פון קאָרנער רייסט מען שוין איצט. מען בויט דאָרטן א סאַבוועי. דעם גאַנצן געגנט רייסט מען אַרונטער...

וועקסלער'ן טוט א קלאַפּ אין האַרצן. אָט דאָס הויז, וואו ס'האָט געוואוינט אסתר, וואָלט ער ניט געוואָלט מען זאָל אַרונטער־רייסן.

דער שטאַרקסטער פאַרלאַנג, וואָס האָט אים דאַן אַרומגעכאַפּט איז געווען, נאָך איינמאָל זיין אין יענע צימערן — אויפן דריטן שטאָק...

עס האָט אים געשלעפּט צום דריטן שטאָק ווי א כשוף.

קיין שוועריקייטן אַריינצוגיין איצט אין דער געביידע איז נישטאָ. א פוסט הויז מיט פרייע אָפענע טירן. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וועקסלער איז דער איינציגער מענטש וואָס רייסט איצט דורך די שטילקייט פון דעם הויז. ער גייט פון שטאָק צו שטאָק אויף האַרטע, נאַקעטע טרעפּ און זיינע טריט הילכן אָפּ מיט אן אומ־היימלעכן ווידערקול. די טירן פון די וואוינונגען זיינען אָפן און עס שלאָגט א קעלט, מיט פוסטקייט. יעדע טיר איז הפקר'דיג אויפגעפּראַלט ווי די מענטשן, וועלכע האָבן דאָ געלעבט, וואָלטן עפּעס אנטלאָפן אין א ווילדן שרעק און איילעניש.

א טויטע שטילקייט. א קאַלטע בייטאָגיגע ליכטיקייט מיט ליידיגע ווענט רייסט זיך פון יעדער וואוינונג.

דיזעלבע פוסטקייט איז אויך אויפן דריטן שטאָק... אָבער דאָ האָט אמאָל געוואוינט אסתר...

וועקסלער קוקט זיך אַרום און דערקענט די פיר צימערלעך. די פראָנט־רום מיט דעם קליינעם בעד־רום'ל דערביי, וואו אסתר מיט דער מוטער פלעגן שלאָפן; די קיך. אָט איז זיין צימערל, מיט דעמ־

## מ. אַדערשלעגער

זעלבן פארשטעלטן פענסטער פון דער אנטקעגנדיגער וואנט...

אין קיך דערזעט ער נאָך אויפן זעלבן אָרט דעם סינק וואו ער פלעגט זיך אין דער פרי וואשן — ער און אסתר...

ער דערמאָנט זיך אָן דער קאווע יעדן אין דער פרי... די סענד־וויטשעס וואָס זי פלעגט אים אמאָל מיטגעבן.

די זעלבע וואוינונג, אָבער אָן אסתר׳ן...

עס צופּט אים אין הארצן.

ער האָט א לעצטן קוק געטאָן אויף די ליידיגע ווענט און איז אוועק.

:: :: ::

וועקסלער איז שוין איצט א מאן אין די עטלעכע און פערצי־גער. ער האָט אָבער מיט אסתר׳ן ניט חתונה געהאט. ער האָט זי בלויז ליב געהאט אין דער שענסטער צייט פון זיין יוגנט.

אסתר איז פאר אים דורך דער צייט אינגאנצן ארויס פון דער ווירקלעכקייט. זי איז געוואָרן פאר אים א חלום, א חלום וואָס ענ־דערט זיך ניט; וואָס איז שטענדיג שיין, העל, זוניג, א טייל פון זיין יוגנט, נאָך יענער אסתר בענקט זיך אים — נאָך דעם חלום... נאָך דער יוגנט...

און ווער ווייס — אפשר בענקט ערגעץ אסתר נאָך אים אויך?...

ער האָט פון איר מער קיינמאָל ניט געהערט.

און דאָס הויז, וואו אסתר האָט אמאָל געוואוינט, קאָן ער שוין מער נישט זען.

ווען עס איז אים שפּעטער נאָך אמאָל אויסגעקומען צו זיין אויף עסעקס סטריט, איז שוין געווען נאָך אַלעמען. דער גאַנצער בלאק הייזער איז געווען ווי אָפּגעשניטן מיט א מעסער — אָפּגעווישט.

וועקסלער׳ן איז שוין אפילו שווער געווען צו דערקענען דאָס אָרט וואו די געביידע איז געשטאנען.

א בארג מיט שטיינער און שטויב; אייזן און האָלץ.

# אינהאַלט:


זייט

מ. אדערשלעגער׳ס פּלאַץ אין דער אידישער ליטעראַטור
פון אב. קאַהאַן — 5

פאַרשטעלנדיג מ. אדערשלעגער
פון מאָררים ראָזענפעלד — 8

1. צווישן פּאַרמער.
אַ פּאַרם אויף אויסצאָלן — 13
דער צעבראָכענער דאַך — 30
דער בעל־שמחה — 35
„סטים־היט" — 46
צוריק אויפן פּארם — 57
איר אמאָליגע חבר׳טע — 63

2. אין בענקשאַפט נאָך ליבע.
אסתר און איר שוואָגער — 77
זיין נצחון („דער מיאוס׳ער מענטש") — 105
ביים וואַסער — 137
דער רויטער סוועטער — 149
איר טאַנץ — 163

3. אליין.
נישטאָ שרה — 195
זיי לעבן אין שרעק — 200
דער מאַנטל האָט גערעדט — 221
אַ מאַמע — 226
פאַרשפּעטיגטע ליבע — 230

4. די פאַרלאָזענע.
די פאַרלאָזענע — — — — — — — — — — — — — — 239
זיין געוועזענע היים — — — — — — — — — — — — — 244
אַ טאַטע מיט אַ זון — — — — — — — — — — — — — 248
דער פרינץ־אַלבערט — — — — — — — — — — — — — 252
א שדכנ׳טע — — — — — — — — — — — — — — — 257
בינע די סאַרווערין — — — — — — — — — — — — — 260
איינזאַם — — — — — — — — — — — — — — — — 268
אין אַ קעלער — — — — — — — — — — — — — — — 272
ער לעבט נעבעך אין שרעק — — — — — — — — — — — 279
5. אַלערליי.
די סטרייקערין — — — — — — — — — — — — — — 289
„אַ קעראָסינקע” — — — — — — — — — — — — — — 291
אַ שפיל אין ברוגז — — — — — — — — — — — — — 297
איז זי געווען שולדיג? — — — — — — — — — — — — 304
אַ זומערדיגע ליבע — — — — — — — — — — — — — 314
זיין שענסטע ליבע — — — — — — — — — — — — — 325